STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06384

FUN VAYT UN FUN NOENT

Lili Berger

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לילי בערגער

פון ווייט און פון נאָענט

לילי בערגער

פון ווייט און פון נאָענט

נאָוועלן

★

דער לעצטער טאָג

דראַמאַטורגישע סקיצע וועגן יאַנוש קאָרטשאַק

תשל״ח פּאַריז 1978

Lili Berger

DU LOINTAIN ET DU PROCHE

Copyright by Lili Berger

Printed in France
Imprimerie S.I.P.E., 32, rue de Ménilmontant,
75020 PARIS

איך דריק אויס אַ דאַנק דעם קאָמיטעט פון פריינד און די פּערזאָנען, וועלכע האָבן בייגעטראָגן ביים אַרויסגעבן דאָס בוך.

איך דאַנק באַזונדער דעם גרויסן פריינד פון דער יידישער ליטעראַטור חיים קערבער פאַר זיין הילף, איבערגעגעבנקייט און באַמיאונגען, כדי דאָס בוך זאָל דערשיינען.

מיין אָנערקענונג דעם דרוקער שמואל ליכטענשטיין פאַר זיין חברישער צוזאמענאַרבעט און אָנשטרענג דאָס בוך זאָל אַרויס וואָס שענער און זויבערער.

I

דער אונטערגעהאַקטער דעמב

דער יונגער סעניאָר גבריאל איז יענעם טאָג לענגער ווי געוויינלעך געזעסן אָנגעבויגן איבערן שרייב־טיש אין זיין צימער. פון זיין טעגלע־כער באַשעפטיקונג אין דעם קירכע־אוניווערסיטעט האָט ער זיך אויך פריער ווי געוויינלעך דאָס מאָל אומגעקערט. זיין מוטער, אַ באַאומרו־איקטע פון זיין אויפפירונג פאַר דער לעצטער צייט, האָט געוואָלט אים פאַרהאַלטן, צוגעשטאַנען צו אים. ער האָט אָפּגעזאָגט, זיך פאַרענטפערט: ס'וועט אים נישט סטאַיען קיין צייט, ער מוז היינט צוגרייטן אַ שטודיר־אַרבעט פאַרן אוניווערסיטעט. קוים וואָס ער האָט עפּעס איבערגעכאַפּט, האָט ער זיך פאַרמאַכט אין זיין אָפּגעזונדערטער, עלעגאַנטער קאַמער.

אויפן טיש איז פאַר אים געלעגן דער נייער טעסטאַמענט. פונעם אויפגעשלאָסענעם שופלאד האָט ער אַרויסגעצויגן דעם אַלטן טעסטאַ־מענט אין אָריגינאַל. ער האָט אים געבלעטערט און דאָ און דאָרט מיט התמדה דורכשטודירט אַ קאַפּיטל. פון מאָל צו מאָל האָט ער זיך אָפּגעריסן פון העברעאישן טעקסט און אַריינגעקוקט אינעם דקדוק, וואָס ער האָט אַרויסגענומען פון דער באַהעלטעניש. דאָס תנ"ך־לשון איז פאַרן רייכן, געבילדעטן יונגנמאַן געווען אי אַ נייע, געהיימע דעראָבע־רונג, אי אַ נאָך נישט גענצלעך דורכגעאַקערט פעלד. פּונקט ווי דאָס לאַטיינישע לשון איז אים אויפן יעזואיטן־אוניווערסיטעט און אין זיין קירכן־דינסט אָנגעקומען לייכט, אַזוי האָט ער געמוזט שווער אַריינאַר־בעטן צוצואייגענען זיך די מיסטעריעזע שפּראַך, וואָס דורך איר קאָן ער פאַרדעכטיק ווערן. פון דער נאַטור אַן אַרבעטזאַמער, אַ מתמיד, האָט ער אין געהיים ממש מיט די ציין זיך איינגעביסן אין דעם ביז נישט לאַנג צוריק אומבאַקאַנטן און פרעמדן לשון.

די דרומדיקע פרילינג־זון האָט אַ פייערדיק־צעפלאַמטע אַראָפּגע־

לילי בערגער

נידערט צום האָריזאָנט און אַריינגעשיקט אירע גאָלדענע שטראַלן אין גערוימען, עלעגאַנט־אויסגעשטאַטן צימער. געוויינלעך האָט גבריאל גערן צו שטיין ביים אָפענעם ברייטן, ווענעציאַנישן פענצטער און אַנטציקן זיך מיטן שפּיל פון ליכט און פאַרבן. ער האָט אויסגעמיטן אַ צימער וווהין די בלענדנדיקע זון שיקט דעם גאַנצן טאָג אַריין אירע גליענדיקע שטראַלן. ס'שטערט אים אין דער אַרבעט — אין לייענען, לערנען, טראַכטן. דאַקעגן האָט ער ליב זיך צוצוקוקן ווי אין זיין צימער רייסט זיך אַריין דער זון־פאַרגאַנג. נאָר איצט איז אים נישט דער קאָפּ דערצו. ווען גבריאל דאַ קאָסטאַ איז נאָך נישט געווען אַזוי אַריינגעטאָן אין די נייע פאָרשונגען און פאַרשלונגען דורך זיינע מחשבות, פלעגט ער אין אַזאַ צייט פון טאָג זיך אַרויסלאָזן שפּאַצירן צווישן די פּאָמעראַנצן־ביימער און איילבירט־ביימער. דער פּאָרטוגעזישער הימל האָט אים דעמאָלט אויס־געזען צו זיין אויסגעצירט אין שענסטן בלוי און גינגאָלד. שעהן לאַנג האָט ער געקאָנט וואַנדערן מיט אַ גיכן טראָט איבער די גרינע שמע־קעדיקע פעלדער, איבער די זיגזאַגיקע סטעזשקעס. די דופטן פון די פרוכטן־ביימער, פון די כלערליי געוויקסן האָבן אויפגעריסן זיינע נאַז־לעכער, די יונגע לונגען האָבן שטאַרקער געאָטעמט, אַריינגעצויגן אין זיך די פּערפומען־ריחות. נאָך אַזעלכע איבונגען פון קערפּער איז אויך דער מוח אָפּגעפרישט געוואָרן. דערנאָך, אין די אָוונטן, האָט גבריאל געקאָנט אָפּזיצן ביז נאָך האַלבער נאַכט איבער ביכער און העפטן.

זינט דער פאַרשטאַרקטער אומרו האָט זיך באַזעצט אין זיין נשמה, זענען אים די אָוונטיקע שעהן צו ווייניק געוואָרן. ווי אַ פאַרהונגערטער, וואָס זוכט ביי יעדער געלעגנהייט שפּייז צו שטילן דעם הונגער, אַזוי האָט דער 25־יאָריקער גבריאל דאַ קאָסטאַ טאָג און נאַכט געזוכט אין ביכער, אין שריפטן, אין זיינע אייגענע טראַכטענישן אַ פאַרענטפערונג אויף די אומרואיקע פראַגן, וואָס האָבן אומאויפהערלעך געעגבערט זיין מוח, געמאַטערט די נשמה. היינט, נאָכן נעכטיקן באַזוך ביי זיין אַלטן פריינד, דעם אוניווערסיטעט־פּראָפעסאָר דאַ לונסאַ, האָבן זיך אי זיין אומרו, אי זיין הייסער באַגער זיך צו דערגראָבן צו די וואָרצלען, מער ווי שטענדיק צעפלאַקערט. ער איז געזעסן ווי אַ צוגעשמידעטער צום שרייב־טיש, האָט פאַרגעסן ווו ער געפינט זיך, צומאָל נישט געזען און נישט געפילט דעם שיינעם זון־פאַרגאַנג, וואָס האָט זיך דורכן אָפענעם פענצטער אַריינגעגאָסן אין צימער.

***

דאָס גרויסע, שיינע הויז פון די דאַ קאָסטאַס איז געשטאַנען ביים ראַנד פון גבריאלס געבוירן־שטאָט אַפּאַרטאַ אויף אַ הויכפּלאַך, און אַרומ־געריגלט איז עס געווען פון אַלע זייטן מיט בלומען־בייטן, מיט ציטראָן־און פּאָמעראַנצן־ביימער און כלערליי דרום־פלאַנצן. פון דער ווייטנס האָט דאָס הויז אויסגעזען ווי אַ קליינער ווייסער פּאַלאַץ, וואָס באָדט זיך אין גרינס אויף אַ נידעריקן באַרג.

אָנגעהויבן בויען די קאַסטבארע ווילע האָט גבריאלס זיידע, דער רייכער סעניאָר דיעגאָ דאַ קאָסטאַ, וועלכער האָט געפירט ברייטע געשעפטן מיט אינדיע און אַנדערע מזרח־לענדער. געלאָזט שווימען פּאָרטוגעזישע שיפן איבער ווייטע ימען און אַרויפגעפירט פּאָרטוגאַלס האַנדל אויף די וועלט־מערק. ער האָט געהאַט אַ סך איינפּאַלערישקייט און אויך אַ סך גוטן געשמאַק, גבריאלס זיידע. אַלץ, וואָס ער האָט אונטערגענומען האָט געדאַרפט זיך אויסטיילן מיט עפּעס אַ באַזונדערן גלאַנץ און רייץ. אָבער דאָס בויען די נייע רעזידענץ האָט ער שוין נישט דערפירט ביזן סוף.

גבריאלס פאָטער האָט געלאָזט אויסענדיקן דאָס הויז אַזוי ווי דער זיידע האָט עס פאַרטראַכט: די דילן אין די דורכגענג געפלאַסטערט מיט שוואַרץ־געפלעקטן און אין די צימערן מיט ראָזלעכן אָדער זילבערדיקן מאַרמאָר. די ווענט אויבן באַדעקט, אין מויערישן סטיל, מיט פאַרשידנ־אַרטיקע דינע שניצערייען, וואָס האָבן אויסגעזען ווי לאַנגע פּאַסן אויס־געמייסטערטע שפּיצן און קונסט־געוועבן. אַ טייל סופיטן באַצירט מיט איידעלע שניצונגען, אַנדערע דאַקעגן, גראַציעז־געוועלבטע מיט דעלי־קאַטע בויגונגען האָבן אויסגעזען ווי אַן אויסגעלייטערטער הימל. די ראַמען פון די טירן אין זעלטענעם האָלץ מיט געשניצטע און געטאָקטע גזימסן. די ווענט פון אייניקע צימערן אויסטאַפּיצירט מיט אינדישע זייד־געוועבן. איבער די ווענעציאַנישע פענצטער האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט גע־דיכט־געוועבטע אינדישע קאָטאַרן, וואָס האָבן זיך לייכט פאַרצויגן און געשיצט פון דער גליאיקער זון. אין גאַנצן הויז האָט געהערשט אַ גע־מיטלעכע רואיקייט. נאָר אין האַרצן און אין דער נשמה פון עלטסטן זון, פון יונגן סעניאָר גבריאל, איז זינט עטלעכע יאָר קיין רו נישט געווען.

דער נאָגנדיקער אומרו איז געוואָרן שטאַרקער און שטאַרקער. גבריאל דאַ קאָסטאַ האָט אַלע מאָל וויניקער געקאָנט שלום מאַכן מיט די דאָגמעס פון זיין קאַטוילישן גלויבן אין וועלכן ער איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן. זיך אונטערוואַרפן זיי האָט אים אויסגעזען צו זיין צביעותדיק. אַ פאַרשערישע נאַטור, אַ זוכער, אַ פאַרליבטער אינעם אמת, האָט אים ראשית כל אויסגעזען אַן אויסטראַכטעניש, פשוט אַ ליגנט, די קאַטוילישע דאָגמע, אַז דער מענטש איז על פי טבע זינדיק, אַז ער איז פאַרמשפּעט צוליב באַגאַנגענע זינד, ווי דאָס נישט אָפּהיטן די פאַר־שריפטן פון דער קירכע, צו ווערן געפּייניקט נאָכן טויט אין אַ גיהנום. איז דאָס דען נישט אַ פאַרלוימדונג פון אַ פשוטן נאַטור־געזעץ? זענען דען די אַלע אבערגלויבענישן נישט אין סתירה מיט דער מענטשלעכער נאַטור און אויך מיטן שכל? זיי האָבן אים אַלע מאָל מער רעוואָלטירט די דאָגמעס מיט זייער זינלאָזיקייט.

זיינע ספקות האָבן זיך נאָך פאַרשטאַרקט נאָך דעם, ווי ער האָט זיך באַקענט מיטן תנ״ך. פון אָנהייב האָט ער אים שטודירט אין אַ לאַטייני־שער איבערזעצונג. דערנאָך האָט ער דעם ספר הספרים אין אָריגינאַל באַקומען אויסגעליען פון זיין געוועזענעם פּראָפעסאָר, דעם מאַראַן דאַ לונסאַ, וועלכער האָט גוט געקענט די געשיכטע פון גבריאלס משפּחה. צוליבן תנ״ך האָט זיך דער יונגער קירכן־באַאַמטער אין געהיים און מיט דער מיטהילף פון זיין געוועזענעם פּראָפעסאָר אויסגעלערנט דאָס העברעאישע לשון. וואָס מער ער האָט זיך פאַרטיפט אינעם חומש, אַלץ מער האָט אים אויסגעזען צו האָבן געפונען דעם ריכטיקן וועג אין לעבן, דעם אמתדיקן, ריינעם גלויבן.

ער האָט פיל מאָל אין די שפּעטע אָוונטן געלייענט מיט אָנט־ציקונג די נביאים. „אָט דאָ, אין דעם בוך, קאָן דער מענטש געפינען אַן אָנשפּאַר פאַר זיינע געדאַנקען און זיין געמיט, אַן אויסגאַנג פאַר די מענטשלעכע אַספּיראַציעס און פאַרלאַנגען און נישט קיין שרעקעניש און פחד פאַר אַ שטראָף, וואָס דערוואַרט אים נאָכן טויט" — האָט ער נישט איין מאָל געטראַכט בעת זיינע צעשטורעמטע טראַכטענישן.

ער האָט איצט מיט פיבערדיקע פינגער אויפסניי געבלעטערט דעם תנ״ך, דאָ און דאָרט איינגעגראָבן דעם קאָפּ אינעם ספר און געקוויקט זיך מיט יעדער שורה פון די נביאים, מיט זייער שלום־רוף, מיט זייערע רייד וועגן לייטזעליקייט און מענטשן־ליבע. זייער פלאַמיקער רוף צו גערעכ־טיקייט, רעכטפאַרטיקייט און גענאָד האָט אָנגעצונדן זיין האַרץ מיט

בענקשאַפט צו דער פאַרבאָטענער און געררודפטער אמונה וועגן וועלכער דאָ לונסאָ האָט אים אין דער שטיל דערציילט.

עס לייגט זיך אים אַלע מאָל מער אויפן שכל פאַרוואָס די גערודפטע און געפייניקטע האַלטן אויס אַלע רדיפות און פּייַנען און פאַרבלייבן ביי זייער אמונה, פאַרוואָס נישט די פאַרטרייבונגען און נישט די אינקוויזיציע זענען בכוח אומצוברענגען דאָס פאָלק. עס וווּנדערט אים מער נישט וואָס זיין געוועזענער פּראָפעסאָר, דער מאַראַן, שטעלט איין דאָס לעבן און קלאַמערט זיך אין געהיים אין זיין אַלטן גלויבן און אין זיין פאָלק. דאָס האָט אויך ער אים אויפן אויער מגלה געווען דעם סוד וועגן זיין, גבריאלס, משפחה.

וואָס איז פאַרט געשען מיט זיינע זיידעס, מיט זיינע עלטערן? ווי קומט עס וואָס זיי האָבן נישט געהאַט די געוואַגטקייט צו האַלטן זיך געהיימערהייט ביי אַזאַ לויטערער, מענטשלעכער אמונה? פאַרוואָס האָבן זיי אין געהיים זיך נישט געפירט ווי דאָ לונסאָ און אַנדערע מאַראַנען? פאַרוואָס האָבן זיי אים, דעם עלטסטן זון און אייניקל גאָרנישט דער־ציילט וועגן זייער אָפּשטאַם און וועגן דעם גערודפטן פאָלק? פאַרוואָס האָט דער פאָטער געשיקט אים שטודירן סכאָלאַסטישע פילאָזאָפיע און קירכן־געזעצגעבונג, וואָס האָט דערפירט ער זאָל ווערן אַ קאַנאָניק און אָפּגעבן זיין צייט און בילדונג דער קירכע? אַז די מוטער, די אלמנה, האַלט אַלץ פאַר אים און די ברידער בסוד סודות, קאָן ער נאָך געפינען פאַר איר אַ פאַרענטפערונג — אַ פרוי אַליין, די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די קינדער. אָבער דער פאָטער, דער זיידע, מיט זייער אונטערגע־מערישקייט, זייערע פאַרבינדונגען מיט דער וועלט, פאַרוואָס האָבן זיי נישט...? אָפּילו פאַרן טויט האָט דער פאָטער געשוויגן. ער פאַרשטייט, ס'איז געווען צוליב דער זאָרג פאַר זייער זיכערקייט, פאַר זייער לעבן. באַגערט אויך מסתמא זיי איינצושפּאַרן אויפטרייסלונגען, געוואָלט זיי פאַרזיכערן נשמה־רו, זיי זאָלן נישט דאַרפן אַריינטראַכטן. האָט ער נישט געטראַכט, אַז אַזאַ אויפגעצווונגענע רו קאָן פּלאַצן? אַז מ'קאָן נישט אַ מענטשן פאַרהיטן דער מוח זאָל נאָכטראַכטן?

וואָס מער גבריאל האָט געטראַכט וועגן די סיבות פון די עלטערנס שווייגן, וואָס מער ער האָט געזוכט די שפּורן פון זיין אָפּשטאַם, אַלץ מער האָט ער דערפילט די געמיינזאַמקייט מיט די מאַראַנען, מיט אַלע אויסבאַהאַלטענע יידן, וואָס זענען בלויז אויסערלעך פרומע קאַטאָליקן און טיף אין דער נשמה זענען זיי געבליבן געטריי זייער פאָלק און פירן

זיך אין באַהעלטעניש לויט זייער אמונה. ער וואָלט געוואָלט זיין איינער פון זיי. דער באַגער צו טיילן זייער גורל האָט זיך אַלע מאָל מער פאַרשטאַרקט. נאָך שטאַרקער איז געוואָרן דער באַגער צו זיין נישט בלויז אַן אויסבאַהאַלטענער, נייערט אַ פרייער ייד.

פון דאַ לונסאַ האָט ער געוווּסט, אַז טויזנטער פון די מאַראַנען האָבן ריזיקירט, אַרויסגעגנבעט זיך פון לאַנד, וואָס זיי האָבן ליב געהאַט, און געלאָזט זיך אויף וואַנדער־וועגן. דאַ לונסאַ האָט אים אויך דערציילט וועגן דער יונגער יידישער געמיינדע אין אַמסטערדאַם. די צפונדיקע נידערלאַנדן האָבן אין אַ העלדישן אויפשטאַנד אין סוף פון 16־טן יאָרהונדערט אָפּגעוואָרפן פון זיך דעם שפּאַנישן יאָך און אויך די פּויפּסט־לעכע גייסטיקע און מאַטעריעלע פּענטעס. זינט דעמאָלט איז דאָס קליינע צפון־לאַנד געוואָרן אַן אַזיל־ערד, ווו עס געפינען אַ מקום מקלט אַלערליי געריקטע און אַנטלאָפענע פון דער אינקוויזיציע. זינט איבער אַ צוואַנציק יאָר איז אין יענער הויפּטשטאָט אַנטשטאַנען אַ יידישע קהילה, וואָס דערמוטיקט די נידערגעשלאָגענע פון דער ווייטנס און ציט זיי צו זיך ווי אַ מאַגנעט. אַהין, אין דער אַמסטערדאַמער נייער עיר ואם בישראל קלייבט זיך אויך דאַ לונסאַ, כאָטש ער איז שוין נישט יונג. פאַרוואָס זאָל ער, גבריאל דאַ קאָסטאַ, אַהין זיך נישט אַריבערקלייבן? אים איז דאָך לייכטער ווי זיין אַלטן פּראָפעסאָר זיך אַרויסצוקריגן אונטערן שלייער פון דער נאַכטיקער פינצטערניש. ער איז דאָך יונג און געזונט. פאַרוואָס וואַרט ער?

אַזעלכע געדאַנקען זענען אים פאַר די לעצטע צייטן נישט איין מאָל געקומען אין קאָפּ. נישט איין מאָל האָט ער געהאַט אָפּגעמאַכט ביי זיך צו לאָזן זיך אין וועג. ער האָט אָבער געוווּסט פאַרוואָס ער לייגט אָפּ — צוליב זיין מוטער. ער האָט זי ליב מיטן גאַנצן האַרצן און ווייסט, אַז אויך זי האָט אים מער ליב ווי אירע אַנדערע צוויי זין. ווי אַזוי וועט זי איבערטראָגן די צעשיידונג מיט אים? און אפשר וואָלט ער מיט זיין אַנטלויפן זי גאָר אויסגעשטעלט אויף געפאַרן?

יענעם טאָג אָבער, זיצנדיק אַנגעבויגן איבערן תנ״ך, איינזאַפּנדיק אין זיך די דערהויבענע רייד פון די אַלטע נביאים, האָט ער זיך מיטן געדאַנק איבערגעטראָגן אין פרייעם אַמסטערדאַם, אין דער יידישער געמיינדע, צווישן פרייע יידן און פרייע מענטשן. אין צעשטורעמטן קאָפּ איז געפאַלן אַ באַשלוס, ווי אַ פאַראָרדענונג. איצט דאַרף ער זוכן דעם

קירצסטן וועג ווי אַזוי מודיע צו זיין די מוטער. ביי דער געלעגנהייט וועט ער אפשר זיך דערוויסן עפּעס וועגן זייער יידישן אָפּשטאַם.

אַ פּאַרזונקענער אין טראַכטעניש האָט ער נישט באַמערקט ווי די טיר פון זיין צימער האָט זיך שטיל געעפנט. צום ערשט האָט דאָנאַ דאַ קאָסטאַ אַריינגעשטעקט דעם שיין־פּאַרקעמטן קאָפּ, מיט אומרואיקע אויגן געקוקט צום זון, אָן אָנגעבויגענעם איבערן שרייב־טיש. זי האָט זיך גלייך געכאַפּט, אַז עפּעס נישט געוויינלעכעס קומט פאָר מיט איר ליבלינג. זיין פאַרטראַכטקייט און צעטראָגנקייט האָבן זיך איר שוין פון לאַנג געוואָרפן אין די אויגן, אָבער אַזעלכן ווי היינט האָט זי אים נאָך נישט געזען. זי איז אַריין אין צימער, געוואַרט ער זאָל זי באַמערקן און זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן.

— גבריאל!

ער האָט אַ ציטער געטאָן, האָט גיך פאַרמאַכט דעם תנ״ך, דעם דקדוק, אַריינגעשטופּט ביידע ספרים אין שופלאַד און זיך אויפגעשטעלט. דאָנאַ דאַ קאָסטאַ האָט איצט מער ווי ווען דאָס איז באַמערקט ווי שטאַרק ער איז ענלעך צו זיין פאָטער. צי דערפאַר האָט זי אים אַזוי ליב? אַ הויכער, אַ שלאַנקער, מיט אַ שוואַרצן קאָפּ געדיכטע האָר און אַ טונקל־מאַט לענגלעך פּנים אויף וועלכן רוחניותדיקייט האָט זיך אויסגעמישט מיט נאָבלקייט, האָט ער איר איצט אין גאַנצן דערמאָנט דעם אויסזען פון איר מאַן, ווען זי האָט חתונה געהאַט מיט אים. אונטער אירע בליקן איז אים שווער געוואָרן אויסצובאַהאַלטן זיין אויפגערודערטקייט.

— וואָס איז מיט דיר, מיין זון?

— וואָס זאָל זיין...?

אין זיין פאַרלוירנקייט האָט ער אין פלוג גערעכנט אָפּצוקומען מיט אַ פראַגע אויף אַ פראַגע. דאָנאַ דאַ קאָסטאַ איז אָבער נישט אָפּגעטראָטן.

— אַ מאַמעס האַרץ פילט, מיט די אויגן פון דער נשמה זעט זי אַלץ. פאַר אַ מאַמען קאָן מען נישט אויסבאַהאַלטן.

— מוטער, כ׳וויל פאַר דיר נישט אויסבאַהאַלטן, וואָלסטו איצט נישט געקומען צו מיר, וואָלט איך געקומען צו דיר, אפשר נאָך היינט.

— איך הער דיך, מיין קינד.

ער האָט אַרויסגענומען פון שופלאַד אַ קליין שטיקעלע מצה, אויפ־געוויקלט עס און געוויזן דער מוטער.

— אַט דאָס האָב איך מיטגעבראַכט פון מיינעם אַן אַלטן פריינד, מיט עטלעכע טעג צוריק געגעסן דאָס ביי אים אין געהיים לכבוד דעם יידישן פסח. אַריינגעגנבעטע מצה פון אַמסטערדאַם, ווו...

ער האָט דערזען ווי די מוטער איז טויט־בלאַס געוואָרן, ווי אירע אויגן האָבן זיך אָנגעפולט מיט טרערן און איז אַנטשוויגן געוואָרן. דאַנאַ דאַ קאָסטאַ האָט צוגעמאַכט דאָס פענצטער.

— כ׳בעט דיך, רעד שטיל, מ׳קאָן דערהערן.

— כ׳ווייס, מוטער, ווי פאָרזיכטיק מ׳דאַרף זיין.

— זון מיינער, פון וואַנען איז דיר געקומען דער געדאַנק צו פּראַווען אַ יידישן פּסח? צי ווייסטו וואָס פאַר אַ געפאַרן עס שטייען פאַר דער־פאַר? די אַגענטן פון דער אינקוויזיציע האָבן עטלעכע צענדליק סימנים צו באַווייזן, אַז ס׳איז ווער אַן אויסבאַהאַלטענער ייד. איינער פון די סימנים איז דאָס־אָ — האָט זי אָנגעוויזן אויפן שטיקל מצה. — צי ווייסטו וואָס עס דערוואַרט פאַרן אַפריכטן אַ יידישן פסח? צי געדענקסטו נישט דעם שווידער־ספּעקטאַקל צו וועלכן מיר זענען אַמאָל געווען געצוווּנגען זיך צוצוקוקן?

דאַנאַ דאַ קאָסטאַ איז אויסן געווען אַן אויטאָדאַפע. ווען גבריאל איז אַלט געווען 12 יאָר האָט ער געמוזט בייזיין מיט די עלטערן ביי אַן עפנטלעכן שייטערהויפן אויף וועלכן מ׳האָט לעבעדיקערהייט פאַרברענט אַ באַקאַנטן פראַנציסקאַנער מאָנאַך דיאָגאָ דאַ אַסומסאַאָ, וועלכער איז געבוירן געוואָרן ביי געשמדטע עלטערן אַ קאַטאָליק, אָבער האָט שפּע־טער איינגעזען די ריכטיקייט פון דער יידישער אמונה און געפירט אַ מאַראַניש לעבן. די אַגענטן פונעם „הייליקן אַמט" האָבן אים נאָכ־שפּיאָנירט און אַנטדעקט אים אין אַ באַהעלטעניש בעת ער האָט אָפּגעריכט דעם פסחדיקן סדר. דער משפּט פון דעם הייליקן טריבונאַל איז אויסגע־פירט געוואָרן פייערלעך אין דער אָנוועזנהייט פון קעניגלעכע פאַר־שטייער, הויכע גייסטלעכע און אַ צונויפגעזאַמלטן עולם צווישן וועלכן ס׳זענען געווען קאַטאָליקן פון יידישן אָפּשטאַם. מ׳האָט זיי אָפּגעגעבן די ערשטע רייען זיי זאָלן זיך בעסער קאָנען צוקוקן.

— פאַרן פאַרברענען אים האָט מען אים לאַנג אָנגעטאָן די גרעסטע יסורים ער זאָל זיך מודה זיין, זאָל אויסגעבן אַנדערע. צו פאַרזוכן די פּיין־אינסטרומענטן פון דער אינקוויזיציע דאַרף מען צומאָל נישט אָפּהיטן דעם פסח. גענוג זיי זאָלן האָבן אַ חשד, אָדער זיי זאָלן געפינען אַזאַ פּיצל דאָס־אָ — האָט זי ווידער אָנגעוויזן אויפן שטיקעלע מצה.

— דערפאַר, מוטער, מוז איך דיך פאַרלאָזן. כ׳וויל אַוועק.
ער האָט גלייך חרטה געהאָט אויף זיינע רייד.

— ניין, ניין, מוטער, נישט דערפאַר. נישט קיין שרעק יאָגט מיך אַרויס פון מיין געליבטן פּאָרטוגאַל. נישטאָ אויף מיר קיין שום פאַר־דאַכט, כ׳האָב אַ גוטע רענאָמע אי ווי אַ פרומער קאַטאָליק, אי ווי אַ גוטער קאַנאָניק־באַאַמטער. אָבער איך קאָן מער נישט לעבן אין ליגנס. איך לעב אַ פאַלש לעבן. ס׳איז מיר דערווידער אויסצובאַהאַלטן כסדר דעם אמת, נאָכצומאַלפּעווען אַלץ, וואָס די בייזע נאַראָנים זאָגן און טוען. איך פיל מיך דערמיט דערנידעריקט.

דאָנאַ דאַ קאָסטאַ איז געשטאַנען אַ בלייכע, אַ צערודערטע און גע־קוקט מיט פּייכטע, בעטנדיקע אויגן אויפן זון. מיט די הענט פאַרבראָכן פאַר זיך, דעם אויסגעשפּרייטן צער אויפן געזיכט און מיטן פאַרשטומטן מויל האָט זי אין דעם מאָמענט אויסגעזען ווי די לעגענדאַרע גריכישע מאָמע ניאָבע, וואָס איז פאַרגליווערט געוואָרן אין ווייטיק נאָכן פאַרלירן אירע קינדער. ווען זי איז צו זיך געקומען נאָך דער איבערראַשונג, האָט זיך פון איר האַלדז אַרויסגעריסן אַ שטילע מורמלעריי:

— וואָלט דיין פאָטער געלעבט...

גבריאל האָט ווייניק וואָס געוווסט וועגן דעם פאָטערס פאַרגאַנגענ־הייט, נאָך ווייניקער וועגן איר, דער מוטער, און וועגן דער ווייטערער משפחה.

— מיין פאָטער, מיינע זיידעס, וואָס זענען זיי אין דער אמתן געווען? פאַרוואָס האָט מען מיך געשיקט שטודירן קירכן־געזעצגעבונג כ׳זאָל ווערן אַ קאַנאָניק? איז מען אין דער משפחה געווען אַזעלכע אמתע פרומע קאַטאָליקן? פאַרוואָס האָט מען...?

זי האָט געוואָלט אויסמיידן ס׳זאָלן פאַלן נאָך אַנדערע פראַגן, האָט אים נישט געלאָזט פאַרענדיקן און אָנגעהויבן רעדן מיט אַן איינגעלאָ־שענער שטימע. אין האַלדז האָבן געוואָרגן טרערן, אָבער זי האָט איצט מער גאָרנישט געוואָלט אויסבאַהאַלטן.

— קינד מיינס, ביסט געבוירן געוואָרן אין 1595, כמעט 100 יאָר נאָך דעם, ווי מ׳האָט פון אונדזער לאַנד אַרויסגעטריבן די יידן. דיינע זיידעס האָבן נישט געוואָלט פאַרטריבן ווערן. פאַר די נייע קאַטאָליקן איז נאָך דעמאָלט אין אונדזער לאַנד געווען אַ סך לייכטער ווי פאַר די מאַראַנען אין שפּאַניע, מ׳האָט געקאָנט זיין בלויז אויסערלעך אַ קאַטאָ־ליק. דערנאָך אָבער... דערנאָך האָט די אינקוויזיציע זיך אויסגעשפּרייט

אויך אין אונדזער שיינעם פּאָרטוגאַל. דער הייליקער טריבונאַל האָט מיט נאָך מער אכזריות ווי אין שפּאַניע געמשפּט די אַנטדעקטע מאַראַנען. עטלעכע פופציק יאָר פאַר דיין קומען אויף דער וועלט איז דער מאַראַן פון דיין זיידנס משפּחה מאַנועל דאַ קאַסטאַ פאַרברענט געוואָרן אַ לעבע־דיקער אויפן אויטאָדאַפע אויף אַ ליסאַבאָנער פּלאַץ. וועגן די עינויים, וואָס מ׳האָט אים אָנגעטאָן פאַרן פאַרברענען, וועל איך דיר איצט נישט דערציילן.

זי האָט זיך אויף אַ ווײַלע פאַרהאַלטן. אויף איר געזיכט האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן צער מיט אָנשטרענג, ווי זי וואָלט נאָכגעטראַכט וואָס ס׳איז גלייכער אַרויסצוקריגן פון דער פאַרבאָרגעניש פון איר זכרון און אַרויסלייגן פאַרן זון.

— דו, מיין זון, האָסט ליב געהאַט די שטאָט קאָימבראַ, האָסט דאָרט אַזוי גלענצנד געענדיקט דעם אוניווערסיטעט, געהאַט דאָרט אַ סך גוטע קאָלעגן, וואָס האָסט ליב געהאַט און וואָס האָבן דיך ליב געהאַט. מיך כאַפּט אַרום אַ שוידער ווען איך טראַכט וועגן דער דאָזיקער שטאָט. געווען דאָרט אַ פּראָפעסאָר, אַן אָפּשטאַמיקער פון מאַראַנען, ער איז אויך געווען דיאַקאָן פון אוניווערסיטעט, אַנטאָניאָ האָמעם... מ׳האָט געוואָרפן אויף אים אַ חשד. די שפּיאָנען פון דער אינקוויזיציע האָבן אים נאָכשפּיאָנירט, געפאַלן אויף זיינע פאַרבינדונגען מיט די מאַראַנען, וואָס האָבן זיך באַהאַלטערנערהייט געפירט די יידן. זיי האָבן אפילו אַנטדעקט אַן אונטערערדישן בית־המדרש. אַנטאָניאָ האָמעם האָט מען פאַרשפּאַרט אין תפיסה. 5 יאָר איז ער געווען אין די קעלערן פון דער אינקוויזיציע און לסוף פאַרברענט געוואָרן אויפן אויטאָדאַפע אין אַ זאַק פון אַ בעל־תשובה. ביי דער עפנטלעכער פייערלעכקייט זענען אויך בייגעווען דער קעניג און די קעניגין. אַזוי פירט זיך. אַנטאָניאָ האָמעם איז אין דער אַלטער אוניווערסיטעט־שטאָט נישט געווען דער איינציקער, וועמען ס׳האָט געטראָפן אַזאַ גורל. דער הויפּט־אינקוויזיטאָר בערנאַרדאָ דאַ סאַנטאַ קרוז האָט אין קאָימבראַ אומאויפהערלעך געלאָזט פלאַקערן די שייטערהייפנס. איז וואונדער זיך נישט, מיין זון, וואָס דיינע זיידעס האָבן נישט געוואָלט אויסגעשטעלט זיין אויף דער אינקוויזיציע. פאַרלאָזן דאָס לאַנד האָבן זיי דערנאָך אויך נישט געקאָנט; אַ נייער קאָטאָליק האָט געדאַרפט האָבן אַ דערלויבעניש אַרויסצופאָרן, בפרט מיט פאַרמעגן. האָבן זיי אויסגעקליבן אַזאַ וועג אין לעבן. דיין פאָטער האָט זיך געפירט ווי זיין פאָטער. איך, מיין זון, בין אַלס קינד אַנדערש, אין געהיים, אויפ־

געצויגן געוואָרן אין מיין פּאַטערס הויז. כ׳האָב אָבער יונג חתונה געהאַט, צוגעפּאַסט זיך צו די פּירונגען אין דיין זיידנס, דערנאָך אין דיין פּאַטערס הויז. מ׳האָט זיך שטענדיק געמוזט צופּאַסן.

ביי גבריאלן דעם בונטאַר איז די בונטאַרישקייט געשטיגן:

— צופּאַסן זיך, צופּאַסן זיך! מאַכן פון זיך אַ מאַלפּע, אַ פּאַפּוגיי. איך מוז זיך צופּאַסן צומאָל צו די ערגסטע שטותערייען. אָט מוז איך איבערחזרן, אַז אונטער דער ערד איז פאַראַן אַ גיהנום, בעת דער געלערנטער קאָפּערניק האָט פון לאַנג שוין דערוויזן, אַז די ערד איז קיילעכדיק, שוועבט אין די רוימען, בכן איז נישטאָ קיין „אונטער דער ערד". וויפל אַנדערע נאַרישקייטן מוז איך נאָך נאָכפּלאַפּלען! און פאַרמאַגן מיר דאָך, מוטער, אַ נאַטירלעכע, דערהויבענע רעליגיע, אָן ווילדע זאַבאַבאָנעס. אין אַלטן טעסטאַמענט נישט פאַראַן קיין שום שרעקעניש מיט אַ יענער וועלט. ניין, מוטער, איך קען זיך מער נישט צופּאַסן. ס׳איז קעגן מיין שכל, קעגן מיין געוויסן, קעגן מיין טראַכטן, קעגן יעטוועדער מענטשלעכקייט. דערפאַר, מוטער, מוז איך מיך צעשיידן מיט דיר. מיך ציט צו דער יידישער געמיינדע אין אַמסטערדאַם; דאָרט וועל איך קענען לעבן לויט אונדזער אַלטן גלויבן; און אויך לויט מיין שכל, לויטן מענטשלעכן פאַרשטאַנד.

— אָבער איך וועל נישט קענען לעבן אָן דיר, מיין זון. איך האָב ליב מיין פּאָרטוגאַל, אָבער איך וועל ליב באַקומען דאָס לאַנד, דאָס אָרט, וואָס דו וועסט ליב האָבן. כ׳וועל ווי דו דאָרט זיך אומקערן צום גלויבן פון אונדזערע אבות, כ׳וועל די דאָזיקע אמונה נאָך מער ליב האָבן, ווייל דו האָסט זי ליב.

— און מיינע ברידער?

— דאָס לאָז פאַר מיר. ס׳וועט נישט לייכט זיין. זיי ווייסן פון גאָרנישט, האָבן אָבער צוטרוי צו מיר. זיי זענען יונג, יוגנט האָט ליב... אַוואַנטורעס, כ׳מיין אונטערצונעמען אַ ריזיקאַלישע רייזע. כ׳גלויב אונדזער אַלטע אמונה וועט זיי אויך אימפּאָנירן.

דאָנאַ דאַ קאָסטאַ איז זיך נישט טועה געוועזן. אירע צוויי יינגערע זין, פון אַנהייב געפּלעפטע, דערשראָקענע, זענען גיך איינגעגאַנגען איבערצופאָרן קיין אַמסטערדאַם. ביידע יונגע געשעפטסלייט, וואָס האָבן אין דער משפחה גאָר יונג פאַרטראָטן דעם פּאָטער, האָבן נישט ווייניק געהערט וועגן די נידערלענדישע האַנדלס־פאַרבינדונגען אין דער וועלט.

לילי בערגער

בשתיקה און מיט גרויסער סוחרישער געניטקייט איז אין אַ קורצער צייט פֿאַרקויפֿט געוואָרן דאָס גרויסע, שיינע הויז אויפֿן הויכפּלאַך. בינו לבינו האָט דאַ לונסאַ זיך געלאָזט קיין אַמסטערדאַם, ער איז איינגעגאַנגען באַצייטנס צו קויפֿן פּאַר זיי און צוגרייטן אַן אייגן הויז.

נישט לייכט איז דער משפחה דאַ קאָסטאַ אָנגעקומען דאָס אַרויספֿאָרן פֿון פּאָרטוגאַל. צום שווערסטן זענען די געהיימע צוגרייטונגען אָנגעקומען גבֿריאלען; ער האָט געמוזט ביזן לעצטן טאָג פֿון זייער אַנטלויפֿן זיין ביי זיין קירכן־דינסט, אָפּריכטן די תּפֿילות, קניען צוזאַמען מיט די אַנדערע. ער האָט אויך מיט אַלע פֿיבערן פֿון זיין האַרץ ליב געהאַט זיין געבוירן־שטאָט אָפּאָרטאָ, אירע קרומע בערגלדיקע גאַסן און טומלדיקע געסלעך, די אַלטע שטיינערנע געביידעס און ווייסע הייזקעס, די פֿעלדער און סטעזשקעס צווישן די איילבירט־ און פּאָמעראַנצןביימער, ווו ער פֿלעגט אַזוי זאָרגלאָז שפּאַצירן. ער האָט איצט פֿון דער הויכקייט, ווו ס׳איז געשטאַנען זייער הויז, מער ווי שטענדיק באַוווּנדערט די אַרומיקע לאַנדשאַפֿט און אַנטציקט זיך מיט דער העלער בלויקייט פֿון זוניקן הימל. אַלץ, אַלץ אַרום איז אים איצט געוואָרן ליב און טייער; ער האָט זיך מיט די אויגן איינגעגעסן אין דער גראַציעזער אַרכיטעקטור פֿון זייער הויז, אין די אינעווייניקסטע מאַרמאָרנע, קאָסטבאַרע זיילן. נאָך קיינמאָל איז אים דאָס אַלץ נישט אויסגעקומען אַזוי וווּנדערבאַרשיין, נאָך קיינמאָל האָט ער נישט געפֿילט ווי שטאַרק דאָס הויז, ווו ס׳איז אַזוי גליקלעך געפֿלאָסן זיין קינדהייט און יוגנט, איז אים איינגעבאַקן אין האַרץ, ווי שטאַרק ער האָט ליב דאָס זוניקע לאַנד, די פֿעלדער און וועלדער.

ליבערש פֿון אַלץ איז אים אָבער איצט געוואָרן דער אָפּגעפּונענער גלויבן, די פֿרייהייט. דער געדאַנק, אַז ער וועט אין גיכן זיך קאָנען פֿירן ווי אַ פֿרייער ייד און וועגן אַלעמען קאָנען זיך אַרויסזאָגן לויטן שכל און נישט לויט צוגעשניטענע, פֿאַרשטייפֿטע דאָגמעס, האָט אים געמוטיקט אַלץ צו פֿאַרלאָזן און אונטערנעמען דעם נישט לייכטן וואַנדער־וועג.

מיט סכּנות נפֿשות איז ער מיט דער משפּחה אין אַ האַרבסטיקער, נעפּלדיקער נאַכט אויפֿגעשטיגן אויף אַ שיף. ווען די ערשטע געפֿאַרן זענען פֿאַרביי, האָבן זיך אָנגערוקט נייע. דער ים האָט זיך צעשטורעמט. די צעווילדעטע כוואַליעס האָבן זיך ווי חיות רעות געוואָרפֿן אויף דער טרייסלענדיקער זיך שיף, געוואָלט זי איינשלינגען, איינזינקען זי אין יםתהום. די ים־קראַנקייט האָט זיי אויסגעדרייט די געדערים. ווען זיי זענען

בשלום אָנגעקומען, האָט דאָנאַ דאַ קאָסטאַ פאַרזיכערט אירע זין, אַז דער גאָט פון די אַלטע אבות האָט געוואַכט איבער זיי און געהאָלפן בייקומען אַלע סכנות.

⁂

די משפחה דאַ קאָסטאַ האָט אָנגענומען דעם יידישן גלויבן לויט אַלע דינים. גבריאל האָט געטוישט דעם נאָמען אויף אוריאל. פון פּאָרטוגעזישן פאַמיליען־נאָמען דאַ קאָסטאַ איז געוואָרן אַקאָסטאַ. אוריאל אַקאָסטאַס האַרץ האָט געצאַפּלט פון פרייד, ווען ער האָט דאָס ערשטע מאָל דערזען אין מיטן גאַס די גרויסע, פּאָרטוגעזישע שול. דער אַמסטערדאַמער הימל איז נישט בלוי, ער איז גרוי און נידעריק, די קאַנאַלן, וואָס צעשניידן די שטאָט, פאַרמאָגן נישט די לויטערקייט פון די פּאָרטוגעזישע וואַסערן. די זון, ווען זי באַווייזט זיך אַפילו אויפן גרויעם הימל, שיינט זי נישט מיטן גינגאָלדיקן און נישט מיט זילבערדיקן גלאַנץ ווי אין זיין געבוירן־לאַנד. אָבער אויפן האַרץ איז שטראַלנד־זוניק. ווען האָט ער אין זיין לעבן געזען אויפן גאַס יידן, וואָס באַהאַלטן נישט אויס דאָס, וואָס זיי זענען? ווען האָט ער געהערט וועגן אַזאַ יידישער ישיבה אונטער דער אָנפירונג פון אַזעלכע געלערנטע ווי ר׳ מנשה בן ישראל און ר׳ שאול מורטיירא? אין די שענסטע חלומות האָט זיך אים דאָס אַלץ נישט געחלומט.

אוריאל אַקאָסטאַ האָט געטראָטן איבערן יידישן קוואַרטאַל ווי אויף אַ מקום־קדוש. נישט איין מאָל האָט זיך אים געדאַכט, אַז על פי טעות האָט אים די שיף פאַרפירט צום הייליקן לאַנד, קיין ארץ ישראל. אין אַזעלכע מינוטן האָט ער חשק געהאַט זיך אָנצובויגן און אַ קוש געבן די ערד.

די פרייהייט האָט אים אין אָנהייב פאַרשיכורט, ווי אַן אַלטער, שטאַרקער וויין. אַ באַרוישטער האָט ער אויסגעמאָסטן די גאַסן פון דער שטאָט,אַלע ווינקלען פונעם יידישן קוואַרטאַל, אין מיטן העלן טאָג אַריינגעכאַפּט זיך אין אַלע דריי שולן. צוממיינסטן איז אים צוגעפאַלן צום האַרץ די אַלטע פּאָרטוגעזישע שול, וואָס דער אַמסטערדאַמער מאַגיסטראַט האָט דערלויבט אויסצובויען נאָך אין 1598, פינף יאָר נאָך דעם, ווי ס׳איז אָנגעקומען אין דער האָלענדישער הויפּטשטאָט די ערשטע גרופּע פּאָרטוגעזישע מאַראַנען בראש מיטן געלערנטן יעקב טיראַדאַ, וואָס איז בשעתו געווען די נשמה און דאָס האַרץ פון דער יונגער קהילה.

אוריאל האָט אַלץ געוואָלט וויסן, וועגן אַלץ אויסגעפרעגט. ער האָט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם זיך צוגעהערט צו די אויסטערלישע מעשיות וועגן די אַנטלאָפענע מאַראַנען פון פּאָרטוגאַל און שפּאַניע. ניין, נישט לייכט איז געווען אָנצוקומען צו די רואיקע ברעגן פון די צפונדיקע נידער־לאַנדן. שיפן מיט מאַראַנען האָבן אין יענע יאָרן לאַנג געוואַנדערט און געבלאָנדזשעט איבער ימען ביז די אנוסים האָבן געקאָנט אויפשטעלן זייערע געצעלטן אויף אַ זיכערן באָדן. אויך אין האָלאַנד איז דער אַריינ־גאַנג פון אַלע שטעט נישט אָפן געווען פאַר זיי. אויך דאָ, אויף דער פרייער ערד, האָט מען פון אָנהייב געקוקט אויף זיי מיט חשד.

די האָלענדער האָבן געטראָגן אַ גרויסן האַס צום נישט לאַנג צוריק שפּאַנישן באַדריקער און אויך צו דער פּויפּסטלעכער האַרטער ממשלה. איז אין די ערשטע צייטן יעדער געקומענער פונעם פּירענעאישן האַלב־אינדזל זיי אויסגעקומען ווי אַ שפּאַנישער שפּיאָן אָדער אַן אָנהענגער פון פּויפּסט. ניין, נישט לייכט איז אויך אָנגעקומען דאָס איינוואָרצלען זיך אין פרעמדן, נייעם לאַנד. אָבער כאָטש די יידישע שפּראַכן זענען אויפגעגאַנגען אויף אַ רויעם און זייטיקן באָדן, האָט זיך דער יידישער גאָרטן אין אַמסטערדאַם צעבליט און צעוואַקסן.

אויף דער יידישער גאַס האָט געקלונגען דאָס פּאָרטוגעזישע און שפּאַנישע לשון. יידישע געשעפטסלייט, געקומענע מיט קאַפּיטאַלן, האָבן געעפנט אין אַמסטערדאַם אונטערנעמונגען, האַנדלס־הייזער, בענק, קאַנ־טאָרן, געפירט געשעפטן מיט אינדיע, אַמעריקע און אַנדערע ווייטע מקומות. אין אַמסטערדאַמער האַנדלס־צענטער איז אַריינגעגאָסן געוואָרן פרישע בלוט; יידישע אונטערנעמער האָבן צעשפּרייט זייערע פליגלען, יידישע סוחרים האָבן דאָס קליינע צפון־לאַנד פאַרבינדן מיט די ווייטסטע לענדער פון דער וועלט.

נישט דאָס אָבער האָט פאַרכאַפּט אוריאלן. די געשעפטן פון זיין אייגענער משפחה זענען אים וויניק וואָס אָנגעגאַנגען. ער האָט באַלד פון אָנהייב צוגענויגט דאָס אויער צום אימפּעטיקן גייסטיקן אויפבלי, צו די נייע מינהגים און זיטן. איז דען אַזאַ ישיבה, וווּ מען לערנט חוץ תנ״ך און תלמוד אויך דקדוק, סטיליסטיק און רעטאָריק נישט מער ווערט ווי יידישע בענק? זענען דען אַזעלכע געלערנטע ווי ר׳ מנשה בן ישראל, אברהם אַלפאָנסו דע הערעראַ, ר׳ יצחק אבוהב דאַ פאָנעסקאַ נישט אָנגע־זעענער און אָנגעלייגטער ווי אַלע יידישע אונטערנעמער?

אוריאל איז ווי אַלע אַנדערע געגאַנגען הערן זייערע דרשות אין שול. ער האָט באַוואונדערט זייער שאַרפזין, אָבער מיט אַנטוישונג זיך צוגעהערט צו זייערע מיסטישע רייד. ר׳ מנשה בן ישראל האָט אויך געעפנט אַ דרוקעריי אין אַמסטערדאַם. ס׳זענען דערשינען זייערע חיבו־רים. ער האָט געלייענט ר׳ מנשה׳ס פילאָזאָפיש־מיסטיש ווערק „אויס־גלייכער" און שטילערהייט זיך געאַמפּערט מיטן מחבר, פונקט ווי ער האָט שפּעטער זיך געאַמפּערט מיט אַלע אַנדערע מחברים פון די מיס־טישע חיבורים.

ער האָט מיט נייגיר זיך צוגעקוקט צו די נייע מנהיגים, געשטויגט און אַנגעקוועלט, דערוויסנדיק זיך, אַז דער און יענער געוועזענער פרומער קאַטאָליק איז געוואָרן אַ רב, אַ דיין. ס׳האָט אים אָבער רעוואָלטירט, ווען ער האָט זיך דערוווסט, אַז די נעכטיקע פאַרשטעלטע קאַטאָליקן, צומאָל געוועזענע מאַנאַכן, יעזואיטן, פּסקנען שאלות, זוכן חטאים ביי מענטשן מיט דער זעלבער האַרבער שטרענגקייט ווי מען טוט עס אונטער דער הערשאַפט פון דער אינקוויזיציע. נישט אַנדערש נאָר זיי האָבן עס מיט־געבראַכט פון דאָרטן פון וואַנען זיי זענען אַנטלאָפן.

***

דאַנאַ אַקאָסטאַ האָט געהאַט פולע הענט אַרבעט ביים איינשטעלן די באַלעבאַטישקייט אויפן יידישן שטייגער, צוצוגעווינען זיך צו די נייע פילצאָליקע דינים. דער איינציקער שוואַרצער באַדינער, וואָס די משפחה האָט מיטגעבראַכט פון אָפּאָרטאָ, איז צעטומלט געוואָרן פון די אַלע געבאָטן און פאַרבאָטן פון כשרות. די ייִנגערע צוויי זין האָבן נישט פאַרלוירן קיין סך צייט. נאָכן לאָזן זיך מל זיין האָבן זיי זיך גיך צוריק געשטעלט אויף די פיס און גענומען זיך צו די געשעפטן. אוריאל האָט צום שווערסטן איבערגעטראָגן דאָס מל זיין זיך. ס׳האָט אים לאַנג געשטערט אַרומצושפּאַנען, ווי אין די ערשטע צייטן, איבערן יידישן קוואַרטאַל. ס׳האָט אים אָבער נישט געשטערט צו אַבסערווירן, צו שפּינען זיינע געדאַנקען. ווי קומט עס וואָס די מוטער איז אַזוי פאַרנומען, פאַרדאגהט מיט אַזוי פיל צערעמאָניעס ביי דער שטוביקער באַלעבאַטישקייט? ווי קומט עס וואָס דער גאַנצער טאָג, פון אויפשטיין ביזן שלאָפן גיין איז געבונדן מיט געבאָטן און פאַרבאָטן? איז דאָס אַלץ נויטיק? אין תנ״ך איז דאָס נישטאָ.

דאָס ערשטע ווידערגעפיל האָט ער געהאַט ביי דעם מל זיין. אויף מילה איז ער צוגעגרייט געווען; האָט ער דאָך געוווּסט, אַז דורך דעם מל זיין זיך ווערט געצייכנט זיין בונד מיט דער יידישער געמיינשאַפט. פאַרוואָס איז אָבער די אָפּעראַציע פון מילה באַגלייט מיט אַזאַ מיאוסן עסק ווי פריעה, דאָס אויסזויגן? אין חומש איז בלויז אַ רייד וועגן מילה און נישט וועגן פריעה, בכן איז דאָס אויסזויגן אַ צוגע־טראַכטע זאַך.

נישט לייכט איז אים אויך אָנגעקומען זיך צוצוגעוווינען צו לייגן תפילין. צי איז די דאָזיקע צערעמאָניע אַ דורכויסיקער סימן פון יידיש־קייט? ער האָט אויפסניי געבלעטערט דעם חומש. ס'שטייט בפירוש גע־שריבן, אַז מען זאָל פאַרפעסטיקן גאָטס געבאָטן אין קאָפּ, אין זכרון, אין האַרצן. ס'איז נישט אָנגעזאָגט מ'זאָל די געשריבענע פסוקים מיט רצועות צופעסטיקן צום האַנט, צום שטערן. די און ענלעכע צערעמאָניעס האָבן נישט קיין יסוד אין דער תורה, נישט אַנדערש נאָר זיי זענען אויסטראַכטעניש פון די בעלי־תלמוד און רבנים; זיי ווילן שאַפן אַ צאַם אַרום דער תורה שבכתב מיט אַ תורה שבעל פה. צי לייגן די רבנים נישט אַרויף אַ צו גרויסן עול און לאַסט אויפן יידישן מענטש? זיי בינדן אים ממש מיט קייטן פון געבאָטן און פאַרבאָטן. דער עמתער, עכטער יהדות באַשטייט דאָך אין גערעכטיקייט, אין מענטשן־ליבע, אין באַרעמ־הערציקייט; מ'דאַרף דינען גאָט מיט גוטע טאָטן און נישט בלויז מיט פוסטע צערעמאָניעס פון וועלכע ס'איז קיין זכר נישטאָ אין דער תורה.

פאַרוואָס זאָל ער זיינע געדאַנקען נישט אַרויסזאָגן אָפן? אין פּאָר־טוגאַל האָט ער געמוזט אויסבאַהאַלטן זיינע מחשבות. דאָ איז ער אַ פרייער מענטש און פרייער ייד. נישטאָ קיין יידישע תפיסה, קיין פיין־אינסטרו־מענטן, קיין אינקוויזיציע.

אַרויסטרעטן אָבער דאָ אויפן אָרט וועט צו גאָרנישט פירן. פאַר־קערט, מ'וועט אים פאַרשרייען, מען פאַרמאַכט אים שוין דאָס מויל, ווען ער דערמאָנט דערוועגן מיט אַ מינדסטן וואָרט. מ'דאַרף אָנקלאַפּן אין די גאָר הויכע פענצטער, ציען זייער אויפמערקזאַם. די גאָר הויכע פענצטער געפינען זיך אַפילו ווייט פון דאַנען, אין דער ווענעציאַנער, ספרדישער קהילה. ווענעציע איז דער צענטער פונעם רביניזם און אין דער דאָרטיקער הויכגעשטעלטער רבנים־קאָלעגיע איז פאַראַן דער רב יהודה־אריה דע מאָדענאַ, אַן אַלזייטיק געבילדעטער מאַן, וואָס שרייבט אַ סך, אָבער פאַרעפנטלעכט נישט אַלץ. אַ שטילער קלאַנג איז צו אים

דערגאַנגען, אַז אויך יענער האָט שטילערהייט גרויסע ספקות פּונקט אַזעלכע ווי ס׳האָט ער, אוריאל.

דאָס געפיל וואָס ער איז נישט דער איינציקער צו ספקן אינעם אָנוווקס פון רבנישע דינים, פון געבאָטן און פאַרבאָטן האָט אים צוגעגעבן מוט אַוועקצושיקן צו דער ווענעציאַנער רבנים־קאָלעגיע זיין מאמר — „טעזיסן קעגן דער טראַדיציע". וועלן די רבנים זיינע „טעזיסן" אויסגעפינען פאַר פאַלשע, טאָ זאָלן זיי אים דאָס אויפווייזן. וועלן זיי אָפילו מיט איינצעלנע באַמערקונגען מסכים זיין, וועט עס אויך כאָטש טייל־ווייז אויפריכטן די אמתע יהדות. ווי ס׳זאָל נישט זיין וועט אים דאָרט מסתמא אונטערהאַלטן, אויב נישט אָפענערהייט, איז אין דער שטיל, ר׳ אריה דע מאָדענאַ.

ער האָט מיט אומגעדולד געוואַרט אויף אַן ענטפער און זיך נישט דערוואַרט. אַן ענטפער, געשריבן מיט דער האַנט פון רב דע מאָדענאַ, איז יאָ געקומען, נאָר נישט צו אים, נייערט צו די אַמסטערדאַמער רבנים און פרנסים. דער ענטפער האָט שטרענג געוואָרנט קעגן געפערלעכן אַפּיקורס, וואָס מ׳דאַרף פאַרטרייבן פון יידישן גבול מיט אַ חרם אויב ער וועט וואָס גיכער נישט אָפּלייקענען בקול רם זיין אַפּיקורסות.

ער האָט נישט אָפּגעלייקנט, פאַרקערט, נאָך מער געלאָזט אין גאַנג זיין פרייעם געדאַנק. ס׳האָבן נישט געהאָלפן קיין וואָרענישן, קיין דראָאונגען.

— מיר וועלן דיך עוקר מן השורש זיין, אויב וועסט נישט אָפּלייקענען — וואָרענען די פרנסים.

— אַפּיקורס! פּשע ישראל! אָפּטריניקער! האָב רחמנות אויף זיך אַליין, צי זיך צוריק פון דער אַפּיקורסות, טו תשובה! — ראָטן אים די רבנים.

— כ׳בין נישט קיין אָפּטריניקער, איך בין אַ ייד. ס׳האָט מיך קיינער נישט געצוווּנגען צו קומען צום יידישן דת. כ׳האָב פאַרלאָזן מיין שיין געבוירן־לאַנד, פריינד און פאַרמעגן צו קאָנען זיך פאַראייניקן מיטן פאָלק ישראל. תורת משה איז פאַר מיר הייליק, און די תורה פאַרבאָט נישט צו טראַכטן מיטן אייגענעם שכל, זיך אַרויסצוזאָגן אַזוי ווי עס דיקטירט דער מוח און דאָס געוויסן. פאַרקערט, אַן עברה איז צו דרשנען און שרייבן אַנדערש ווי מען טראַכט...

ער האָט אין דער ערשטער ריי אין זינען געהאַט דעם ווענעציאַנער רב דע מאָדענאַ, אָבער זיין נאָמען דערמאָנען — דאָס נישט. ס׳קאָן יענעם

פאַרשאַפן די זעלבע צרות, אָדער מ׳קאָן אים, אוריאלן, חושד זיין, אַז ער טראַכט אויס אַ בילבול אויף אַ הייליקן מאַן.

ס׳האָט זיך אַריינגעלייגט די משפחה. דאַנאַ אַקאָסטאַ האָט נישט גערוט טאָג און נאַכט. די אַלטע מוטער האָט גערעכנט צו פועלן ביי אים דורך איר ליבשאַפט און געטריישאַפט צו אים.

— מיין אָרעם קינד, מאַכסט אַ תל פון דיר, וועסט דיך פאַרניכטן און אויך מיך. האָסט דערגרייכט וואָס דו האָסט געוואָלט, זיין אַ ייד צווישן יידן, איז וואָס אַרט דיר דאָס אַפּלייקענען? טו מיר צוליב, לאָז אָפּ די גאַנצע מעשׂה.

— אַפּלייקענען, אָפּלאָזן, מוטער, איז דאָס זעלבע ווי כ׳וואָלט גע־לאָזט מיר אויסשניידן די צונג פון מויל. וואָלט עס מיר געאַרט ווען מ׳וואָלט מיר אויסגעשניטן די צונג פון מויל?

דאַנאַ אַקאָסטאַ האָט מיטן גאַנצן האַרץ אָפּגעהיט אַלע דינים און געבאָטן, מיט איר געטריישאַפט צו דער אָפּגעפונענער אמונה געווען אויף דער זייט פון די רבנים, פון דעסטוועגן האָט זי צום זון אַזוי געזאָגט:

— אויב ווילסטו טראַכטן ווי דו פאַרשטייסט, טראַכט־זשע, קיינער וועט נישט קענען דיר שטערן צו טראַכטן, קיינער זעט נישט וואָס פאַר אַ געדאַנקען עמעצער האָט אין קאָפּ...

— ניין, מוטער, צוליב היפּאָקריזיע, צביעות האָב איך פאַרלאָזט מיין זוניק לאַנד, געקומען אין דעם גרויעם, קאַלטן לאַנד צו קאָנען פריי טראַכטן. געדאַנקען, וואָס ווערן געבוירן אין מוח קאָן מען נישט האַלטן פאַרבאַהאַלטן. פאַר מיר אויפהערן אַרויסברענגען מיינע מחשבות, איז פונקט אַזוי ווי אויפהערן אָטעמען.

דער עלטערער פון די צוויי ברידער איז צוגעשטאַנען צו אים מיט טענות:

— דאָס האָסט דו אונדז אָנגערעדט צו אַנטלויפן פון אָפּאָרטאָ. איצט שטעלסטו אונדז אויס צו שאַנד און שפּאָט. וועסט ברענגען אויף אונדז שנאה פון דער גאַנצער יידישער עדה.

דאַנאַ אַקאָסטאַ האָט גענומען צו הילף די שיינע ראָזעטאַ, וואָס האָט זיך אויך מיט אירע עלטערן אַרויסגעקריגן פון פּאָרטוגאַל. זי האָט גע־ווסט ווי שטאַרק איר זון איז פאַרליבט אין דעם יונגן מיידל און ווי ראָזעטאַ איז פאַרזאָרגט און פאַרטרויערט צוליבן טומל אַרום אוריאלן.

דאָס צניעותדיקע מיידל האָט זיך צום ערשטן מאָל אַזוי אָפן מודה געווען אין אירע געפילן:

— אוריאל, מיין ליבער, מיין האַרץ געהערט אין גאַנצן צו דיר, מיר דוכט, אַז פון שטענדיק אָן האָט עס געהערט צו דיר. כ׳וואַרט מיר זאָלן חתונה האָבן און צוזאַמען זיין גליקלעך. אויב זיי וועלן דיך אין חרם לייגן, וועל איך אויך אומגליקלעך זיין. טו עס פאַר מיר, גיב זיך אונטער, פאַר אונדזערביידנס גליק.

— ווי קאָן מען זיין גליקלעך, ווען מ׳לאָזט זיך באַרויבן פון די אייגענע געדאַנקען? ווערסט דו דען גליקלעך זיין מיט אַ מענטש, וואָס לאָזט זיך אויסהוילן פון זיינע מחשבות, אַרויסרייסן פון זיך די נשמה? וועל איך דען דעמאָלט נישט זיין געגליכן צו אַ לעבעדיקן מת?

***

דער זומערדיקער טאָג איז אַ זוניקער, דער אַמסטערדאַמער הימל איז דאָס מאָל אַ בלוי־העלער. אין דער פאָרטוגעזישער שול איז אָבער פינצטער. די ווענט און פענצטער זענען באַהאַנגען מיט שוואַרצע געוואַנטן, די ליכט זענען אויסגעלאָשן; בלויז אויפן בעלעמער ברענען שוואַרצע ליכט. דער צונויפגעזאַמלטער עולם, אונטן מענער, אויף דער גאַלעריע פרויען, שטייען צוזאַמענגעדרענגט, פאַרציטערט, מען האַלט אין דעם אָטעם. אין דער פינצטערניש און אין דער טויטער שטילקייט הילכט אָפּ מיט אַ ווידערקול די געבראָכענע און וויינענדיקע שטימע פונעם רב אויפן בעלעמער: „מיר לייגן אַריין אין חרם אוריאל אַקאָסטאַ. מיר שטויסן אָפּ און פאַרשעלטן אים פאַרן פנים פון די דאָזיקע הייליקע ספרים און די תרי״ג מצוות, וואָס זענען פאַראַן אין זיי. זאָל ער זיין פאַרשאָלטן בייטאָג און ביינאַכט, ביים לייגן זיך און ביים אויפשטיין, ביים אַריינגיין און אַרויסגיין. מיר באַפעלן, אַז קיינער זאָל נישט קומען אין זיין געזעל־שאַפט, זאָל נישט האָבן קיין מגע־ומשא מיט אים, נישט בעל פה און נישט בכתב, זאָל אים נישט טאָן קיין טובה, קיינער זאָל זיך נישט געפי־נען מיט אים אונטער איין דאַך אָדער אויף אַ מהלך פון פיר איילן פון אים, קיינער זאָל נישט לייענען קיין איינעם פון זיינע חיבורים״.

די משפחה האָט אים פאַרלאָזט. די מוטער איז באַלד דערנאָך גע־שטאָרבן. ער איז געבליבן אַליין אין גרויסן, אומעטיקן הויז, ביינאַכט און בייטאָג ביי פאַרמאַכטע לאָדנס, ווייל שקאָצערישע יינגלעך האָבן גע־וואָרפן שטיינער אין זיינע פענצטער. יונג און אַלט, מאַן און פרוי האָט

זיך אָפּגעקערט פון אים. דערזעענדיק אים פון דער נאָענט האָט מען אויסגעשפּיגן און אַנטלאָפן. זיין הויז האָט מען אויסגעמיטן, ווי די פּעסט וואָלט דאָרט געבושעוועט. ווען ער האָט זיך באַוויזן אין גאַס האָבן אים קונדסים נאָכגעשריגן זידל־ווערטער. ער האָט געמוזט אויס־מײַדן אַרויסצוגיין בייטאָג. ער איז קראַנק געוואָרן, לאַנג געלעגן צוגע־שמידט צום בעט, קיינער פון דער משפּחה, פון געוועזענע פריינד האָט נישט אַריינגעשמעקט צו אים. זיין געליבטע ראָזעטאַ האָט אים אַרויס־געריסן פון האַרצן; די ברידער און גוטע פריינד האָבן געוויכט פון אים אויס מורא זיי זאָלן אויך אַרונטערפאַלן אונטערן חרם אויב ס׳זאָל זיין אַ פאַרדאַכט, אַז זיי פאַרקערן מיט אים.

אין אַ פינצטערן אָוונט האָט ער איינגעשטעלט: ס׳לייגט זיך אים נישט אויפן שכל זיין אַלטער פּראָפעסאָר זאָל האַלטן מיט די רבנים און פּרנסים, אָדער ער זאָל אויס מורא נישט וואַגן צו האָבן מיט אים קיין מגע ומשא. האָט ער דאָך אין פּאָרטוגאַל אַזוי פיל געוואַגט, אַזוי אָפט ריזיקירט אפילו מיטן לעבן. האָט ער דאָך אין שאָטן פון דער אינקווי־זיציע זיך נישט געבויגן און געלערנט אים גופא אין געהיים ווי אַזוי זיך נישט צו בויגן. ווייסט ער דאָך וואָס גערודפט זיין באַדייט.

ער האָט זיך געלאָזט צו אים אין דער פינצטער דורך הינטערוועגן קיינער זאָל חלילה נישט אַנטדעקן זיין גאַנג. ער האָט נישט געוואַרט די טיר זאָל זיך פאַר אים עפענען, איז אַליין אַריין און נידעריק אַנגעבויגן דעם קאָפּ פאַר זיין אַלטן פּראָפעסאָר. דאַ לונסאָ איז בלייך און פאַרשטומט געוואָרן. אַ ווײַלע איז ער געשטאַנען ווי דאָס לשון וואָלט אים אָפּגענומען, באַלד איז זיין פּנים רויט געוואָרן, ווי מען וואָלט אים אָפּגעגאָסן מיט קאָכעדיק וואַסער.

— ווי וואַגסטו איבערצוטרעטן מיין שוועל?

— דו, מײַן פּראָפעסאָר, האָסט מיך אַמאָל געלערנט און אויסגע־לערנט צו זיין געוואַגט.

— אַמאָל, אַמאָל, היינט איז נישט אַמאָל, דו מוזט גלייך פאַרלאָזן מיין הויז! אויב מ׳האָט דיך געזען זאָל איך קאָנען זאָגן, אַז כ׳האָב דיך אַרויסגעוואָרפן.

— מ׳האָט מיך נישט געזען, כ׳האָב גוט אויפגעפּאַסט. פאַרוואָס איז דייך מורא אַזוי גרויס? האָסט דאָך פריער מער ריזיקירט.

— פאַרגלײַך נישט, האָב איך דיר געזאָגט, דעם פריער מיטן היינט.

— פאַרוואָס נישט פאַרגלייכן? ס׳איז דאָך שטענדיק און אומעטום

לייכטער צו גלויבן ווי צו טראַכטן, צו דענקען. אפשר דערפאַר ווייל די פריערדיקע פאַרפאָלגטע זענען אַליין געוואָרן פאַרפאָלגער? יאָ, יאָ, דאָס ערגסטע וואָס קאָן פּאַסירן, ווען נעכטיקע געדרודפטע, באַשפּיגענע, רודפן און באַשפּייען אַליין זייערע ברידער, אַלצאַיינס צי אויס טיפּשות, רציחה, צי אויס פאַנאַטיזם, איבעריקנס גייען שטענדיק פאַנאַטיזם, טיפּשות און רציחה צוזאַמען.

— דו ביסט אַ דענקער, אַ פילאָזאָף און קענסט זיך נישט אַריינ־טראַכטן אין דער מענטשלעכער נשמה, אין דער נשמה פון די, צו וועלכע דו ביסט געקומען און אָנגעמאַכט אַזאַ גערודער. ביי די אַלע מענטשן איז די שרעק אין די אויגן, דער ווייטיק אין האַרץ נאָך נישט איינגע־שטילט. אין זייערע חלומות זעען זיי נאָך די פלאַמען פון די אויטאָדאַפעס, זיי הערן נאָך די ווייגעשרייען פון די געפּייניקטע אין די קעלערן פון דער אינקוויזיציע. אין זייער זכרון איז נאָך פריש ווי אַזוי זיי זענען געצוווּנגען געוועזן זיך אָפּצוזאָגן פון אַלץ וואָס איז זיי הייליק. איז פאַר־וואָס וווּנדערסטו זיך וואָס זיי שטעלן ארום זייער אמונה אַ פעסטונג, אפילו ווען די פעסטונג איז לויט דיר, אָדער, זאָל מען אָננעמען, לויט מיר, אַ מיאוסע, אַ נאַרישע? אַפילו ווען ס׳איז קעגן דיין איינזען, דיין אויפ־פאַסונג.

— ס׳איז קעגן מענטשלעכן שכל, קעגן אמת, אויך קעגן תורת משה. צי געדענקסטו נישט ווי דו אַליין האָסט פאַר מיר אַמאָל קעגנגעשטעלט דעם קאַטאָליציזם מיט זיינע שרעקעדיקן פון אַ יענער וועלט, מיט אַ גיהנום, די תורה אין וועלכער ס׳איז נישטאָ קיין שום אָנדייטונג וועגן אַ שכר ועונש נאָכן טויט, וועגן... וועגן אַ גיהנום?

— ווילסט איצט דורכאויס באַווייזן, אַז ס׳איז נישטאָ קיין גיהנום נאָכן טויט און האָסט אָנגעמאַכט אַ גיהנום ביים לעבן, אַ גיהנום דאָ אויפן אָרט פאַר דיר אַליין.

— נישט איך נאָר זיי האָבן אָנגעמאַכט דאָ פאַר מיר דעם גיהנום.

— ווילסטו אויך מיך אַריינציען אין דעם גיהנום דאָ?

— ניין, איך וויל דיך נישט אַריינציען, כ׳וויל בלויז נישט פאַרלירן דיין פריינדשאַפט, וויניקסטנס נישט זיין פאַרשטויסן פון דיר, מיין אַלטער פּראָפעסאָר, וואָס האָסט מיר געוויזן די אמתע אמונה. איך, דיין תלמיד, דיין גורל־פריינד פון דאָרט, וווּ ס׳האָבן געלויערט אויף אונדז אַזוי פיל געפאַרן, איך בעט דיך...

— בעט איך דיך אין נאָמען פון יענער גורל־פריינדשאַפט נישט אויסצושטעלן מיך אויף נייע געפאַרן, נישט אַריבערצוטרעטן מער מיין שוועל, ביז... ביז דו וועסט זיך באַרעכענען; הלוואי זאָלסטו זיך וואָס גיכער באַרעכענען, אָפּזאָגן זיך פון אַלץ, וואָס האָסט געלאָזט הערן און זיך צוריק אומקערן צו אונדזער געמיינשאַפט, צום פאָלק ישראל.

— איך בין דאָך פון פאָלק ישראל נישט אַוועק, כ׳בין אַ געטרייער זון פון מיין אָפּגעפּייניקטן פאָלק, כ׳בין אַ ייד, אַ ייד!

— פאָלק און אמונה איז הייַנט איינס. ווען דו צעגייסט זיך מיט דער אמונה, צעגייסטו זיך אויך מיטן פאָלק, מיטן יידישן כלל. אפשר וועט מען אַמאָל קאָנען זיין אַ גוטער זון פון פאָלק נישט אָפּהיטנדיק די תרי״ג מצוות, זיין אַ גוטער ייד אַזוי ווי דו פאַרשטייסט דאָס, דערווייל נישט. דו ביסט אַ סך צו פרי געבוירן געוואָרן, מוזטו זיך אונטערגעבן. ביז... ביז דו וועסט דאָס נישט פאַרשטיין, מוז איך... דו ווייסט, כ׳טאָר נישט אַפילו אויסטוישן עטלעכע ווערטער מיט דיר, כ׳טאָר נישט שטיין אין דיינע דל״ד אמות.

ער האָט אויפגעמאַכט די טיר און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ נישט אָנצוטרעפן זיך מער מיט זיינע בליקן. אוריאל איז אַוועק, האָט פאַרשנעלערט די טריט, ווי מ׳וואָלט אים נאָך אַלץ געטריבן. דער לעצטער פונק האָפענונג צו זיין פאַרבונדן כאָטש דורך אַ דינעם פאָדעם מיט אַ לעבעדיקן מענטש האָט זיך אויסגעלאָשן. ער האָט זיך טראָגן דער שפּעטער שעה געלאָזט צום יידישן בית־עולם. בייטאָג קאָן ער אַהין נישט גיין, דער וועכטער לאָזט אים נישט אַרויף. ביי דער שיין פון דער לבנה האָט ער אָפּגעזוכט דער מוטערס קבר, אַוועקגעזעצט זיך האַרט דערלעבן און ארומגענומען מיט זיינע לאַנגע, פעסטע אָרעמס דאָס לענגלעכע בערגל ערד. פון האַלדז האָבן זיך אַרויסגעריסן די פאַרשטיקטע ווערטער פון קדיש; נאָכן אָפּזאָגן קדיש האָט ער אין פאַרטוגעזיש, אַזוי ווי ער פלעגט רעדן מיט דער מוטער, אַריינגעשעפּטשעט אין קבר, געבעטן מחילה ביי דער מוטער פאַרן צער, וואָס ער האָט איר פאַרשאַפט.

נישט דאָס ערשטע און נישט דאָס לעצטע מאָל האָט ער זיך אַריינגעגנבעט אין אַן אָוונט אויפן בית־עולם צו דער מוטערס קבר. חוץ איר, דער געשטאָרבענער מוטער, איז אים מער קיינער נישט פאַרבליבן. יעטוועדער לעבעדיקער מענטש פון דער יידישער געמיינדע האָט געווייכט פון אים פון דער ווייטנס. ווי אַזוי לעבן איינער אַליין אַ פאַרשאָלטענער, אַ פאַרשטויסענער, אַן אַרויסגעשטויסענער פון יעטוועדער מענטשלעכער

געמיינשאַפט? וואָלט ער געקענט די האָלענדישע שפּראַך, וואָלט ער אפשר געפּרוּווט זיך איינשאַפן נישט יידישע באַקאַנטשאַפטן. ער האָט אָבער נישט באַוויזן אויסצולערנען די נייע שפּראַך, זי האָט אים אויס־געזען אַ נישט מוזיקאַלישע, אַ גאַרגלדיקע און אויך נישט קיין נויטיקע צו זיינע באַשעפטיקונגען. איצט, ווען זי איז אים נויטיק, קען ער זיך נישט פריי באַנוצן מיט איר. איז ער געבליבן אַ פרעמדער, אַן איינזאַמער און עלנטער. די איינציקע פריינד זענען זיינע געדאַנקען און זיין פעדער. אויסגיסן די געדאַנקען אויפן פּאַפּיר איז געוואָרן אַ לעבנס־באַדערפעניש. אין די אָוונטן האָט ער געוואַנדערט ביי די קאַנאַלן אויסצוגלייכן די גלי־דער. בייטאָג, ווען ס׳איז גלייכער נישט צו ווייזן זיך אויפן גאַס, האָט ער געשריבן ביי פאַרמאַכטע לאָדנס. אַזוי איז געבוירן געוואָרן זיין בוך „די פּרושימדיקע טראַדיציעס אין פאַרגלייך מיט דער תורה״.

אַ נייער הוראַגאַן האָט זיך אויפגעהויבן קעגן אים, ווען דאָס בוך אין פאָרטוגעזיש איז דערשינען אין אַן אַמסטערדאַמער פאַרלאַג. די פּרנסים האָבן אים פאַרמסרט פאַרן מאַגיסטראַט, אויפגעוויזן, אַז אַזוי ווי ער לייקנט אָפּ אַ לעבן נאָכן טויט, טרעט ער אויך אַרויס קעגן דער קריסטלעכער רעליגיע. אוריאל אַקאָסטאַ איז אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין תּפיסה, זיין בוך איז פאַרברענט געוואָרן, נאָכן באַפרייען אים האָט ער געמוזט באַצאָלן אַ געלט־שטראָף. די פיינדשאַפט צו אים איז איצט געקומען אי מצד יידן, אי מצד נישט־יידן.

***

די איינזאַמע, אומעטיקע טעג, וואָכן, חדשים, יאָרן האָבן זיך פאַמע־לעך־פויל געשלעפט און פאַרט געלאָפן. צען יאָר האָט דער פאַרשטויסענער דענקער, אַן אָפּגעשלאָסענער פון דער וועלט, אַ פאַרמאַכטער אין זיין גרויסן, קאַלטן הויז, געלעבט ווי אַן אַרויסגעשליידערטער פון ווילדע ים־כוואַליעס אויף אַ פאַרוואָרפן אינדזל. ער איז פאַר דער צייט גרוי געוואָרן. זיין שלאַנקע געשטאַלט האָט זיך איינגעבויגן. די הויט אויף זיין שיין, מאַט געזיכט האָט זיך צעשניטן, געקנייטשט, ווי מ׳וואָלט זי צעריצט, איינ־געשניטן.

נאָר שטאַרקער ווי די אויסערלעכע זענען געוואָרן די ריצן און שניטן אין זיין נשמה. די עלנטקייט האָט ווי אַן אייזערנער פאַנצער אַרומגעריפּט און צעדריקט דאָס האַרץ אַלע מאָל שטאַרקער און שטאַר־קער. די פאַרשטויסנקייט האָט זיך איינגעפרעסן אין זיין גאַנץ וועזן ווי

די שווערסטע חולאת. די אַליינקייט האָט אָוועקגערויבט פון אים דעם שלאָף. אַ נאָגנדיקע בענקשאַפט נאָך אַ פריינדלעך וואָרט, נאָך מענטשלעכע וואַרעמקייט האָט אים געמאַטערט בייטאָג און בייַנאַכט. אַלע פּרוּוון זיך איינצושאַפן נייע באַקאַנטשאַפטן האָבן געפּלאַצט ווי זייפן־בלאָזן. זיין איינציקער אָנהאַלט איז געוואָרן זיין טאָג־בוך, וואָס איז שטענדיק געלעגן אויפן שרייב־טיש. יעדן טאָג בויגט ער זיך אָן איבער דעם און שרייבט אַריין מיט אַ פּערלדיקער שריפט אין לאַטיין זיינע געדאַנקען, וואָס שפּינען זיך און ווירבלען אומאויפהערלעך אין מוח. אָט שרייבט ער אַריין: „אַלע צרות קומען פון נישט פאָלגן דעם שכל הישר, פון זיך קעגנשטעלן דעם געזעץ פון דער נאַטור. די אַלע צערעמאָניעס, וואָס זענען קעגן שכל הישר, שאַפן אַ נידערגעשלאָגענע שקלאַפעריי, דער עכטער יידישער גלויבן פאַרלאַנגט נישט קיין שקלאַפעריי, ער איז נישט קעגן דער מענטשלעכער נאַטור".

ער האָט איבערגעלייענט די פאַרצייכענונג און זיך פאַרטראַכט. דער־נאָך שטיל איבערגעחזרט: קעגן דער מענטשלעכער נאַטור...

האָט זיך דען נישט געשאַפן פאַר אים אַ מצב, וואָס איז קעגן דער מענטשלעכער נאַטור? נייך, אַ מענטש קאָן נישט לעבן מחוץ אַ מענטשלעכער געמיינשאַפט. דאָס איז אויך קעגן געזעץ פון דער נאַטור. אַזאַ איינזאַמקייט פאַרפייניקט מער דעם גוף און די נשמה ווי הונגער און קעלט. צי האָט ער אַמאָל צוליבן באַגער אַלץ צו באַנעמען מיטן שכל נישט שלעכט באַנומען דאָס מענטשלעכע האַרץ, די מענטשלעכע נשמה? אפשר צו ערנסט גענומען זיינע מחשבות, וואָס שטיצן זיך אויסשליסלעך אויפן שכל? אפשר טאַקע פאַראַן חוץ דעם שכל עפּעס, וואָס האָט אַ באַדייטונג? אפשר איז זיין געוועזענער פּראָפעסאָר דאַ לונסאָ גערעכט געווען, ווען ער האָט אים געהאַט געזאָגט, אַז מ׳דאַרף קאָנען געפינען אין די צערעמאָניעס אויך אַ ביסל שיינקייט? אַממיינסטן גערעכט איז מסתמא געווען זיין מוטער. „מ׳מוז זיך צופּאַסן" — האָט ער מיט איריטאַציע איבערגעחזרט אירע ווערטער. צופּאַסן זיך באַדייט נאָכמאַלפּעווען. נו, וועט ער נאָכמאַלפּעווען. נישט ערגער ווי צו זיין אַ פאַרשטויסענער, אַ פאַר־שאָלטענער נע־ונדניק. סייווי דערגייט דערווייל נישט זיין פאַרשעריש ער געדאַנק אין ערגעץ, ער שרייבט זיי בלויז אַריין אין טאָג־בוך. זיין וואָרט איז פאַרשטומט, אָן אָן אָפּקלאַנג.

ער האָט יענעם טאָג אָנגעשריבן צו די רבנים אַ בריוו מיט אַ חרטה אויף זיין אויפפירונג, מיט אַן אַפּלייקענונג פון אַלץ, וואָס זיי האָבן געהאַט

געפאָדערט פון אים, און געבעטן צוריק אים אַריינצונעמען אין דער קהילה. נאָך פיל וויכוחים האָט מען דעם חרם אַראָפּגענומען פון אים. קיין לייטזעליקייט, קיין נשמה־רו האָט עס שוין אוריאלן נישט געבראַכט. זיין פאַרשעריש־קריטישער געדאַנק איז צו ווייט אַוועק צו קאָנען אים צוימען. די ווונדן האָבן זיך צו טיף איינגעשניטן צו קאָנען זיי פאַרהיילן. פאַר זיין אַלטן פראָפעסאָר האָט ער איבערגעחזרט וואָס ער האָט פאַרצייכנט אין זיין טאָג־בוך: „כ׳בין איצט אַ פּאַפּוגיי, איך חזר איבער וואָס די אַנדערע זאָגן". ס׳האָט געזאָלט באַדייטן — ער פּאַסט זיך צו. אין דער אמתן האָט ער זיך שוין נישט געקאָנט צופּאַסן. די שמשים, וואָס האָבן געהאַלטן אויף אים אַן אויג, האָבן דערשנאָפּט, אַז זיין נישט יידישער באַדינער האָט געקויפט נישט כשר פלייש. די זאַך איז צעפּויקט געוואָרן אין יידישן קוואַרטאַל. עטלעכע בית־מדרש־מענטשן זענען אים באַפאַלן אויפן גאַס.

— אויב וועסטו נישט אָפּהיטן אונדזערע הייליקע דינים, וועט מען דיך ווידער לייגן אין חרם, האָבן די רבנים אים געוואָרנט.

— זאָג צו, אַז פון היינט אָן וועסטו אָפּהיטן — האָט זיך אַן אַלטיטש־קער רב געבעטן ביי אים.

ער האָט געגעבן אַ צוזאָג מיט אַ מעכאַנישן שאָקל מיטן קאָפּ. די רבנים און פרנסים האָבן געוואָרט זיין אויפפירונג זאָל זיך פאַרבעסערן. דערוואַרט האָבן זיי זיך אין גיכן אויף אַזעלכעס, וואָס האָט זיי נאָך מער אויפגעבראַכט:

צוויי נישט־יידישע אַנטלאָפענע פון דער אינקוויזיציע האָבן געפונען אַ מקום־מנוחה אין אַמסטערדאַם. זיי האָבן אָבער נישט געפונען קיין נשמה־מנוחה, האָבן געספּקט אין דער ריכטיקייט פון דער קריסטלעכער רעליגיע און געזוכט אַן אָנשפּאַר אינעם יידישן גלויבן. פאַרן מגייר זיין זיך זענען זיי אַוועק צו אוריאל אַקאָסטאַ נאָך אַן עצה.

— דו ביסט געשטאַנען פאַרן זעלבן אויסוואַל, זאָג אונדז צי דער וועג, וואָס מיר ווילן אויסקלייבן איז אַ גוטער? — האָט איינער געפרעגט.

— דו ביסט שוין דאָס אַלץ דורכגעגאַנגען קאָנסטו אונדז געבן אַן עצה, צי מיר זאָלן יאָ אָדער נישט מאַכן דעם שריט פון וועלכן ס׳איז נישטאָ קיין צוריק? — איז צוגעשטאַנען דער צווייטער.

— ווייל איך בין שוין דאָס אַלץ דורכגעגאַנגען איז מיין חוב אייך צו וואָרענען, אַז מיטן גיור נעמט איר אויף זיך אַ גרויסן עול. און אויב דער עול וועט זיין איבער אייערע כוחות, אָדער אייך אויסזען נישט

נויטיק, אומזיניק, וועט איר אַריינפאַלן אין אַזאַ מלחמה מיט די רבנים, אַז דאָס וועט צעברעכן אייער לעבן.

אוריאלס וואָרענונג איז דערגאַנגען צו די רבנים און פּרנסים. דאָס מעסטל איז געוואָרן איבערפולט. מ'האָט געפאָדערט דער ווידערשפּעניקער זאָל אָפּריכטן תשובה. ער האָט אָפּגעזאָגט. דער חרם אויף אוריאל אַקאָסטאַ איז באַנייט געוואָרן. די שנאה צו אים איז געוואָרן שטאַרקער, פאַרבי־סענער.

דער אַלטער דאַ לונסאַ, צוקוקנדיק זיך פריער צו אוריאלס צעריסנ־קייט נאָך דעם ווי מ'האָט אַראָפּגענומען פון אים דעם חרם, האָט אים געהאַט געמוסרט און גלייכצייטיק געמוטיקט מיט אַזעלכע ווערטער:

— זע ווי מענטשן פון דיין שניט דינען איצט מיט זייער טאַלאַנט זייער פאָלק און אמונה. קוק דיך צו צו די געוועזענע מאַראַנען, די דיכטער פּאַוולאַ דאַ פינאַ, יעקב בעלמאַנטע, דוד אַבערטאַר מעלאַ. זיי האָבן נישט אַזוי פיל בילדונג ווי דו, נישט אין לאַטיין און נישט אין אונדזער הייליקן לשון קענען זיי אויסגיסן זייערע געפילן. באַזינגען זיי די ליידן פון זייערע ברידער אונטער דער אינקוויזיציע אין פּאָרטוגעזישע און שפּאַנישע פּערזן. וויפל וואָלסטו געקאָנט אויפטאָן מיט דיין וויסן און טאַלאַנט! וואַרף אַוועק דאָס מעסטן און וועגן אַלץ מיטן קאַלטן שכל!

איצט, ווען ס'האָט זיך אָנגערוקט אַ נייע געפאַר, האַרט פאַרן באַנייען דעם חרם, האָט דער אַלטער פּראָפעסאָר איבערגעחזרט זיין אַמאָליקע וואָרענונג:

— דו, וואָס באַווייזט כסדר, אַז ס'איז נישטאָ קיין גיהנום נאָכן טויט, וועסט חס וחלילה ווידער ברענגען אויף זיך דעם ערגסטן גיהנום שוין דאָ, ביי דיין לעבן.

ער האָט זיך נישט טועה געווען, דער אַלטער דאַ לונסאַ. אוריאל אַקאָסטאַס נאָמען איז ווידער געוואָרן אַן עבירה אַרויסצוברענגען פאַרן מויל. די פאַרפאָלגונגען זענען געגאַנגען האַנט ביי האַנט מיט דער פאַראיינזאַמ־קייט. די פריערדיקע קינדער, וואָס פלעגן אים נאָכלויפן, זענען דער־וואַקסן געוואָרן און פאַרטריבן אים פון אומעטום, ווו ער האָט זיך באַוויזן. אַנדערע קינדער זענען אונטערגעוואַקסן און נאָכגעשריען אים, נאָכגעוואָרפן שטיינער. די עלנטקייט איז ווי אַ דאַמאָקלעס־שווערד ווידער געהאַנגען איבער זיין קאָפּ, אָט־אָט לאָזט זי זיך אויף אים אַראָפּ, דערמימתט אים. זיינע האָר זענען ווייסער געוואָרן, די פּלייצע מער איינגעבויגן, דאָס פּנים האָט יעדן טאָג מער אַרויסגעצויגן אויף זיך די פריצייטיקע עלטער.

דער שלאָף האָט אים גענצלעך פאַרלאָזט. די שלאָפלאָזיקייט האָט געבראַכט אַ משונהדיקן רויש אין קאָפּ. ער איז פון צייט צו צייט אַריינגעפאַלן אין אַ מעלאַנכאָליע. אָבער אויך אין אַזעלכע צייטן האָט ער נישט אויפגעהערט צו שפּינען זיינע געדאַנקען און פאַרצייכענען זיי. די פּעדער און דאָס טאָג־בוך וועלכן ער האָט אָנגעטרויט זיינע מחשבות, זענען ווידער געוואָרן די איינציקע זאַכן, וואָס האָבן אים געבונדן מיטן לעבן, מיט דער וועלט.

אַזוי האָט ער ווידער פאַרבראַכט אין פאַרשטויסנקייט קאַרגע 6 יאָר. ס׳האָט זיך אָבער אָנגערוקט אַ נייע געפאַר: די ברידער האָבן אים געדראָט אויסצושליסן פון פאַרמעגן, אָפּצושניידן זיין טייל איינקונפטן פון די געשעפטן; צו דער מגפה פון איינזאַמקייט וועט צוקומען די מגפה פון שוואַרצער נויט. ווי אַזוי זיך ראַטעווען פון ביידע מגפות? ווו זוכן אַן אָנשפּאַר? זאָל ער אַנטלויפן אין דער קריסטלעכער געמיינשאַפט? יאָ, ער קען זיך שוין פאַרשטענדיקן אין איר היגער שפּראַך, ער האָט זיך דורך דער צייט אויסגעלערנט האָלענדיש. אָבער ער וויל נישט פאַרלאָזן די יידישע עדה. ער איז איין מאָל פאַר אַלע מאָל אַנטלאָפן פון דער קריסטלעכער וועלט. ער איז אַ ייד און וויל בלייבן אַ ייד. אַ ייד צווישן יידן. נישטאָ דאָ צווישן זיי קיין גערעכטיקייט, קיין רחמנות, קיין שום מענטשלעך געפיל פאַר דעם, וואָס מאַלפּעוועט זיי נישט נאָך, אָבער ער וויל זיי נישט פאַרלאָזן, זיי זענען זיינע ברידער. און אויב ער קאָן זיי נישט פאַרלאָזן, מוז ער זיך ווידער אונטערגעבן, בעטן מחילה און טאָן תשובה, אַזוי ווי זיי פאַרלאַנגען דאָס. ער מוז, ער קאָן נישט אַנדערש, ווייל ער מוז דערפילן אַ מענטשלעכע וואַרעמקייט, דערהערן אַ ברידערלעך וואָרט.

די רבנים זענען זיין בקשה אַנטקעגנגעקומען, בתנאי ער זאָל טאָן תשובה, אַזוי ווי זיי פאָדערן. אוריאל אַקאָסטאַ, אַ צוזאַמענגעבראָכענער, אַ באַפאַלענער אין דעם מאָמענט פון אַ מעלאַנכאָליע, האָט נישט געפרעגט אין וואָס זיין תשובה טאָן וועט באַשטיין. זיין גאַנץ וועזן האָט געלעכצט פּטור צו ווערן פון דער עלנטקייט, צוריק אַריינגענומען צו ווערן אין דער יידישער עדה.

**
*

די שיינע פּאָרטוגעזישע שול, די גרעסטע פון די דריי אויסגעבויטע שולן אינעם יידישן קוואַרטאַל, וואָס איז אים געהאַט צוממיינסטן צוגעפאַלן צום האַרץ, איז איבערפולט געווען פון מענער און פרויען. אוריאל

אַקאָסטאַ, אָנגעטאָן אין שוואַרצן, איז אַריין אינעווייניק מיט אַ שוואַרצער ליכט אין האַנט. אין דער צווייטער האַנט האָט מען אים אַריינגעשטעקט זיין ווידוי, וואָס די רבנים האָבן צוגעגרייט. מ׳האָט אים אַרויפגעשיקט אויפן בעלעמער און באַפוילן בקול רם צו לייענען. ער האָט זיך אויס־געגלייכט, אויפגעהויבן דעם קאָפּ, מיט פאַרנעפּלטע אויגן אַרומגעכאַפּט דעם געדיכטן עולם אַרום זיך, כדי איבערצוברעכן אין זיך די דערני־דערונג, די פאַרשעמטקייט, וואָס האָבן אים פון שטענדיק אָן אויסגעזען ווי די ערגסטע שטראָף פאַר אַ מענטשן. ער האָט געלייענט רואיק, גע־לאַסן, מודה זייענדיק זיך, אַז ער פאַרדינט טויזנטערליי שטראָפן פאַר זיינע חטאים, צוזאָגנדיק אויסצופירן אַלץ, וואָס מען וועט פאָדערן פון אים. ווען ער האָט פאַרענדיקט האָט דער רב אים איינגערוימט אין אויער ער זאָל אָפּגיין אין אָנגעוויזענעם ווינקל אין שול. דער שמש, וואָס האָט גע־וואַרט אויף אים, האָט אים באַפוילן זיך אויסצוטאָן ביזן גאַרטל און אַרומגעבונדן אים דעם קאָפּ מיט אַ טוך. דער שומר האָט צוגעבונדן זיינע הענט צו אַ זייל. דעמאָלט האָט דער שמש גענומען דעם צוגעגרייטן קאַנ־טשיק און דערלאַנגט דעם צוגעבונדענעם 39 שמיץ איבערן נאַקעטן לייב. בעתן שמייסן האָט דער רב געלייענט דעם פּסוק לח־לט פון קאַפּיטל תהילים עח. דאָס סווישטשען פונעם קאַנטשיק און דאָס ציילן די שמיץ האָבן זיך אויסגעמישט מיט די ווערטער פון תהילים: „נאָר ער איז אַ דערבאַרעמער פול מיט רחמנות, ער איז מכפר אויף זינד, און ברענגט נישט אום, און ער האַלט אַ סך אָפּ זיין כעס, און דערוועקט נישט זיין גאַנצן גרימצאָרן. ווייל ער האָט זיך דערמאָנט, אַז זיי זענען נאָר פליש, אַ הויך וואָס פאַרגייט און קערט זיך נישט אום צוריק״.

אַ פאַרבלוטיקטער האָט זיך דער בעל־תשובה אַוועקגעזעצט אויף דער ערד. דער רב האָט מיט פייערלעכע ווערטער אַראָפּגענומען פון אים דעם חרם. אוריאל האָט אָבער דעם רבס רייד שוין נישט געהערט. ער איז ווייטער געזעסן אַ פאַרבלוטיקטער אויף דער ערד.

— קאָנסט אויפשטיין און זיך אָנטאָן, ביסט פריי פון חרם, — האָט דער שמש אַריינגערעדט אין אים.

ער איז אויפגעשטאַנען, אָנגעטאָן זיך און געלאָזט זיך פירן צום שוועל. דער שמש האָט אים געהייסן זיך אַוועקלייגן. ער האָט אונטער־געהאַלטן זיין קאָפּ. די פאַרזאַמלטע זענען איינציקווייז אַריבערגעגאַנגען איבער אוריאלס קערפּער. דער און יענער האָט נאָכן אַריבערשפּרייזן געגעבן אים אַ שטויס מיטן פוס, אַנדערע האָבן שטאַרקער אָנגעטראָטן

מיטן פוס אויף אים. די לעצטע האָבן אַריבערגעשפּרייזט איבער אים זיינע צוויי ברידער.

אוריאל איז אויפגעשטאַנען, אָפּגעווישט פון זיך דעם שטויב, דורכגעגאַנגען דעם הויף און אַרויס פון טויער. אַרום זענען געשטאַנען בינטלעך מענטשן. ער האָט אָבער קיינעמען נישט געזען. אויסגעגלייכט, ווי ער איז שוין לאַנג נישט געווען, דעם קאָפּ פאַרריסן צו די הימלען, נאָר דאָס פּנים געלבלעך־ווייס ווי ביי אַ טויטן, האָט ער געטראָטן מיט אַ געמאָסטער דרייסטקייט און אַוועק צו זיך אין זיין פאַראייגזאַמטן הויז.

אַ צעווייטיקטער, אַ טויט־מידער האָט ער זיך געוואָרפן אויפן בעט. די צעקאַטעוועטע פלייצע האָט אָנגעהויבן שטעכן, ברענען. דער פאַרשאַרפטער ווייטיק האָט פאַרגרעסערט די דערנידערונג. ס׳האָט אים אַראָפּגעיאָגט פון בעט. ער איז צו צום שרייב־טיש, אויפגעעפנט דעם שופלאַד, אַרויסגעצויגן זיין פּיסטאָלעט און באַטראַכט אים. ניין, נאָך נישט איצט, ער האָט נאָך וואָס צו פאַרשרייבן, זאָל די געשיכטע פון זיין לעבן, די פּאַסירונג פון היינטיקן טאָג, פאַרבלייבן פאַר דור דורות.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט און גענומען זיך צום שרייבן. פון דער פעדער האָבן זיך פון זיך אַליין אַראָפּגעגליטשט ווערטער: „דאָס העכסטע געבאָט פון יעדן מענטש איז צו אַכטן און ליב צו האָבן זיין מיטמענטש ווי אַנדערש יענער זאָל נישט זיין, שוין בלויז דערפאַר, וואָס דער אַנדערער איז אויך אַ מענטש. דאָס, וואָס האָט היינט פּאַסירט איז...״.

אַ שטאַרק קלאַפּן אין טיר האָט אים איבערגעריסן דאָס שרייבן. ער האָט אָנגעשטעלט די אויערן. דאָס קלאַפּן האָט זיך איבערגעחזרט, שטאַרקער געוואָרן. ער האָט מיט שטילע טריט זיך דערנענטערט צו דער טיר, אויפגעכאַפּט זיין אַלטן פּראָפעסאָרס צעקלעמטע ווערטער:

— אוריאל, אוריאל, דאָס בין איך, דאַ לונסאַ, איך מוז מיט דיר רעדן, עפן, עפן.

ער האָט נישט געעפנט, האָט בלויז אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אין דער טיר.

— שטויס מיך נישט אָפּ, ווי איך האָב פריער דיך אָפּגעשטויסן, איך בין אויך שולדיק, איך מוז דיך איצט זען, איך בעט דיך, רוף דיך אָפּ.

ער האָט זיך נישט אָפּגערופן. דורכן האַלדז האָט קיין שום וואָרט נישט געוואָלט דורכגיין. זיינע אויגן, פאַרצויגן מיט אַ נעפּל פון טרערן, האָבן אָפּגעזאָגט צו זען אַ מענטש. ער האָט זיך אומגעקערט צום טיש און גענומען זיך צום שרייבן אין לאַטיין זיין אויטאָביאָגראַפישן חיבור.

ער האָט אויפגעשריבן דעם טיטל פול מיט בייסיק־איראָנישער אַנדײַ־טונג: „אַ מוסטער פון אַ מענטשלעכן לעבן", האָט מיט אַלע פּרטים באַשריבן די לעצטע פּאַסירונג אין דער פּאָרטוגעזישער שול, זיין מתודה זיין זיך, דאָס דערלאַנגען אים 39 שמיץ „מיט אַ בייטש" און דאָס איבער־טרעטן איבער אים ביי דער שוועל.

ער האָט זיך געאיילט, געשריבן בייטאָג און בייננאַכט, נישט באַגערט צו פאַרלענגערן דאָס לעבן, נייערט באַגערט נאָך אויסצוגיסן אויפן פּאַפּיר זיינע געדאַנקען און דורכצופירן דעם לעצטן חשבון מיט די רבנים און פּרנסים: „זיי רויבן אַוועק פון מענטשן די פרייהייט און די ווירדע, איך וויל פאַרטיידיקן די מענטשלעכע ווירדע און פרייהייט. איך האָב אומאויפ־הערלעך און אומבויגזאַם געקעמפט פאַר דעם אידעאַל פון אמת און גע־רעכטיקייט און דערמיט פאַר אַ גערעכטער יהדות. זיי ווילן אַנוואַרפן מענטשן אַ שקלאַפעריי, איך האָב געקעמפט פאַר די נאַטירלעכע רעכט פון מענטשן, קעגן צוואַנג און פאַראורטיילן".

אין אַ טריבן טאָג האָט ער פאַרענדיקט דאָס שרייבן. ס'איז געווען פרילינג, אַפּריל 1640. דער הימל איז אָבער באַצויגן געווען מיט וואָלקנס ווי מיט אַ געדיכטן גרויעם שפּינוועבס. אוריאל האָט נאָך געבענקט נאָכן בלויעם, זוניקן הימל אין זיין געבוירן־לאַנד. זיינע ליפּן האָבן גע־ציטערט ווי פון פראַסטיקער קעלט. ער האָט ביים פענצטער פאַרריסן דעם קאָפּ צום הימל און שטיל געמורמלט: „ווו איז זי, די זון? ווו האָט זי זיך אויסבאַהאַלטן פאַר מיר? אפשר וועט זי פאַרט שיינען ווען איך וועל שוין דאָ נישט זיין".

ער איז צו צו זיין שרייב־טיש און גענומען אין האַנט דעם פּיסטאָלעט. זיינע בליקן זענען געפאַלן אויף זיין שטול. זי האָט אים דערמאַנט, אַז די קניען ברעכן זיך אים אונטער פון מידקייט. זאָל ער שטאַרבן זיצנדיק? ליגנדיק אויפן בעט? ניין, שטייענדיק. ער האָט צום לעצטן מאָל געכאַפּט אַ קוק צום פענצטער, באַגערט נאָך צו דערזען ווי די זון גיט אַ שיין. דער הימל איז אָבער ווייטער פאַרבליבן אַ גרוי־בלייערנער. ער האָט צוגעלייגט דעם פּיסטאָלעט צום קאָפּ, אַ צי געטאָן דאָס צינגל. ער האָט גוט געצילט. אוריאל אַקאָסטאַ איז געפאַלן אין זיין איינזאַמען הויז אַ טויטער ווי אַ דעמב, וואָס מ'האָט אונטער.

II

מיין שוועסטער מנוחה, דער 24-יאָריקער מאָלערין,
אומגעבראַכט דורך די נאַציס — געהייליקט.

דריי שוועסטער

זי האָט נישט באַמערקט ווי ס׳איז פינצטער געוואָרן. די קילקייט האָט זי אויפגעמונטערט און אַראָפּגעטריבן פון דער באַקוועמער ליג־שטול. דער איבערגאַנג פון טאָג צו אָוונט איז דאָ אַ האַסטיקער, אַן אַ בין־השמשות. נאָר וואָס איז דער הימל געווען לויטער בלוי, פאַרצויגן מיט ווייסע קעסטעלעך. די זון אַ צעפּלאַמטע, שפּריצנדיק מיט גאָלדענע פונקען, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צום האָריזאָנט און אין איילעניש זיך פאַרנורעט אין די ים־כוואַליעס. זי פאַרשווינדט מיט איין מאָל, די זון. דער אָוונט שטויסט מיט אימפּעט אַרויס דעם טאָג. די אָוונטיקע פינצ־טערניש וויקלט איין די כרמל־בערג. ביי זייערע פיס ליגט איצט אין פאַרגליוּוערטן טונקל־בלוי דער ים. חיפה האָט זיך אָקערשט אויסגעצירט אין נאַכטיקע ליכט־צירונגען.

נינע שטייט אויף דער גרויסער, אָפענער וועראַנדע און קוקט גיריק אַרום זיך. דאָ קוקט זי אויפן ים, דאָ אויף דער אויסגעצירטער אין נאַכט־ליכטער שטאָט. דער פערטער שטאָק הייבט זיך דאָ אויף העכער פון די כרמל־בערג. זי שטייט דאָ אָפּ צייטנווייז שעהן־לאַנג. חיפה כישופט אויס ביינאַכט אַזאַ רייצנדיקע שיינקייט, ס׳שמידט צו דאָס אויג. אַ שלל מיט פייערלעך פון אַלע קאָלירן און ניואַנסן גלאַנצן און שימערירן; טיילמאָל זעט עס נינען אויס ווי אַ גיגאַנטישע בראָש אויסגעשטיקט מיט פאַרביקע איידלשטיינער. און די סאַפּירן־שמאַראַגדן־פייערלעך ווינקען, שמייכלען, טרילן שטיל־שטילע ניגונים, די ברייטע גאַמע פון ליכט־קאָלירן פאַרשפּינט זיך מיט אַ סימפאָניע פון ליכט־קלאַנגען.

„קאָליר איז ליבשאַפט״, האָט איר נישט איין מאָל געזאָגט לאהלע, די שוועסטער די מאָלערין. „געזאַנג איז אויך ליבשאַפט״, האָט זי פאַר־זיכערט, בעת זי האָט, פאַרנדיק זיך מיטן פענדזל אָדער בלייפעדער, אויסגעטריליעט ניגונים. און ליבשאַפט דערוואַרעמט דאָס האַרץ, פאַר־טרייבט אומעט. פאַרוואָס־זשע איז איר איצט אַזוי שווער אויפן האַרץ?

פאַרוואָס איז איר באַפאַלן אַזאַ אומעט און עלנטקייט? איז זי דען נישט אַרומגערינגלט מיט ליבשאַפט, מיט איבערגעגעבנקייט? צי דערפאַר וואָס עס זעט איר אויס אַזוי ווייט פון די לענדער, ווו זי האָט געלאָזן טיילן פון זיך גופא, ווי אָפּגעריסענע גלידער פון איר לייב? אפשר אויך דערפאַר וואָס זי קאָן מיט זיך אַליין נישט דורכקומען?ביידע שוועסטער טענהן כסדר אין איר אַריין: חנא, דער שוואָגער, שטייט נישט אָפּ, באַווייזט שוואַרץ אויף ווייס, אַז... אַז...

די שוועסטער האָבן שוין געדאַרפט דאָ זיין, פנינהן האָט מסתמא ווידער עפּעס פאַרהאַלטן אין קיבוץ. הלוואי זאָל זי נישט קומען. זי איז היינט נישט בכוח. זינקע און מיכאל פאַרלאָזן זי היינט נישט; דעם גאַנצן טאָג שוועבן זיי איר פאַר די אויגן. אפשר וועט פנינה היינט נישט קומען. אָבער מרים קאָן באַשטיין איר שטעטל אַליין. ביי איר, מרימען, איז שוין אָפּגעמאַכט. „מ׳דאַרף, זאָגט זי, צייטנווייז עמעצן אַ שטויס טאָן״. שוין אפשר בעסער זיי זאָלן זיין אַלע דריי, אַזוי ווי זי, נינע, גופא האָט פאַרגעלייגט.

***

אַמאָל זענען זיי געווען פיר. די פערטע שוועסטער איז מיט טאַטע־מאַמע פאַרבליבן אין טרעבלינקע.

די דריי זענען נישט ענלעך צו זיך. די פערטע שוועסטער איז אויך צו קיינער פון זיי נישט ענלעך געווען, ווי נישט פון איין טאַטע־־מאַמע. זייערע ביאָגראַפיעס זענען אויך נישט קיין ענלעכע, כאָטש זיי האָבן זיך געהאָדעוועט אין דער זעלבער וואַרעמער היים, געוווינט פון קינדווייז אָן ביז דער רייפער יוגנט אין איין געררומען צימער.

פנינה, די עלטסטע, אַ פעסט־געבויטע, מיט גערדיכטע טונקעלע קאַשטאַן־האָר און אַ פול, וואַרעם פנים, איז געווען אַ חלוצה; די שלאַנקע, צאַרטע מרים מיט די פלאַקס בלאָנדע לאָקן — אַ בונדיסטקע; די דראַבנע קוועקזילבערדיקע נינע איז צו 15 יאָר געוואָרן אַ קאָמיוגיסטקע; די פאַרחלומטע לאהלע מיט די סאַמעט־שוואַרצע אויגן און כוואַליעס טונקעלע האָר, וואָס האָבן איינגעראָמט דאָס פנים, האָט פון קינדווייז אָן יעדעס שטיקל פּאַפּיר, אַלץ וואָס איז איר אונטערגעקומען אונטערן האַנט, „פאַר־פּאַטשקעט״ מיט אַ בלייפעדער, אָדער מיט אַ שול־פאַרב — אַ מאָלערין. איר גאַט איז געווען די מאָלעריי. פון איר מאָלעריי, ווי פון איר גופא, איז קיין זכר נישט פאַרבליבן.

די שוועסטער פלעגן זיך אַמפּערן, איינע די אַנדערע געוואָלט אַריבערציען אויף איר צד. ווען דער טאַטע דער וואַלד־סוחר איז אין שטוב נישט געווען, האָט זיך דער דאַך געהויבן פון די אַמפּערנישן. לאהלע האָט דעמאָלט צוגעטראָגן איר חלק מיט אַן אויסגעזונגענעם ניגון. פּירנדיק מיטן בלייפעדער אָדער פּענדזל איבערן בלאָק־פּאַפּיר, האָט זי אין אַזעלכע פאַלן אונטערגעזונגען שטאַרקער ווי געווײנלעך.

די היציקסטע איז געווען נינע. זי האָט געאַרבעט מעַשים צו דער־ווייזן, אַז מען דאַרף ראשית כל אַ סוף מאַכן צו אומגערעכטיקייט, איינ־פירן יושר. קיין געדולד צו וואַרטן האָט זי נישט געהאַט. אַ גוט האַרץ האָט זי יאָ געהאַט און אָנגעהויבן איינפירן יושר אַרום זיך. פאַר דער קליינער באַשקע דער וועשערינס און אירע צוויי שטענדיק הונגעריקע ברידערלעך האָט זי אַרויסגעטראָגן פון שטוב, וואָס ס׳האָט זיך געלאָזט, צומאָל גאַנצע לעבלעך ברויט. די שוועסטער האָבן זי פאַר דער מאַמען נישט אויסגעגעבן, נייערט אין דער שטיל איר געגעבן צו וויסן, אַז זי טראָגט אַרויס נישט אירס. זי פון איר זייט, האָט גלייך אויף דער הייסער מינוט זיי געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ס׳איז נישט רעכט זיי זאָלן האָבן צו עסן צו דער זעט און דער וועשינס קינדער זאָלן נישט דערעסן. ביי די אָוונטיקע דיספּוטן אין זייער פאַרמאַכט צימער האָט זי די שוועס־טער אויסגערעכנט אַלע עוולות קעגן דעם קליינוואַרג פון באָד־געסל, וואָס זי, נינע, האָט געלערנט האַלטן אַ פּען אין האַנט.

— פון אייערע אַלע שיינע טעאָריעס וועט קיין ברויט און קיין שול פאַר די אָרעמע קינדער נישט זיין.

צוממיינסטן האָט זי אָנגעטראָטן דערמיט מרימען אויף די היגער־אויגן. מרים איז איר נישט געבליבן שולדיק. אויך פנינה „די שווייגערקע״ האָט דעמאָלט באַקומען לשון, פאַר איין וועגס האָט זי אויך אַריינגעזאָגט עטלעכע ווערטער מרימען.

די אַמפּערנישן האָבן אויפגעהערט, ווען די שוועסטער האָבן זיך צעשיידט. די ערשטע איז פון דער היים אַוועק פנינה. צען יאָר פאַר דער מלחמה, אַן וויסן פון די עלטערן, געלאָזט זיך אין אויסגעטרוימטן, ווייטן לאַנד מיט אירע צוואַנציק יאָר און ליידיקע הענט. מרים האָט קעגן ווילן פון די עלטערן געוואָרט ביז איר באַשערטער וועט ענדיקן מעדיצין און ערשט דעמאָלט חתונה געהאַט. די ייִנגסטע איז אַוועק אין דער הויפּט־שטאָט אין אַ קונסט־אַקאַדעמיע. נינע איז אין גיכן אַרויס

פון גימנאַזיע מיט אַן אויסצייכענונג און באַלד דערנאָך אַריין אין תפיסה. דערנאָך האָט די מלחמה זי פאַרטראָגן ווייט.

נינע איז צוריקגעקומען מיטן פוילישן מיליטער אין אַן אָפיצירן־מונדיר. אין באַפרייטן לאַנד קיינעמען פון דער משפחה נישט געפונען. ווי אַזוי האָט זי זיך אויסגעמיטן מיט מרימען? נינע האָט זיך נישט געקאָנט מוחל זיין; מסתמא שלעכט זי געזוכט; זי איז דאָך אַוועקגעפאָרן קורץ נאָך איר אָנקומען. אויף דער שוועסטער אויך פאַרדרוס געהאַט. וואָס איז געווען דאָס איילעניש?

מרים איז געקומען פון לאַגער, אַוועק מיט האַרץ־קלאַפעניש צום טאַטנס וואַלד־וועכטער, מיט טרערן אין די אויגן אָפּגענומען איר 4־יאָריקן זון און ווי גיך מ׳האָט געקאָנט, געלאָזט זיך אין וועג צו דער עלטערער שוועסטער. אַזוי האָט זי זיך צוגעשווירן אין אוישוויץ: אויב זי וועט לעבן בלייבן, אויב זי וועט אָפּגעפינען איר קינד, וועט זי מער אויף דער־אָ ערד נישט טרעטן. פנינה פון איר זייט האָט איינגעלייגט וועלטן אַראָפּצוברענגען די, וואָס זענען לעבן געבליבן.

*****

אין לוד האָט געוואָרט בלויז מרים. זי האָט נינען דערקענט, נינע זי נישט. זי איז קלענער געוואָרן מרים. אירע האָר האָבן פאַרלוירן דעם גינגאָלד, די געדיכטע לאָקן האָבן באַקומען אַנדערע ליניעס, אויפן פנים אַן אַנדער שמייכל, נישט דער אַמאָליקער, אָפענער; איצט איז ער אַן אויפגעצווונגענער דער שמייכל אירער. די אַמאָליקע דעליקאַטע אַברי־קאָזן־הויט איז דורכזיכטיק, אונטער די אויגן, ביים מויל קנייטשט זי זיך שוין.

זי האָט נינען געבראַכט צו זיך אין שטוב. אויפן כרמל. די שוועס־טער האָבן ווידער געקוקט אויף זיך און די ליפּן זייערע האָבן געציטערט. זיי האָבן אויפן וועג זיך שוין געהאַט אויסגעפרעגט, זייערע רייד זענען געווען צעהאַקט, צעריסן. נינע האָט אויסגעמיטן צו פרעגן ווי אַזוי און ווו ס׳איז אומגעקומען דער שוואָגער, דער יונגער דאָקטער. וועגן זון האָט זי געוווּסט, זיי האָבן אָבערביידע אויסגעמיטן צו רעדן וועגן אים. זייערע אויגן האָבן מער דערציילט ווי די מיילער.

נינע האָט אָנגעהויבן אַרומקוקן זיך אין דער וווינונג. ס׳האָט זיך איר געוואָרפן אין די אויגן דאָס גרויסע פאָטאָגראַפישע בילד אויבנאָן אויפן וואַנט. אַ שמייכלענדיקער בחור מיט פייערדיקע אויגן, מיט צע־

פּאַטלטע געדיכטע האָר אויפן קאָפּ. צום בילד האָבן זיך געצויגן פון אַלע זייטן לאַנג־בלעטערדיקע זאַפטיק־גרינע פלאַנצן, וואָס זענען געקראָכן איבער דער גאַנצער וואַנט. נינעס בליקן האָבן זיך אָנגעהאַנגען אויפן בחור. זי האָט זיי אָפּגעריסן און זיי האָבן זיך ווידער דיסקרעט געוואָנדן צו דער באַפלאַנצטער וואַנט. מרים האָט קעגן איר ווילן געפרעגט:

— דערקענסט אים?

זי האָט זיך באַלד אַליין געענטפערט:

— ווי קאָנסטו אים דערקענען...?

זי האָט געטראָפן. נינע האָט נישט דערקענט, אָבער אַזאַ פּנים איז איר פּאָרט באַקאַנט געווען. זאָל דאָס זיין דער טאַטע, צי דער זון? מרים, ווי זי וואָלט געפילט אירע ספקות, האָט איר אַרויסגעהאָלפן.

— ער איז שטענדיק אין גאַנצן ענלעך געווען צו זיין טאַטן.

נינע האָט שטומערהייט געשאָקלט מיטן קאָפּ. זי האָט געקוקט אויפן בילד און אין דמיון איז אויפגעשווומען דער יונגער שוואָגער. מיט וואָסער מיתה משונה איז ער אומגעקומען? זי האָט געהערט זאָגן, אַז ער האָט אָנגעפירט מיט אַן אונטערערדישער קאַמפּס־גרופּע, ער זאָל האָבן אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער געשטאַפּאָ, מ׳זאָל אים האָבן אויפגעהאַנגען שוין אַ פאַרפייניקטן. אַזוי צי אַנדערש, זי וועט נישט פרעגן.

מרים האָט ווידער אויפגעכאַפּט נינעס בליקן געוואָנדענע צום וואַנט. ווערטער האָבן זיך אַרויסגעקייקלט פון איר האַלדז ווי שטיינער, אָפּגעטעמפּטע קלאַנגען, ווי זי וואָלט געוואָלט זיי זאָלן נישט דערגיין צו דער שוועסטערס אויערן. זי האָט זיי אַרויסגעזאָגט ווי פאַר זיך אַליין:

— אַרויסגעריסן אים פון יענע מערדער און אַ קויל האָט אים דאָ געטראָפן. איך האָב אומעטום... מיר האָבן... מיר מוזן אומעטום צאָלן... אויך דאָ מיט יונגע לעבנס פאַר...

זי האָט אָפּגעהאַקט. געגומען זיך מיט גיכע באַוועגונגען גרייטן צום טיש. נינע האָט נישט געוווּסט וואָס מיט זיך צו טאָן. זי איז צוגעגאַנגען צו דער קליינער קאָמאָדע, גענומען אין האַנט אַ שיינעם אַלבום.

— לאָז דאָס איצט. אַלץ ער. ער איז דאָ אומעטום, שטענדיק מיט מיר צוזאַמען.

— האָסט מיר געהאַט געשריבן, אַז פנינה שטעלט אין שטוב מצבות, דענקמעלער...

— כ׳האָב זיך דעמאָלט, מיט אַזוי פיל יאָרן צוריק, נישט געריכט, אַז אויך איך וועל אַזוי טאָן. מיר האָבן פנינהן נישט געקענט. זי איז

שטאַרקער פון מיר. אירער איז אַוועק פּאַרטיידיקן דאָס לאַנד צו 17 יאָר, אַליין זיך אַנגאַזשירט, ווען זיין פּאָטער איז שוין געווען מאָביליזירט. חנא איז אָפּגעקומען מיט אַ קויל אין פוס. אַזוי האָבן מיר באַצאָלט פּאַרן שטיקל ערד, פּאַרן רעכט צו האָבן אַ שטיקל אָרט אונטער דער זון. און ווער ווייסט וויפל מ׳וועט נאָך דאַרפן...?

זי האָט נישט פאַרענדיקט, געכאַפּט זיך, אַז די רייד פּאַסן זיך נישט צו דער אויפנאַמע פאַרן גאַסט. זי האָט אָנגענומען די שווייגנדיקע שוועס־טער פאַר דער האַנט, מיט אַ מאַמעשן, אומעטיקן שמייכל אָנגעהויבן זיך פּאַרענטפערן:

— אַ נאַרישע פּלאַפּלערין געוואָרן. אַנשטאָט דיר צו ווייזן וואָס ס׳לוינט זיך צו זען — קום בעסער זען די פּאַנאָראַמע. קוק — האָט זי פּלוצלינג אויסגעשטרעקט די האַנט און געוויזן דורך דער אָפענער טיר פונעם באַלקאָן — האָסט שוין געזען אַזאַ פּראַכט? און דאָס איז אונדזערס. עס לאָקערן נאָך געפאַרן, מ׳וואָלט עס אונדז גערן אַוועקגענומען, ס׳פעלן אויך נישט קיין אייגענע אויסקרומעניש, נאָר דאָס שטיקל ערד וואָלט איך נישט אויסגעביטן אויף קיין שום גוט איינגעפונדעוועט לאַנד. ס׳איז מיין היים. כ׳בין דאָ ביי זיך.

זיי האָבן זיך געזעצט צום טיש. מרים האָט אָנגעגאָסן קאַווע און נינע האָט ערשט איצט דערזען אויף איר אָרעם די אויסגעקריצטע ציפערן, אָנגעהאָנגען די אויגן אויף זיי, ווי זי וואָלט געוואָלט אַרויסלייענען פון זיי דאָס, וואָס די שוועסטער האָט איר נאָך נישט דערציילט. מרים האָט אויפגעכאַפּט אירע דיסקרעטע בליקן:

— מענטשן מיט אַזעלכע צייכנס אויפן אָרעם וועסטו דאָ טרעפן נישט ווייניק. אויך די אָן די צייכנס זענען נישט ווייניק אויסגעשטאַנען, זיי זענען אַנטלאָפן, ווי יתומים פון אַ שלעכטער שטיפמאַמע, כאַטש זייערע אור־אור־עלטערן האָבן דאָרט געלעבט. וועסט זיך דאָ אָנטרעפן אויף מענטשן פון די פאַרוואָרפנסטע ווינקלען, אויף פאַרשידענע מנהגים, זיטן. נישט אַזוי פּשוט מיט דעם אַלעמען, לייכטער צו ענדערן די ווילדע נאַטור, ווי די נאַטור, די געוווינהייטן פון אַ מענטש. נאָר שרעק דיך נישט. אַ מענטש קאָן מען פאָרט לייכטער איבערפלאַנצן ווי אַ געוויקס. יעדערער פלאַנצט זיך אַריין אין היגן באָדן אויף זיין אייגענעם אופן. דו וועסט אויך. אומזיסט דיין שרעק. דיין אָרט איז דאָ. וועסט טאָן ווי דו פאַר־שטייסט, איך זאָג בלויז וואָס איך טראַכט; נאָך דעם וואָס ס׳איז דאָרט ווידער געשען. האָסט דאָרט אָפּגעגעבן אַלע כוחות. גענוג זיך צו וואַל־

גערן איבער דער וועלט, אומעטום צו זיין אַ פּרעמדע, אין בעסטן פאַל זיין טאָלערירט.

נינע איז געזעסן אַ שווייגנדיקע, אַ געפּלעפּטע: דאָס איז זי, איר שוועסטער מרים? זי האָט געזוכט אין איר, פּונקט ווי זי זוכט אין זיך גופא, עפּעס פון אַמאָל. זייערע בײדנס אַמאָליקע וועלטן זענען אונטער־געגאַנגען, ביי יעדערער פון זיי אַנדערש. מרים האָט פאַרט געפונען אַן אַנהאַלט, זי, נינע, הענגט אין דער לופטן. אַמאָל האָט זי מרימען פאַרשאָטן מיט רייד. איצט גייען קיין ווערטער דורכן האַלדז נישט דורך. וואָס זאָל זי איר זאָגן? וואָס דערציילן? זי האָט זיך אַנגענומען מיט כוח:

— לאָמיר איצט נישט רעדן וועגן מיר, כ׳וויל קודם וויסן וואָס ביי דיר, האָסט אַזוי ווייניק געשריבן וועגן זיך, וועגן דיין אַרבעט.

— וועגן מיין אַרבעט?

מרים האָט געכאַפּט אַ קוק אויפן האַנט־זייגערל, מיט איין שלונג פאַרענדיקט טרינקען די קאַווע.

— האָסט מיר דערמאָנט, כ׳האָב צוגעזאָגט צו קומען צו דער אַר־בעט כאָטש אויף עטלעכע שעה; ס׳איז אין „עזרה". יונגע מיטאַרבעטער, עטלעכע נייע עולים אויך; מ׳דאַרף זיין לעבן זיי, צוזוייזן, צוגעוווינען, אויפקלערן, כאָטש זיי זענען דורכגעגאַנגען אַ שולע. דו ווייסט מסתמא וואָס דאָס איז אַ מענטשלעכע באַציאונג צו אַ נויטבאַדערפטיקן מענטש? מ׳דאַרף קאָנען אויסהערן, האָבן אַ גוט וואָרט פאַר אים, די שטיצע איז נישט אַלץ. איך זע מיר געגוג אָן. און זע מסתמא נישט אַלץ. ס׳פעלן נישט קיין נויטבאַדערפטיקע. כ׳בין צופרידן וואָס כ׳האָב אַזאַ באַשעפטי־קונג. די אַרבעט דאַרף מיך, איך דאַרף אָבער אויך די אַרבעט. ווען די ערד האָט זיך ווידער אַ טרייסל געטאָן אונטער די פיס בין איך ווידער געוואָרן אויסגעהוילן. מיט וואָס וואָלט איך פאַריאָגט די וויסטעניש אין זיך? אַז אַ מענטש ווייסט ער איז עמעצן נויטיק, איז לייכטער איבערצו־טראָגן דאָס גרעסטע אומגליק. יאָ, יאָ, אַ מענטש קאָן אַלץ איבערטראָגן, ער קאָן זיך אַפילו איבערשטייגן. כ׳האָב דאָס געזען אין אוישוויץ, ער קאָן זיך איבערשטייגן אין אויסדויער, אין גרויסמוט, און אויך אין גע־פאַלנקייט.

זי האָט ווידער געכאַפּט אַ קוק אויפן האַנט־זייגערל, אויפגעריסן זיך און פאַרזיכערט נינען, אַז פנינה דאַרף אָט באַלד אָנקומען, אַ שול־קאָנ־פערענץ האָט זי פאַרהאַלטן. זי האָט זיך פאַרענטפערט פאַר אירע רייד:

— האָסט אַזוי פיל מאָל אויסגעפרעגט אין דיינע בריוו, געוואָלט זיך צווינגען צו שרייבן און נישט געקאָנט. איצט דיר אַלץ אַרויסגעלייגט מיט אַמאָל. מ׳וועט זיך מער דערצו נישט אומקערן.

***

דריי חדשים זענען דורך זינט יענער ערשטער באַגעגעניש. נינע איז געקומען ווי אַ טוריסטין. אין דער אמתן האָבן די שוועסטער געהאַט אַן אַנדער מיין. אויך זי, נינע, האָט געטראַכט זיך אַרומצוזען, זי האָט צומאָל מיטגענומען דעם קאַרגן באַגאַזש, וואָס זי האָט מיטגעבראַכט פון קראָקע קיין פּאַריז אין 1968. זי האָט דאָס געהאַלטן בסוד, געשלאָגן זיך נאָך מיט דער דעה. דערווייל איז זי אַ טוריסטין. ווי גוט איז צו זיין אַ טוריסטין. אומעטום. מ׳האָט זיך געצאַצקעט מיט איר. יעדערער פון די שוועסטערס באַקאַנטשאַפטן האָבן איר געוואָלט עפּעס ווייזן. זי האָט אין דריי חדשים אויסגעמאָסטן דאָס לאַנד אין דער לענג און אין דער ברייט.

— מ׳האָט עס פריער געקאָנט אויסמעסטן אין צוויי־דריי טעג — האָט זיך חנא געוויצלט. — אַ לאָקש געווען. מ׳פלעגט זאָגן, אַז ווען מען גיט אַ ניס ביי דער מזרחדיקער גרענעץ, דערהערט מען ביי דער מערב־דיקער. האָסט שוין געהערט פאַרוואָס אַ מיידעלע האָט זיך געהאַט פונ־אַנדערגעוויינט אין דער שולע? דער לערער האָט די קינדער צום ערשטן מאָל געוויזן ישראל אויף דער וועלט־מאַפּע. „פאַרוואָס זענען מיר אַזוי קליינטשיק?‟, האָט זי מיט טרערן געפרעגט. גיי גיב צו פאַרשטיין, אַז דאָס קליינטשיק פּיצל ערד פאַרגינט מען אונדז אויך נישט. פונקט ווי מיר זענען אומעטום גרויס אין די אויגן, אַזוי אויך אונדזער לאַנד.

נינע האָט אַלץ באַוווּנדערט און געוווּנדערט זיך: פאַרוואָס פילט זי נישט, אַז דאָס לאַנד איז קליין? זי האָט אומעטום דאָס געפיל פון אומ־ענדלעכער רחבותדיקייט. אין נגב, ביים ים המלח האָט זיך איר אויס־געוויזן, אַז זי וואַנדערט אין דער אומענדלעכקייט. זאָל דאָס זיין צוליבן געהיימניספולן, דורכזיכטיקן נעפּל? צוליב דעם מיסטעריעזן וויברירן פון די זאַמדיקע שטחים און זעברירטע בערגלעך? קוקנדיק אַרום זיך, האָט זיך איר געדוכט, אַז די גאָלד־געלע ערד פולסירט, ווי אין געבוירן־קאַנווולסיעס. דאָ איז וועלט־באַשאַפונג אין דער אומענדלעכקייט. ס׳איז ברא אלהים. אפשר ערגעץ דאָ־אָ האָט קין אויפגעהויבן צום ערשטן מאָל די האַנט אויף זיין ברודער? אפשר אין דער אָט אומענדלעכקייט האָט קין געוואַנדערט מיטן צייכן אויפן שטערן? פון דאַנען איז דאָך אויך צו גאָט

אויפגעגאַנגען דאָס געשריי פון דער רישעותדיקער שטאָט. אָט איז זי די סימבאָל־שטאָט. נישט ווייט פון איר שטייט נאָך אַלץ פאַרגליווערט אין זאַלץ לוטס אומפאַרזיכטיק ווייב.

אין דער אומענדלעכקייט פון שטח איז פאַרלוירן געגאַנגען דער באַגריף פון צייט. באַקאַנטע געשטאַלטן האָבן געשוועבט פאַר נינעס אויגן. זי זעט זיי אומעטום. אין באר־שבע האָט זי ביים אוראַלטן ברונעם מיט די אויגן פון דמיון געזען זיך אַרומפאַרן אברהם אבינו; אין צפת האָט זי דורכן זילבערדיקן נעפּל פון די בערג נאָכגעפאָלגט מיט די בליקן די לעצטע מקובלים, אין די שמאָלע אַלטע געסלעך פון נצרת האָט זי גע־פילט ווי עס שפּאַנט לאַנגזאַם און מיושבדיק דעם סטאָליאַרס זון ישו; אינעם קליינעם דאָרף יבנה איז צו אירע אויערן דערגאַנגען דאָס קול פון רבן יוחנן בן זכאי ביים לערנען מיט זיינע תלמידים; אויף די קברות החשמונאים איז פון די באַרגיקע כוואַליעס אַרויסגעשווומען דאָס שטעטל מודיעין, אין אירע אויערן האָט אָפּגעקלונגען דער רוף פון אַלטן מתתיהו זיך קעגנצושטעלן די פרעמדע באַדריקער. זי האָט באַגערט איר שפּאַנען אין דער אומענדלעכקייט זאָל דויערן אומענדלעך; ס׳איז איר לייכט געווען אַזוי צו שוועבן ווי זי וואָלט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך הונדערטער שווערע לאַסטן.

❦

ביי נינען האָט זיך אויפגעוועקט דער אַמאָליקער ענטוזיאַזם, וואָס האָט זיך שוין פון לאַנג געהאַט אויסגעלאָשן. אין קליינקייט! 700 מענטשן אין אַ קיבוץ, אין איין משפּחה. און ס׳קלאַפּט! קיינער רייסט נישט איין צו האָבן אַ גרעסערן חלק. פון אָנהייב האָט זי געשטעלט פראַגן; זי האָט זיך דאָך שוין אַזוי פיל מאָל אָפּגעבריט. ווען זי האָט געזען אַלע טירן פון וווינונגען שטייען אָפן, האָט זי געפרעגט:

— מען גנבעט באמת נישט?

פנינה האָט צוריקגעפרעגט:

— ווער ווילסטו זאָל גנבענען?

— און קאָנפליקטן?

— וואָסערע קאָנפליקטן? — האָט פנינה ווידער צוריקגעפרעגט.

— נו, צווישן די קיבוצניקעס?

— צוואָס טויגן דיר קאָנפליקטן? — האָט די שוועסטער גוטמוטיק אָפּגעפטרט.

— און צווישן דעם יונגוואַרג און עלטערן דור?

פנינה האָט געקוקט אויף דער שוועסטער מיט אַ שמייכל, חנא האָט הילכיק געלאַכט.

— וועסט פנינהן באַרעדעווודיק נישט מאַכן. מיר האָט זיך דאָס אויך נישט איינגעגעבן. דו ווילסט וועגן אַלץ מיט איין מאָל זיך דערוויסן! בעסער אַליין זיך צוקוקן.

זי האָט זיך צוגעקוקט, נישט אַלץ געקאָנט איינבייסן, מיטן יונגוואַרג נישט געקאָנט אָנבינדן קיין קאָנטאַקט. צי נאָר צוליב דער שפּראַך?

שפּאַצירנדיק אַליין האָט זי דערזען אַ צוואַקסענעם קאַקטוס־קוסט. די בונט־רויטע בלומען האָבן צוגעצויגן דאָס אויג. וואָס פאַראַ שיינע בלום! די האַנט האָט זיך אַליין אויסגעצויגן, אָפּגעריסן אַ גליאיקן קנאָספּ. אָן אַ שיער קליינטשיקע נעדעלעך האָבן זיך איינגעביסן אין דער הויט. אַלע האָבן געלאַכט פון איר: צו אַ סאַברע־בלום רירט מען זיך צו מיט הוילע הענט?

די סאַברע־בלום איז רייצנד שיין, איר אינעווייניקסטע פרוכט איז זיס, אָבער זי האַלט דיך אויף אַ דיסטאַנס, פון דער נאָענט שטעכט זי אומברחמנותדיק. פאַרוואָס־זשע רופט מען די הי־געבוירענע מיט איר נאָמען?...

***

נינע האָט מיטן גאַנצן האַרץ ליב באַקומען דעם קיבוץ. צי וואָלט זי געקאָנט דאָ לעבן? זי ווייסט: אויב בלייבן, וואָלט דאָס גלייכסטע געווען אין קיבוץ. דאָס לייכסטע און דאָס שווערסטע. זי האָט איינגעטענהט מיט זיך, דאָ זיך אויסגעמוסרט, דאָ ווידער זיך געמאַכט באַוואָרעניש. אייך נינע האָט איר געעצהט: וואַרף אַוועק דיינע אינטעליגענטישע שטיק! רייסן אַפּעלסינען, פאַרן זיך אין קיך, איז נישט ווייניקער חשוב, ווי לערנען מיט קינדער געשיכטע לויט אַ צוגעשניטענעם מאָדעל. דעם צוגעשטעלטן, פאַרטיקן מאָדעל האָט מען דיר לסוף אויך נישט געטרויט. פאַרקאַטשע בעסער די אַרבל, ווי פנינה האָט אַמאָל געטאָן, אי געזונטער פאַר דיר, אי נוצלעכער פאַר די דייניקע. דער גלייכגעוויכט וועט צוריקקומען. די צווייטע נינע האָט געוואָרנט: פאַרזיכטיק! וויפל מאָל איז דער שיער אָנצוהייבן פון אָנהייב? ווי פנינה! וויפל איז זי דעמאָלט אַלט געווען? ס'איז געווען מיט אַן ערך פערציק יאָר צוריק. גענוג געווען אַ ראָמאַנטיקער, צוגעטשעפּעט זיך פליגלען, געפלויגן הויך ווי

איקאַר און אַראָפּגעפאַלן. צייט צו זיין אַ רעאַליסט! ווי אַזוי זיין אַ רעאַ־ליסט? דאָס צו זיין וואָלט זי געדאַרפט פאַרבלייבן מיט מיכאלן, מיט זינקען. רעאַליסט! זי האָט נישט ליב דאָס דאָזיקע וואָרט און עס טרעט זי נישט אָפּ, שפּרינגט איר פאַר די אויגן.

זי שעמט זיך מיט אירע טראַכטעניש, נאָך מער דעמאָלט, ווען דער שוואָגער פירט זי אַרום איבערן קיבוץ. חנא שלעפּט אונטער דעם פוס. דערפאַר האָט ער אַ לייכטערע אַרבעט און מער פרייע צייט. איצט גיט ער אָפּ די פרייע צייט גינען. מען דאַרף אַלץ ווייזן, דערציילן פון וואַנען דאָס אַלץ נעמט זיך. מען האָט דאָך זיי דאָרט אַריינגעקלאַפּט אין קאָפּ, דער שוואַרצער יאַר ווייסט זיי וואָס זיי האָבן דאָרט אַלץ אויסגעטראַכט.

חנא פירט גינען אונטערן אָרעם, מעשה דזשענטלמען, אין דער אמתן איז אים אַזוי לייכטער אַרומצושפּאַנען איבערן רחבותדיקן קיבוץ. זיינע קלוגע אויגן פינקלען, זיין שטענדיקער שמייכל ווערט בעתן דערציילן דאָ פאַרוואַלקנט, דאָ ווידער העל־זוניק, דער טאָן דאָ איראָניש, דאָ ווידער דורכגעוועבט מיט שטאָלץ, זיינע ווערטער גיסן זיך איבער אין אימאָזשן:

— זעסט, אָט־דאָ אַרום זענען געווען זומפּן, ווען איך בין אַהער געקומען. אַלץ הייסט זומפּן, ס׳האָט געראַיעט מיט מיקן, דאָס פּאָס־קודסטווע האָט נישט געלאָזט לעבן, אויסגעזויגן פון אונדז דאָס בלוט. געזונטע, יונגע חברה זענען קראַנק געוואָרן. מ׳זאָגט, אַז קדחת איז נישט קיין קרענק, וואָלסט געזען ווי די מאַלאַריע־קרענק האָט אויסגעטרייסלט פון זיי די כוחות. ווער פון זיי האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַז אויף די־אָ זומפּן וועלן זיין אַזעלכע בלומען־בייטן, אַזעלכע שוץ־ביימער? וואָס פאַראַ מין ביימער? אויקאַליפּטוסן. שיינע, האַ? מיינסט זיי זענען דאָ פון זיך אַליין אויסגעוואַקסן? מיר האָבן זיי געפלאַנצט מיט אונדזערע הענט, אויסצוטריקענען די זומפּן. אַ מלחמה האָבן מיר געפירט מיט די זומפּן און די מיקן. איצט קום דאָרט, וועסט זען אַ טשיקאַווע זאַך. קוק נאָר אָן די אַלטע געמויערטע געביידע. אָט דאָ אויפן בוידעם האָבן מיר אַ סך יאָרן געוווינט. די ערשטע געביידע אין דער גאַנצער געגנט. ווען כ׳בין מיט 48 יאָר צוריק געקומען אַהער, האָבן מיר געקוקט אויף איר ווי אויף אַ פּאַלאַץ אויף אַ וויסטעניש, כ׳בין דעמאָלט געווען אַ גרינער צוציק, אַ 16־יעריקער שנעק. פאַר מיר האָבן שוין חלוצים געהאַט אַריינ־געלייגט כוחות אין דעם שטיקל ערד, איך בין שוין אויך געקומען אַ ביסל „צום גרייטן”, פריער געווען אַ וויסטעניש, זאַמדן און זומפּן. מ׳האָט

אויפגעבויט דעם־אַ „פּאַלאַץ“, אונטן פאַר די בהמות, אויבן פאַר אונדז. אַן אידיליע געווען, האַ? אוי, האָבן מיר געטאַפּט אַ וואַנט אין דער אידיליע! דו אַנטציקסט זיך מיט די מאַראַנצן, אונדז האָבן זיי דעמאָלט אויסגעדרייט די קישקעס. מיינסט די מאַראַנצן זענען שולדיק געווען? ניין, נישט געווען וואָס עפּעס אַנדערש אין מויל צו לייגן, האָט מען געריבן מאַראַנצן. ווי האָט מיין מאַמע געזאָגט? מאַרצעפּאַנעס עסן זיך אויך צו. קוק אָן מיינע הענט! ווייסט פון וואַנען די מאָזאָלן? פון די שטיינער. אַ גערעטעניש געווען פון שטיינער. מיט די הוילע הענט האָבן מיר זיי אַרויסגעריסן. אָפּגערייניקט אַ שטיקל ערד און פאַרזייט, פאַר־פלאַנצט עטלעכעביימלעך. היינט זענען פאַראַן מאַשינען, מ׳פאַרשט וואָס און ווו מ׳דאַרף עפּעס פאַרזעצן, דעמאָלט ווי אַזוי און ווו ס׳האָט זיך געלאָזט, אַלץ מיטן אייגענעם שווייס. פנינה האָט דיר דערציילט ווי אַזוי מיר האָבן זיך באַקענט? ניין? זי האָט נישט ליב צו דערציילן, זינט דעם אומגליק מיט אונדזער אורילען געוואָרן נאָך אַ גרעסערע שוויגערקע. ביסט געפאָרן מיטן וועג פון תל־אביב קיין חיפה. אַ גוטער וועג, האַ? דאָרט געטראָפן דיין שוועסטער, מ׳האָט געבויט דעם וועג. דיין שוועס־טערל האָט נאָך אין אַנדערע ערטער אַרויסגעריסן שטיינער, געבויט כבישים, קוים געפּועלט ביי איר זי זאָל קומען אין מיין קיבוץ. די שטיי־נער האָבן אומעטום געוואַרט אויף אירע הענט. היינט דאַרף מען נישט פנינהס הענט דערצו. האָסט געזען ווי אַזוי מען בויט הייזער אויף די רוקנס פון כרמל? און די צענדליקער טויזנטער פאַרפלאַנצטע ביימער? אויך געזען. נו, ווער האָט געשאַפן דאָס לאַנד? מ׳קלאַפּט מענטשן אַריין אין די קעפּ, אַז מיר האָבן פאַרכאַפּט אַ פרעמד לאַנד. מיר... מיר דאָ גאָר־נישט, זייערס, גיב זיי דאָס אָפּ, וועלן זיי זיך פּאַסמאַקעווען מיט אונדזער...

חנא האָט איבערגעריסן, זיך אַרומגעזען, אַז ער הייבט זיך אָן היצן, ס׳ליגט נישט אין זיין טבע, אָפּגעקילט זיך און געלאָזן פאַרגעזעצט:

— די פיש־באַסיינען געזען? דעם נייעם אויך? נו, ווער וואָלט זיך אַמאָל פאַרגעשטעלט אַזאַ גערעטעניש אויף קאַרפּן? מ׳האָט דיר שוין דערציילט? איז גייען מיר צום קולטור־הויז. בסך הכל עטלעכע יאָר אַלט. וועסט זען אַן אויסשטעלונג פון קונסט־בילדער. ווייסט וועמענס? דעם „אַרויסגעטראָגענעמס“. כ׳האָב דיר באַקענט מיטן בחור, וואָס מ׳האָט פון וואַרשעווער געטאָ אַרויסגעטראָגן אין אַ זעקל, האַרט פאַרן אויפשטאַנד.

זיין טאַטע איז געווען אַ „פּלאַצוווקאַזש“, איינגעשלעפּערט דאָס יינגל מיט אַ פּיל און אַרויסגעטראָגן אין אַ זעקל שמאַטעס. נו, ווען באַלד זען וואָס אַזאַ אַרויסגעטראָגענער קען.

***

אין דמיון שפּרינגען בילדער. אין די אויערן קלינגען ווי אַ שטילער געזאַנג חנאס רייד. זיי זענען ווי באַלזאַם צום אומרואיקן, צעריסענעם האַרץ. זי פּילט פּליסן אַ וואַרעם, אַפּפּרישנד שטראָמל. ווי גיך זי הייבט אָן טראַכטן וועגן די איריקע, רייסט זיך דאָס שטראָמל איבער. ס'ווערט טרוקן אין האַלדז. זי האָט זיך אומגעקערט צו דער ליג־שטול. לייכטער זיך צו באַטראַכטן. וואָס זאָל זי טאָן? ס'דאַרף דאָך זיין אַהער אָדער אַהין. זיי דאַרפן באַלד אָנקומען. אוי, דער קאָפּ, ווען ס'וואָלט עמעצער פאַר איר אָפּגעפּסקנט. אַזוי צי אַזוי, אַבי זי זאָל נישט דאַרפן אַליין. אַליין גייט זי שטענדיק ווי אַ בלינדער פערד אין אַ גרוב. אַזוי פיל נאַרישקייטן געמאַכט אין לעבן! אַזוי פיל אומגעלומפּערטקייטן! שטענדיק אַ געפּיל פון שולדיקייט. שולדיק קעגן מיכאַלן. ווי גיך די טירן האָבן זיך געעפנט, גענומען זינקען און אַנטלאָפן, נישט געוואַרט ער זאָל זיך באַזינען. שולדיק קעגן זיך אַליין. שולדיק קעגן זינקען. אָפּגעריסן די טאָכטער פון פאָטער. קוים געפועלט ביי איר, איינגערעדט איר מיט טרערן. „קאָנסט שוין ווי־דער נישט איינזיצן, ווילסט מיך ווידער שלעפּן מיט זיך ווי אַ קאַץ איר ניי־געבוירן קעצל? ווייסט, אַז די מאַמע־קאַץ ווערט אומרואיק נעמט זי אָן מיט די ציין דאָס קעצל פאַרן פעלכל אויפן קאַרג און טראָגט עס איבער ערגעץ אַנדערש. מיט כעמיע פאַרזיכערסטו מיך ווער דאַרט פאַר מיר זיין בעסער? פאַר דיר, פאַרן טאַטן וועט אויך בעסער זיין? אויב יאָ, וועל איך זיך ווידער אונטערגעבן“. אַזוי האָט איר צום סוף געענטפערט זינקע. ווי אַזוי וועט זי דאָ אַריינוואַקסן? ווי אַזוי...? וועט דאָס נישט זיין אַ לעצטער ריס מיט מיכאַלן? אפשר... אפשר גאָר פאַרקערט, ער האָט דאָך...

— נינע, וואָס איז מיט דיר?! ליגסט מיט אָפענע אויגן און הערסט נישט און זעסט נישט וואָס ס'טוט זיך אַרום דיר.

נינע האָט נישט געהערט וויביידע שוועסטער זענען אַריין אין שטוב. מרים איז צופעליק צוגעגאַנגען צום באַלקאָן. אויף איר אויסגעשריי איז אונטערגעקומען פנינה. זיי האָבן ביידע דורך דער בלויער אָונטיקער

פינצטערקייט געקוקט מיט אומרו אויף דער צעטראָגענער שוועסטער און געשוויגן. ניגע האָט זיך פויל, פּאַמעלעך אונטערגעהויבן, אויפגעשטעלט זיך, אויפגעמאַכט דאָס מויל זיך צו פאַרענטפערן און די ליפּן האָבן זיך צוריק געשלאָסן. באַלד דערנאָך האָט זיך דאָס מויל צוריק געעפנט און פון ערגעץ טיף־טיף האָבן זיך אַרויסגעקייקלט ווערטער:

— כ׳בלייב. ס׳וועט... אפשר אָנרעגן זינקען וואָס גיכער אַהער צו קומען.

„שמעלץ“

ס׳איז געגאַנגען אַ נאַסער שניי. צעקראַטשעטע, אומעטיקע פליטערלעך האָבן זיך פויל געדרייט אין דער לופט, אומגעלומפּערט געקייקלט זיך צו דער נידער, צוגעפּאַלן צום שטיינערנעם באָדן, צו די דעכער פון די אַנטקעגנאיבערדיקע הייזער, גיך אויפגעפּלאַצט ווי בלעזלעך און צעגאָסן זיך.

דינה איז געשטאַנען פאַרן פענצטער און געקוקט מיט שטאַרע אויגן צום דרויסן. אירע בליקן האָבן זיך אָנגעהאַנגען אויף די קרייזנדיקע פליטערלעך אין חלל פון פירקאַנטיקן הויף. צום ערשטן מאָל זעט זי שניי־פליטערלעך זאָלן זיין אַזוי צעכראַסטעט און קאָלירלאָז. ערגעץ ווייט־ווייט זעט זי פוכיקן, ווייסן שניי. די ווייסקייט שימערירט מיט זילבערנע פונקען. דער־אַ שניי אין דער ווינטערדיקער פאַריזער לופט איז אָן אַ קאָליר, פונקט ווי אַלץ אַרום אויפן בעלווילער הויף. די הייזער, די דעכער, די פענצטער האָבן נישט קיין פּרעציזע קאָלירן. די צייט האָט זיי אָפּגעבליאַקעוועט, דער רעגן האָט פון זיי אַראָפּגעשוואָנקען די נאַטירלעכע פאַרבן. זיי זענען ווי אַלטע, צעקראַצטע מעבל־שטיקער, ווי אויסגעריבענע מלבושים, זיי האָבן דעם מטושטשן קאָליר פון אַלטקייט. די אַלטקייט האָט איין איינציקן קאָליר, אַ נישט דייטלעכן, אַ צעשווומענעם אין גרויקייט. אויך דאָס שטיקל הימל הענגט איבערן הויף ווי אַן אַלטע, גרויע שמאַטע. און פון דער שמאַטע שיטן זיך אַראָפּ צעקראַכענע, שלאַבערדיקע שניי־פליטערלעך.

שניי. מ׳קאָן אים שטאַרק ליב האָבן און שטאַרק פיינט האָבן. אין דינהס דמיון שטייגט אויף אַ ווייטער אַמאָל. אַ זילבערנער, בלישטשנדיקער שניי. מ׳פרייט זיך מיט אים ווי מיט אַ ליבן גאַסט. זי שטרעקט אויס צו אים דעם פּנים ער זאָל באַזילבערן אירע באַקן. גאַנצע כאַפּטעס מיידלעך מיט ייִנגלעך לאָזן זיך צום אָנגעשאָטענעם שניי. מען קנעט אויס מיט די הענט קניילכלעך, מען באַוואַרפט זיך מיט זיי. ווער נאָך אַזוי ווי זי האָט מיט התמדה און געניטקייט סקולפּטירט דעם שניי־מענטש? די מאַמע שרעקט זיך שטענדיק פאַר אַ פאַרקילונג. ניין, מאַמע, דער שניי

איז נישט קאַלט, ער וואַרעמט די הענט, דערוואַרעמט דאָס לייב הינטער די ווינטערדיקע קליידער.

שפּעטער, שפּעטער... ער איז אייז־קאַלט דער שניי. ער ווערט אַ שונא, בייז־פאַררעטעריש. ער קריצט אויס אויף זיך די שפּורן פון די טריט, ווען מען לויפט אין וואַלד. אין דער וואַלדיקער באַהעלטעניש בייסט ער די פיס, שטעכט אונטער די נעגל פון די פינגער, רייסט שטי־קער פון לייב. ווען מען זעצט זיך אַוועק אויף אים, נאַגט ער אויס דעם מאַרך פון די ביינער.

איז ער דעמאָלט אויך זילבערדיק־ווייס געווען? זי געדענקט נישט. זי געדענקט בלויז ווי ער האָט זיך איינגעביסן אין די ביינער. זי דער־פילט איצט דעם ווייטיק, ווען ער האָט געברענט די פיס אין אוישוויץ. אָט בלייבן די הילצערנע, צו גרויסע שיך שטעקן אין אַ וויכער מאַסע, ווי אין אַ שוואַרצער קלעפּיקער בלאָטע. אוישוויצער שניי. איז ער ווייס־זילבערדיק געווען? זי קאָן זיך נישט אויסמאָלן זיין קאָליר. אַלץ האָט דעמאָלט געהאַט איין־איינציקן קאָליר, דעם קאָליר פון טויט.

דינה הענגט אָן צודרינגלעכער די בליקן אויפן איצטיקן שניי, ווי זי וואָלט געוואָלט דערגיין עפּעס אַ פאַרבאָרגעניש, וואָס שטעקט אין אים. זי קוקט און קוקט און דערזעט זיך גופא צווישן די שניי־פליטער־לעך. ווי זיי פלאַטערט זי אין דער לופטן, פאַלט אַראָפּ און פּלאַצט אויף ווי אַ בלעזל. אין קאָפּ האָט פּלוצעם אַ זעץ געטאָן, ווי אַ רויב־פויגל וואָלט דאָרט אַ פּיק געטאָן מיט זיין רויבערישן שנאָבל: שמעלץ!

זי האָט זיך אָפּגעריסן פון פענצטער, אַנגעהויבן יאָגן פון זיך די דערמאָנונגען און טראַכטענישן, געטריבן זיי פון זיך ווי זשמודנע פליגן, וואָס באַפאַלן אין אַ פאַרפּעסטעטע אָרט. זי האָט זיך אַרומגעקוקט אַרום זיך, ווי זי וואָלט דאָ צום ערשטן מאָל געווען. דאָס קליינע האָטעל־צימער אויפן דריטן און לעצטן שטאָק איז שוין איינגעוויקלט אין דעמערונג. דער ווינטערדיקער טאָג קלייבט זיך באַצייטנס אַוועקצוגיין, אָפּצוטרעטן פאַרן אָוונט אָן אַ בין־השמשות. דער איינזאַמער זונטיק־טאָג האָט זיך אויסגעצויגן לאַנג. דער אָוונט וועט זיך אין איר אַליינקייט אויסציען נאָך לענגער.

די גאַנצע וואָך איז דער טאָג צו קורץ פאַר די אַרומלויפענישן, זוכע־נישן. דערנאָך איז דער אָוונט צו לאַנג אין דער אַליינקייט. אַליין מיט

די נייע אַמפּערנישן, קלעמענישן. אַלײן זיך אויפסניי דורכצושלאָגן אַ וועג, צו דעראָבערן אַ פּיצל אָרט אויף דער ערד.

צי וואָלט לייכטער געווען זאַלבע צוויי? צוזאַמען מיט וויקטאָרן? געדאַרפט אפשר צושטיין?

אַ שטימע האָט זיך אָפּגערופן אין האַרץ, לייכטער געמאַכט דאָס געמיט: ניין! גוט וואָס ער איז נישט איינגעגאַנגען. ס׳איז גוט געשען וואָס זי איז נישט צוגעשטאַנען, נישט געפּרווּוט אים איבעררעדן, איינרעדן.

ער האָט זי אויך נישט געוואָלט איבעררעדן, נישט געפּרווּוט אָפּ־האַלטן. צי איז דאָס אויך גוט געשען? צי וואָלט נישט בעסער געווען...?

דינה טרייבט ווידער פון זיך די טראַכטענישן. וואָס געשען איז גע־שען. צי האָט זי אָבער חרטה? וואָלט זי דען נישט געטאָן דאָס זעלבע, אויב מ׳וואָלט געדאַרפט איבערחזרן? האָט זי דען נישט געוווּסט וואָס זי נעמט אויף זיך?

זי האָט אָנגעהויבן שפּאַנען הין און צוריק איבערן קליינעם צימער, ווי דאָס לאָזן די אברים אין באַוועגונג וואָלט געקאָנט העלפן געפינען אַן ענטפער אויף די האַרבע שאלות, וואָס שווימען פון מאָל צו מאָל אויף אין מוח. יאָ, ווידער אַמאָל יאָ. און ניין. געוווּסט און פאַרט זיך נישט אויסגעמאָלן. פאַרט אַ סך שווערער ווי זי האָט זיך פאַרגעשטעלט. ס׳איז איר קיינמאָל נישט געקומען אויפן זינען, אַז זי קאָן ווי איר מאַמע זיין „שמעלץ”, אָדער זיך פאַרוואַרפן פאַרוואָס זי איז דעמאָלט נישט מיטגע־גאַנגען. און פאַרוואָס טאַקע געלאָזט די מאַמע זאָל אַוועק אַליין?

יעדעס מאָל, ווען דינהן קומט אויס מיטן קאָפּ די וואַנט דורכצוברעכן און צעקלאַפּט בלויז דעם קאָפּ, גיט אַ קלונג אין מוח דאָס וואָרט, וואָס זי האָט געהערט מיט איבער דרייסיק יאָר צוריק: שמעלץ... טוט זי דען נישט דאָס זעלבע, ווי איר מאַמע דעמאָלט? די מאַמע האָט קינסט־לעך אונטערגעשמייכלט, געוואָלט אויסבאַהאַלטן די יאָרן, זיך אַרויס־שטעלן פאַר אַ ייִנגערע, ווי זי איז געווען. זי האָט דאָס געטאָן אַפּצורוקן דעם טויט. זי, דינה, טוט דאָס אָפּצורוקן אַ נישט זיכערן מאָרגן, איינצו־גראָבן זיך אויפסניי אין לעבן. ניין! ניין! נישט דאָס זעלבע! פאַרוואָס מאַכט זי אַזעלכע פאַרגלייכן? צי טאָר מען? איז דאָס נישט קיין פאַר־שוועכונג לגבי דעם זכרון פון דער מאַמען? קיין עוולה לגבי זיך גופא? זי וועט מער נישט! וועט זיך נעמען אין די הענט, וועט טרייבן פון זיך די דערינערונגען.

זינט דינה זוכט אין פּאַריז אַרבעט און אַ דאַך איבערן קאָפּ, גייט איר נאָך דער מאַמעס שאָטן. שוין איבער אַ יאָר, ווי זי האָט פאַרלאָזט איר געבוירן־שטאָט וואַרשע, איר צוריק אויפגעשטעלטע היים. אַ נייער שטורעם האָט זי ווידער אַרויסגעיאָגט פון דער צוריק אויפגעבויטער נעסט. „כ'וועל זיך נישט לאָזן פאַריאָגן". אַזוי האָט געזאָגט וויקטאָר, איר צווייטער מאַן. ער האָט נישט געוואָלט ווערן היימלאָז, אַפילו נישט אויף אַ קורצער צייט. איר, דינהן, זעט אויס די איצטיקע היימלאָזיקייט שוין דיער אַ לאַנגע. פון נאָוועמבער 1969 ביז דעצעמבער 1970 איז בלויז עפּעס מער ווי אַ יאָר און איר דוכט זיך, אַז זי דרייט זיך שוין צענדליקער יאָרן אַרום אַ היימלאָזע. די טעג לויפן און שלעפּן זיך. יעדן טאָג מעסט זי אויס די פּאַריזער גאַסן. זי גייט אַרויס פרי מיט אַ פולן טאַש אַדרעסן און אַ פונק האָפענונג אין האַרץ. זי שטעלט אויס אויפן מאַרק אירע הענט, אירע קענטעניש, זי טראָגט אונטער אַרבעטס־צייגענישן, אַרבעטס־אויסצייכענונגען, אַ דיפּלאָם. קיינער קוקט נישט אויף זיי. מען קוקט פריער אויף איר פּנים. דאָס פּנים איז אַ מסור געוואָרן, עס פאַרמסרט זי נאָך מער ווי די געבוירן־דאַטע, זי זעט אויס עלטער ווי אויף אירע יאָרן. אין אַ שוי־פענצטער פון אַ פּאַריזער קאָסמעטיק־געשעפט האָט זי געלייענט: „אַ פרוי פון דרייסיק יאָר קאָן מאַכן זי זאָל אויסזען אויף צוואַנציק יאָר, אַ פרוי פון 40 יאָר דאַרף אויסזען נישט מער ווי אויף דרייסיק יאָר". זי וואָלט אויך געדאַרפט אַראָפּקלאַפּן פון זיך כאָטש אַ צענדליק יאָרן.

יעדן אָוונט טראַכט דינה צו אַן אַנדער מיטל ווי אַזוי אויסצוזען יינגער, צו מאַכן אַ גוטן איינדרוק, פונקט ווי זי האָט מיט דרייסיק יאָר צוריק געזוכט מיטלען צו האָבן אַ „גוטן אויסזען". זי האָט שוין איינשטודירט די טעכניק, אָפּגענומען זיך פון מויל און איינגעשאַפט זיך די נויטיקע מיטלען. געלינגט איר יאָ דאָס פּנים זאָל אַ ביסל אָפּנאַרן, פאַראַטן זי די דאָקומענטן, ס'שטייט שוואַרץ אויף ווייס אויסגעקריצט די געבוירן־דאַטע.

— מאַדאַם, איר האָט געזאָגט איר זענט אַלט 47 יאָר, לויט אייער אַרבעטס־קאַרטע קומט אויס, אַז איר זייט 55 יאָר. צי האָבן זיי זיך דאָרט טועה געווען, צי איר האָט זיך טועה געווען, ווען כ'האָב אייך געפרעגט?

צו אַזאַ אַרבעט דאַרף מען יונגע פּרויען. מען... מען דאַרף פּאַרטרוילעכע, כ'מייך מ'זאָל קענען האָבן צוטרוי...

דער יידישער באַלעבאָס פון דער רייזע־געזעלשאַפט האָט זיך גע־בראָכן די ציין אויף פראַנצויזיש, געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, איבערגעקוקט זיך מיט זיין יונגן פאַרוואַלטער און איינגעגאַנגען זי צו לאָזן צואַרבעטן ביז די צוויי פּראָבע־וואָכן.

דינה האָט געמיינט, אַז די שפּראַך־קענטענישן וועלן פּאַראַליזירן די יאָרן. איר יינגערע פריינדין, מיט וועלכער זי איז אין אוישוויץ געלעגן אויף איין נאַרע, האָט איר אין די פיבערדיקע טעג אין פוילן געזאָגט: „ווען איך וואָלט אַזוי געקענט פראַנצויזיש ווי דו, וואָלט איך קיין איין מינוט נישט געטראַכט, וויקטאָר וועט שפּעטער קומען". נאָך צוויי זאַכן איז זי איר מקנא געווען: דעם דיפּלאָם, וואָס האָט פון איר געמאַכט אַ לערערין פון פראַנצויזיש אין אַ מיטל־שול, און איר יידיש לשון. „מיט יידיש, זאָגט מען, קאָן מען אויספאָרן אַ וועלט, דו וועסט אין ערגעץ נישט פאַרפאַלן גיין".

זי, מאַגדאַ, די 54־יאָריקע היסטאָריקערין, האָט צום ערשטן מאָל אין איר לעבן באַדויערט וואָס זי קען נישט קיין יידיש און נישט קיין פראַנצויזיש. זי האָט זיך לאַנג געיִשובֿט וואָס צו טאָן מיט זיך און אויסגעקליבן פאַר אַ נייע היים שוועדן. זי האָט נישט געהאַט קיין גע־בונדענע הענט. דער מאַן מיט דער גאַנצער משפּחה זענען פאַרבליבן איינע אין אוישוויץ, די אַנדערע אין טרעבלינקע. קיין נייע משפּחה האָט זי זיך נישט איינגעשאַפט. צייטנווייז איז דאָס אַ ברכה... מ'איז אַ פרייער פויגל, מ'פליט ווו מען וויל, מ'איז פון קיינעמען נישט אָפּהענגיק, פאַר קיינעמען נישט פאַראַנטוואָרטלעך.

אַזוי האָט דינה געטראַכט זינט 1968. ס'האָט זי געיאָגט, געטריבן. זי האָט געזוכט אַ שפּאַרונע דורך וואַנען צו אַנטרינען, געוואָרט מיט ציטערניש ס'זאָל זיך עפענען אַ טירל. ס'האָט זי שוין פון לאַנג געצויגן צום לאַנד פון די אבֿות. זי וואָלט אַהין געפלויגן.

אַנדערש האָט געטראַכט וויקטאָר, איר צווייטער מאַן: ווו פליען? ווו לויפן? מיט מיינע 64 יאָר און מיט אַ דורכגעשאָסענעם פוס?

מיט 25 יאָר צוריק, ווען ער איז געווען אַן אָפיציר פון דער ערשטער פוילישער אַרמיי, האָבן, ביים שטורעמען בערלין, עטלעכע דייטשע שפּליטערן געטראָפן צו זיין רעכטן פוס און געבליבן שטעקן ביים ביין. די כירורגן האָבן שפּעטער געהאַט נישט קיין קליינע צרות זיי אַרויסצו־

גראַבלען און ער האָט דערנאָך געהאַט נאָך גרעסערע צרות צוריק איינ־צושפּאַנען דעם פּוס אין גאַנג.

ער איז געווען, דער פּוס, עטלעכע יאָר שטייף ווי זיין שטעקן מיט וועלכן ער האָט זיך אַרויסגעהאָלפן ביים גיין. וויקטאָר האָט געאַרבעט מעשים, דרעסירט דעם פּוס צו זיין בויגעוודיקער, עלאַסטישער, אָבער פון זיינע קאַפּריזן ביי יעדער ענדערונג פון וועטער האָט ער אים נישט געקאָנט אָפּגעווינען. פון דער הינקעדיקייט איז ער אויך נישט פּטור געוואָרן. דער פּוס, ווי דער פּוס, די הענט, דער קאָפּ טויגן אויך נישט צו דער לויפעניש. ער, וויקטאָר, קען נישט מער ווי שרייבן לידער, מאמרים פאַר צייטונגען. איז ווי וועט עס זיין? לעבן פון קיצבה? זיך אָוועקזעצן עמעצן אויפן קאַרק? זיי האָבן דען אַזאַ עמעצן?

דינה וואָלט זיך אויך קיינעמען נישט אַוועקגעזעצט אויפן קאַרק. זי רעכנט בלויז אויף אירע צען פינגער. וואָס? זי קען נישט אַרבעטן? דער גרעסטער קלאָפּ פאַר איר איז געווען, ווען מ׳האָט זי אַראָפּגענומען פון דער אַרבעט. זי האָט שטענדיק געטראַכט צו אַרבעטן אַזוי לאַנג, ווי זי וועט קאָנען זיך האַלטן אויף די פיס. זי פּאַרט דאָך מיט אַ דיפּלאָם אין קעשענע, מיט עטלעכע שפּראַכן אין מויל. ס׳וועט איר אויך זיכער ביישטיין דער זכות וואָס זי איז אין איר יוגנט געווען אַ יידישע לערערין, געאַרבעט פאַר דער מלחמה אין אַ „ציש״א״־שול, געווען אַמאָל איינגע־טונקען אין יידישקייט. ס׳האָט זיך נישט אויסגעוועפּט. ס׳איז אויך עפּעס ווערט צווישן יידן. חוץ אַלעמען, וויפל דאַרפן צוויי מענטשן אין זייער עלטער? אַבי אַ דאַך איבערן קאָפּ און עפּעס אין מויל צו לייגן. זי וועט זיך באַגנוגענען מיט וואָס ס׳זאָל נישט זיין, אַבי נישט האָבן קיין קאָש־מאַרע חלומות, נישט דרייען זיך צווישן שאָטנס, וואָס זיי האָבן צוריק אַרויסגערופן. זאָל זי נאָר איינפעדעמען ביי עפּעס אַן אַרבעט. זי וועט דערוויל פאַרטשעפּען די הענט ביי וואָס ס׳זאָל נישט זיין. וויקטאָר וועט דערפילן אַן אָנשפּאַר אין איר. ער וועט זיך גיך אַרומזען, אַז זי איז גערעכט.

זי האָט זיך פריער פון אים אַרומגעזען, אַז פון אַלע אירע אויסרע־כענונגען האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם. אין „קאַזשאַזאַר״ האָט זי לאַנג אָפּגעשלאָגן די שוועל, געגאַנגען פון „סערוויס״ צו „סערוויס״ ביז זי האָט זיך פאַרט דערשלאָגן צו אַ מענטשן, וואָס האָט צוממיינסטן צו זאָגן.

— איר ווילט נישט קיין שטיצע נאָר אַרבעט? ווו זאָלן מיר פאַר

איך נעמען אַרבעט? מיר זענען נישט קיין אַרבעטס־ביוראָ, מיר גיבן וואָס מיר קאָנען, אַרבעט זוכט יעדערער אַליין.

זי האָט געזוכט. די פראַנצויזישע צייטונגען זענען פול מיט אַנאָנסן, זי שרייבט אויס צענדליקער אַדרעסן, טעלעפאָנען. אין די יידישע צייטונגען באַוויזן זיך אויך פון מאָל צו מאָל אַנאָנסן. זי גייט צו באַקאַנטע, אין יידישע אינסטיטוציעס. זי הערט אויס עצות, שרייבט בריוו, קלינגט. זי באַט אומעטום אָן אירע הענט, רעכנט אויס אירע קענטענישן, לייגט ביי איר אוניווערסיטעט־דיפּלאָם. זי האָט שוין געמאַכט צענדליקער פּאַטאַקאָפּיעס, זי קאַרגט נישט קיין גאַנג, קלינגט יעדן טאָג פון גאַס־טעלעפאָן.

— וואָס? איר ווילט מאַכן קאָרעקטור אין אונדזער צייטונג? מ׳האָט אייך געזאָגט מ׳דאַרף אַ קאָרעקטאָר? מ׳האָט געדאַרפט, היינט דאַרף מען שוין נישט.

צום סעקרעטאַר פון קולטור־אָרדן האָט זי אויפגעהערט צו קלינגען. זי קאָן נישט אָנטרעפן אויף דער צייט, ווען ער קומט, אָדער ווען ער איז נישט פאַרנומען אויף אַ זיצונג. בעסער אָנשרייבן אַ בריוו. זאָל דער בריוו אויך נישט האָבן דערגאַנגען? בעסער זיך צוכאַפּן, וואַרטן. ס׳קען דערפון עפּעס אַרויסקומען. צו איר גליק איז די לערערין פון דער איינציקער יידישער שולע קראַנק געוואָרן. צו די יאָרן איז צוגעקומען אַ קראַנקייט, זי וועט זיך שוין נישט אומקערן צו דער שול־אַרבעט. ווי גיך מ׳האָט איר אונטערגעטראָגן די ידיעה, האָט זי אָנגעהויבן קלינגען, נאָר גיי זעץ זיך אַוועק אויף אַ גאַנצן אָוונט אין אַ טעלעפאָן־בודקע אויפן גאַס.

זי האָט לאַנג געוואַרט און זיך דערוואַרט. ער האָט זי אויפגענומען, כאָטש אַט באַלד דאַרף ער זיין אויף אַ זיצונג. דער קולטור־טוער האָט אַריינגעשטעקט נערוועז די פינגער אין דער געדיכטער טשופּרינע, אַרויפגעצויגן אויפן פאַרזאָרגטן פּנים אַ מילדן שמייכל און אָנגעוויזן אויף אַ שטול. ער איילט זיך, אָבער פאַרט האָט ער פאַר זיך אַ פרוי, טאָקע נישט קיין יונגע, אָבער פאַרט אַ פרוי. יאָ, יאָ, ער ווייסט אין וואָס ס׳גייט, ער האָט באַקומען איר בריוו. נישט גייטיק געוועזן צו שיקן עקספּרעס.

ער האָט ווידער אַריינגעשטעקט די פינגער אין דער טשופּרינע, גיך זיי אַרויסגעצויגן און צוגעטראָטן צו דער זאַך:

— אין פראַנקרייך אַ יידישע שול איז נישט ווי אַמאָל אין פּוילן...

— כ׳ווייס.

— איך ווייס נישט צי איר ווייסט אַלץ. ביי אונדז לערנט מען בלויז

אַ ביסל יידיש, דאָס איבעריקע, מען זינגט, מען טאַנצט, מען שפּרינגט מיטן קליינוואַרג, פראַנצויזישע קינדער...

— איך האָב אויך אַמאָל געזונגען מיט מיינע שילער, געטאַנצט אויך.

— אַמאָל. אין פּוילן. וויפל יאָר איז דאָס שוין?...

ער האָט זיך פאַרכאַפּט:

— געווען אַמאָל אַ יידיש לעבן, יידישע שולן אין פּוילן. יענע רוצ־חים, היינטיקע רוצחים האָבן אַלץ אומגעבראַכט. וואָס איז היינט אַ יידי־שע שול? נישט ס'איז די זעלבע יידישע שול, נישט ס'זענען די זעלבע יידישע קינדער.

— איך האָב אַ סך דערפאַרונג, איך וועל זיך אַן עצה געבן מיט די היגע קינדער אויך.

— אוי, ליבע פרוי, נישט דאָס זעלביקע ווי אַמאָל. היינט דאַרף מען מיט די קינדער אַרומכאַפּקען. מ'דאַרף זיין דערצו יונג... כ'זאָג נישט חס וחלילה, אַז איר זענט צו אַלט, נאָר מ'דאַרף קענען די פראַנ־צויזישע קינדער, ס'זענען נישט די אַמאָליקע קינדער פון די יידישע שולן אין פּוילן. נו, לאָזט מיר אייער טעלעפאָן. איר האָט נישט קיין טעלעפאָן? גוט, גוט, איך האָב אייער אַדרעס. צו וואָס זאָלט איר זיך נאָך אַמאָל מטריח זיין, אַז ס'איז דאָ אַ פּאָסט? איר וועט באַקומען אַ שריפטלעכן ענטפער.

קיין ענטפער איז נישט געקומען. פון עטלעכע צענדליק אַנדערע אַרבעטס־פלעצער זענען אויך נישט געקומען קיין ענטפערס. פאַרוואָס זאָל זי אָבער ווידער וואַרטן מ'זאָל איר אונטערטראָגן אַן ענטפער? אַ לעבעדיק וואָרט איז נישט דאָס זעלבע ווי אַן אָנבאָט אין אַ בריוו.

אַ נייע ביבליאָטעק. אין דער מעלדונג אין דער צייטונג איז טאַקע אָנגעוויזן געווען קאַנדידאַטן זאָלן שריפטלעך צושטעלן אַלץ, וואָס איז נויטיק צו וויסן וועגן זיי — אויסבילדונג, עלטער, אַרבעט־צייגענישן. זי האָט מיט אַ וואָך צוריק אַלץ צוגעשיקט. זי וועט איצט דערציילן ווי אַזוי זי האָט אַליין אין די שולן אויפגעשטעלט שול־ביבליאָטעקן, איינגע־פירט אַ מאָדערנעם סיסטעם. צי האָט זי דען אין איר בריוו־אָנבאָט אַלץ געקאָנט דערציילן, ווי אַזוי זי האָט נאָך דער מלחמה געאַרבעט אויף דער אוניווערסיטעטס־ביבליאָטעק?

זי האָט אַרויסגענומען פון דער וואַליזקע נאָך עטלעכע פּאַפּירלעך, אַלטע אַרבעטס־צייגענישן. די ביבליאָטעק איז אין אַ פּאַריזער וויטער

פאַרשטאָט. מ׳פאָרט ביזן פאָרט און דערנאָך מיטן אויטאָבוס, ס׳כאַפּט אַריין צוזאַמען 6 מעטראָ־בילעטן, ס׳איז כמעט אַזוי פיל ווי די טעג־לעכע שטיצע פון „קאָזשאַזאַר״. אָבער ס׳לוינט. זאָל זי נאָר טרעפן דעם פּאַרוואַלטער, זאָל זי נאָר טרעפן צו דער נייער ביבליאָטעק.

זי האָט לייכט געטראָפן; האָט גוט אויסגערעכנט: דער פאַרוואַלטער איז געווען אויפן אָרט, ער האָט זי צומאָל נישט געלאָזט לאַנג וואַרטן, אויפגענומען זי גאָר פריינדלעך, פאַרענטפערט זיך פאַר איר:

— ליידער, ליידער, די ביבליאָטעק געהערט צו דער מוניציפּאַלי־טעט. די מוניציפּאַליטעט באַשעפטיקט מענטשן בלויז ביז 45 יאָר. ווען ס׳וואָלט אָפּהענגיק געווען פון מיר, ליידער...

דינה האָט אויפגעהערט בייצולייגן דאָקומענטן. די געבורטס־דאַטע קאָן זי נישט ענדערן. זי מוז ענדערן דאָס פּנים, פאַריינגערן עס.

דאָס מאָל האָט זי זיך אויסגעצירט אין עסיק און אין האָניק. די פריזור קאָן מען אויך מאַכן זיך צו פאַריינגערן. זי האָט דאָס שוין איינ־שטודירט. אין וואַרשע האָט זי נישט פאַרמאָגט פאַר קיין גראָשן געניט־קייט אין דער קאָסמעטישער קונסט. איר אויסגעצערט פּנים האָט קיינ־מאָל נישט פאַרזוכט קיין טראָפּן רויטע פאַרב. איצט זיצט זי לאַנג פאַרן שפּיגל. זי גיט דעם לעצטן שליף איבער איר בלאָס געזיכט. ווער ווייסט צי ס׳איז בעסער אַ ביסל מער, צי אַ ביסל ווייניקער. זאָל זיין מער; אַז פאַרשטעלן זיך, זאָל זיין פאַרשטעלט. די אויסגעבלאַסטע באַקן זענען געוואָרן רויט.

דער נעכטיקער שמועס דורכן טעלעפאָן איז געווען אָן איינגעגעבענער. דער מענטש פון יענער זייט דראָטן האָט געריימט איר גוטן פראַנצויזיש, אויסגעפרעגט צי זי האָט אָן אַרבעטס־קאַרטע. זי וועט זי אָבער נישט ווייזן, זי האָט פאַרגעסן מיטצונעמען. זאָל זי זיך נאָר אַריינקריגן, מ׳וועט דערנאָך זען.

אין דרויסן איז געגאַנגען אַ רעגן. נאָר וואָס אַרט איר דער רעגן? אויפן האַרצן האָט זיך אויסגעלייטערט. דער נעכטיקער טעלעפאָן־שמועס האָט זי אויפגעהייטערט. זי איילט זיך, האָט נישט געוווסט, אַז פון מעטראָ איז אַזאַ שטיק וועג.

דער דירעקטאָר פון קליינעם ביוראָ, וואָס האָט נעכטן דורכן טעלע־פאָן געהאַט אַ גוטמוטיקע שטימע, האָט זי אויפגענומען קאַלט. ער האָט זיך איינגעקוקט אין איר פּנים ווי אַ דאָקטער, וואָס באַטראַכט זיין פּאַציענט.

— צי האָט איר אַ גוטע ראיה? כ׳האָב מורא ס׳איז נישט קיין אַרבעס פאַר אייך. מ׳דאַרף זיצן אַ גאַנצן טאָג אַריינגעטאָן אין פּאַפּירן, לייענען, דעשיפרירן פאַרשידענע נישט דייטלעכע שריפט, ס׳מאַכט אַ תל פון די אויגן.

ער האָט צוגעזאָגט אָן ענטפער. דער צוזאָג איז געווען אַזאַ, אַז ס׳איז געלעגן אין אים אָן אָפּזאָג.

וואָס האָט ער צו אירע אויגן? וואָס פאַרא נייע אַנשיקעניש? זי האָט געזונטע, גוטע אויגן. אַמאָל האָט זי געקאָנט לייענען די קלענסטע שריפט ביי דער שיין פון דער לבנה. זי וואָלט דאָס היינט אויך געקענט, ווען מען וואָלט געדאַרפט.

צוריקקומענדיק אַ דערשלאָגענע אין שטוב, האָט זיך אויפגעקלערט די מיסטעריע. דער אַלטער שפּיגל אויפן וואַנט פון האָטעל-צימער האָט געוויזן אַ פּאָר רויט-אונטערגעראַמטע אויגן. צום ערשט האָט זי זיך אָנגעכאַפּט פאַרן קאָפּ. באַלד האָט זי אויסגעבראָכן אין אַ היסטערישן געלעכטער. אין געלעכטער האָבן אַריינגעטריפט טרערן. זי האָט מיט דער האַנט באַטאַפּט דאָס פאַרקאָסמעטירטע געזיכט. אויפן האַנט זענען געבליבן רויטלעכע צייכנס. דער בילִיקער, קאָסמעטישער רויט האָט זיך איצט אויסגעמישט מיט די אַראָפּגעקייקלטע גראָבע טראָפּנס טרערן. אונטערן גאָס-רעגן האָט דער „רוזש" נאָך מער „געלאָזט". זי האָט מיט אַ טיכל אַרומגעווישט דאָס נאַסע פּנים און פאַרשאַרט אים הינטער די אויגן, אַרומגעראַמט זיי מיט רויטער קאָסמעטיק.

דינה האָט מיט אַ נאַסן האַנטוך אַראָפּגעריסן די קאָסמעטישע מאַס-קע. דאָס צאַרטע, בלייכע פּנים איז בלייכער געוואָרן. די לייכט אָנגעצ-צייכנטע קנייטשן ביים מויל, אַרום די אויגן, די ליניעס אויפן שטערן האָבן זיך איינגעשניטן טיפער. זי האָט זיך איינגעקוקט אין שפּיגל. אַן איר ווילן האָבן זיך די ליפּן צעשפּרייט אין אַ גרימאַסע-שמייכל. זי האָט דערזען איר מאַמעס פּנים. זי האָט קיינמאָל נישט געוווּסט, אַז זי איז אַזוי ענלעך צו איר. זי איז דעמאָלט אַלט געווען מיט דריי יאָר מער ווי זי היינט, איר מאַמע. אַ גראָבע, העסלעכע שטימע האָט אַ קלונג געטאָן אין די אויערן: „שמעלץ"! „שמעלץ"!

ס׳איז געווען מיט קאַרגע דרייסיק יאָר צוריק. זיי זענען אַנטלאָפן פון וואַרשע, געבליבן שטעקן אין לעמבערג. ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן די „לאַפּאַנקעס". די יונגע האָט מען גענומען אויף אַרבעט, די עלטערע האָט מען אַרויסגעפּירט ערגעץ, פון וואַנען מען איז נישט צוריקגעקומען. דאָס

הריז איז באַפאַלן געוואָרן פּלוצלינג. די טיר האָט זיך געעפנט אונטער דונערדיקע קלעפּ. דינהן האָט די קוזינע אַ צי געטאָן צום פענצטער, געהאַלטן זי פעסט לעבן זיך. זיי זענען געשטאַנען מיט אַן איינגעהאַלטע־נעם אָטעם הינטער דער שווערער לאַנגער קאַטאַרע און זיך צוגעהערט צום „דיאַלאָג״:

— קאָם אַלטע, שנעללער, אַללטע!

— איך בין ניכט אַלט, איך מעכטע אַרבייטען, איך, איך... באַגערע אַרבייטען...

— דו ביסט אַללט! „שמעלץ״! „שמעלץ״!

דינה האָט געוואָלט אַרויס פון הינטער דער קאַטאַרע. די קוזינע האָט זי געהאַלטן פעסט צוגעשמידט צו זיך. פון קאָרידאָר, פון די שטיגן זענען דורך דער אָפענער טיר דערגאַנגען צו אירע אויערן אָפּגעריסענע ברעקלעך פונעם „דיאַלאָג״. די מאַמע האָט מיט אַ בעטנדיקער שטימע אַנגעבאָטן זיך צו דער אַרבעט, מיט אַ געמאַכטער איפערקייט אָפּגעלייקנט איר עלטער. דער דייטש האָט געריטשעט: „שמעלץ״! „שמעלץ״!

זי איז אַנטלאָפן פון דער דזשונגל־שטאָט. די וועלף האָבן דאָ פאַר־צוקט דעם מאַן, די מאַמע. זי האָט זיך געלאָזט מיט געדרייטע וועגן צוריק, געצויגן נאָך זיך די קוזינע. זיי האָבן אָפּגעפאַרבט די האָר. מיט העל־בלאָנדע האָר האָט מען נישט נאָר „אַ גוטן אויסזען״, נאָר אויך אַ יינגערן אויסזען, ס׳איז לייכטער זיך אַנצודינגען אויף דער אַרישער זייט. שפּעטער האָט מען אין לאַגער זיך אויך געמאַכט יינגער, געזונ־טער... נישט אויסצוזען אויף קיין שמעלץ.

***

די דערמאָנונגען, אַמאַליקע, שפּעטערדיקע, האָבן זיך געקנוילט, גע־פלאָנטערט אין קאָפּ. אַ צעריסענער, שפּרינגענדיקער פילם האָט דורכ־געצויגן פאַר די אויגן. זי האָט געמאַכט עטלעכע נערוועזע שפּרייזן צו דער טיר, אַנגעדריקט אויפן עלעקטרישן קנעפּל. דאָס אומעטיקע האָטעל־צימערל האָט זיך איינגעטונקען אין אַ בלאַסן ליכט. דאָס ליכט האָט צעטריבן די דעמערונג. פון טישל האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו די אויגן דער בריוו פון שרייבער יצחה זעליקמאַן. שוין אַ שיינע פּאָר טעג ווי דער בריוו איז דערגאַנגען צו איר. הייגט געלייענט אים צום צווייטן מאָל און נישט געטראַכט אַזוי גיך זיך צו אים אומצוקערן. נישט זי האָט וואָס צו ענטפערן, נישט איר גלוסט צו גיין בעטן אַנדערע זאָלן ענטפערן.

צו ווענדן זיך צו דאָקטער סאָלאָווייטשיק? ער איז אַמאָל געזעסן מיט יצחקן אין תפיסה. היינט זיצט ער אין גרויסע סאַלאָנען, האָט אַ גרויסע קליענטעלע. ער האָט איר שוין געזאָגט, אַז מען מאַכט אָן צופיל רעש. צו דאַווידזאָנען? ער האָט זי געפרעגט פאַרוואָס וויקטאָר איז נאָך דאָרט פאַרבליבן, פאַרוואָס זיי פאָרן נישט אַלע קיין ישראל. צו בינשטאָקן, ווייל יצחק האָט אים אַמאָל אין וואַרשע געהאָלפן אַרויסגעבן דאָס ערשטע בוך? האָט ער דען איר נישט געזאָגט, אַז זי קען שוין בעסער פאַריז ווי ער, ווען זי האָט אים געבעטן איר העלפן שאַפן אַרבעט? חוץ דעם אַ פאַרנומענער מענטש, אַרבעט דעם גאַנצן טאָג אין אַן אונטער־נעמונג, שרייבט און גיט אַרויס ביכער, דרוקט אין אַלע צייטונגען מאמרים. צו אַלע צרות איז ער נאָך פאַרפאַרעט מיטן איינאָרדענען אַ „מעזאָן דע קאַמפּאַן".

זי האָט זיך גענומען דורכלייענען נאָך אַמאָל דעם בריוו. דער קאָפּ ביי איר טויג שוין אויף כפרות, ס'איז איר גאָר אַרויס פון זינען ישראל עפּשטיין. יצחק האָט וועגן עפּשטיינס לידער געשריבן מיט פיל שבחים, סתם זענען זיי געווען אַמאָל גוטע ברידער. ער גיט איר דאָס אָנצוהערן אין זיין בריוו. צו וואָס זוכן אַנדערע? די שליחות וועט איצט איר גופא צו נוץ קומען. אי זי וועט זעליקמאַנען טאָן אַ טובה, אי זי וועט אַליין זיך אָנוואַרעמען דאָס האַרץ.

דאָס האָטעל־צימער איז גוט באַהייצט, אָבער דאָס האַרץ ווערט דאָ פאַרפרוירן. אפשר אויך פון איר שולד? פאַרוואָס פאַרמאַכט זי זיך אין איר אַליינקייט? איז וואָס, אז דער און יענער שטעלט דיר קלאָץ־קשיאות אָדער פּטרט דיך אָפּ מיט אַ פאַרעוועו עצה? ווייניק וואַרעמע הענט האָבן זיך אויסגעשטרעקט צו איר? איי דאָס זענען הענט מאַכט־לאָזע, דווקא אַזעלכע, וואָס קאָנען גאָרנישט אויפטאָן? נו, און אויף אַ באַצאָלטן צימער האָט זי זיך דען געריכט? און די דריי פראַנק אַ טאָג זענען שוין גאָרנישט?

נישט אַנדערש, נאָר עפּעס האָט זיך אין איר צעבראָכן. דאָס פאַר־גראָבן זיך די זונטיקן אין זיך וועקן אויף די אַמאָליקע דערינערונגען, ס'באַפאַלן זי זמאַרעס. זי גיט זיך צופיל אונטער. מען דאַרף זוכן דאָס בייז נישט נאָר ביי אַנדערע, נאָר קודם כל ביי זיך גופא. פאַרוואָס איז זי באַלד נישט געגאַנגען מיטן בריוו צו די עפּשטיינס?

זי האָט זיך אָנגעטאָן אין איילעניש. דער שניי האָט ווייטער פויל געקייקלט זיך אין דער לופטן. די פייכטע קעלט האָט דורכגעהאַקט די וואָרעמע מלבושים, אַרייגעריסן זיך אין לייב. דינה האָט צוגעאײלט די טריט. זי וועט גיין צופוס. בסך הכל אַ דריי מעטראָ־סטאַציעס וועג. זי וועט זיך איינבדעגען אַ מעטראָ־בילעט. דער צעדולטער קאָפּ וועט זיך אָפּפרישן.

אָפּגעפרישט נאָך מער האָט זי דער העל־באַלויכטענער אויפנאַם־צימער, זיין געמיטלעכקייט. דער כיבוד האָט זי געמאַכט דרייסטער. די צונג האָט זיך ביי איר אויפגעבונדן. זי האָט אַרויסגענומען פאַר אַן עדות דעם בריוו פונעם בייטל.

— פון זעליקמאַנען. ער איז זייער... ער וויל אַהער קומען. ס׳איז אים נויטיק אַן איינלאַדונג, צו דער פראַנצויזישער וויזע. דאָס איז אָבער נישט דער עיקר. מ׳וועט דאַרפן אים העלפן דאָ, אויפן אָרט. מ׳וועט דאַרפן...

זי האָט אָפּגעהאַקט, האָט דערזען ווי עפּשטיין האָט זיך איבערגע־קוקט מיטן ווייב. זי האָט געוואַרט ער זאָל זיך אָפּרופן. ער איז געזעסן אין פאָטעל אַ שווייגנדיקער. דאָס ווייב האָט געענטפערט פאַר אים מיט אַ פראַגע:

— ווער האָט אונדז געהאָלפן ווען מיר זענען אַהער געקומען? מיר האָבן קיינעמען נישט דערציילט וויפל מיר זענען אָפּגעקומען.

— איר זענט אפשר דעמאָלט געווען אַ ביסל ייִנגער, מיט אַ פערציק, וויניקסטנס מיט אַ דרייסיק יאָר ייִנגער.

— אַז מ׳איז צו אַלט פאַר פּאַריז, פאָרט מען קיין ישראל. אין פּאַריז דאַרף מען זיך אַליין אַן עצה געבן. ווער האָט אים געהייסן דאָרט זיצן ביז מען טרייבט אַרויס?

דינה האָט נישט געענטפערט. אַנטקעגן איר אויף דער וואַנט איז געהאָנגען אַ גרויס בילד פון מאַנע קאַץ. זי האָט זיך אויפגעשטעלט, צו־געגאַנגען נענטער און אַנטציקט זיך הויך מיטן בילד, דערנאָך אַ קוק געגעבן אויפן האַנט־זייגערל. ס׳איז צייט פאַר איר, זי דערוואַרט געסט... זי האָט זיך געזעגנט.

צוריק איז זי אויך געגאַנגען צופוס. זי איז איצט געגאַנגען ווי מען וואָלט זי געיאָגט. אויפן ליידיקן טראָטואַר האָבן אָפּגעהילכט די טריט,

לילי בערגער

אָפּגעקלונגען מיט אַן עכאָ אין קאָפּ. פּלוצלינג האָט אין דער אוונטיקער שטילקייט אַ הילך געטאָן אַ ווייטער עכאָ, אָנגעקלאַפּט אין קאָפּ מיט אַ גרילצנדיקן קלאַנג: „שמעלץ״! „שמעלץ״!

זי האָט זיך איינגעקאָרטשעט, ווי זיך אויסצובאַהאַלטן אין זיך. באַלד זיך אויסגעגלייכט, אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אָנגעהויבן מיט עקשנות שטעלן האַסטיקער די טריט. אַ מענטש... אַ מענטש... אַ מענטש גיט זיך נישט אונטער. האָט זי זיך דען מיט 30 יאָר צוריק אונטערגעגעבן?

אַן איבעריקער מענטש

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער קעגנאיבערדיקער באַנק. איך האָב דערפילט ווי זיינע אויגן האָבן זיך אָנגעהאָנגען אין מיר. זיינע בליקן האָבן געשטאָכן, דאָ האָבן זיי געבלאָנקעט איבער מיר, דאָ ווידער אומבאַ־וועגלעך זיך איינגעביסן. כ׳האָב איינגעגראָבן טיפער דעם קאָפּ אין בוך.

אין דער צייט איז דער מעטראָ כמעט ליידיק. מיר זענען געווען די איינציקע אויף די צוויי קעגנאיבערדיקע בענק. פון דער צווייטער זייט איז געזעסן אַן אַלטע קלאָשאַרן־פרוי מיט אַ צעאַקערט, צעקנייטשט פּנים. די ווייסע האָר צעפּלאָשעט, אויפגעשטעלט נאַ שפּיץ, ווי זיי וואָלטן זיך געקריגט צווישן זיך, געשפּרונגען איינע די אַנדערע צו די אויגן. ביים סוף פון וואַגאָן איז געשטאַנען אַ יונג פּאָרל אַרומגעאָרעמט, ווי זיי וואָלטן צוגעוואָקסן איינער צום אַנדערן.

כ׳האָב אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון בוך און זיך אָנגעשטויסן אין זיי־נעם אַ שאַרפן קוק. כ׳האָב דערזען פּאָר זיך אַ פּאָר ברענענדיקע אויגן, וואָס זענען געלאָפן אין די אויגן־לעכער ווי זיי וואָלטן געוואָלט פון דאָרט אַרויסשפּרינגען. דאָס אויסגעצויגענע, נערוועזע פּנים איז באַגאָסן געווען מיט יענעם וויברירנדיקן אומרו פון מענטשן, וואָס האָבן נישט ווו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן. צווישן די צעשפּרייטע ליפּן האָט זיך איינגעשניטן אַ פאַרחידושטער, אומהיימלעכער שמייכל. כ׳האָב אָפּגעקערט דעם קאָפּ. זיינע אויגן האָבן מיך באַגלייט, זיי האָבן זיך נישט געוואָלט אָפּרייסן פון מיר, געזוכט מיר צו קוקן גלייך אין פּנים. זיין קוק איז געוואָרן אינטענ־סיווער, שטעכיקער, כ׳האָב מער געפילט ווי געזען, אַז זיין שמייכל האָט זיך צעשפּרייט, צעגאָסן זיך איבערן פּנים. אַזאַ שמייכל וואָרפט אָן אַ מורא.

כ׳האָב זיך אַרומגעקוקט אין וואַגאָן צו פאַרזיכערן זיך, אַז איך בין נישט אַליין. כ׳האָב אויף אַ ווײַלע צוריק איינגענורעט די אויגן אין בוך, נישט צו לייענען, נאָר נישט אויסגעשטעלט צו זיין אויף די שפּיזן פון זיינע בליקן. אָט־אָט האָב איך געזאָלט זיך אויפהייבן און איבערזעצן זיך אויף אַן אַנדער באַנק. דער וועג איז אַ לאַנגער. איך דאַרף דורכשניידן

אַ שטיק פּאַריז. פּלוצלינג האָט אין מײַנע אויערן אָנגעקלאַפּט אַ צעפּלאָמ־טע שטימע. דער פלאָם פון די ווערטער איז אײַנגעלאָשן געוועזן דורכן מעטראָ־גערויש. די פאַרטויבטע קלאַנגען זענען דערגאַנגען צו מיר ווי אַ סקריפּענדי־קער אָפּקלאַנג בעת אַ צוזאַמענשטויס פון פאַרראָסטן אײַ־זענוואַרג:

— איך קען אײַך. איך געדענק נישט אײַער נאָמען, נאָר אײַך גע־דענק איך.

דאָס יידישע לשון האָט אָפּגערוקט די שרעק. ווער און וואָס ער זאָל נישט זײַן, אָבער אַ ייִד, אַ ייִדישער גזלן...

— כ׳האָב אײַך באַלד דערקענט. פון אָנהייב נישט געווען אין גאַנצן זיכער, איר האָט זיך אַ ביסל געענדערט, נאָר אַז איך האָב זיך גוט אײַנ־געקוקט, האָב איך אײַך דערקענט.

— פון וואַנען קענט איר מיך?

— פון וואַנען? אדרבא, דערמאָנט איר זיך!

— איך דערמאָן מיך נישט.

— פון וואַרשע. פון אַנדערע ערטער אויך. באַלד, באַלד וועל איך אײַך זאָגן ווי איר הייסט.

ס׳איז קענטיק געווען, אַז דער מוח אַרבעט, וויל עפּעס אַרויסציִען פון זכרון. ער האָט האַסטיק צוגעלייגט די האַנט צום שטערן, ווי ער וואָלט געוואָלט מיט געוואַלד פון דאָרט עפּעס אַרויסציִען.

— אַ צרה, איך פאַרגעס נעמען. ס׳ליגט מיר אויפן צונג און קאָן נישט אַרויסזאָגן. וואַרט, וואַרט; שוין, איך דערמאָן מיך, איר זענט דאָך... איר הייסט דאָך... נישט אמת?

— און ווער זענט איר? ווי הייסט איר?

— ווער איך בין? ווי איך הייס? אַלצאיינס, ס׳איז נישט אינטערע־סאַנט. מײַן נאָמען האָט נישט קיין באַדײַטונג. ביי די דײַטשן האָב איך אין גאַנצן נישט געהאַט קיין נאָמען, נאָר אַ נומער. איר זעט, אַ נומער.

ער האָט פאַרשאַרט דעם אַרמל פון דער מאַרינאַרקע און געוויזן אַ שורה ציפערן, אײַנגעקריצט אין דער הויט.

— איצט גלויבט איר שוין? אַ נומער געהאַט, נישט קיין נאָמען. כ׳האָב שוין געהאַט פאַרגעסן מײַן נאָמען.

— איר האָט דאָך צוריק אײַער נאָמען.

— װאָס קומט אַרױס פון דעם? מיט אַ נאָמען, אָן אַ נאָמען, אַלץ־איינס. די װעלט דאַרף נישט מיך, נישט מיין נאָמען. נישטאָ פאַר מיר אין ערגעץ קיין אָרט. אָן איבעריקער מענטש. זינט איך בין אַרױס פון מאַי־דאַנעק. דאָרט בין איך געװען צװישן נומערן. היינט דריי איך זיך אַרום אויף דער װעלט צװישן אַנדערע נומערן. די ביוראָען, די קאַבינעטן פון די מענטשן האָבן נומערן. מען זאָגט אייך נישט גיי צו דעם, צו יענעם מענטש נאָר צו דעם און יענעם נומער פון ביוראָ, פון פענצטערל. איר װייסט צו װיפל נומערן איך בין שוין װידער געגאַנגען? איך דערצייל אייך, װייל איך קען אייך. איר האָט מיר געהאָט אַ ביסל איינגעשפּאָרט צו גיין צו נומערן.

— װוּ איז דאָס געװען? װען?

— איר געדענקט אין דער שרודבאָראָװיאַנקע? איר האָט מיך דע־מאָלט נישט געשיקט צו קיין נומערן, איר האָט געזאָגט גייט צו דעם מענטש, טרעט אים נישט אָפּ; איר זענט אַליין אויף פאַר מיר געגאַנגען.

זיין פאַרעלטערט פּנים איז מיר געװאָרן קענטלעך. באַקאַנטע שטריכן האָבן אָנגעהױבן אַרױסקוקן פון דער פאַרװעלקטער הויט. דורכן געגנ־דערטן, לייטישן הולך האָט זיך געצייכנט אַ באַקאַנטע, הויכע געשטאַלט מיט אַן איינגעבויגענער פּלייצע. איך האָב זיך איינגעקוקט אין אים און אין דמיון האָבן אָנגעהױבן אויפשווימען בילדער. װיפל יאָר איז דאָס שוין? פופצן? צװאַנציק? ס'זעט אויס װי יאָרהונדערטער װאָלטן פאַרביי. און דאָס אָרט איז אַזוי װייט, װייט, ערגעץ הינטער די הרי־החושך.

ס'איז געװען אין יידישן אַפּרו־הויז הינטער װאַרשע. אַ יונגער מענטש נאָך דעמאָלט געװען. ער איז געקומען פון דער פּראָװינץ, געװאָלט בלייבן אין דער הויפּטשטאָט, צװישן אַ... אַ סך יידן. ער האָט געװאַנדערט פון איין שטאָט אין דער צװייטער, האָט אין ערגעץ זיך נישט געקאָנט געפי־נען קיין אָרט. מ'האָט געזאָגט, אַז אין לאַגער האָט זיך צעבראָכן עפּעס אַ קלעפּקע ביי אים אין קאָפּ. ער האָט גערעדט אָן אַ שיעור, װי ער װאָלט זיך געװאָלט אָפּנעמען פאַר די פיר לאַגער־יאָרן שװייגן. ער האָט אַרױס־געװאָרפן פון זיך רייד, װי ער װאָלט אַרױסגעװאָרפן פון זיך די אַמאָליקע עינויים. די פריערדיקע װעלט איז פאַר אים איינגעזונקען צוזאַמען מיט אַלע זייניקע. ער האָט זיך אַרומגעדרייט אויף דער ערד װי אין אַ תוהו ובוהו, געװען צעקריגט מיט אַלץ און אַלעמען. קיין שום זאַך איז אים נישט געפעלן. ער האָט געהאַט טענות צו די דאָקטוירים, װאָס װילן אים

פּאַרסמען מיט די „פּראַשקעס" און פּילן צו די נערוון, מיט איינשפּריצונ־גען.

צווײ זאַכן, האָט ער דעמאָלט געזאָגט, וואָלטן אים געקאָנט ראַטעווען: אַ צימער אין וואַרשע און אַ ווייב. אַ צימער ווי אַ צימער, נאָר אַ ווייב האָט ער געדאַרפט ס׳לעבן. אפשר ווייס איך צי ס׳איז פאַראַן ערגעץ אַ שדכן? ניין? די דייטשן האָבן פאַרברענט אַלע יידישע שדכנים. אַמאָל האָט ער קיין שדכן נישט געדאַרפט, ער האָט חתונה געהאַט מיטן שענסטן מיידל פון זיין שטאָט. ער ווייסט צומאָל נישט ווו איר געביין איז אַהינ־געקומען. ער איז געבליבן אַליינטשיק. ווי אַזוי לעבט מען איינער אַליין אויף דער וועלט?

קיין ווייב האָב איך אים דעמאָלט נישט געהאָלפן זיך איינשאַפן, כ׳האָב אָבער מיט אויפמערקזאַם אויסגעהערט זיינע מעשיות. און ס׳איז געווען וואָס צו הערן. זיין אויג האָט דערזען יעדע אויסקרימעניש. אין אַ קראַנקן מוח קאָנען זיך דרייען געזונטע געדאַנקען, לעבנס־אמתן. די קאָנטראָל, די צענזור האָט נישט קיין שליטה איבער זיי. דאָס מויל זאָגט אַרויס דאָס, וואָס אַנדערע האָבן מורא אַרויסצוזאָגן. ער האָט פאַר קיינעמען און פאַר קיין שום זאַך נישט מורא געהאַט חוץ פאַר דער אַליינ־קייט, פאַר דער איינזאַמקייט. אַ בענקשאַפט האָט געזויגן דאָס האַרץ, די עלנטקייט האָט גענאָגט, נישט געגעבן אים קיין מנוחה. וואָלט ער געהאַט משפחה, פריינד, וואָלט מסתמא אָפּגעטראָטן דער אַנגסטיקער אומרו, וואָס האָט געפרעסן זיין האַרץ. מענטשלעכע וואַרעמקייט, אַ צערטלעך וואָרט וואָלטן מער געהיילט דעם קראַנקן קאָפּ ווי די מעדיצינישע רפואות.

ער האָט מיר איבערגעריסן דעם פאַרביילויפנדיקן פילם פאַר די אויגן, פאַרטריבן די דערמאָנונגען:

— אַ צרה דאָ מיט דער מעטראָ. ס׳צעלעכערט דעם קאָפּ. מ׳דאַרף זיך אויסרייסן דאָס האַרץ צו רעדן מיט אַ מענטשן אַ וואָרט. דאָס גאַנצע פּאַריז געפעלט מיר נישט. מ׳האָט געמאַכט דערמיט אַ גאַנצן צימעס. אַ משוגעים־הויז. אַ רויש, אַ טומל, אַ געפּילדער. מ׳איז נישט זיכער מיטן לעבן. מ׳קאָן דערהרגעט ווערן אַריבערגייענדיק אַ גאַס. מ׳האָט מיר גע־זאָגט, אַז די אויטאָס דערהרגענען מער מענטשן אויף די וועגן ווי אַ מל־חמה. צו וואָס טויג אַזאַ לעבן?

— איר זענט שוין לאַנג אין פּאַריז? — האָב איך אים געפרעגט.

— פאַר מיר איז דאָס לאַנג, צו לאַנג, שוין עטלעכע חדשים ווי איך זיץ דאָ, כ׳רייס אָפּ יעדן טאָג די שוועל ביים פּוילישן קאָנסולאַט. כ׳האָב

געמיינס, אַז פון דאַנען וועט גרינגער זיין. אַזוי האָט מען מיר געזאָגט. גייט, הערט וואָס מענטשן זאָגן אייך.

— ווו זענט איר ביז איצט געווען?

— ווו בין איך נישט געווען? אַרומגעוואַלגערט זיך איבער דער וועלט. ווען גאָמולקאַ ימח שמו האָט געמאַכט די שוואַרץ־חתונה, בין איך אַוועק קיין דענעמאַרק, פון דאָרט אַריינגעשמעקט קיין שוועדן. אַ משוגעת געווען צו אַנטלויפן. געלאָזט זיך אַריינגאַרן אין זאַק. כ׳האָב מורא געהאָט פאַר אַ לאַגער. מ׳האָט דען נישט גערעדט, אַז מ׳וועט שיקן אין אַ לאַגער? נישט געוואָלט ווערן אויס מענטש און צוריק ווערן אַ גומער. בין איך גע־לאָפן ווי אַנדערע, געוואָרפן זיך אַהער, אַהין, אַז וואַרפן זאָל זיי אין קדחת. גאָמולקאַ האָט געדאַרפט פריער איינגעמען אַ מיתה משונה, וואָלט איך נישט געדאַרפט זיך אַרומוואַלגערן. אַז מ׳האָט קיינעמען נישט איז אומעטום שלעכט. אַ מענטש קאָן אַליין נישט לעבן. אדמען וואָלט אפילו אין גן־עדן געווען שלעכט צו לעבן אַליין. גאָט האָט דאָס איינגעזען. ווען נישט, נאָך וואָס וואָלט ער באַשאַפן חוהן? איר הערט וואָס איך זאָג אייך? אַ מענטש אַליין...

אַ שאַרפער, סקריפּנדיקער געריוש פון מעטראָ־צוג האָט אים אויף אַ ווײַלע פאַרהאַקט דאָס לשון און אַרויסגערופן אַ ווייטיקלעכע גרימאַסע אויפן פנים. ער האָט מער אויסגעבויגן די פּלייצע, אויסגעצויגן דעם קאָפּ צו מיר און אָנגעהויבן רעדן העכער:

— נישט גוט, נישט גוט צו זיין אַליין. אומעטום דאָס זעלבע. כ׳האָב געמיינט ערגעץ־אַנדערש זענען מענטשן אַנדערש. זיי זענען נאָר אַ ביסל אַנדערש אָנגעטאָן, עסן אַנדערש, רעדן מיט אַן אַנדער לשון, מער גאָר־נישט. היטלער האָט אין ערגעץ גאָרנישט אָנגעלערנט.

— דערפאַר זענט איר אַוועקגעפאָרן פון דענעמאַרק?

— ווער זאָגט דען, אַז דערפאַר? איך זאָג דען עפּעס שלעכטס אויף דענעמאַרק? אויף שוועדן? איך בין דאָרט סייווי נישט געווען מער ווי עטלעכע וואָכן. איך רעד וועגן דער וועלט און נישט וועגן דענעמאַרק. זי איז אַ קורווע, די וועלט. זי האַנדלט מיט מענטשן, מיט לעבנדער. ס׳וואָלט זיך ערגעץ געפינען אַ היטלער, וואָלט ער געקאָנט אָפּטאָן דאָס זעלבע ווי אַמאָל; די וועלט וואָלט אים געזאָגט: „נאַ, פרעס דיך אָן מיט עטלעכע לעבנדער, מיטן ביסל יידן און לאָז אונדז צו רו". אין דייטשלאַנד האָב איך געלייענט יעדן טאָג די צייטונגען, כ׳האָב געזען וואָס ס׳טוט זיך.

לילי בערגער

כ׳האָב אָנגעהויבן אַריינוואַרפן עטלעכע ווערטער, שטעלן פראַגן. ער האָט תיכף ומיד אויפגעכאַפּט אין וואָס מיר גייט און אַריינגעפּאָרן מיר אין די רייד:

— פון וואַנען כ׳האָב זיך גענומען אין דייטשלאַנד? געפאָרן אַהין אָפּנעמען אַ חוב, אַ גרויסן חוב. אָפּגעוועזן דאָרט אַ צוויי־דריי יאָר. זיי האָבן מיר געדאַרפט באַצאָלן פאָרן לאַגער, פאַר אַלץ. איך בין פון גאַליציע, בין איך. ס׳הייסט ביי זיי, אַז איך בין פון דייטשער קולטור. איך רעד גוט דייטש, כ׳האָב שטודירט דייטשע ליטעראַטור, בין איך פון דייטשער קולטור. איר הערט, דייטשע קולטור. כ׳האָב זיי אין דר׳ערד מיט זייער קולטור. נאָר מ׳דאַרף זיי שענקען? זיי האָבן נאָך קיין הונדערט חלק נישט אָפּגעגעבן. די בעבעכעס דאַרף מען אַרויסציען פון זיי. איך בין געפאָרן נישט נאָר נאָך געלט. איך האָב זיי געוואָלט דערמאָנען. זיי האָבן שוין פאַרגעסן. די וועלט האָט אויך פאַרגעסן. אַלע האָבן פאַרגעסן. איך האָב געוואָלט זיי דערמאָנען, בין איך אַוועק מאָנען געלט. נאָר צו־וואָס טויג מיר דאָס געלט, אַז מ׳לאָזט מיך נישט אַריין צוריק קיין פוילן. מ׳האָט מיר געזאָגט, אַז פון דאַנען איז לייכטער. גיי איך יעדן טאָג אין קאָנסולאַט, איך רעד און רעד, לייג זיי אַוועק פאַר די אויגן באַשטעטי־קונגען פון דאָקטוירים, אַז פאַר מיר איז צום בעסטן דאָרט, ווו איך האָב עמעצן, און אַ רואיקע שטוב. ס׳איז ווי גערעדט צו דער וואַנט. ס׳איז נאָך נישט דורך קיין צען יאָר. צען יאָר דאַרף מען וואַרטן צו קאָנען אַהין פאָרן. איר פאַרשטייט? צען יאָר. זיי זאָגן אייך דאָס העפלעך. אַז איך טרעט נישט אָפּ, שיקט מען מיך פון איין נומער צום אַנדערן. די פרוי דאָרט לייגט איין וועלטן. זי האָט מיר געשיקט אַן איינלאַדונג כ׳זאָל קומען דערוויל אויף דריי חדשים. אַ פרוי אַ בריליאַנט, נישט קיין יידישע, נישט קיין יונגע שוין, אָבער אַ גאָלדן האַרץ. זי האָט אויך אַרויס־באַקומען אַ באַשטעטיקונג פון אַ דאָקטער, אַז איך פאַרטראָג נישט קיין גערויש. ביי איר איז שטיל אַ מחיה. גיי איך מיט די פאַפּירן פון איין ביוראָ צום אַנדערן, פון איין נומער צום אַנדערן. און זיי — ס׳דאַרף דורכ־גיין צען יאָר צו קאָנען אַהין פאָרן. אין צען יאָר קאָן זיך די וועלט צען מאָל איבערדרייען, זאָג איך זיי. ס׳העלפט ווי אַ טויטן באַנקעס. פאַרוואָס בין איך אַוועקגעפאָרן, פרעגן זיי. זיי האָבן שוין פאַרגעסן פאַרוואָס. אַלע קרענקען זיי אויפן זכרון. די דייטשן, די פאָליאַקן — אַלע פאַרגעסן. איך האָב אַ גוטן זכרון, איך פאַרגעס נישט. כ׳זאָג זיי כ׳האָב נישט געקאָנט אויסהאַלטן די שוואַרץ־חתונה, איצט וויל איך צוריקפאָרן. איך בענק צו

מיין שטוב, צו דער פרוי, זי האָט מיך צוגעהיט; אַרום דער הייזקע אַ גאָרטן; זומער נאָענט צום וואַלד; ווינטער אַ בלישטשענדיקער שניי. איך זאָג זיי, איך גיי אויס פון בענקשאַפט, כ׳בין אַליין, זי דאָרט אויך אַליין, זי ליגט איין ווערלטן איך זאָל צוריקקומען; איך זאָג אייך, אַ פרוי אַ בריליאַנט, נישט קיין יונגע שוין, אַ גאָלדן האַרץ, איר הערט, כ׳האָב געפונען אַ...

דער מעטראָ האָט זיך געהאַט אָפּגעשטעלט. כ׳האָב דערזען די סטאַ־ציע, ווו כ׳האָב געדאַרפט אויסשטייגן. כ׳האָב זיך אויפגעריסן און נישט דערהערט דעם סוף פון זיינע רייד. נאָר פאַרשטאַנען האָב איך, אַז ער האָט פאַרט אַ ווייב געפונען און... צוריק זי פאַרלוירן.

III

מיט טביה דעם מילכיקן אין אונטערערד

אַז כ׳האָב ביי סאָניטשקען דער בעסאַראַבערקע געהאַט עפּעס אויס־באַהאַלטן איז מיר אין גאַנצן פון זינען אַרויס. ס׳איז מיר אויך דעמאָלט אַרויס פון קאָפּ, אַז סאָניטשקע האָט אַ ברודער. ס׳זענען געווען אַנדערע דאגות און זאָרגן, וואָס האָבן געעגבערט דעם מוח: ראשית כל האָב איך זיך געדאַרפט פאַרזיכערן צי „מ׳גייט נישט נאָך״, והשנית האָב איך זיך נישט געקאָנט דערמאָנען דעם נומער פון הויז, דאָס איינציקע, ווו מ׳קאָן זיך אַריינכאַפּן איבערצונעכטיקן. בלויז איין מאָל דאָרט געווען. אַזוי לאַנג שוין. ס׳קאָן זיין דאָס צווייטע און אפשר גאָר דאָס דריטע אָדער פערטע הויז פון אָנהייב געסל.

דער טאָג האָט זיך געצויגן אָן אַ סוף. כ׳האָב געשפּאַנט פון איין פּאַריזער גאַס אין אַן אַנדערער אָן אַ ציל, אָן אַ צוועק. פון מאָל צו מאָל איינגעשטיגן אין אַן אויטאָבוס, אָפּגעפאָרן עטלעכע סטאַציעס, אויסגע־שטיגן, ווידער איינגעשטיגן אין אַן אַנדערן אויטאָבוס, דערנאָך זיך געלאָזט גיין אויף גאַסס באַראַט. די מעטראָ איז בעסער געווען אויסצו־מיידן, ס׳געשעט מען פאַרהאַלט, מען רעווידירט. דאָ און דאָרט זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ שוי־פענצטער, מיט אַ געמאַכטער אויפמערקזאַמקייט זיך איינגעקוקט אין די אויסגעשטעלטע „אַנטיקן״ און גלייכציטיק גע־וואָרפן זייטיקע בליקן. יעדער פאַרבייגייער האָט מיר אויסגעזען פאַר־דעכטיק.

כ׳האָב זיך דערשלעפּט צום טיולערי־פּאַרק, צוגעפאַלן צו דער ערשטער באַנק, אָנגעשפּאַרט זיך אין פאַרענטש און אָפּגעעטעמט. ווי פון אונטער דער ערד איז אויסגעוואַקסן אַ פאַרשוין מיט אַן אויסגע־צוואָגענעם, גלאַנציקן קאָפּ האָר, צוגעזעצט זיך צו מיר מיט אַ ברייטן גוטמאָרגן און געשאָנקען מיר אַ נאַרישעוואַטן, פריינדלעכן שמייכל. צי האָב איך ערגעץ דעם פאַרשוין נישט געזען שוין? ער האָט גע־פּרווט פאַרפירן אַ שמועס. צי איז ער פון יענע, וואָס „ציען די

פעדים״ ? „יענע״ פירן זיך נישט אויף אַזוי נאַריש. זיינע גלאַנציקע האָר, ווי ער וואָלט נאָר וואָס אַרויס פון אַ פריזירער, וואַרפן זיך צופיל אין די אויגן. כ׳האָב זיך פריער כסדר פאַרזיכטיק אַרומגעקוקט, אַזעלכן נישט באַמערקט. פון דעסטוועגן האָב איך זיך מיט אַ געמאַכטער פלעג־מאַטישקייט אויפגעהויבן און מיט גלייכגילט זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג. ער איז מיר נישט נאָכגעגאַנגען.

דער האַרבסטיקער טאָג האָט זיך אויסגעלאָזט. מיינע כוחות אויך. זאָל איך ריזיקירן מיטן מעטראָ ? מען מוז. אויב האַלט מען מיך נאָך אויפן אויג, וועט אפשר לייכטער זיין זיך אַרויסצודרייען.

נאָך אַ צענדליק סטאַציעס בין איך ווידער אַרויס. אויב האָבן די מיך געלאָזט פאַר אַ „פאַדעם״, האָט זיך שוין דער פאַדעם זיכער איבער־געריסן נאָך אַזוי פיל אַקראָבאַטישע אַרומדרייענישן איבער דער שטאָט. כ׳בין איצט געגאַנגען ווי אַן אויטאָמאַט, אָט־אָט זאָגט ער אָפּ זיך צו באַוועגן, דער מאָטאָר אינעווייניק ווערט קאַליע, וועט באַלד אויפהערן צו טרייבן דעם אויטאָמאַט. אין צעהיצטן קאָפּ האָבן זיך געדרייט געדאַנ־קען, אין דמיון האָבן געשפּרונגען געשטאַלטן, נאָענטע, טייערע — חביבה, אנקאַ, סאַראַ, סאַליעק, ליאָנעק, הערשל. ווו זענען זיי איצט ? פאַרוואָס זיי און נישט איך ? ווי אַזוי האָב איך אויסגעמיטן די טייוולאָנישע נעץ ? מ׳וועט זיי זיכער... וועלן זיי אויסהאַלטן...?

אויפן געדאַנק פון פייניקונגען האָב איך אַלע מאָל אַ שטאַרקן ציטער געטאָן, פאַרביסן די ליפּן. וואָס דאַרף מען טאָן אויסצוהאַלטן ? אַן עלעק־טרישער שטראָם איז דורכגעלאָפן דורכן לייב צוזאַמען מיט אַ פאַרביי־סענער עקשנות. אַ פאַרזונקענע אין אַזעלכע טראַכטענישן, אַ דערשעפּטע, האָב איך פלוצעם דערפילט אַ שטאַרקן שטויס, ס׳האָט מיך שיער נישט צעשיט. כ׳האָב ברייט געעפנט די אויגן און דערזען לעבן מיר אויפן טראָטואַר אַ ברייטע, צעכראַסטעטע מאַרק־הענדלערין מיט אַ מאַנסבילשן פּנים און אַ גרויסן קויש אין די הענט. אַ האַגל פון זידל־ווערטער האָט זיך געשאָטן פון איר מויל : „ווו האָסטו די אויגן ? אָט אַזעלכעס פאַר־נעמט דעם גאַנצן טראָטואַר ! שיער מיר דעם קויש נישט אַרויסגעשלאָגן פון די הענט. וואָלסט געאַרבעט ווי איך און נישט געמאַכט אייגעלעך צו מאַנסבילן ! וואַרטסט אפשר אויף אַ דייטשן סאָלדאַט ? !״.

די קאַלטע באָד האָט מיך צו זיך געבראַכט. כ׳האָב אָנגעהויבן שטעלן פיס. ביים סוף גאַס זיך ערשט אַרומגעקוקט. ווו בין איך ? סען־דעני. ס׳ראַיעט זיך דאָ פון קליינע גאַסן־הענדלער און גאַסן־מיידלעך. פון דאַנען

איז שוין נישט ווייט צו סאָניטשקען דער בעסאַראַבערקע. די פיס זאָגן אָפּ צו טראָגן, נישטאָ אָבער קיין ברירה, אויב איך וועל זיך נישט צואײַלן, וועל איך אײַנשלאָפֿן גייענדיק.

דער האַרבסטיקער בין־השמשות איז געוואָרן אַלץ געדיכטער. דער גרויער פֿאַרנאַכט האָט זיך מיט איין מאָל געלאָזט אײַנשלינגען דורכן שוואַרצן אָוונט. אַן אומהיימלעכער, אומפֿרײַנדלעכער. אַזאַ אָוונט נעמט דעם היימלאָזן, דעם געיאָגטן און געפּלאָגטן אַרײַן אין אַן אײַזערנער קלעם, ציט איין אַלע מאָל ענגער, ענגער...

דער זכרון שטרענגט זיך אָן ביז צום פּלאַצן: דאָס צווייטע צי דאָס דריטע הויז? אפשר דאָס פֿערטע? דער שטאָק מסתמא דער פֿערטער. אויפֿן טיר אַ צייכן פֿון אַן אָראַפּגענומען בלעכל. מ׳דאַרף פּרוּוון. וועט ווער זײַן אויף די שטיגן, וועט מען דאַרפֿן קונציק פֿאַרקערעווען.

אויפֿן דריטן שטאָק האָט דער צייכן אויפֿן טיר מיך פֿאַרהאַלטן. וויפֿל מאָל קלאַפּן? דעמאָלט דריי מאָל. טוק־טוק־טוק. די טיר האָט זיך געעפֿנט אַזוי לײַכט, אַז זי האָט אַפֿילו דעם מינדסטן סקריפּע נישט געטאָן. ווי גיך כ׳האָב זיך אַרײַנגעשליכט, האָט זי זיך שנעל צוריק פֿאַרמאַכט. סאָניטשקע אַ בלאַסע האָט געעפֿנט דאָס מויל ווי צו אַ געשריי. זי האָט אָבער געקוקט אויף מיר אַ שטומע, אַ צעשראָקענע, ווי איך וואָלט פֿון יענער וועלט געקומען. ווען מיר זענען שטומערהייט אַרײַן אין ערשטן צימער האָט זי זיך אָנגעכאַפּט מיט די הענט ביים פּנים, אײַנגעגראָבן די פֿינגער אין די באַקן און אָנגעהויבן אַן אויספֿאָרשונג:

— ביסט... ביסט דאָך אַרעסטירט געוואָרן! מ׳האָט מיר געזאָגט, אַז דײַן גאַנצע גרופּע... אַלע אַרײַנגעפֿאַלן...

— דורך אַ צופֿאַל איך נישט, אַ ריינער צופֿאַל וואָס כ׳בין דאָרט נישט געווען.

— כ׳האָב מורא זיי האָבן דיך בכיוון געלאָזן, פֿאַר אַ „פֿאַדעם״, דיר נאָכצוגיין, אַרײַנצוכאַפּן אַנדערע אין דער פֿאַסטקע.

— אויב ס׳וואָלט אַזוי געווען, האָבן זיי מיך זיכער פֿאַרלוירן פֿון אויג; שוין צוויי טעג ווי איך שלעפּ מיך אַרום איבער פּאַריז, קאָנטראָליר מיך, כ׳גלויב... כ׳בין זיכער...

— האָסט נישט געדאַרפֿט אַהער קומען! ס׳טוט מיר זייער לייד, מ׳האָט מיר פֿאַרזאָגט. ביי מיר איז היינט...

— נאָר הײַנטיקע נאַכט. די פֿאַרבינדלערין האָט מיר צווויסן געגעבן, אַז שוין פֿאַראַן ווו מיך אײַנצוקוואַרטירן, מאָרגן פֿרי ווער איך נעלם.

— נעמסט עס אויף זיך. מ׳האָט מיר פאַרבאָטן, ס׳מוז דאָ זיין „ריין", איך קאָן דיך אָבער נישט אַרויסוואַרפן. טביהן האָב איך יאָ אַרויס־געוואָרפן.

אַ דערמאָנונג האָט אַ בליץ געטאָן אין זכרון. כ׳האָב געפרעגט גיכער עפּעס צו זאָגן, ווי פאַרצוואוואַרפן:

— האָסט אַרויסגעוואָרפן מיין „טביה"?

סאָניטשקע האָט אויסגעשטעלט אויף מיר אַ פּאָר פאַרחידושטע אויגן:

— דיינער? אוי געוואַלד! ווער וואָלט זיך פאַרגעשטעלט? זיכער געוועזן, אַז טביה געהערט שוין אין גאַנצן צו רחלען, גיי ווייס.

— מיין „טביה" רחלס? געדענקסט נישט?

סאָניטשקע האָט אָנגעהויבן מיך טרייסטן:

— נעם זיך נישט צום האַרצן. רחל האָט אים גענומען צו זיך, פאַרגעס. ער איז נישט ווערט זאָלסט...

— וואָס פלאָפּלסטו? ווער? וואָס איז נישט ווערט?

— טביה דיך, ס׳ליגן אים אויך היינט אין זינען נאָר מיידלעך, אַלע עטלעכע חדשים אַן אַנדערע.

כ׳האָב זיך ערשט דערמאָנט, אַז איר ברודער הייסט טביה און אָנגע־הויבן זי אַרויספירן פון טעות:

— געדענקסט נישט? כ׳האָב אויסבאַהאַלטן ביי דיר אַ ביכל, „טביה דער מילכיקער"? דאָס איינציקע, וואָס כ׳האָב אָפּגעראַטעוועט פון מיין גאַנצער ביבליאָטעק, אויך דורך אַ צופאַל.

סאָניטשקע האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַרן קאָפּ. ווי האָט זי געקאָנט פאַרגעסן?! זי איז זיכער געווען, אַז אין שטוב איז „ריין". זי מיט אַרישע פּאַפּירן אין טאַש און אין אויוון פאַרשטעקט אַ יידיש בוך. זי איז גרייט געווען אויף דער הייסער מינוט אַרויסצוציען פון דער באַהעלטעניש „טביה דער מילכיקער" און אים אומברענגען. קוקנדיק אָבער אויף מיר האָט זי פאַרט רחמנות באַקומען. כ׳האָב שוין געהאַט בלאָזן אויף די פיס און אַ ליידיקן מאָגן. זי האָט זיך גענומען גרייטן מיך אָנצוקאָר־מענען. און צוריקגעשמועסט בין איך סייווי אַ גרעסערע געפאַר פאַר דער „ריינער" שטוב, ווי דער אויסבאַהאַלטענער „טביה". זיין עקזעקוציע האָט זי באַוויליקט אָפּצולייגן אויף צומאָרגנס.

❦

מיטן אָנקומען פון טאָג זענען מיר ביידע געווען אויף די פיס. ראשית כל האָבן מיר אַרויסגעצויגן „טביה דער מילכיקער״ פונעם אייזערנעם ברייטבייכיקן אויוון פון אונטער אַן אָנוואַלגעריש פון שטיק־לעך האָלץ. „טביה״ האָט גאָרנישט געליטן זינט כ׳האָב אים אין פרילינג אַריינגעפירט אין אומלעגאַליטעט. סאָניטשקעס דירה איז נאָך דעמאָלט נישט געווען אין טאָפּלטער קאָנספּיראַציע. אַ נס וואָס זי, סאָניטשקע, האָט אַ קעצישן קאָפּ. ווער ווייסט מיט וואָסער מיתה משונה דער גראַ־טעוועטער „טביה״ וואָלט אומגעקומען בעת זי האָט געמוזט מאַכן די שטוב „ריין״.

זי האָט מיר צוגעטיילט די פּריווילעגיע אַליין אויסצוקלייבן דעם פּסק־דין: אָדער פאַרברענען „טביה״ אין איר בראָט־אויוון אין קיך, אָדער צערייסן אויף פּיץ־פּיצלעך און ביסלעכווייז אַראָפּלאָזן מיטן וואַסער אין קלאָזעט. כ׳בין שוין געווען אויסגערוט און זאַט. צום אַרומוואַלגערן זיך נעמט היינט אַ סוף. דעם נייעם אַדרעס געהאַט שוין גוט איינגעחזרט אין זכרון. פאַרוואָס ווייטער נישט פּרווון ראַטעווען „טביה״? וואָס ס׳וועט זיין מיט מיר וועט זיין מיט אים.

סאָניטשקע האָט פאַרבראַכן די הענט, פאַרגעוואָרפן מיר לייכטזיני־קייט, גערעדט צו מיין שכל. פון דעסטוועגן האָט זי מיר געשאָנקען אַזאַ ספּעציעל פּרויען־קוישל מיט אַ טאָפּלטער דנאָ, מיטגעגעבן עטלעכע קליינע קיך־מכשירים צו מיין נייער ווירטשאַפט און אַ ביסל שפּייז. כ׳האָב „טביה״ פאַרפּאַקט פאַכמענעריש, אַריינגעלייגט די מתנות און אין סאַמען אויבן אַרויפגעלייגט מיין האַנט־טאַש מיט די אַרישע פּאַפּירן, ווי פאַר אַ סגולה, און געלאָזט זיך מיט דער באַן אין דער פאַרשטאָט מעדאָן, וווּ זאָלאַ האָט אַמאָל פאַרלייגט זיין גאַסטפריינדלעכע ליטעראַרישע נעסט.

❦

אַן אַלט צעקראַטשעט צווײ־שטאָקיק הויז, וואָס געדענקט זיכער די צייטן, ווען זאָלאַ פלעגט אין יענער געגנט שפּאַצירן אין די פרימאָרגנס. אַ סברה, אַז שוין דעמאָלט איז עס אויך נישט געווען פון דער ערשטער יוגנט. נישט שענער האָט פון ערשטן קוק אויסגעזען די באַלעבאָסטע, די אלמנה: אַ הויכע, מיט איינגעבויגענע פּלייצעס, אַ ברייטביינערדיקע, אַ פּנים אַ צעאָקערטס. אָבער די אויגן אירע! אמתע בריליאַנטן. די אויגן־

פענצטער פון דער צווייטשטאָקיקער הייזקע שוואַרצע, אומעטיקע, דער באַלעבאָסטעס אויגן ליכטיקע, האַרציק־שמייכלענדיקע, זיי גלעטן, ווינקען שעלמיש, ווי זיי וואָלטן פאַרטרעטן דאָס מויל, וואָס פרעגט נישט, זוכט נישט צו דערגיין ווער און וואָס דו ביסט.

כ׳האָב ליב באַקומען די באַלעבאָסטע און פיינט געקריגן דאָס הויז. ס׳האָט געווייעט מיט אומהיימלעכקייט פון די דורכגעפוילטע ווענט. ביי־נאַכט האָט עס געשראָקן, ווי בייזע רוחות וואָלטן זיך דאָ ערגעץ באַ־זעצט. מער פון אַלץ האָט אָבער געשראָקן דער שכן פון אונטן.

געווען זענען מיר דריי שכנים: איינער אויבן, איינער אונטן, איך אין דער מיטן. צוליב דעם פון אויבן האָב איך נישט געהאַט קיין קאָפּ־דאַרעניש. אַן אָרעמער שוואַרץ־אַרבעטער און אַ פולע שטוב מיט קליינ־וואַרג — אַ טומל, אַ טופּעניש דעם גאַנצן טאָג, אַז דער סופּיט קרעכצט ביי מיר. ביים אונטערשטן שכן שטיל ווי אין אַ קבר, קיין פּיפּס, קיין שאָרך, נישט בייטאָג, נישט אין אָוונט. ערגער וואָס ער קוקט מיר נאָך. נישט חס וחלילה פאַרשייט, אַרויסרופעריש, נאָר עפּעס אַזוי מיסטעריעז. איך פיל בחוש, אַז ער האַלט מיך אויפן אויג זינט די עטלעכע טעג, וואָס כ׳האָב זיך אַריינגעצויגן. יעדעס מאָל וואָס איך גיי אַרויס, קער זיך אום צוריק, מוז איך פאַרבייגיין זיין נידעריק פענצטער. ס׳איז פאַרהאַנגען דאָס פענצטער מיט אַן אַלטן, געדיכטן פאַרהאַנג, אָבער איך פיל, אַז ער קוקט דורכן פאַרהאַנג צום דרויסן, צו מיר. ס׳בלאָנקען אויף מיר זיינע זייטיקע בליקן, ווען איך באַגעגן אים. ער געפעלט מיר נישט דער פאַר־שוין. דערצו האָט ער אַ פּרצוף פון אַ דייטש: אַ מילכיק פּנים, אַ בלאָנדע טשופּרינע. און ער וווינט דאָ בלויז זינט עטלעכע וואָכן. איך אַ שלעכ־טער סימן. די לעצטע צייטן זעצן זיי אַריין זייערע מענטשן דאָ, דאָרט. נאָכצושפּיאָנירן. מ׳וואָלט געדאַרפט פרעגן די באַלעבאָסטע וואָס דאָס איז פאַר אַן איינער, אָבער בעסער וואָס ווייניקער פרעגן, כאָטש מ׳האָט מיר געזאָגט, אַז מ׳קאָן האָבן צוטרוי צו איר. בייטאָג איז נאָך אַ האַלבע צרה, ביינאַכט בייסט זיך איין די איינזאַמקייט צוזאַמען מיט דער שרעק אין די ביינער. ווען מ׳וואָלט כאָטש געווען מיט עמעצן צוזאַמען. ווי לאַנג וועל איך נאָך זיין פאַרמשפּט צו דער „קוואַראַנטאַנע״? וויפל צייט מוז מען האָבן זיך צו פאַרזיכערן, אַז מען האָט מיך נישט געלאָזט נאָכצו־שפּיאָנירן?

ס׳האָט נישט געדויערט צו לאַנג. אומגעריכטערהייט האָט מען מיר אַריינגעזעצט אַ סובלאָקאַטאָר.

— אויף דריי־פיר טעג בלויז. וואָלסט שוין געקאָנט זיך צוריקקערן צו דער „אַרבעט״, נאָר מיר האָבן אים נישט ווו אַהינצוטאָן.

— פון מיינעטוועגן וואָלט ער געקאָנט בלייבן לענגער, אָבער דער לאָקאַטאָר פון אונטן געפעלט מיר נישט.

— מיר האָבן צוטרוי צו דער באַלעבאָסטע — האָט מיר די פּאַר־בינדלערין פאַרזיכערט — ס׳וועט דיר די עטלעכע טעג היימלעכער זיין.

היימלעך איז טאַקע געוואָרן. אזוי היימלעך, אַז דער דאַך האָט זיך געהויבן און ביי מיר האָט דער מוח שיער נישט געפּלאַצט. מיין סובלאָ־קאַטאָר, וואָס האָט פון אָנהייב זיך געפילט אַ ביסל פרעמדלעך, איז גיך געוואָרן היימיש מיט מיין אומהיימלעכער דירה און אָנגעהויבן באַלעבאָ־טעווען, צעפירן די הענט, אַרומרודערן, ווארעם אַלט איז ער געווען דער גאַסט גאַנצע פערצן חדשים. זיינע יידישע עלטערן זענען געזעסן אין דראַנסי־לאַגער און די ריטערס פון „הערן־פאָלק״ האָבן אָנגעוואָנדן אַלע מיטלען אָפּצוגעפינען זייער יונגן זון. מיין 14־חדשימדיקער סובלאָקאַטאָר האָט זיך אָבער מיט דער גאַנצער מעשה נישט איבערגענומען. פון מיין גאַנצער קאָנספּיראַציע האָט ער געמאַכט אַ תל עולם. ביי טאָג ווי ביי טאָג, נאָר ביינאַכט!

צימערן זענען געווען צוויי, אָבער אַ בעט איינס, אַן אַרויסגערוקטס אין מיטן צווייטן צימערל, וואָרעם די ווענט האָבן געשוויצט, נישט פון היץ, נאָר פון קעלט. דאָס האָט דעם גאַסט נישט געשטערט אַרומצוראַיען, אַפילו אין שלאָף האָט ער נישט גערוט.

ס׳האָט נישט לאַנג גענומען ווי ער איז איינגעשלאָפן און ווי די ביישלעפערקע, אַן איינגעקאַרטשעטע, איז נאָך אַ גאַנצן טאָג זיך אַרומ־שמאַיען מיט אים, אויך אַריינגעפאַלן אין שלאָף, האָט זיך דאָס הויז אַ טרייסל געטאָן. מיין ביישלעפער האָט זיך אַטלעטיש איבערגעדרייט און אַראָפּגעפאַלן מיט אַ טראַסק אויף דער פאָדלאָגע. דער טראַסק האָלט אפשר אזוי נישט אויפגערודערט דאָס הויז, נאָר זיינע געוואַלדן. אַזוי ווי אַ באַנומענער האָט ער געשריען, כאָטש נעם טו זיך אַן אַ מעשה. מען קלאַפּט שוין אַריין. דורכן סופיט. דער שכן פון אויבן. דער פון אונטן איז „דיסקרעט״, מאַכט זיך געפגרט. איז דאָס דען נישט קיין שלעכטער סימן...?

נאָך אַ שטורמישער נאַכט איז געקומען אַן אומרואיקער, נודנער טאָג. וואָס טאָן? אַלע ווייסן איצט, אַז איך באַהאַלט אויס אַ קינד, דערצו אַ מזיק, לאָזט נישט שלאָפן. צו אַלע צרות האָט זיך דער 14־חדשימדיקער

פאַרשוין פאַרקילט, מסתמא שוין געווען פאַרקילט, ווען מ׳האָט אים גע־בראַכט צו מיר. אַ גאַנצע קאַפּעליע שפּילט אים אויפן הערצל, זיין שטימע איז הייזעריק נישט בלויז פון שרייען. ביז מ׳וועט אים איינקוואַרטירן ערגעץ אויף אַ דאָרף ביי אַ „נוריס״, ווער ווייסט וואָס ס׳קאָן געשען? וואָס ס׳קאָן אָפּטאָן דער פון אונטן...?

מ׳דאַרף, מען מוז גיין זוכן הילף. קודם צוגערוקט דאָס בעט צום וואַנט. נאָך אַ שלאָפלאָזער נאַכט איז דער קליינער מזיק נאָכמיטאָג גיך איינגעשלאָפן. כ׳האָב אים פאַרבאַריקאַדירט מיט עטלעכע שטולן, אַוועק צו דער באַלעבאָסטע אין איר נייער הייזקע אין גאָרטן און אָנגעהויבן אַרויסלייגן די זאַך אויף אַ קאָנספּיראַטיוון אופן: אַ שוועסטער אין שפּי־טאָל, דער מאַן, דער טאַטע פון קינד, אַ קריגס־אינוואַליד, דאָס קינד קראַנק, פאַרקילט, שרייט, די שכנים...

זי האָט מיר איבערגעריסן:

— ט׳אַן פו!

זאָל איך מיר נישט נעמען צום האַרצן. זי ווייסט שוין וועגן דער טומלדיקער נאַכט. דער שכן פון אויבן האָט זיך פאַרקלאָגט. זי האָט אים אָפּגעווישט די נאָז, ער האָט אַליין קינדער דאַרף ער פאַרשטיין. אָט זאָל איך נעמען אַ ביסל קוילן־אָפּפאַלעכץ, איבערהייצן, זי גייט שוין אין אַפּטייק קויפן אַזאַ פּליאַסטער צו פאַרקילונג, זי וועט מיר גענוי זאָגן ווי אַזוי אין אָוונט, פאַרן שלאָף, אים דאָס אַרויפלייגן אויף אַ צען מינוט אויפן ברוסט־קאַסטן.

אין אָוונט האָב איך דורכגעפירט די אָפּעראַציע נישט נאָר ווי די באַלעבאָסטע האָט מיך אינסטרואירט, נאָר אויך געגוי ווי ס׳איז אָנגעוויזן געווען אין לאַנגן פאַרשריפט. ס׳איז קוים דערגאַנגען צו אַ פינף מינוט ווי דער בחור האָט זיך צעלאָזט אויף אַלע כלים. כ׳האָב אויף גיך אָפּגעוויקלט דעם האַנטוך און אַראָפּגענומען דעם פּליאַסטער. דאָס דעליקאַטע לייב איז געווען רויט ווי פייער, ס׳האָט געברענט. איצט האָט מיין פּאַציענט געהאַט פאַרוואָס צו שרייען. און ער האָט זיך נישט געקאַרגט. אַריינגע־קלאַפּט האָט מען שוין נישט, נישט פון אויבן און נישט פון אונטן, אָבער אַנדערע שכנים קאָנען זיך צוזאַמענלויפן. מ׳קאָן, מ׳וועט...

וואָס האָב איך אַלץ נישט געטאָן איינצושטילן דעם קליינעם שרייער? אַלע מיינע פּעדאַגאָגישע מיטלען זענען דורכגעפאַלן. כאָטש גיי דערצייל אים, אַז אָקופּאַציע, אַז דייטשן, אַז אַ גרויסע געפאַר. נאָר ווי לאַנג קאָן

מען שרייען? ער האָט זיך פאַרמאַטערט און לסוף מיט אַן אָפן מויל איינגעשלאָפן.

איך בין אויך געווען פאַרמאַטערט, ערגער ווי נאָך דער געפּער־לעכסטער אונטערנעמונג קעגן שונא. אָבער וווּ צו לייגן זיך שלאָפן האָב איך נישט געהאַט. מיין סובלאָקאַטאָר איז איינגעשלאָפן אין דער ברייט פון בעט, איין סאַמען מיטן. בעסער אים נישט צו רירן; כ׳האָב אים איינגעדעקט, ווידער פאַרבאַריקאַדירט מיט שטולן, אַריין אין ערשטן צימער און זיך אַ דערשעפּטע אַראָפּגעלאָזט אויף דער איינציקער פאַר־בליבענער שטול. ווי אַזוי דרוכשטופּן די נאַכט? ווען ס׳וואָלט כאָטש געווען אַ פּאַסיק, גוט בוך. כ׳האָב זיך דערמאָנט אין „טביה״. נישט געהאַט באַוויזן נאָך אים צו באַשטאַטן אין אַ בעסערער באַהעלטעניש.

כ׳האָב אַרויסגעצויגן „טביה״ פון אונטער דער טאָפּלטער דנאָ און ביי אַן איבערגעדעקטן טיש־לעמפּל געזעצט זיך לייענען. אָנגעהויבן פון ערשטן זייטל. ווי לאַנג געלייענט? איך געדענק נישט. טביה האָט מיר איבערגעריסן די לעקטור. כ׳האָב אים קוים דערקענט. ער איז געשטאַנען פאַר מיר אַן זיין פערדל, אַן דער בייטש, אַן ביסל מילכיקס און פּאָרט ווי היינטערוועגס. אויך דער הולך אַן אַנדערער: אין אַזאַ רעקל ווי עס טראָגט מיינער אַ חבר אַ רעזיסטאַנטלער, די באָרד צוגעשוירן קורץ, היינטצייטיק. נישט דער זעלבער טביה און פּאָרט דער זעלבער. די זעלבע טביהשע גוטע אויגן. צי חלום איך? טביה, צי נישט טביה?

טביה האָט זיך געכאַפּט, אַז איך האָב ספקות און אָנגעהויבן אַרויס־העלפן מיר:

— דערקענסט נישט, טאָכטער, טביהן? ווו איז ביי דיר דער שכל? למאי זאָל זיך טביה געבן צו דערקענען? אויס טביה דער מילכיקער. איבערגעפּעקלט זיך טיפער אין בויבעריקער וואַלד, איך קום נאָך צו גרין. מען זיצט נישט מיט פאַרלייגטע הענט. אַזוי, אַזוי טאָכטער, טביה האָט זיך דערוואָרט נייע צייטן. אַמאָל, אַז מיר זענען עמעצן גרויס געוואָרן אין די אויגן, האָט מען פאַרטריבן. היינט אַ געלערנטע וועלט, דאָס דייטשל האָט אויסגעפונען אַנדערע ספּאָסאָבעס. וואָס דרייסטו מיטן קאָפּ? כ׳ריר אַן דעם כבוד פון דער געלערנטער וועלט? אוי ווי, דו כליפּעסט גאָר. נישט שיין, טאָכטער! מיר ליגן טאַקע ניין איילן אין דער ערד, אַ ביטער שטיקל צייט אויף יידן, ווי אין פּסוק שטייט — אַ מכה אויף אַ מכה און אויף דער מכה אַ בלאָטער, נאָר אַ ייד אַ כל זמן שהנשמה בקרבו טאָר נישט פאַרלירן דעם בטחון. פאַרוואָס ס׳קומט אונדז דאָס

אַלץ, פרעגסטו? גיי פרעג קשיות ביים רבונו של עולם. צוריק געשמועסט, דערויף זענען מיר יידן. ווי שטייט אין פסוק? ביסט אַ זעלנער, טאַ שמעק פולווער. איי די וועלט, ס׳פאַרדריסט וואָס זי נעמט זיך נישט אָן פאַר אונדז? איז דער פסוק, אַז גאָט גיט מיט אַ לעפל, גיבן לייט מיט אַ שעפל. איי, איי טאַטעלע, נישט שיין, לאָזט צופיל אַראָפּ דעם קאָפּ. קיין צרות פעלן דיר טאַקע נישט, נאָר צוריק געשמועסט, מיט וואָס ביסטו אַ גרעסערער יחסן ביים רבונו של עולם פון אַלע אַנדערע אחינו בני ישראל? פע, נישט שיין צו פאַרברעכן די הענט! ראשית בטחון, והשנית — זיי אויף צעפּיקעניש...

טוק־טוק־טוק־טוק... זיי אויף צעפּיקעניש... דער קליינער מזיק פאַלט אַראָפּ פון בעט... טוק־טוק... זיי אויף צעפּיקעניש... כ׳וועל... טוק־טוק־טוק...

כ׳האָב אָפּגעריסן דעם פאַרשלאָפענעם קאָפּ פון די אויסגעשפּרייטע הענט אויפן טיש. אַ ציטער איז דורכגעלאָפן דורכן לייב. כ׳האָב זיך אַרומגעקוקט מיט שרעק. קיינער איז נישטאָ. צי האָט זיך מיר געחלומט, אַז מען קלאַפּט אין טיר? וואָס מער די וואָר האָט אַרויסגעשטופּט דעם חלום, אַלץ גרעסער איז געוואָרן די שרעק. נישט מעגלעך ערגעץ אויס־צובאַהאַלטן דאָס קינד!

דאָס קלאַפּן האָט זיך איבערגעחזרט. אַ שטיל, ריטמיש קלאַפּן, ווי אויף אָפּגערעדטע צייכנס. כ׳האָב זיך אויף די שפּיץ פינגער דערנענ־טערט צו דער טיר, צוגעלייגט דאָס אויער און דערהערט: „דאָס וואַסער, האָט נישט מורא, אָן אייגענער, דאָס וואַסער פאַרגיסט...״

דער שאַרפער, באַקאַנטער אַקצענט אין די פראַנצויזישע ווערטער האָט מיך באַרואיקט, דערמוטיקט. כ׳האָב אויפגעמאַכט די טיר. ס׳האָט זיך שטיל אַריינגעשלייכט דער פון אונטן, זיך אַנטשולדיקט און שטאַמ־לענדיק ווידער מודיע געווען, אַז דאָס וואַסער קאַפּעט איבער זיין וואַנט אַלע מאָל מער. ער איז אַריין אין קיכל נאָך מיר און מיר האָבןביידע דערזען ווי פון פלאַכן בעקן אונטערן האַלב אָפענעם קראַן גיסט זיך אַריבער דאָס וואַסער. ווי אַזוי איז דאָס געשען?! אַלץ צוליב דעם קליינעם מזיק!

איידער כ׳האָב באַוויזן אויסצוציען די האַנט האָט דער פון אונטן פאַרמאַכט דעם קראַן, געכאַפּט די שמאַטע פון אונטערן בעקן און ענער־

גיש געווישט, געווישט, אויסגעווישט דאָס וואַסער, ווי ער וואָלט געווען געדונגען דערצו. דערנאָך האָט ער קוקנדיק אויף מיר מיט מיטלייד נישט דרייסט אַ פרעג געטאָן:

— איר שלאָפט נישט? לייענט אַזוי שפּעט? שוין באַלד האַלבע נאַכט.

דער פון אונטן האָט אָנגעהאָנגען די אויגן אויפן ביכל, וואָס כ'האָב באַוויזן צו פאַרמאַכן, מיט אַ דיסקרעטן שמייכל געפרעגט צי מ'קאָן וויסן וואָס כ'לייען אַזוי שפּעט, נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער געעפנט דעם טאָוול, און שטיל, אין אַ ליטווישן ייִדיש, אויסגערופן:

— אַ, „טביה דער מילכיקער״! אפשר וועט איר אים מיר לייען? כ'האָב אים געליען.

מיין שוועסטער חנה, פאַרפייניקט דורך די נאַציס — געהייליקט.

אַן אַרויסגעוואָרפענער

אין די אָפּגעטויבטע אויערן האָט אָנגעקלאַפּט אַ רויש. דאָס פאַרשטייפטע לייב האָט דערפילט אַ באַרירונג. דער גוף האָט זיך אין ליידיקן פינצטערן חלל לייכט אַ הויב געטאָן, אַרויף און אַראָפּ, און געבליבן ליגן אַ פאַרגליווערטער. אין אויסגעלאָשענעם מוח האָבן זיך אָנגעהויבן אָנצינדן פייערלעך, ווי פליטערלעך געפלאַטערט, געוועקט.

שלמהלע האָט מיט גרויס מי און מאַטערניש געעפנט די אויגן און ווי אין אַ געדיכטן נעפּל געזען עטלעכע פרויען אַרום זיך. דער נעפּל האָט אָנגעהויבן גיך וויברירן צוזאַמען מיט די פרויען־סילועטקעס. די איינגעקאַרטשעטע, פאַרשטייפטע גלידער האָבן געפּרוווט זיך אויסציען, אויסגלייכן. אַ שאַרפער ווייטיק האָט אַ שטאָך געגעבן, צעגאָסן זיך איבערן לייב. דער ווייטיק האָט פאַרטריבן דעם פאַרחלשטן שלאָף. אין דערוואַכטן קינדערישן מוח האָט אויפגעבליצט אַ גישט קלאָרער געדאַנק: ווו בין איך? ווו? וואָס וויל מען פון מיר? פּלוצלינג זענען צו זיינע אויפגעטויכטע אויערן דערגאַנגען ברעקלעך פון אַ שעפּטשעריי: „אַן אַרויסגעוואָרפענער"... „געשפּרונגען"... „דורכן פענצטער"... „רייסן אויף"...

די ברעקלעך ווערטער האָבן אים אַרויסגעריסן פון פאַרגעסנקייט. דער געדיכטער נעפּל פּליסט אָפּ צוזאַמען מיט די פרויען. די אויגן זעען קלאָרער: דער וואַגאָן, די מאַמע מיטן שוועסטערל... אין דמיון הייבן אָן שפּרינגען פאַרנעפּלטע, משונהדיקע בילדער. זיי ווערן דייטלעכער און דייטלעכער.

ער האָט שווערלעך אויפגעהויבן דעם קאָפּ. די זונטיק־אויסגעפּוצטע פּויערטעס האָבן זיך דערווייטערט. ער האָט זיי נאָכגעקוקט מיט ברייט־צעעפנטע אויגן. זיינע בליקן זענען געפאַלן אויף די באַן־שינעס. אַן אַנגסטיקער ציטער האָט ווי אַן עלעקטרישער שטראָם דורכגעפּיבערט דורכן קינדערישן גוף.

צו שלמהלען האָט זיך צוריקגעקערט דער זכרון. ער האָט זיך דערמאָנט. די דערמאָנונגען האָבן אים האַסטיק אויפגעריסן פון אָרט; אַ דערוואַכטע שרעק האָט געיאָגט. ער האָט זיך געלאָזט לויפן מיטן זאַמ־

דיקן וועג ביי דער באַן־ליניע, דערנאָך אַריבערגעשפּרייזט די רעלסן און געלאָפן אין פרייעם פעלד. אין מוח האָט זיך געפּלאָנטערט אַ געדאַנק: אַבי ווייטער פון דאַנען, וואָס ווייטער פון...

זיינע צעשראָקענע בליקן האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף געדיכטע קוס־טעס. ער איז אַריינגעקראָכן אין זיי, ווי ער פלעגט אין וואָרשעווער געטאָ, בעת אַ געפאַר, אַריינקריכן אין אַ בונקער.

די פרילינג־זון האָט אַרויסשפּאַצירט העכער איבערן הימל און פונאַנדערגעשפּרייט איבער דער ערד אַ שלל מילד־וואַרעמע שטראַלן. די קוסטעס, די לאָנקעס האָבן געשמעקט מיט פרייעם מאַי. דאָ און דאָרט האָט אַ פייגעלע געטריליעט אַ פרימאָרגן־געזאַנג, זשוקעס האָבן געזשומעט. שלמהלען האָט זיך געדוכט, אַז ער זיצט פאַרשטעקט אין אַ בונקער. נישטאָ קיין זון, קיין פייגעלעך, קיין זשוקעס, קיין גרינע קוס־טעס. דער פרימאָרגן־טוי האָט פייכט געמאַכט דאָס גראָז. די קילע פייכטקייט און די שרעק האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן און אַרויסגערופן אַן אומגעלומפּערט טרייסלעניש אין צען־יאָריקן גוף. דער מוח האָט אָבער געוואַכט. ער האָט באַטראַכט די באַהעלטעניש. די קוסטעס שפּרייטן זיך אויס ברייט און געדיכט. די אויגן האָבן זיך פלוצלינג אָנגעהאָנגען אין די קניען. זיי זענען צעדראַפּעט, ערטערווייז צעריסן, דאָס פאַרטרוקנטע שוואַרץ־רויטע בלוט איז אויסגעמישט מיט העל־געלן זאַמד. קוקנדיק אויף די צעריסענע קני, האָט ער דערפילט אַ קלעפּיקע מאַסע אַרום מויל און אַ שאַר געגעבן מיט דער האַנט. דער ווייטיק פון די צעשפּאָלטענע ליפּן האָט אָנגעהויבן שטעכן, בריען. ער פּרוווט מיט דער האַנט לייכטער מאַכן דאָס שטעכעניש. אויף דער האַנט בלייבן רויטע פלעקן, דאָס בריעניש אַרום מויל ווערט שטאַרקער. וואָלט די מאַמע געווען, וואָלט זי שוין עפּעס צוגעטראַכט. ווו איז זי, די מאַמע? גיטעלע ווו איז? פאַרוואָס איז ער געבליבן אַליין?

שלמהלע שטרענגט אָן דעם מוח. ער דערמאָנט זיך אַלע מאָל מער און מער: אין וואַגאָן איז געווען אַ דרענגעניש, אַ יללה. די מאַמע האָט זיך מיט זייביידע געהאַלטן מיט אַלע כוחות ביים פענצטערל. די יינגלעך, וואָס האָבן זיך געשלאָגן מיט די דייטשן, האָבן אַראָפּגעריסן די צוגעקלאַפּטע ברעטלעך. די מאַמע האָט געזאָגט זי קען גוט די געגנט. דער צוג האָט זיך געשלעפּט. די מאַמע האָט פריער געוואָלט אַרויסוואַרפן אים און גיטעלען. מ׳האָט איר געזאָגט זי זאָל בעסער זיין די ערשטע. מ׳האָט זי אונטערגעהויבן און זי איז אַרויסגעשפּרונגען. דערנאָך... דער־

נאָך זעגען אַנדערע געשפּרונגען. דערנאָך... דערנאָך האָט מען אים אַרויסגעוואָרפן. און גיטעלע? ער ווייסט נישט. ביים פענצטערל איז געוואָרן אַ גרויסע שטופּעניש. אים האָט עמעצער אַ הויב געטאָן. ער איז אַרויסגעשפּרונגען. מער גאָרנישט... וואָס איז דערנאָך געווען? די פּויערטעס האָבן אים אויפגעוועקט. און די מאַמע? ער געדענקט גוט, זי איז אַרויסגעשפּרונגען פריער. ווו קאָן זי זיין?

פלוצלינג האָט שלמהלען אַ זעץ געטאָן אין האַרץ. אין קינדערישן מוח איז דורכגעלאָפן אַ שטיק פייער. אין די אויערן האָבן אָפּגעקלונגען ווערטער. ער האָט ווי אין שלאָף געהערט ווי די פּויערטעס האָבן איינע די אַנדערע דערציילט: ביי די באַן־רעלסן, דאָרט ווייטער... אַ דערשאָסענע, בלאָנדע פרוי מיט צעבראָכענע פיס...

שלמהלע האָט זיך איינגעקאָרטשעט, ווי דאָס פייער, וואָס האָט זיך אָנגעצונדן אין אים פאַרשרפעט אים; ער ווערט קלענער און קלענער. ער האָט נישט געוויינט, געזעסן אומבאַוועגלעך, ווי אַלע גלידער וואָלטן אויפסניי אָפּגעשטאָרבן. בלויז די ציין אין מויל האָבן זיך באַוועגט און אַרויסגעגעבן אַ שטילן קלאַנג. ס׳האָט אים געהאַקט אַ צאָן אין אַ צאָן.

מיטאַמאָל האָט זיך דאָס איינגעקאָרטשעטע, פאַרגליווערטע ייִנגל אַ טרייסל געטאָן. דורכן גראָז איז פאַר אים עפּעס דורכגעלאָפן און גיך פאַרשוווּנדן צווישן די געדיכטע ביימלעך. מסתמא עפּעס אַ חיהלע. פאַר דעם דאַרף מען נישט מורא האָבן; אפילו פאַר גרויסע חיות האָט ער נישט קיין מורא, אבי ס׳איז נישט קיין מענטש.

ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. דער הימל איבער אים איז געווען אַ לויטער־בלויער. די זון, אויפהייבנדיק זיך העכער, האָט אַריינגעשיקט אירע וואַרעמע שטראַלן צווישן די קוסטעס. זיי האָבן אָפּגעווישט דעם טוי אויפן גראָז. זיי האָבן געוואַרעמט די פאַרשטייפטע גלידער. שלמהלע האָט זיך אַרומגעקוקט. ווי גוט וואָלט געווען זיך דאָ אויסצובאַהאַלטן ווען די מאַמע מיט גיטעלען וואָלטן געווען. ווען טאַטן האָט ער נישט געטראַכט. אים, דעם טאַטן, האָבן די דייטשן שוין פון לאַנג דערשאָסן. שלמהלע איז דערנאָך געוואָרן דער משפחה־שפּייזער, געטראָגן דעם עול־פּרנסה — געהאַנדלט אין די געטאָ־גאַסן; פלעגט דורכקריכן דורך אַן אויסגעהאַקטן לאָך אין געטאָ־מויער, מיטגענומען אַ שטוב־חפץ און אויסגעטוישט אויף דער אַנדערער זייט אויף אַ ביסל שפּייז. ווען ס׳איז נישט געווען מיט וואָס צו האַנדלען, איז ער געוואָרן אַ הויף־זינגער; גוטע מענטשן האָבן אַראָפּגעוואָרפן עטלעכע פּרוטות דורכן פענצטער. ס׳איז

געווען מיט וואָס אַ ביסל אָפּצוטרייבן דעם הונגער. דערנאָך האָט ער זיך גענומען אָפּצוטרייבן די געפּאַרן פון טויט. געהאַלפן אויסהאַקן לעכער אין די בוידעמער, מ׳זאָל קאָנען אַנטלויפן פון איינעם אין אַנדערן, צוגעלייגט זיינע יונגע הענט צו מאַכן פון זייער קעלער אַ בונקער. געוואַכט מיט אָנגעשפּיצטע אויערן און אַלאַרמירט ווען מ׳דאַרף אַריין אין אַ באַהעלטעניש.

זיי זענען שטענדיק געווען אַ סך צוזאַמען. איצט איז שלמהלע אַליין. ווי אַזוי איז ער געבליבן איינינקער אַליין? וווּ זענען די אַנדערע? די מאַמע...? זי האָט צעבראָכן די פּיס, נישט געקאָנט אַנטלויפן; און גיטעלע? די אַנדערע, וואָס האָבן געשפּרונגען? די מומעשי? די נאָך אַנדערע? ווי אַזוי זענען זיי געווען אַזוי פיל? ווי אַזוי איז פריער...?

שלמהלע האָט אָנגעשטרענגט דעם זכרון. אין מוח האָבן אָנגעהויבן אויפּסניי זיך קנוילן דערמאָנונגען: פּסח... יאָ, פּסח איז דאָס געווען. די מומעשי איז צו זיי געקומען, נישט געוואָלט זיין אַליין, זי האָט געמאַכט אַ סדר; נאָך עמעצער איז געווען, ווער? ער געדענקט נישט. ער האָט אַרויסגעלייענט פון דער הגדה... דערנאָך... דערנאָך זענען זיי אַראָפּגעלאָפן אין בונקער. ווי לאַנג זענען זיי דאָרט געווען? אפשר עטלעכע וואָכן, אפשר עטלעכע חדשים, מ׳קאָן נישט וויסן. דערנאָך איז געוואָרן אַזוי הייס און דושנע, אַז מ׳האָט נישט געקאָנט עטעמען. עמעצער האָט אַ געשריי געטאָן: ס׳ברענט! מ׳איז געלאָפן צו דער טיר, געשטופּט זיך. אין דרויסן נישט טאָג, נישט נאַכט. שוואַרצער רויך, פינצטערניש און פלאַמען האָבן געלויכטן. דאָס הויז האָט אין גאַנצן געברענט. זיי זענען געלאָפן צו אַ ווייטערדיקן הויז. דעמאָלט האָט ער זיי געזען, די, וואָס האָבן זיך געשלאָגן מיט די דייטשן. הינטער די ווענט זענען זיי געשטאַנען, געהאַט ביקסן, גראַנאַטן. האָבן אַ ביקס! אַ גראַנאַט! ער וואָלט זיך געשלאָגן מיט די דייטשן ווי יענע, ער וואָלט אפילו אָן אַ ביקס... ווען די מאַמע וואָלט אים געלאָזט בלייבן מיט זיי.

דערנאָך וואָס איז געווען? זיי זענען... זיי זענען... ער דערמאָנט זיך שוין. דאָס ווייטערדיקע הויז האָט אויך אָנגעהויבן ברענען, מ׳איז אַנטלאָפן דורך די אויסגעהאַקטע לעכער פון איין בוידעם אין צווייטן. ער, שלמהלע, האָט געקענט אַלע דורכגענג. אונטער אַ ליידיק הויז אַ נייער בונקער. געווען אָפּן. ס׳איז געווען וואָס צו עסן. וואַסער אויך. אַז די דייטשן האָבן פון דאָרט אַרויסגענומען די יידן, וועלן זיי שוין אפשר נישט קומען. ווי לאַנג זענען זיי דאָרט געזעסן? קיינער האָט נישט גע־

חוסט. ס'איז געווען זייער לאַנג, ביז דאָס הויז האָט אָנגעהויבן ברענען. ער, שלמהלע, איז געשלאָפֿן. די מאַמע האָט אים אויפֿגעוועקט. מ'האָט געזאָגט מ'קאָן פֿאַרברענט ווערן לעבעדיקערהייט. ווען זיי זענען אַרויס, איז דאָס גאַנצע הויז געווען אַ שטיק פֿייער מיט שוואַרצן רויך. מ'איז צוריקגעלאָפֿן צום ערשטן בונקער. ס'האָט געבריט אין די פֿיס. פֿון אַלע זייטן פֿייער. מ'איז געלאָפֿן. די מאַמע מיט גיטעלען, אים האָט די מומע־שי געהאַלטן פֿאַר דער האַנט. זייער הויז איז שוין געווען אויסגעברענט. מ'האָט געהערט שיסערייען. אין זייער בונקער זענען שוין געווען עט־לעכע אַנדערע ייִדן.

ווי לאַנג איז מען דאָ ווידער געבליבן? מסתמא נישט אַזוי לאַנג. אפֿשר יאָ לאַנג. מ'האָט כסדר געהערט פֿון דרויסן טריט און געשרייען: „יודען הערראוס!!" איין מאָל האָט די אײַזערנע טיר אַ סקריפּע געטאָן. „יודען הערראוס!!". דערנאָך האָבן די דײַטשן אַרײַנגעשריען, אַז זיי גייען אַרײַנוואַרפֿן גראַנאַטן. דעמאָלט זענען זיי אַלע אַרויס. דערנאָך זענען זיי געווען אויפֿן אומשלאַגפּלאַץ. מ'האָט געבראַכט אַ סך פֿון די, וואָס האָבן זיך געשלאָגן מיט די דײַטשן. ס'איז נישט געווען גענוג וואַגאָנעס. מ'האָט זיי מיט קאָלבעס געטריבן אויפֿן ערשטן שטאָק. „שנעלער"! „שנעלער"!! אַ גאַנצע נאַכט אויף דער פּאָדלאָגע צוזאַמענגעדרענגט. אינדערפֿרי האָט מען געיאָגט צו די וואַגאָנעס. דערנאָך אויפֿן וועג קיין טרעבלינקע. די, וואָס האָבן זיך געשלאָגן מיט די דײַטשן, האָבן אויפֿגע־ריסן דאָס פֿאַרקלאַפּטע פֿענצטערל. „ווער ס'וויל זיך ראַטעווען זאָל שפּרינגען". די מומעשי האָט געזאָגט מ'זאָל נישט. די מאַ־... די מאַ־מע האָט געזאָגט זי ווייסט וואָס ס'איז טרעבלינקע, מ'זאָל יאָ שפּרינגען. ער האָט אויך געוואָלט מ'זאָל...

אַ שאָרך אין די צווײַגן האָט אים ווידער אַלאַרמירט. די דערמאָנונ־גען האָבן זיך איבערגעריסן. ער האָט אָנגעשפּיצט די אויערן און אײַנ־געהאַלטן דעם אָטעם. ער האָט ערשט איצט דערהערט אַ טשווירקען פֿון פֿייגעלעך און אַ זשומען פֿון זשוקעס. די צעוואַרעמטע זונען־שטראַלן זע־נען געוואָרן אַ באַלזאַם צו זײַנע צעקלאַפּטע, פֿאַרפֿרוירענע גלידער. ער האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און זיך אַרומגעקוקט. צווישן די קוסטעס איז גערוים. אַלץ צעגרינט. אַ סך וואָלטן זיך געקאָנט אויסבאַהאַלטן. אָבער די פֿעלדער? די באַן־ליניעס דאָרטן?

ער האָט פֿונאַדערגענומען די צווײַגלעך פֿון די קוסטעס און אַרויס־געשיקט דורך זיי צעשראָקענע בליקן. בײַ דער זייט פֿון די קוסטעס איז

שטיל־שטיל געפּלאָסן אַ שטראָמעלע. ס׳האָט אים דערמאָנט אין זיין ברע־נענדיקן דורשט. ער האָט דורכגעשטעקט דעם קאָפּ, צוגעפּאַלן מיטן מויל צום וואַסער און גיריק געזופּט, געזופּט. דאָס קאַרגע וואַסער אין ריטשקע־לע האָט זיך פאַרויטלט. ס׳האָט אים דערמאָנט אין זיינע צעבלוטיקטע ליפּן, אין די רויט פאַרפלעקטע הענט, אין די צעדראַפּעטע קניען, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט פון די צעריסענע הייזלעך. אַ בליץ האָט דורכגע־פינקלט אין מוח: „אַזוי וועט מען מיך גלייך דערקענען״. ער האָט זיך מיט פינקלענדיקע אויגן אַרומגעקוקט, אַרויסגעשאַרט זיך אַ ביסל מער פון צווישן די צווייגן און אָפּגעוואַשן דאָס פאַרטרוקנטע בלוט.

ווי אַ געיאָגט חיהלע, וואָס האָט בעת אַ גרויסער יאַגד מורא אַרויס־צוגיין פון דער נאָרע אויפן פרייעם פעלד, אַזוי האָט שלמהלע מורא גע־האַט אַרויסצוקריכן פון די קוסטעס. ער האָט זיך גיך צוריקגעצויגן. דער־נאָך ווידער עטלעכע מאָל אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ און געלעשט דעם דורשט מיטן וואַסער פון שטראָמעלע. דער דורשט איז אָפּגעטראָטן, די מידקייט נישט. זי איז אים באַפאַלן אַלע מאָל מער. אַ שלעפּעריקע מיד־קייט האָט זיך איינגעביסן אין גאַנצן לייב. די פיס זענען שווער ווי מען וואָלט צוגעטשעפּעט צו זיי אַ שווערע משא. ער האָט זיך אויסגעצויגן, צעעפנט די אויגן און געקוקט צום בלויעם הימל. די אויגן האָבן זיך פאַרמאַכט און געעפנט, פאַרמאַכט און געעפנט. דער בלוי איבער די קוסטעס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט נידעריקער און נידעריקער. שלמהלע האָט זיך איינגעקאַרטשעט, געוואָרן קליינטשיק ווי אַ פייגעלע, ער איז געפלויגן און אַראָפּגעפאַלן, געפלויגן און אַראָפּגעפאַלן, ביז אַ האַרטער שלאָף האָט אים איינגעשלונגען.

ווען שלמהלע האָט זיך אויפצומאָרגנס פרי אויפגעכאַפּט, האָט ער ווידער נישט געוווּסט וואָס ס׳איז מיט אים געשען. די נאַכטיקע קילקייט האָט זיך איינגעפרעסן אין קינדערישן לייב. ער האָט געציטערט מיטן גאַנצן גוף. ווו בין איך? די מאַמע, גיטעלע ווו זענען? ער האָט דערזען די קוסטעס אַרום זיך, דעם לויטערן הימל איבער זיך; זיי האָבן אים געבראַכט צו דער וואָר. דער נאַכטיקער, קאָשמאַרער חלום, וואָס האָט זיך נאָך געפּלאָנטערט אין מוח, איז זיך צערונען. דער הונגער האָט אָנ־געהויבן נאָגן אַלע מאָל שטאַרקער. ווי לאַנג איז ווי ער האָט נישט גע־געסן? ס׳האָט זיך אים געדוכט, אַז ס׳איז שוין זייער, זייער לאַנג. די נאָ־געניש האָט זיך פאַרשאַרפט, געדרייט אין די געדערים, אין האַלדז האָט געברענט. וואַסער! דער שטומער געשריי האָט אים אַ שטויס געטאָן צום

שטראָמעלע. ער האָט אַריינגעצויגן אין זיך מיט אַלע כוחות די פּליסי־קייט. אַ ווייטער אָפּקלאַנג פון באַן־רעדער האָט אים אונטערגעהויבן, צוריק אַריינגעשליידערט אין דער באַהעלטעניש. דער ווייטער רויש פון צוג איז געוואָרן שטאַרקער און שטאַרקער. שלמהלען האָט זיך געדוכט, אַז די ערד אַרום און אַרום ציטערט און אין דער ציטערניש הערן זיך געשרייען.

דער צוג האָט זיך דערווייטערט. אַ שטילקייט האָט ווידער איינגע־וויקלט דאָס פעלד. צי איז קיינער נישט געשפּרונגען? מסתמא נישט, בייטאָג שפּרינגט מען נישט. נאָר דייטשן קאָנען דאָרט זיין, אויב ער וועט...

דאָס דרייעניש אין די געדערים האָט אים איבערגעריסן דאָס טראַכ־טעניש. דער הונגער האָט זיך צוריק אָפּגערופן, האָט גובר געווען די שרעק. שלמהלע איז אַרויס אין פרייען פעלד. ס'איז פּוסט און ליידיק. ער האָט זיך געוואָרפן רייסן דאָס גראָז. געריסן און געשטופּט אין מויל. די יונגע, צאַרטע פרילינג־גראָזן זענען לייכט צו קייען. ער האָט זיך גאָר מחיה געווען, ווען ער האָט אָנגעטראָפן אויף שטשאַוו־בלעטלעך. זיי זע־נען געוואָקסן אין געדיכטע קעמפּקעס, קליינינקע נאָך, יונגע, אָבער זאַפ־טיקע, זיי האָבן אַלע טעמים.

דעם דורשט, דעם הונגער האָט ער אָפּגעטריבן, די שרעק איז צו־ריקגעקומען. ער איז אין אָפענעם פעלד. איעדער קאָן אים אָננעמען פאַרן קאָלנער, אָוועקשלעפּן צו די דייטשן. די באַן־רעלסן זענען נישט ווייט. טרעבלינקע איז נישט ווייט. וווּ אַנטלויפן פון דאַנען? וווּהין גיין? די צעשראָקענע אויגן האָבן געזוכט אין דער ווייט. זיינע בליקן האָבן צום ערשטן מאָל פאַרבלאָנקעט צו אַ ווייטן וואַלד. ער האָט זיך געצייכנט אויפן זייטיקן האָריזאָנט, דער וואַלד. אין האַרץ האָט זיך אָנגעצונדן אַ ליכט. אין וואַלד קאָן מען זיך לייכטער פאַרשטעקן. ער וועט דאָרט זוכן די, וואָס שלאָגן זיך מיט די דייטשן. האָט ער דען נישט געהערט, אַז די, וואָס אַנטלויפן פון געטאָ, גייען אין וואַלד?

דער וועג איז אַ גלייכער, אָבער אַ ווייטער. ער וועט גיין גיך, זייער גיך.

וואָס מער ער גייט, אַלץ מער רוקט זיך אָפּ דער וואַלד. ער איילט צו די טריט. פון מאָל צו מאָל הייבט ער אָן לויפן. ער פאַלט, הייבט זיך אויף און לויפט ווייטער. ניין, אַזוי טויג נישט. איז וואָס, אַז ער וועט אָנקומען אַהין שפּעטער?

ער האָט פֿאַרלאַנגזאַמט די טריט. די אויגן זענען געווען געוואַנדן אין איין ריכטונג — צום וואַלד. ער ווערט נענטער און נענטער. דאָס האַרץ צאַפּלט. עס מישן זיך אויס פֿרייד און שרעק. פּלוצלינג האָט אין זיינע אויערן אָנגעקלאַפּט אַ ווייטער, לאַנגער פֿייף. שלמהלע האָט זיך אַ טרייסל געטאָן. ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ. אויף רעכטס האָט ער פֿון דער ווייטנס דערזען קוסטעס. הינטער די קוסטעס האָבן זיך געפּאַשעט קי. לעבן זיי עטלעכע פּאַסטעכער־ייִנגלעך.

אַרום שלמהלען האָט דאָס פֿעלד זיך אָנגעהויבן דרייען אין אַ ראָד. די פּיס האָבן אָנגעהויבן זיך פּלאָנטערן. ער איז שטיין געבליבן. באַלד זיך אָנגענומען מיט כּוח, צוגעגעבן זיך האַרץ: פֿאַרוואָס זאָל ער מורא האָבן? פֿון וואַנען זאָלן זיי וויסן, אַז ער איז אַזעלכער? ער האָט דאָך אַ גוטן אויסזען? זיי וועלן נישט דערקענען נישט לויט זיין פּנים, נישט לויט זיין רעדן. אפֿשר בעסער ער זאָל אַליין צוגיין צו זיי? ער וועט זיי זאָגן, ער גייט אין אַ דאָרף זיך פֿאַרדינגען פֿאַר אַ פֿאַראַבעק, ער האָט פֿאַרבלאָנדזשעט. ער וועט זיי... ער וועט...

אַ נייע שפּיציקע פּייפֿעריי האָט צעטומלט זיינע טראַכטענישן. פֿיר קליינע חברה־לייט האָבן זיך געלאָזט צו אים אין גאַלאָפּ, אַרומגערינגלט אים, נישט געלאָזט מאַכן אַ טריט ווייטער.

— וואָס טוסטו דאָ, זשידעק, אין אונדזער פֿעלד?

— איך בין נישט קיין... כ׳בין נישט... כ׳בין... כ׳גיי... כ׳גיי זיך אָנדינגען פֿאַר אַ פֿאַראַבעק... פֿאַרבלאָנדזשעט.

די דאָרפֿס־ייִנגלעך האָבן זיך איבערגעקוקט. אַ קרעפּקע 8־9 יאָריק ייִנגל מיט שטרויענע האָר און אַ פֿאַרסמאַרקעטער נאָז, האָט מיט אַ קוויטשיק קולכל געשריען:

— ער איז! ער איז! ער נאַרט אָפּ! אַן אָנטלאָפֿענער, ער איז צעדראָפּעט.

לעבן אים איז געשטאַנען אַן הינקעדיק שגצל פֿון אַן אומבאַשטימטן עלטער און, יאָנקנדיק זיך, אויף גיך אַרויסגעוואָרפֿן פֿון זיך ווערטער ווי שפּיציקע שטיינער:

— ער אי — ז, זאָ — ל ע — ר געע — בן — געע — לט ווי — ווי אַנ — דע — רע, ז — זיי האָ — בן אַ — לע געע — לט, זאָ — ל ע — ר!

דער ערשטער איז אים אַריינגעפֿאַרן אין די רייד:

— ער איז אַ זשידעק!

פון ווייט און פון נאָענט

שלמהלע האָט איינגעהאַלטן אַ שלוכץ אין האַלדז. די טרערן האָט ער נישט געקאָנט איינהאַלטן. צוויי גראָבע טראָפּנס האָבן זיך געקייקלט איבער די איינגעפאַלענע קינדערישע באַקן.

— וואָס ווילט איר פון מיר? כ׳בין נישט קיין... פאַרבלאָנדזשעט... איך גיי אין דאָרף זיך אַנדינגען פאַר אַ פאַראָבעק...

אַ 10־11 יאָריקער איינגעדאַרטער חברה־מאַן מיט שוואַרץ־שמוציקע באָרוועסע פיס, דער עלטסטער פון דער באַנדע, האָט מיט אויטאָריטעט אָפּגעפסקנט:

— אַלצאיינס ווו דו גייסט, אַ זשידעק ביסטו! מאַך נישט דאָס געגאַר פון אונדז! מען זעט אין דיין אַנטועכץ. גיב אָפּ מיט גוטן דאָס געלט, וואָס דו האָסט און גיי דיר צום טייוול. פאַרשטאַנען?

דער פערטער, מיט אַ בלייכן, אויסגעצויגענעם פּנים, אַ באַשאָטנס מיט געלע שפּרענקעלעך, האָט דעם באַפאַלענעם געעצהט:

— בעסער זאָלסט אַליין אָפּגעבן איידער... איידער מיר זאָלן דיך אָוועקפירן צו די דייטשן. געלט האָסטו, איר האָט אַלע אויסבאַהאַלטן געלט, אָדער אין די שיך, אָדער...

שלמהלען האָט אַ פּיק געטאָן אין מוח. ער האָט טאַקע אויסבאַהאַלטן געלט. די מאַמע האָט אים פאַרן אַראָפּגיין אין בונקער איינגענייט אין מאַרינאַרקעלע צוויי באַנקנאָטלעך. ער האָט שטומערהייט מיט ציטערנדיקע פינגער אָנגעהויבן צו באַטאַפּן דעם ברעג, אָפּגעפונען דאָס אָרט, אויפגעריסן די נאָט מיט די נעגל און דערלאַנגט. די דאָרפס־ייִנגלעך האָבן מיט גיריקע אויגן זיך איינגעקוקט אין די געלט־פּאַפּירלעך. זיי האָבן זיך שעלמיש, מיט טריאומף איבערגעקוקט. דער עלטסטער האָט יונגווילעריש אַרויסגעוואָרפן פון זיך אַ קללה און אָפּגעפסקנט:

— מיר נעמען נישט אומזיסט. קאָנסט זיך אָפּטראָגן, זשידעק.

קינדער־גילגולים אויף דער אַרישער זייט

פריער האָט מען געבראַכט צו פירן צו דער דאָרפישער לערערין קאַ־טערינע קובאַק דאָס „מיידעלע". ערשט מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער איז צו־געקומען דאָס „יינגעלע". דאָס 9־יאָריקע מיידל איז געווען אַ פאַרטראַכטס, באַוועגט זיך מיט שטילע טריט און געקוקט מיט אומעטיקע אויגן. מיט דער רעכטער האַנט האָט זי פון מאָל צו מאָל אַ צי געטאָן אויף זיך דאָס קליידל, ווי עס צו פאַרלענגערן. ביים רעדן האָט זי זיך אַ ביסל געקרעקט, ווי די ווערטער וואָלטן נישט געוואָלט דורכגיין דורכן האַלדז; זיי, די ווערטער, זענען אַרויסגעקומען ביי איר אַ ביסל צעקוועטשט, ווי ביי אַן איינגעבוירענער יאַנקעניש. די אַלטע קאַטערינע האָט אויף איר לערע־רישן שטייגער געמיט זיך אָפּצוגעווינען דאָס מיידל פון שלעכטע זיטן. האָט זי זיך אונטערגענומען, דאַרף זי צולייגן אַ האַנט, אַז ס'זאָל אַלץ דורכגיין בשלום.

ס'איז געווען זומער 1944. קאַטערינע קובאַק איז פריי געווען פון אירע שול־באַשעפטיקונגען. די פאַרעלטערטע לערערין, די אלמנה, האָט געהאַט צופיל צייט נאָכצוטראַכטן און זיך אָפּצוועסן דאָס האַרץ צוליבן אומגליק, וואָס האָט איר געטראָפן. ס'איז געווען עטלעכע חדשים נאָך דעם, ווי די דייטשן האָבן דערשאָסן איר איינציקן זון און ביידע דער־וואַקסענע אייניקלעך. אַז דער זון האָט זיך געקאַנט פאַרזינדיקן, ווייל ער האָט נישט איין מאָל זיך געלאָזט הינטערן וואַלד, ווו ס'זענען אַראָפּגע־שפּרונגען רוסישע פאַראַשוטיסטן, האָט זי זיך אַנגעשטויסן. פאַרוואָס זיי האָבן ביידע יינגלעך, דעם 18־יאָריקן קאַזשיק און דעם 20־יאָריקן יוזעק, אומגעבראַכט, האָט זי נישט געקאַנט דערגיין. ס'איז געשען אַ צוויי צענ־דליק קילאָמעטער פון איר דאָרף, נישט געווען ביי וועמען זיך געניי צו דערוויסן. מענטשן האָבן מורא צו רעדן. געווען אפילו אַזעלכע, וואָס האָבן געווייכט פון איר. זי איז בלויז דערגאַנגען, אַז די שנור האָבן זיי „גע־שוינט", זיי האָבן זי דעפּאָרטירט ערגעץ־ווו. וועך ווייסט ווו זיי האָבן זי פאַרשלעפּט, צי זי וועט פון דאָרט אַ לעבעדיקע אַרויס.

די אַלטע לערערין האָט געברענט מיט צאָרן און האָס צו די דייטשן.

וואָס וואָלט זי נישט געטאָן זי זאָל קאָנען נקמה נעמען פאַר איר דער־מאָרדעטן איינציקן זון און די צוויי דערוואַקסענע אייניקלעך, וואָס פלעגן איר יעדן זומער פרייליכער מאַכן דאָס אומעטיקע אלמנהשע לעבן? וואָס פאַרא געפאַר וואָלט זי נישט אַנטקעגנגעגאַנגען צו קאָנען עפּעס אָפּטאָן די דייטשן, מיט עפּעס זיי אָפּצאָלן פאַרן אומגליק, וואָס זיי האָבן געבראַכט אויף איר?

איז ווען מען איז פון שטאָט געקומען איר אָנבאָטן צו נעמען אונטער איר אויפזיכט אַן אומגליקלעך קינד, אַ יתומה, האָט זי לאַנג נישט גע־טראַכט און איינגעגאַנגען. מ'האָט איר מיט אַ האַלבן מויל דערציילט וואָס ס'האָט זיך פאַרלאָפן מיטן קינד, געגעבן צו וויסן, אַז עס האָט אַ מעטריקע. דאָס אַליץ האָט מען איר געגעבן צו פאַרשטיין מער מיט אַ ווונק ווי מיט רייד. קיין פינגער אין מויל האָט מען דער אַלטער קאַ־טערינען נישט געדאַרפט שטעקן. זי האָט זיך אַ סך מער אָנגעשטויסן, ווי דערוווסט. פאַרשטאַנען האָט זי פון דעם אַלעמען, אַז מ'וועט זיך דאַרפן שטאַרק אויסהיטן. און אויסהיטן וועט מען זיך דאַרפן נישט נאָר פאַר די פאַרשאָלטענע דייטשן, פאַר די שכנים, נאָר אויך פאַר די דאָרפי־שע קינדער, אירע שילער, וואָס קומען פון צייט צו צייט זיך שפּילן אויפן שול־הויף. זי ווייסט ס'וועט נישט לייכט זיין. איז דען אָבער איר זון לייכט געווען צו ריזיקירן דאָס לעבן?

דאָס מיידל האָט געבראַכט צופירן אַ „מומע”. זי האָט ביי פאַרמאַכטע טיר און פענצטער זיך לאַנג געשושקעט מיט דער אַלטער לערערין און באַלד דערנאָך פאַרשוווּנדן. די קליינע קריסטינע האָט געהאַט אַ בלאָנד קעפּל, צוויי קליינע, מאָגערע צעפּלעך, אַ טונקל־בלוי קליידל אויף זיך, וואָס האָט געגרייכט ווייט איבער די קני, און אַן אומעטיק, אויסגעבלאָסט פּנים. פונעם אויסגעצערטן פּנים האָבן מיט פאַרדאַכט אַרויסגעקוקט צוויי טריבע אויגן. די געציילטע ווערטער האָבן זיך אַרויסגעקייקלט פון מויל, ווי שפּיציקע שטיינדלעך.

דאָס מיידל האָט אין איר קורצן לעבן שוין געהאַט אַ לאַנגע, משונהדי־קע ביאָגראַפיע. די 9־יאָריקע קריסטינע איז נאָך מיט אַ יאָר צוריק גע־ווען א ייִנגל און גערופן זיך מיטן אייגענעם נאָמען — יורעק. יורעקן און זיין טאַטע־מאַמען האָט אין לעמבערגער געטאָ דאָס מזל צוגעשפּילט, זיי האָבן זיך אויסבאַהאַלטן און ניצול געוואָרן פון אַלע אַקציעס און דע־פּאָרטאַציעס. יורעק האָט צומאָל בעת אַן אַקציע אַ גאַנצן טאָג איבער־געקומען, ליגנדיק איינגעקאָרטשעט, אין אַ בודע פון זייער אַמאָליקן הונט,

אין אַ ווינקל פון קליינעם גערטענדל. אין געטאָ האָט מען קיין הינט נישט געטאָרט האַלטן, די בודע איז פריי געווען, זי איז געוואָרן יורעקס באַהעלטעניש ביז זיין טאַטע, דער דענטיסט, האָט אויסגעמייסטערט אַ קעלער־בונקער. דערנאָך האָבן זיי זיך אַלע דריי, אין אַ גרויסע פּאַרטאָג ארויסגעגנבעט פון געטאָ און געלעבט אויף דער אַרישער זייט מיט אַרישע פּאַפּירן. די אַרישע פּאַפּירן האָבן יורעקס טאַטן לאַנג נישט פּאַרהיט. אַן אַמאָליקער פּאַציענט זיינער, וואָס האָט זיך עטלעכע מאָל ביי אים געלאָזט אַרויסרייסן די קראַנקע ציין, האָט אים דערקענט אויפן גאַס און אַנגעוויזן די דייטשן אויף אים. יורעקס טאַטע האָט זיך אין דער געשטאַפּאָ לייכט נישט אונטערגעגעבן. ניין, ער איז נישט קיין ייד, יענער איז זיך טועה געווען, גענומען אים פאַר אַן אַנדערן. ער איז נישט קיין ייד, נאָר אַן אוקראַאינער, אַ ריינער אַריער, אַ סימן, ער האָט אַרישע פּאַפּירן. האָבן די געשטאַפּאָ־אַגענטן געזוכט אַנדערע סימנים פון זיין אַרישקייט. זיי האָבן אים צוגעשטעלט צו זייערן אַ דאָקטער און דער דאָקטער האָט אויסגעפונען דעם סימן־ייד אין זיין לייב.

יורעקס מאַמע איז אַריינגעפאַלן אין אַ בהלה. אַזוי לאַנג איבערגעקומען אַלע צרות און פּורעניות, אַרויס פון אַלע געפאַרן, ניצול געוואָרן פון אַלע אַקציעס און דווקא אויף דער „פריי" אַריינגעפאַלן אין זייערע הענט! צוליב דעם סימן־ייד! דאָס האָט אים פאַראַטן! ווי אַזוי זאָל זי איצט איר קינד אויסהיטן פון דעם סימן־ייד אין לייב? זי האָט שוין געהאָט געהערט ווי קינדער אויפן הויף האָבן אַן אויסבאַהאַלטן יידיש יינגל אַראָפּגענומען די הייזעלעך צו זען צי ער איז אַ יידיש קינד. ס'וואָלט אַ סך לייכטער געווען צו ראַטעווען איר קינד פון די סכנות ווען ער וואָלט געווען אַ מיידל. אַ געדאַנק האָט ביי איר אויפגעבליצט אין מידן קאָפּ: טיוּוי מוז זי מאַכן נייע אַרישע פּאַפּירן, זוכן אַ נייעם דאַך איבערן קאָפּ, דאָס ביז איצטיקע איז געוואָרן פאַרדעכטיק, ווער ווייסט צי דער מסור האָט אים נישט נאָכשפּיאָנירט? מען מוז אַלץ ענדערן. פאַרוואָס זאָל זי זיך נישט איינקוואַרטירן אין דער נייער באַהעלטעניש מיט אַ מיידעלע?

זי האָט זיך איינגעשאַפט דאָס נויטיקע, האָט אָנגעטאָן יורעקן אין אַ קליידל, געלאָזט צוואַקסן זיינע נישט געשוירענע האָר, פאַרפלאָכטן זיי אין קורצע צעפּלעך און געגעבן אים אַ מיידלשן נאָמען, דעם זעלבן מיידלשן נאָמען, וואָס אויף דער אַרישער מעטריקע.

נישט לייכט איז דער קליינער קריסטינע אָנגעקומען זיך איינצו־

חזרן דעם נייעם מיידלשן נאָמען. נאָך שווערער איז איר אָנגעקומען צו רעדן בלשון נקבה. יורעקס מאַמע האָט געאַרבעט מעשים אויסצולערנען דאָס 8־יאָריקע יינגל צו זיין אַ מיידל. פאַר אַ מיידל איז גענוג צו האָבן אַן אַרישע מעטריקע, בפרט דאָס קינד האָט אַ גוטן אויסזען. וואָס פאַראַ גליק צווישן אַלע אומגליקן איז פאַר אַ יידיש קינד צו האָבן אַ בלאָנד קעפל. די בלאָנדע האָר, די העלע הויט דערציילן נישט וועגן דער איינגע־קויפטער אַרישקייט. דער גוטער אויסזען, דאָס מגילגול ווערן אין אַ מיידל וועלן איר צום טויט פאַרמשפּעט קינד ראַטעווען דאָס לעבן.

אַזוי האָט די מאַמע איינגעטענהט מיט קריסטינען. דאָס ניי־געבאָ־רענע מיידל ווייסט אַליין אויך, אַז מען מוז זיך פאַרשטעלן. וואָס זאָל זי אָבער פאַרט טאָן, אַז זי קאָן זיך נישט צוגעוווינען צו איר מיידלשקייט? שוין מער ווי אַ יאָר ווי זי איז פון אַ יינגל אַ מיידל געוואָרן און דאָס רעדן במין נקבה קומט אַרויס, ווי די ווערטער וואָלטן צעהאַקט געווען, פון פלאָנטערן מיט דער צונג קומט אַרויס אַ יאַנקעניש. די קינדער, וואָס קומען אויפן שול־הויף האָבן איר דערפאַר אַ נאָמען געגעבן די יאַנקנ־דיקע מויד. פון מאָל צו מאָל גיט זי נאָך אַ צי מיט דער רעכטער האַנט דאָס קליידל, ווי זי וואָלט געוואָלט פאַרשטעלן עפּעס, וואָס מ׳קאָן אַרויס־זען, כאָטש הינטער דעם קליידל טראָגט זי ענגע אויסגעוואַקסענע מייט־קעלעך. וויפל די אַלטע קאַטערינע זאָל אין דער שטיל איר נישט מוסרן, איר געבן צו פאַרשטיין, אַז זי דאַרף זיך פירן, ווי אַלע קינדער, קאָן זי נישט פאַרגעסן, אַז זי איז נישט ווי אַלע. זי איז אַ יינגל פאַרשטעלט פאַר אַ מיידל. צווישן די קינדער איז זי ווי אַ פאַראַבלאָנדזשעט שעפעלע אין אַ פרעמדער סטאַדע. אין באַביימטן גאַרטן, וואָס אַרום דער שטוב פון דער דאָרפישער שולע, זוכט זי אויס דאָס פאַרוואָרפנסטע, נישט אָנזעעווו־דיקסטע ווינקל, זעצט זיך אַוועק מיט איינגעקאַרטשעטע פיס, ציט אַראָפּ דאָס לאַנגע קליידל. פאַרדעקנדיק דערמיט די פיס, און קוקט פון דער ווייטנס מיט גיריקע, אומעטיקע אויגן ווי די דאָרפישע קינדער שפילן זיך. די קינדער האָבן איר צוגעלייגט נאָך אַ צונאָמען. זיי האָבן זי אָנ־געהויבן רופן „יאַנקנדיקע זאַקאַניצע". אָבער קיין שלעכטס טוען זיי איר נישט. ווי קאָן מען שלעכטס טאָן אַזאַ זאַקאַניצע אפילו ווען זי יאַנקעט זיך? נאָר קריסטינען איז סייווי שלעכט, אפילו ווען מ׳טוט איר קיין שלעכטס נישט. צי ווייל די דייטשן האָבן דעם טאַטן דערשאָסן, צי ווייל די מאַמע איז אין איינעם אַ טאָג אַרויסגעגאַנגען פון שטוב און צוריק נישט געקומען, אָדער ווייל זי וויל זיין אַ יינגל און צוליב די דייטשן

און דער נייער מעטריקע מוז זי זיין אַ מיידל ? צי אפשר צוליב דעם אַלע־מען צוזאַמען ? ווי אַזוי קאָן זי מיט די אַנדערע קינדער זיך שפּילן, אַז זי ווייסט נישט וואָס ס׳איז געוואָרן מיט דער מאַמען, וואָס איז אַריינגע־פאַלן אין אַן אַבלאַווע ? ווי אַזוי זיין ווי די אַנדערע קינדער, אַז איר איז אַזוי אומעטיק ?

אַזוי שטאַרק אומעטיק איז קריסטינען געווען ביז מ׳האָט צו דער דאָרפישער לערערין געבראַכט יאַנעקן.

יאַנעק איז אַ 7־יאָריק יינגל מיט אַן אָפּגעשוירענעם קאָפּ, וואָס זעט אויס ווי אַן אָפּגעקאָסעטע לאַנקע, מיט ברוינע אויגן און אַ לענגלעך פּנים, באַצירט מיט צוויי חן־גריבעלעך. די שמאָלע הייזלעך לאָזן מערקן, טראָץ דער אויסגעמאָגערטקייט, די פאַרונדיקטקייט פון די גלידער. דאָס טונקל־גרויע בלוזקעלע, פאַרשפּיליעט ביז אויבן, מאַכט אים דערוואַקסע־נער פון זיין עלטער. אויך יאַנעק רעדט ווייניק, אָבער דאָס, וואָס ער זאָגט, זאָגט ער אַרויס גלאַטיק. ער מיידט אויך נישט אויס, ווי קריסטי־נע, די אַנדערע קינדער, פאַרקערט, ער האָט ליב זייער חברותא, נאָר חברן חברט ער זיך נישט מיט די יינגלעך, נאָר מיט די מיידעלעך. מיט זיי איז אים צום בעסטן. ער הערט אויס זייערע קליין־מיידלשע מעשיות, זייערע סודות, לאַכט מיט זיי צוזאַמען פון זייערע איינפאַלן. די יינגלעך לאַכן אָפּ פון אים, רופן אים באַבסקע יינגל. ס׳אַרט אים נישט. ס׳שטערט אים אויך נישט צו חברן זיך צוממיינסטן מיט קריסטינען. זי איז דאָך דער פאַני קאַטערינעס וויכאַוואַניצע, פונקט ווי ער איז איצט איר וויכאַ־וואַנעק. אויך קריסטינען איז הימלעכער געוואָרן זינט יאַנעק איז אַהער געקומען. מיט אים, לעבן אים האָט זיך צומאָל ביי איר די צונג אָנגע־הויבן פרייער דריידן אין מויל, זי האָט אויפגעהערט זיך אַזוי פיל צו יאָנקען. ווען זי רעדט מיט אים, מיט יאַנעקן, קומט איר אָן גרינגער דאָס רעדן בלשון נקבה. זי האָט אויפגעהערט זיך צו פאַרשטעקן איינע אַליין אין אַ ווינקל, געוואָרן רירעוודיקער, דער אומעט טרעט אָפּטמאָל אָפּ פאַר קינדערישער הייטערקייט.

ביידע קינדער זענען צוגעפאַלן צו זיך, כאָטש יעדעס באַהאַלט טיף אין זיך אויס זיין אייגענעם סוד. איינס פאַרן אַנדערן גיט זיך מיט גאָר־נישט אויס. ביידע זענען זיי דער פאַני קאַטערינעס וויכאַוואַנקעס, די על־טערע קריסטינע, דער יינגערער יאַנעק. איז וואָס, אַז זי, קריסטינע, די עלטערע, איז שוין דאָ לענגער און דווקא דער יינגערער, וואָס איז שפּע־טער געקומען איז מער היימיש געוואָרן מיט דער פאַני קאַטערינעס

שטוב? יאַנעק איז אויך גיך היימיש געוואָרן מיט קאַטערינעס באַלעבאַ־טישקייט. שיילט די אַלטע לערערין קאַרטאָפל, נעמט יאַנעק אַ מעסער און שיילט אויך. רוימט די פּאַני די שטוב, נעמט זיך דאָס ייִנגל צוהעלפן, בעת דאָס מיידל ווייסט דעמאָלט נישט וואָס צו טאָן מיט זיך. דערזעט יאַ־נעק אויף קאַטערינעס פּאַרבעטן בעט די גרויסע ליאַלקע, באַקומט ער חשק איר צו פאַרקעמען בעסער די האָר און זי אַ ביסל צופּוצן... די אַלטע לערערין קוקט זייטיק און פילזאָגעוודיק אויף אירעביידע וויכאַ־וואַנקעס און דאָס שווערע האַרץ ווערט לייכטער ביי איר וואָס ס׳גיט זיך איר איין אָפּצונאַרן אַלע די, וואָס זענען מסוגל אַנטקעגנצוקומען די דייטשן, דער עיקר וואָס זי שטעלט די דייטשן גופא אַרויס אַ פייג און טוט זיי אָפּ אויף טערקיש. טוט זי דען זיי נישט אָפּ אַ שפּיצל וואָס זי האָט ליב באַקומען ביידע קינדער און ראַטעוועט זיי פון זייערע נעגל? וואָס זי באַהאַלט אויס זייערע סודות?

אויסצובאַהאַלטן צווישן ביידע קינדער גופא זייערע סודות, האָט זי פאַר קריסטינען אַריינגעשטעלט אַן אַלט אייזערן בעטל אין איר צימער, פאַר יאַנעקן האָט זי געמאַכט אַ געלעגער אין איר גערוימער קיך. קריסטינען פלעכט זי יעדן טאָג די צעפּלעך. די האָר זענען איר צוגע־וואַקסן, די צעפּלעך זענען געוואָרן לענגער. יאַנעקן שערט זי די האָר אַזוי, אַז זיין קאָפּ זאָל זיין ווי אַן אָפּגעקאָסעטע לאַנקע, ער זאָל אויסזען וואָס מער ייִנגליש.

דער זומער האָט פאַרויסגעשפּאַנט. די דייטשע חילות האָבן זיך גע־רוקט פון מזרח אויף מערב. דאָס דאָרף ב., וווּ קאַטערינע קובאַק איז גע־ווען לערערין, איז געוואָרן אַ קאָרידאָר פאַר דייטשע מיליטער־לייט. די פּויערים זענען געזעסן אין זייערע כאַטעס, מורא געהאַט די נאָז אַרויס־צושטעקן. דער סאָלטיס האָט געמוזט דאָ און דאָרט איינקוואַרטירן דייטשע לאַקאַטאָרן. ער האָט שוין אויך אַריינגעשמעקט צו קאַטערינע קובאַק. אויף איר רואיקער היים איז געפאַלן אַ שאָטן פון פחד. די סכנה האָט אָנגעהויבן אויסשפּרייטן די שוואַרצע פליגלען. קאַטערינע קובאַק האָט נאָך אַ פריעם באַליגן די קינדער שלאָפן, אויפגעהאַנגען אַ שלאָס אויפן טיר און אַוועק זוכן הילף.

אין אַ פאַרוואָלקנטן נאָכמיטאָג איז געקומען אַ נאָנע אין אַ לאַנגן שוואַרצן קלייד און אין אַ ברייטן ווייסן באַפליגלטן טשעפּעק אויפן קאָפּ. זי האָט וויניק וואָס גערעדט און וויניק געהאַט צייט צו פאַרלירן. שווייגנ־דיק האָט זי אַריינגעשטופּט אין דער טיפער קלייד־קעשענע צוויי איינגע־

וויקלטע מעטריקעס. מיט די קינדער ביי די הענט און מיט די אַרישע מעטריקעס אין קעשענע איז זי געגאַנגען ווייט און לאַנג אָן אַ וואָרט אַרויסצורעדן. קריסטינע און יאַנעק האָבן אויך נישט געלאָזט פאַלן קיין וואָרט. זיי האָבן נישט געפרעגט וווהין מען פירט זיי. זיי האָבן פונקט ווי געיאָגטע חיהלעך בעת אַ יאַגד געפילט, אַז די נעץ שפּרייט זיך אויס אַרום זיי און אַז מען דאַרף אַנטלויפן פון די נייע טויט־געפאַרן, וואָס לאָקערן פון אַלע זייטן. מיט פאַרקלעמטע קינדערישע הערצער האָבן זיי שווייגנדיק אַנגעהאַלטן די אייליקע טריט פון דער נאָנע. אַ נייע בענקשאַפט האָט געגאָגט ביים האַרץ, די בענקשאַפט צו קאַטערינע קובאַק. ווער וועט זיי איצט באַשיצן? וואָס וועט זיין מיט זיי?

מיטן צופאַלן פון אָוונט זענען זיי אָנגעקומען אין קלויסטער. מידע פון וועג און פון שרעק זענען די קינדער גיך איינגעשלאָפן. אויף צו מאָרגנס האָבן זיך קריסטינע און יאַנעק באַגעגנט ביים מאָגערן פרישטיק און זיך נישט דערקענט. קריסטינע איז געווען אָנגעטאָן אין הייזלעך, געהאַט אָפּגעשוירן די האָר און יאַנעק איז צוריק געוואָרן אַ מיידל, ער האָט געטראָגן קריסטינעס צו לאַנג קליידל.

פאַרוואָס, וועט אפשר עמעצער פרעגן, איז דאָס מיידעלע באַלבינע מגילגול געוואָרן אינעם יינגל יאַנעק?

נישט חס וחלילה זיך צו שפּילן אין פאַרשטעלונג. איידער זי איז אַרעסטירט און דעפּאָרטירט געוואָרן, האָט באַלבינעס מאַמע איינגעלייגט וועלטן, כדי מיט אירע מאָגערע מיטלען זיך איינצושאַפן אַ קריסטלעכע מעטריקע פאַר איר 8־יאָריק טעכטערל. נאָך לאַנגע זוכענישן האָט מען איר פאַרגעלייגט אַ מעטריקע פון אַ געשטאָרבן 7־יאָריק קריסטלעך יינגל. באַלבינעס מאַמע האָט זיך אָנגעכאַפּט אין דער מעטריקע ווי אַ טרינקענדיקער כאַפּט זיך אָן אין אַ שאַרף פון אַ מעסער. איר קינד איז אָבער פאַרט אַ מיידל און די מעטריקע איז פון אַ יינגל. איבערמאַכן די מעטריקע האָט מען נישט געקאָנט. איז נישט געבליבן עפּעס אַנדערש ווי איבערמאַכן דאָס מיידל אויף אַ יינגל. באַלבינע איז געווען אַ רירעוודיק, געשיקט קינד. זי האָט זיך גיך צוגעוווינט אין דער הויט פון אַ יינגל צו לעבן, אַבי צו בלייבן לעבן.

אין קלויסטער איז דאָס מגילגול ווערן אין אַן אַנדערן שוין נישט נויטיק געווען. מ'האָט פאַרביידע קינדער אויף גיך געמאַכט טויף־שיינען. יורעק און באַלבינע האָבן אויפסניי געמוזט אָנהייבן זיך צוגעוווינען צו זיין דאָס, וואָס זיי זענען אויף אַן אמת געווען.

IV

דעם טאַטנס ירושה

דער טאָג איז אויפגעשטאַנען אַ טריבער, אַ גרויער, ווי ער וואָלט זיך טועה געווען, אַז ס׳איז פרילינג אויף דער וועלט. דער הימל איז געהאָנגען אַן אָנגעכמורעטער נידעריק איבער דער ערד. אַ פייכטער ווינט האָט אומהיימלעך געוואָיעט. ער האָט געיאָגט די וואָלקנס אויפן נידעריקן הימל, דאָ זיי צוזאַמענגעקנוילט, דאָ ווידער זיי צעריסן. די מעטעאָראָלאָגישע סטאַציע האָט אָנגעזאָגט אַ רעגן, אָט־אָט קאָן ער זיך אָראָפּלאָזן פון די קרייזנדיקע טונקל־געדעמפטע וואָלקנס. זאָל דער ווינט נאָר אויפהערן צו בושעווען, צו טרייבן די געדיכטע כמאַרעס און ס׳וועט זיך אַ גאָס געבן פון זיי.

חנה וואָלט איין אַזאַ זונטיקדיקן פרימאָרגן גערן געבליבן אין בעט. מיט אַ בוך. פון שטענדיק אָן, נאָך פון דער קינדהייט, האָט זי ליב געהאָט צו לייענען אין בעט, בפרט נאָך ווען דער דרויסן דערמוטיקט נישט אויפצושטיין. זי האָט אָבער דאָס מאָל אָפּגעמאַכט ביי זיך אָפּצושטאָטן אַן אומגעבעטענעם וויזיט ביי איר זון. זונטיק האָט ער ליב צו מאַכן אַ „גראַס מאטינע״, צו בלייבן ליגן לענגער אין בעט און לייענען. דאָס לייענען אַ סך, אויך אין בעט, האָט ער, אַ סברה, איבערגענומען פון איר און פונעם פאָטער. אין אַזאַ וועטער וועט אים אַוודאי נישט גלוסטן אויפצושטיין פרי, און אוודאי שוין נישט זיך לאָזן ערגעץ־ווו אויף אַ שפּאַציר.

ווי לאַנג האָט זי אים שוין נישט געזען? אַ צוויי חדשים, צי מער? עס חידושט איר שוין מער נישט, אָבער דער ווייטיק אין האַרץ ווערט דערמיט נישט קלענער. אין דער זעלבער שטאָט און אַזוי ווייט פון אייגענעם קינד. אפשר איז פאַרט פאַראַן אויך אירס עפּעס אַ שולד? מוז זי דען וואַרטן ביז ער וועט צו איר קומען? ביז ער וועט זי פאַרבעטן צו זיך אָדער זיך אָפּרעדן ערגעץ־ווו זיך צו זען? דאַרף זי דען בעסער אַליין נישט זוכן קיין מיטלען דורכצוברעכן די וואַנט, וואָס האָט זיך אָוועקגע־

שטעלט צווישן זיי? דאַרף זי דען אַליין נישט זוכן קיין וועגן אים צו דערנענטערן צו זיך, אָפּצושטויסן די אָפּגעפרעמדקייט?

צי האָט זי דען דאָס נישט געטאָן?

מ׳טאָר אָבער נישט מיד ווערן צו מאַכן נייע פּרוּוון. היינט וועט זיין אַ נייער אָנהייב. זי וועט אים צומאָל נישט אָנקלינגען וועגן איר קומען, נישט אָנפרעגן. ער וועט געפינען אַן אויסרייד, וועט זיך אַרויסדרייען: ער איז פאַרנומען, מוז אַרויסגיין, אָדער אַן אַנדער תירוץ. צום בעסטן אַריינפאַלן פלוצלינג, ווי דורך אַ צופאַל. אַט איז זי פּונקט פאַרבייגעגאַנגען דורך זיין גאַס, געמוזט דאָ נישט ווייט עפּעס דערליידיקן, איז ווי כאַפּט מען זיך נישט אַרויף צו אים? ער וועט נישט חושד זיין, אַז ס׳איז צוגעטראַכט, כאַטש... כאַטש ער איז זי כסדר יאָ חושד, אַז זי זוכט געלעגנהייטן אים צוצובינדן צו איר, צו דער יידישער סביבה.

חנהן האָבן זיך אָנגעהויבן פּלאָנטערן אין קאָפּ דערינערונגען פון איר זונס קינדהייט. דאַניעל איז נישט געווען לייכט אויפצוהאָדעווען. אַן אַלטע קרובה פון איר שטעטל, וואָס איז שוין אויפן עולם האמת, פלעגט איר זאָגן, אַז איר מאַמען איז אָנגעקומען לייכטער אויסצוהאָדעווען אירע צען קינדער, ווי איר, חנהן, דאָס איינע קינד. ניין, זי האָט נאָך נישט פאַרגעסן די שלאָפלאָזע נעכט, ווען דאָס יינגל איז קראַנק געווען, די לאַנגע פאַרמאַטערנדיקע טעג, ווען זי איז געווען אַ „האַנט״ אין שניידער־וואַרשטאַט ביי איר מאַן, גלייכצייטיק געפירט די באַלעבאַטישקייט און געהאָדעוועט דאַניעלן. אין די שווערסטע צייטן איז דאָס יינגל געווען זייער גרויסע טרייסט. האָט זי זיך דעמאָלט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז איר קינד וועט איר אַמאָל אָפּגעפרעמדט ווערן? אַז ער וועט אַוועק אויף וועגן, וואָס זענען איר און דעם טאַטן ווילד־פרעמד און פיינטלעך? אַז מ׳וועט מוזן צוטראַכטן פאַרטלען נישט צו דערלאָזן דער דינער פאָדעם, וואָס בינדט נאָך, זאָל זיך געגצלעך נישט איבעררייסן?

חנה האָט אָנגעהויבן טרייבן פון זיך די שווערע טראַכטענישן. זי דאַרף זיך איצט אָננעמען מיט האַרץ. דער דרויסן, וואָס האָט אַריינגעקוקט דורכן פענצטער, דאָס וואָיען פון ווינט, האָבן איר קיין מוט נישט צוגעגעבן. דאָס וועטער שפּילט איר אָבער פאַרט צו צום גוטן, ער פאַרהאַלט דעם זון אין זיין בחורישער שטוב. זי איז אַראָפּ פון בעט און אָנגעהויבן זיך אונטעראיילן. ביז וואָס־ווען, ביז זי וועט דאָרט אָנקומען וועט זיין אַ שפּעטע פרימאָרגן־שעה.

דער 25־יאָריקער בחור איז נאָר וואָס געהאַט אויפגעשטאַנען. דער שלאָף האָט אים נאָך געשטעקט אין די אויגן. ער האָט געקוקט אויף דער מאַמען מיט פאַרווונדערונג און קוים אויסבאַהאַלטענער אומצופרידנ־קייט. זיי האָבן זיך קאַלט צעקושט. וואָס האָט זי פּלוצלינג געבראַכט צו אים? אַזוי פרי? אָן אים צוּוויסן צו געבן?

חנה האָט געהאַט אַ צוגעגרייטן תירוץ: זי איז פאַרבייגעגאַנגען, איז איר מיט אַמאָל איינגעפאַלן אַרויפצוגיין. פאַרוואָס נישט אויסנוצן אַ גע־לעגנהייט, ווען זיי וווינען אַזוי ווייט איינע פון די אַנדערע און זען זיך אַזוי זעלטן?

זי האָט זיך אַריינגעזעצט אין איינציקן פאָטעל. אַנטקעגן איר, ביים וואַנט, איז געשטאַנען דאָס ביכער־שענקל. די אונטערשטע צוויי פּאָליצעס זענען ליידיק געווען. חנה האָט זיך געווונדערט: ווו זענען זיי דעם טאַטנס ביכער? צוליב וואָס האָט ער זיי געשטעלט ערגעץ־אַנדערש? זי האָט זיך אַרומגעקוקט אין דער גערוימער סטודיאָ, געגנישטערט מיט די בליקן, געזוכט מיט די אויגן. זי האָט די ביכער אין ערגעץ נישט געזען. צי זאָל ער זיי האָבן פאַרפאַקט, אַריינגעוואָרפן ערגעץ אין אַ נישט אָנזעעוור־דיק ווינקל?

ווען חנה איז מיט אַ דריי חדשים צוריק געווען ביים זון, זענען די לעצטע צוויי פּאָליצעס נאָך פול געווען. אויך דעמאָלט איז זי געווען כמעט אַן אומגעבעטענער גאַסט. זי האָט פיל מאָל געקלונגען, פאַרבעטן דעם זון. דער יונגער ביאָלאָג האָט קיין צייט נישט געהאַט צו קומען זען די מאַמע. האָט זי זיך אַליין פאַרבעטן צו אים. ווי יעדעס מאָל האָבן זיך איר די ביכער אויף די פּאָליצעס געוואָרפן אין די אויגן און דערוואַרעמט דאָס האַרץ. זיי האָבן איר דערמאָנט נישט בלויז די דערפילטע צוואה נאָך איר פאַרשטאָרבענעם מאַן, נאָר זי האָט אין זיי אויך געזען עפּעס, וואָס פאַרבינדט דעם זון מיט איר, מיטן זכרון פון פאָטער.

איידער דאַניעלס פאָטער, נתן דער „קאָמאַנד"־שניידער איז פריצייטיק אַוועק פון דער וועלט, האָט ער אָפּגערעדט מיטן ווייב וועגן דער ירושה, וואָס ער לאָזט דעם זון. ער האָט איר דערמאָנט, אַז ווען ער, נתן, איז אַ 17־יאָריק יינגל אַוועק פון זיינע עלטערנס היים, האָט דער טאַטע זיינער, אַ ייד אַן אביון און נישט קיין פאַרצייטיקער, אים מיטגעגעבן אין וועג אַ תנ״כל. „נעם מיט, מייַן זון — האָט ער אים געזאָגט — דאָס איז אַלץ, וואָס כ׳קאָן דיר מיטגעבן. קיין אַנדערע עשירות האָב איך נישט. אָבער געדענק־־שע, אַז דאָס איז די גרעסטע עשירות. דאָס וועט דיר אייביק

דערמאָנען, אַז דו געהערסט צום אייביקן פאָלק ישראל. היט־זשע דאָס אָפּ, ווי דעם אַפּל פון אויג״.

דעם טאַטנס געשאַנק איז שפּעטער געוואָרן דעם טאַטנס איינציקע ירושה און דער איינציקער זכר נאָך אים. מער איז פון אים נישט פאַר־בליבן. ער איז אַוועק מיט אַלע זייניקע מיטן רויך פון אוישוויץ. נתן האָט פריער אויך געהיטן דעם טאַטנס געשאַנק, ווי דעם אַפּל פון אויג. זינט דאָס איז געוואָרן דאָס איינציקע, וואָס איז פאַרבליבן נאָך אים, איז דאָס אים נאָך מער אייגן און טייער געוואָרן.

דאָס תנ״ך האָט באַצירט זיין ביבליאָטעק, וואָס ער האָט זיך ביס־לעכווייז איינגעשאַפט. ער האָט אָפּגעריסן אַ פּאָר פראַנק פונעם פאַרדינסט און אַלע מאָל עפּעס צוגעקויפט. קיין גרויסער פאַרדינער איז נתן דער „קאָמאַנד״־שניידער נישט געווען. ער האָט אַריינגעלייגט צופיל צייט אין אַ שטיקל אַרבעט. אַ מלבוש האָט געדאַרפט פון זיינע הענט אַרויסגיין טיפּ־טאָפּ. חנה, זיין ווייב, פלעגט אים שטענדיק פאַרוואָרפן, אַז ער צאַצ־קעוועט זיך צופיל מיט דער שניידעריי, האַרעוועט אַזוי אַריין אין אַ שטיקל אַרבעט, אַז ער לייגט אַוועק דאָס געזונט. דאָס געזונט האָט ער שוין סיווי געהאַט אַוועקגעלייגט, נאָר די האַרץ־קראַנקייט האָט נישט פאַרמי־נערט די מייסטערשאַפט אין דער שניידעריי. פון דער נאַטור אַ פּינקט־לעכער, האָט ער נאָך דערצו געהאַט אַ נשמה פון אַ קינסטלער. ער האָט געצייכנט אויפן פּאַפּיר אַ מאָדעל ווי אַ קינסטלער צייכנט אַ בילד, אַ פּרעציזע קאָמפּאָזיציע. איז איך צייכענונג נישט געווען אַקוראַטנע, האָט ער געמאַכט אַ צווייטע, אַ דריטע. ס׳איז געווען ביי אים אַ געיעג נאָך פּערפעקטקייט. דאָס ווייב איז אים שטענדיק חושד געווען, אַז ער צייכנט די מאָדעלן נישט אַזוי צוליבן מלבוש, ווי צוליבן צייכענען. צומאָל פלעגט ער אין די זונטיקן צוזינדיקן מיטן פּענדזל און וואַסער־פאַרבן. ווען אַ קליענט אָדער אַ גאַסט האָט אים געפרעגט פון וואַסער מאָלער ס׳זענען די אויסגעהאַנגענע אַקוואַרעלן, האָט ער שטענדיק געענט־פערט דאָס זעלבע: „פון עפּעס אַ נישט דערגאַנגענעם מאָלער״. ער האָט זיך באַטראַכט פאַר אַ נישט דערגאַנגענעם צייכענער, אַ נישט דערגאַנ־גענעם מאָלער. ער איז סתם צו גאָרנישט דערגאַנגען אין לעבן. צו 13 יאָר, ווען ער איז בר מצווה געוואָרן, האָט דער טאַטע אים אָפּגענומען פון חדר און גענומען צו דער שניידעריי. אין שטוב זענען געווען פיר קלענערע קינדער און צוויי אונטערוואַקסנדיקע כלה־מיידלעך. מער ווי אין חדר און שניידעריי ביים טאַטן האָט ער זיך קיינמאָל גאָרנישט געלערנט.

דאָס, וואָס נתן האָט אין זיין קינדהייט און אין זיין יוגנט נישט באַקומען, האָט ער געוואָלט זיין קינד זאָל באַקומען מיט פּראָצענטער. דאַניעל איז געווען דאָס אויג פון קאָפּ הן פון טאַטן, הן פון דער מאַמען. דאָס גליק האָט זיי צוגעשפּילט. דאָס יינגל איז געווען אַ פּעאיקס, גע־לערנט זיך מיט התמדה. איז וואָס דאַרף מען אַ גרעסער גליק? דאָס, וואָס זיי האָבן בשום אופן נישט געקאָנט דערווערבן, וועט זייער קינד דער־ווערבן. זייערע אַמאָליקע פאַרלוירענע טרוימען וועלן מקוים ווערן אין זייער זון. דאַניעל איז זייער שיינדל, שפּעטער אין די עלטערע יאָרן, וועט ער אויך זיין זייער אָנשפּאַר. ער באַליכט זיי שוין די גרויקייט פון דער האַרטער טאָג־טעגלעכקייט, ער וועט פאַר זיי אַלע מאָל מער לייכטן. ער איז זייער יום־טוב אין דער זשמודנער וואָכעדיקייט.

נתן האָט מיט די לעצטע כוחות אויסגעמייסטערט מלבושים, פאַכענ־דיק מיט דער נשמה געהאַרעוועט פון פרי ביז שפּעט אָוונט. חנה, זיין ווייב, האָט דעם קאָפּ נישט אַרויסגעשטעקט פון די פּילע באַשעפטיקונגען און דאַניעלן האָט פון קיין פויגל־מילך נישט געפעלט. פאַרהאָרעוועטער־הייט האָבן טאַטע־מאַמע געלויכטן פון שמחה, ווען זייער יינגל האָט צו 17 יאָר געמאַכט דעם באַק. איין קלייניקייט! דער ערשטער אין קלאַס. געענדיקט די גימנאַזיע צו 17 יאָר מיט אַן אויסצייכענונג. קאָן דען זיין אַ גרעסער גליק פאַר עלטערן? קומען אים דען נישט דערפאַר גוטע וואַקאַנסן אויפן גאַנצן זומער? וואָס? ער זאָל פאָרן אויף אַ חודש אויף אַ זומער־־קאָלאָניע זיין אַן אויפזעער ביי קינדער, כדי צוצופאַרדינען? פאַרוואָס קומט אים אַזאַ מאַטערניש? ס'איז גענוג אַז זיי מאַטערן זיך. זאָל דאָס יינגל בעסער פאַרברענגען, דערנאָך ווייטער שטודירן, זאָל ער דערגיין ווייט, ס'וועט פאַרגיטיקן דאָס, וואָס זיי זענען נישט דערגאַנגען.

דאַניעל האָט שטודירט, איז דערגאַנגען ווייט. צו 22 יאָר געוואָרן אַ דיפּלאָמירטער ביאָלאָג, באַקומען אַ גוט באַצאָלטן פּאָסטן. מיט די פאַרהאָרעוועטע טאַטע־מאַמע האָט ער אַלע מאָל ווייניקער געהאַט וואָס צו רעדן, אַלע מאָל ווייניקער צייט געהאַט פאַר זיי. זייער שטוב איז אים ענג געוואָרן.

דער ערשטער קלאַפּ איז פאַרט געקומען פּלוצלינג. אין אַן אָוונט נאָך דער אַרבעט האָט נתן אויפגעוויקלט די פראַנצויזישע צייטונג און אויף אַ פאָטאָגראַפיע פון אַ מאַניפעסטאַציע דערקענט אין דער ערשטער ריי צווישן יונגע בחורים און מיידלען זיין זון. אונטער דעם רימל יונג־וואַרג איז געווען אונטערגעשריבן „די אָנפירער פון די מאַאיסטן". נתן

איז בלאָס געוואָרן, געגומען אַ פּיל צום האַרץ און דערלאַנגט די צייטונג דעם ווייב.

חנה האָט שטענדיק געוואָלט אַלץ פאַרגלעטן, דער עיקר נישט דער־לאָזן דער מאַן זאָל זיך אָפּעסן דאָס האַרץ.

— ס׳זעט אויס ווי די זאַך וואָלט אָקערשט איצט דיר אַראָפּגעפאַלן פון הימל! כ׳האָב שוין פון לאַנג פאַרשטאַנען, אַז ער האָט צו טאָן מיט יענער חברה. ווו דען וואָלט ער פאַרשווונדן אויף גאַנצע אָוונטן, אויף זונטיקן? נאָר צוליב דעם־אַ זאָלסטו זיך אָפּעסן דאָס האַרץ? מיר אין זיין עלטער האָבן נישט אַרומגערודערט? מיר זענען דעמאָלט נישט געגאַנגען אויף אַלערליי מאַניפעסטאַציעס? האָסט שוין פאַרגעסן ווי דו פּלעגסט מיר זאָגן, ווען מיר זענען חתן־כלה געווען, אַז די וועלט שטייט מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף, אַז מ׳דאַרף זי איבערקערן, איבערדרייען? ווייניק האָבן מיר געטאַנצט ווי מ׳האָט אונדז אויפגעשפּילט? מ׳ניכטערט זיך דערנאָך אויס. ער וועט אויך.

— מיט אונדז איז געווען עפּעס אַנדערש. מיר האָבן זיך נישט אָפּגעריסן פון אייגענע, פאַרקערט, מ׳איז שטענדיק געווען מיט אייגענע, מיטן פּראָסטן עולם. ער וויל מאַכן די רעוואָלוציע און קערט זיך אָפּ פון זיינע אייגענע פאַרהאָרעוועטע טאַטע־מאַמע, האָט נישט וועגן וואָס צו רעדן מיט זיי. דאָס ערגסטע... דאָס ערגסטע, ער וויל נישט וויסן פון קיין יידן; יידישע דאגות, יידישע צרות גייען אים נישט אָן.

— אין דעם עלטער האָט מען נישט ליב קיין דאגות, קיין צרות.

— און אַנדערע יידישע זאַכן האָט ער דען יאָ ליב? זיי גייען אים יאָ אָן?

— האָסט צופיל טענות צו אים. פאָדערסט פון אים צופיל. פאַר זיין עלטער איז שוין אַ סך דאָס, וואָס ער איז. מיר האָבן דאָך געוואָלט, אַז דאָס, וואָס מיר האָבן נישט געקאָנט דערגרייכן זאָל ער דערגרייכן. ס׳איז געקומען אַ סך פריער, ווי מיר האָבן זיך אַליין געווונטשן.

— וואָס קומט מיר אַרויס פון דעם, אַז ער דערוווייטערט זיך פון אונדז, פון דער שטוב? ווען איך גיי אַריין אין זיין פאַרלאָזענעם צימער, וואָס מיר האָבן אים מיט אַזוי פיל מאַטערניש אויסגעשטאַט, גיט מיר אַ ריס אין האַרץ.

— מאַכסט אַ תל פון דיין האַרץ. גיי נישט אַריין אין זיין צימער.

— ווען ס׳כאַפּט מיך אָן אַ בענקשאַפט, מוז איך אַריינגיין אין זיין צימער.

אין דער אמתן האָט חנהן געגאָגט ביים האַרץ די זעלבע בענקשאַפט, ווען דער זון האָט זיך וואָכן־לאַנג נישט געוויזן. אַ בענקשאַפט און אַן אומרו. זי האָט געפילט מיט אַלע חושים, אַז איר קינד רייסט זיך אַלע מאָל מער אָפּ פון זיי ביידע, פון דער יידישער היים. אָבער פאַרן מאַן דאַרף מען דערוועגן נישט רעדן, פאַרקערט, מ׳דאַרף פאַרדעקן. און פאַר־וואָס טאַקע נישט וואַרטן געדולדיק ביז ער וועט זיך ענדערן? אין דעם עלטער קאָן דאָס זיין אַזאַ איבערגאַנגס־צייט, מ׳קומט דערנאָך צוריק צו זיך. וויניק הערט מען זיך אָן וועגן אַזעלכע זאַכן ביי עלטערן?

דעם מאַן האָט זי יעדעס מאָל געטרייסט:

— ער איז דאָך נאָך אַזוי יונג, וועסט זען, ער וועט זיך ענדערן, די צייט ענדערט אַלץ.

נתן האָט זיך נישט געוואָלט פאַרלאָזן אויף דער צייט. ער האָט זיך געקליבן מיטן זון דורכצושמועסן, געהאַט שוין צומאָל צוגעקליבן די ווער־טער, ער וועט אים דערציילן אַלץ, וואָס ער האָט אים ביז היינט נישט דערציילט. ס׳איז שפּעט, ער וועט פרוון דערכאַפּן וואָס ער האָט פאַר־שפּעטיקט. דערווייל איז אונטערגעקומען אַ שווערער האַרץ־קריזיס. ווען נתן האָט געפילט, אַז זיינע טעג זענען געציילטע, האָט ער געבעטן דאָס ווייב צו ברענגען צו פירן צו אים דעם זון. ס׳איז אים שווער געווען צו רעדן. ער האָט דאַניעלן אָנגעוויזן אויף דער אויבערשטער פּאָליצע פון דער באַגלעזערטער ביכער־שאַנק, וווּ ס׳זענען געשטאַנען אַלע בענדער פון דובנאָווס „וועלט־געשיכטע פון יידישן פאָלק״ און דערלעבן דאָס אַמאָליקע געשאַנק פון זיין פאָטער, דאָס תנ״כל, און מודיע געווען דאַניעלן:

— זעסט, מיין זון, דאָרט איז די ירושה, וואָס איך לאָז פאַר דיר. קיין אַנדערע עשירות האָב איך נישט, דו אויך נישט. דאָס איז אונדזער עשירות. זאָל דאָס דיר נישט לאָזן פאַרגעסן, אַז דו געהערסט צום יידישן פאָלק.

דעם ווייב האָט ער אָנגעזאָגט זי זאָל נאָך זיין טויט אַליין איבער־פירן אַלע בענדער צום זון. חנה האָט אין אַ קורצער צייט שפּעטער אויסגעפירט די צוואה פונעם מאַן. זי האָט נישט געוואַרט דאַניעל זאָל קומען אָפּנעמען די ירושה, אַליין פאַראַפּאַקט די בענדער, גענומען אַ טאַקסי, געבראַכט דעם זון די ביכער, אַליין זיי אַריינגעשטעלט אין זיין ביבליאָ־טעק אויף די אויבערשטע צוויי פּאָליצעס.

ווען האָבן די ביכער איבערגעוואַנדערט פון די אויבערשטע פּאָליצעס אויף די אונטערשטע? חנה האָט דאָס נישט געוווּסט. זי איז ביים זון

געווען אַ זעלטענער גאַסט. בעתן אָפּשטאַטן איינמאָל דעם זון אַ וויזיט, האָט זי דערזען די אויבערשטע פּאָליצעס פאַרנומען מיט אַנדערע ביכער. די יידישע ביכער האָט זי געפונען אין גאַנצן אונטן. זי האָט זיך דעמאָלט געוואָקלט: זאָל זי פרעגן דעם זון פאַרוואָס ער האָט איבערגעשטעלט די ביכער? זאָל זי אים אויפמערקזאַם מאַכן, אַז ס'איז נישט רעכט? אפשר איז נישט כדאי? צוואָס זאָל זי גופא אַריינברענגען אַ גרילץ? צוואָס נאָך מער אָנציען די אָנגעצויגענע סטרונעס, וואָס מען מוז היטן זיי זאָלן נישט פּלאַצן? און וואָס פאַרא באַדייטונג האָט דאָס כלל אויף וועלכער פּאָליצע זיין טאַטנס ביכער שטייען?

ווען חנה האָט איצט ביים אומגעריכטן פאַרן זון באַזוך דערזען די לעצטע פּאָליצעס ליידיקע, האָט זיך ביי איר מיט ווייטיק אַ ריר געטאָן דאָס האַרץ. זי האָט מיט אַנגסט געפּירט מיט די אויגן איבערן צימער. דאַניעל, אַן אָנגעכמורעטער, האָט שווייגנדיק נאָכגעפאָלגט אירע בליקן. ער האָט פאַרשטאַנען וואָס דער מאַמעס עגבערט אין קאָפּ. מאַמע און זון האָבן זיך איבערגעקוקט. ס'איז געווען צוערשט אַ שטומער דיאַלאָג. ביי חנהן איז אָבער דאָס האַרץ געווען איבערפולט. די ביז איצטיקע פאַרזיכ־טיקייט דעם זון צופיל נישט אָנצורירן איז מיט אַמאָל אויסגערונען.

— ווו זענען די ביכער? וואָס האָסטו געמאַכט מיט דיין טאַטנס ירושה?

— אוי, מאַמע, לאָז אָפּ מיט הויכע ווערטער, ירושה, דעם טאַטנס ירושה! ביכער, וואָס נוצן מיר נישט, פאַרלייגן מיר אַן אָרט. כ'האָב נישט גענוג אָרט אין דער ביבליאָטעק פאַר נויטיקע, נוצלעכע ביכער, וואָס איך דאַרף זיי האָבן אונטער דער האַנט.

— דעם טאַטנס ביכער זענען נישט קיין נויטיקע?

— נישט פאַר מיר. כ'קוק אין זיי נישט אַריין, וועל קיינמאָל נישט אַריינקוקן.

— פאַרוואָס? דער טאַטע האָט דאָך דיך אַמאָל געלערנט לייענען, ער האָט דיר אָנגעזאָגט...

ער האָט נישט געהאַט קיין געדולד אויסצוהערן ביזן סוף.

— אָנגעזאָגט, געלערנט. אַלץ הייסט ביי אייך געלערנט. וועסט באַלד זאָגן, אַז איך קען אַלץ. כ'האָב שוין פון לאַנג פאַרגעסן צו לייענען די פרעמדע שריפט, חוץ דעם אינטערעסירט מיר דאָס נישט, ס'איז מיר צו גאָרנישט נוטיק.

— דעריבער האָסטו דעם טאַטנס לעצטן געשאַנק אַרויסגענומען פון דער ביבליאָטעק?

— כ׳האָב דיר געזאָגט, כ׳האָב נישט קיין אָרט פאַר דעם. כ׳דאַרף ברענגען עטלעכע צענדליק ביכער, כ׳וועל פאַר זיי אויך נישט האָבן קיין אָרט.

— זענען יענע ביכער בכבודיקער צו שטיין אין דער ביבליאָטעק ווי דעם טאַטנס לעצטע... דעם טאַטנס... ער האָט דיר זיי געלאָזט ווי אַן אָנדענק.

— מאַמע, כ׳בעט דיך, הער אויף, כ׳האָב נישט ליב קיין סענטי־מענטאַלקייט. גיב אַ קוק אויפן טיש, ס׳ליגט אַ שטויס מיט ביכער, כ׳האָב נישט קיין אָרט פאַר זיי.

— אַלע ביכער זענען דיר וויכטיק נאָר נישט דעם טאַטנס?

— כ׳האָב דיר געזאָגט, זיי נוצן מיר נישט.

— און דער אָנדענק פון טאַטן איז שוין גאָרנישט?

— איר לעבט בלויז מיט אָנדענקען, מיט מאַרטירערטום, מיט דעם וואָס ס׳איז געווען. איך לעב מיט דעם וואָס ס׳איז היינט.

— ווילסטו דיין טאַטן אויך פאַרגעסן?

— כ׳בעט דיך מאַמע, הער אויף מיר צו שטעלן אומזיניקע פראַגן. ביסט געקומען פלוצלינג צוליפן, נישט אָנפרעגנדיק פריער צי איך האָב צייט און פאַרוואָרפסט מיך מיט פראַגן. דאָס אַלץ האָט קיין זין נישט. כ׳ווייס בכלל נישט צוואָס ביסט געקומען איצט פון אַזוי ווייט. כ׳האָב געקאָנט נישט זיין אין שטוב.

חנה האָט דערפילט אַ שטאַרקן קראַמפּ אין האַרץ. דער קראַמפּ האָט נישט אָפּגעלאָזט, ער האָט געדריקט, געדריקט. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז ווען איר מאַן פלעגט האָבן אַ שטאַרקן עגמת־נפש האָט דאָס קראַנקע האַרץ אָנגעהויבן זיך קאַרטשען אין קראַמפּן. דער דאָקטער פלעגט אים אָנזאָגן אויסצומיידן אַן אויפרעגונג, אַן עגמת־נפש. זאָל אויך איר האַרץ שוין האָבן נישט אויסגעהאַלטן? זי איז געזעסן אין פאָטעל ווי אַ פאַר־ווונדעטער פויגל מיט אונטערגעהאַקטע פליגלען. דער זון איז געשטאַנען מיט די הענט אין די הויזן־קעשענעס און געקוקט זייטיק אין איין פונקט. חנה האָט פון מאָל צו מאָל געוואָנדן צו אים פאַרנעפּלטע אויגן. ער איז געבליבן שטיין אומבאַוועגלעך. אויף חנהן האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ דריקנ־דיקע קעלט, אַ פרעמדקייט.

זי האָט זיך מיט שוועריקייטן אויפגעהויבן פון פּאַטעל און אויפסניי זיך אַרומגעקוקט אין צימער, אויפסניי געוואָרפן בליקן אין אַלע ווינקלען, לסוף אַרויסגעשטאַמלט:

— ווו זענען זיי דעם טאַטנס ביכער? האָסט זיי כאָטש נישט אַרויס־געוואָרפן?

—מאַכסט שוין ווידער אַ דראַמע, אַלץ איז ביי אייך אַ דראַמע, אַ טראַגעדיע, פון יעדער קלייניקייט מאַכט מען אַ וועלט־פּראָבלעם.

— פאַר מיר איז דאָס מער ווי אַ וועלט־פּראָבלעם, מיר זענען דעם טאַטנס ביכער טייער, כ'וואָלט זיי צוריק גענומען, אויב דיר זענען זיי איבעריק. ווו זענען זיי?

ער האָט געשוויגן.

— זאָג, מיין זון, האָסט זיי אַרויסגעוואָרפן?

— און אַז אַרויסגעוואָרפן איז וואָס פאַר אַן אומגליק? כ'האָב נישט געוווסט, אַז דיר זענען זיי אַזוי טייער. ווילסט, וועל איך דיר אָפּקויפן די זעלבע ביכער, וועסט זיך דערוויסן ווו מ'קאָן קריגן צו קויפן.

חנה האָט אָנגעהאָנגען אויפן זון די פאַרטערערטע אויגן. דאָס מויל האָט ביי איר געציטערט, ס'האָט אין יידיש קוים דייטלעך אַרויסגעפּליס־טערט: אַרויסגעוואָרפן, אַרויסגעוואָרפן דעם טאַטנס ירושה, דעם טאַטן...

זי האָט פאַרלאָזט דאָס צימער מיט גיכע טריט, ווי דער זון וואָלט אויך זי אַרויסגעוואָרפן.

די דערוואַרטונג

זלאַטקע האָט מיט האַרצקלאַפּעניש געוואַרט אויפֿן גאַסט. זי איז אַוועק צו פֿרי צום הינטער פּאַריזער פּלי־פּלאַץ. אויפֿן אָרט ערשט, אין אַרלי, האָט זי זיך דערוווסט, אַז דער איירעפּלאַן וועט קומען צופֿליען מיט אַ שטיקל פֿאַרשפּעטיקונג. זי האָט נישט געקאָנט איינזיצן אויף אַן אָרט, געדרייט זיך כּסדר ביי די ברייטע באַפּענצטערטע ווענט פֿון רחבֿותדיקן וואַרטע־זאַל און געקוקט דורך די שויבן אין דער ווייט צו די אָפּפֿליען־דיקע און אַנקומענדיקע איירעפּלאַנען, ווי אויף יעדן פֿון זיי וואָלט זיך געפֿונען דער אויף וועלכן זי וואַרט.

איר נייגיר איז געוואַקסן. די אומגעדולד אויך. די אומגעדולדיקע דערוואַרטונג האָט פֿאַרגרעסערט דעם נייגיר. צי וועט זי אים דערקענען? נייִן, זי גלויבט נישט. אין 48 יאָר ענדערט זיך אַ מענטש צו פֿיל מ'זאָל אים קאָנען דערקענען. און אפֿשר, אפֿשר, אַ מענטש ווערט פֿאַרט נישט אין גאַנצן קיין אַנדערער. אים וועט זיכער שווערער זיין זי צו דערקענען. זי איז דאָך געווען אַזוי פֿיל יינגער פֿון אים. פֿון יענעם יונגן מיידל איז שוין מסתמא גאָרנישט געבליבן, קיין שום צייכן. ער, דאַקעגן, איז פֿאַרט שוין דעמאָלט געווען אַ דערוואַקסענער, אַן אויספֿאָרמירטער מענטש.

אין דמיון זעט זי דעם צוואַנציק, צוויי און צוואַנציק יאָריקן שלאַנקן בחור מיט די ברענענדיקע, סאַמעטענע אויגן און געדיכטע שוואַרצע האָר. פֿאַר די אויגן שפּרינגען כּסדר געשטאַלטן, פּאַסירונגען, מקומות. זי דערזעט זיך מיט אַנדערע שילערס אין דער שטעטלדיקער, אָרעמער יידישער שולע. דער לערער וויינשטיין איז צווישן זיי ווי אַ פֿיש אין וואַסער. מ'האָט געזאָגט: אַן אהרן וויינשטיין איז אויס מיט דער שולע, אַן דער שולע, אַן די שילערס איז אהרן וויינשטיין אויס מענטש. דער לערער איז אין קלאַס זעלטן ווען איינגעזעסן אויף אַן אָרט. האָט ער פֿאַרהערט די שילערס, אָדער דיקטירט, איז ער אַרומגעגאַנגען צווישן די בענק, אַריינגעקוקט אין די העפֿטן. בלויז אין די זומערדיקע שבת־נאָכמי־טאָגן אין וואַלד מיט די עלטערע שילערס אויף געהיימע צוזאַמענטרעפֿן, בעת ער האָט זיי דערציילט ווי אַזוי מ'וועט „איבערמאַכן די וועלט“ און

„אַפּשאַפן אָרעם און רייך‟, איז דער קוועקזילבערדיקער אהרן וויינשטיין איינגעזעסן אויפן גרינעם גראָז אויף אַן אָרט.

ווי אַזוי וועט זי אים פאַרט דערקענען? ווי אַזוי וועט זי אים בכלל געפינען צווישן אַזוי פיל מענטשן? זיין געשטאַלט, זיין אויסזען זענען איר וואָס אַן אמת איינגעקריצט אין זכרון. ער איז אָבער דעמאָלט אַלט געווען 22 יאָר און זי 15-16 יאָר. פון דעסטוועגן, פון דעסטוועגן, זי גלויבט פאָרט, אַז עפּעס וואָס בלייבט, שטריכן ביי אַ מענטשן פאַרבלייבן מסתמא. מ׳דאַרף גוט אויפפּאַסן, מ׳דאַרף וואַרפן אַ בליק אויף דער גאַנצער געשטאַלט, גלייכצייטיק זיך גוט איינקוקן אין פּנים.

זי האָט געוואָרפן בליקן, געקוקט, זיך איינגעקוקט און נישט געזען קיין מענטש, וואָס וואָלט געקאָנט זיין דער דערוואַרטעטער גאַסט. מענטשן האָבן זיך פון דער ווייטנס באַגריסט, איבערגערופן זיך, געפאַלן זיך אין די אָרעמס. בלויז זלאַטקע האָט זיך אויסגעקוקט די אויגן, נישט געהאַט צו וועמען זיך צו ווענדן און קיינער האָט זיך צו איר נישט געוואָנדן. זי האָט אַריינגעקוקט אין פּנים פון יעטוועדן פאַרבייגייענדיקן מענטש און ביי קיינעמען נישט געפונען קיין איין שטריך פון איר אַמאָליקן לערער און פריינד.

דער דורכגייענדיקער שטראָם מענטשן איז געוואָרן אַלע מאָל שיטע־רער. אַט־אַט רינט ער אין גאַנצן אויס. זי וועט באַלד נישט האָבן אין וועמען זיך איינצוקוקן. זי האָט אָנגעהויבן זיך דערמאָנען וואָס ער האָט איר געשריבן אין לעצטן בריוו. האָט ער איר דען נישט געגעבן קיין סמנים? „כ׳בין נישט דער אַמאָליקער בחור מיט דער שוואַרצער טשו־פּרינע, וואָס דו האָסט געקענט, כ׳בין היינט אַן עלטערער מענטש מיט אַ גרויעם קאָפּ‟. האָט זי אָנגעהויבן זוכן אַ שלאַנקן מענטש מיט אַ גרויעם קאָפּ. זי האָט געזען עטלעכע אַזעלכע עלטערע מענטשן מיט גרויע קעפּ, אָבער מ׳האָט זיי אָפּגעוואַרט און זיך אַרומגעכאַפּט מיט זיי. וויינשטיינען וואַרט זי בלויז אָפּ. אפשר איז עפּעס געשען אין דער לעצטער מינוט און ער האָט זיך נישט געלאָזט אין וועג? אפשר איז ער געפלויגן מיט אַן אַנדער אייראָפּלאַן? אָבער פון אויסטראַליע קומט צופליען בלויז איין אייראָפּלאַן אַ טאָג. אפשר איז אַ טעות אין דער דאַטע? גוט וואָס זי האָט דעם לעצטן בריוו מיט זיך, זי וועט דורכלייענען צו קאָנטראָלירן.

פּלוצלינג האָבן עמעצנס בליקן איר איבערגעריסן די טראַכטענישן. אַ דיקער, פעסטער מאַן, וואָס האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט געוואַקסן אין דער ברייט און נישט אין דער לענג, מיט אַ נאַקעטן, גלאַנציקן שאַרבן,

איינגעראָמט אין אַ רונדיק קרענצל ווייסע האָר, איז געשטאַנען אַנטקעגן איר און שווייגנדיק אָנגעהאַנגען אויף איר די אויגן. וואָס וויל דער פּאַרשוין? — האָט זי אַ טראַכט געטאָן. וואָס האָט ער דערזען אין מיר וואָס ער האָט אויסגעגלאָצט אויף מיר די אויגן? זי האָט אָפּגעדרייט דעם קאָפּ. ס׳איז פּריקרע ווען עמעצער, אַ ווילד־פּרעמדער גלאָצט אויס אויף אייך די אויגן. אַ געדאַנק איז איר ווי אַ פייל פון בויגן דורכגעלאָפן אין קאָפּ: אפשר איז דאָס ער? באַלד האָט זי אָבער אָפּגעשטויסן פון זיך דעם געדאַנק: וואָס פאַלט איר גאָר איין? ווו קומט דער פּאַרשוין צו יענעם, וואָס זי דערוואַרט? אין דמיון איז ווידער אויפגעשווומען אַ שלאַנקער יונגערמאַן מיט אַ קאָפּ געדיכטע שוואַרצע האָר. באַלד האָט זי דערזען ווייס־גרויע האָר. אַפילו עלטערנדיק זיך ווערט מען נישט מגילגול אין אַזעלכן, וואָס האָט געגלאָצט מיט די אויגן אויף איר.

זלאַטקען איז נמאוס געוואָרן צו שטיין אויף איין אָרט. זי האָט מיט לאַנגזאַמע טריט אָנגעהויבן צו שפּאַנען הין און צוריק. דער פּעסטער, דיקער מאַן מיטן גלאַנציקן קאָפּ האָט זי באַגלייט מיט די אויגן. מיט אַמאָל האָט ער זיך דערנענטערט צו איר, אין אַ היימישן יידיש זיך אַנטשולדיקט און געפרעגט:

— זענט איר אפשר... זענט איר נישט אַמאָל זלאַטקע בראָק?

איצט האָט זלאַטקע אויסגעגלאָצט די אויגן, זי האָט זיך שאַרף איינגעקוקט אין אים און שטאַמלענדיק צוריקגעפרעגט:

— און איר...? איר ווער זענט?

— איך? איך בין דער אויף וועמען דו וואַרטסט. אַזוי, אַזוי, מ׳איז אַלט געוואָרן, דערקענסט מיך נישט. זלאַטקע דערקענט נישט דעם לערער אהרן. שטאַרק זיך פאַרענדערט, האַ?

זי האָט אים געוואָלט טרייסטן:

— מיר האָבן זיך אַלע פאַרענדערט. דו האָסט מיך דען באַלד דערקענט? ביסט אויך נישט זיכער געווען.

— דעם אמת געזאָגט אין גאַנצן נישט דערקענט. כ׳האָב זיך געריכט אויף דעם, כ׳האָב זיך אָבער אָנגעשטויסן. כ׳זע אַ פרוי, וואָס קוקט עמעצן אויס מיט ליכט! אָבער נישט דערקענט. און ווי האָב איך דיך געזאָלט דערקענען אַז ביסט געוואָרן אַ בלאָנדינקע? איך געדענק נאָך דיינע שוואַרצע האָר. אָבער נישקשה, נישקשה, די בלאָנדע האָר פּאַסן זיך אויך צו דיין פּנים. ביסט נאָך אַ גאַנץ שיין ווייבל, נישט צו פאַרזינדיקן, הלוואי אויף אַלע ווייבלעך אין דיין עלטער. איצט, אַז איך קוק דיך אָן,

זע איך, אַז האָסט זיך פאַרט אַזוי פיל נישט געענדערט. וואָלסט זיך געמאַכט שוואַרצע האָר, וואָלסטו געווען די זעלבע זלאַטקע. ביסט אַל ראַיט, זלאַטקע, אַל ראַיט!

זלאַטקע האָט אים געלאָזט רעדן. זי האָט נאָך אַלץ געזוכט אין דעם פרעמדן מענטש אַן ענלעכקייט צו איר אַמאָליקן לערער פון מיט 48 יאָר צוריק. בלויז אין דעם גערדיכטן רעדן האָט זי געפונען אַ רמז פון אַמאָליקן אהרן וויינשטיין. אָבער אויך דאָס לשון איז געענדערט. ס׳איז אַ יידיש מיט אַן ענגלישן אַקצענט און מיט אַ צומיש פון ענגלישע ווערטער.

די באַגעגעניש האָט זי צעטומלט. אי ס׳איז איר פריקרע געווען וואָס זי האָט אים לחלוטין נישט דערקענט, אי זי האָט זיך געפילט ווי זי וואָלט געהאַט פאַר זיך אַ מענטש, וואָס זי זעט צום ערשטן מאָל. איצט קען זי אים נישט און ווייסט אים נישט. וואָס איז ער? ווער איז ער? ווי אַזוי זאָל זי זיך באַגיין מיט אים? אַמאָל, כאָטש זי איז געווען זיין תלמידה, זענען זיי געווען גאָר־גאָר היימיש, חבריש. ער איז דאָך געווען נישט נאָר איר לערער, נאָר אויך איר עלטערער חבר, וואָס האָט זי געפירט אויף אומבאַקאַנטע וועגן, געלערנט זי ווי אַזוי מ׳דאַרף איבער־מאַכן די וועלט. ווער ווייסט ווי אַזוי ער טראַכט היינט? איז זלאַטקע זיך אומגעגאַנגען מיטן גאַסט פונקט אַזוי ווי מען שטעלט פאַרזיכטיק טריט אויף אַן אומבאַקאַנטן באָדן מיט וועלכן מ׳דאַרף זיך ערשט באַקענען.

אהרן וויינשטיין האָט זיך אָבער פון דעם אַלעמען קיין צרות נישט געמאַכט. ס׳האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט חשק געהאַט תיכף אַלץ אויס־צודערציילן. ער האָט זיך וויניק וואָס איבערגענומען דערמיט וואָס זלאַטקע האָט אים בשום אופן נישט געקאָנט דערקענען. ער מאַכט אויך קיין שום וועזן נישט פון דעם וואָס זי, זלאַטקע, איז קוים צו דערקענען. יאָ, יאָ, ער ווייסט גאַנץ גוט, אַז ער האָט זיך זינט יענע ווייטע צייטן שטאַרק געענ־דערט. וועלכער מענטש ענדערט זיך דען נישט? דערויף איז מען אַ מענטש. אַזוי איז דאָס לעבן. מען שטייט נישט אויף קיין אָרט. ער איז כלל נישט געשטאַנען אויף איין אָרט. עלטערנדיק זיך, איז ער כסדר געגאַנגען באַרג אַרויף. כסדר העכער און העכער. ביז ער איז דערגאַנגען צו ווערן דאָס, וואָס ער איז, אַ גביר, אַן עושר.

זלאַטקע האָט נאָך גאָרנישט געהאַט געפרעגט, נישט וואָס ס׳הערט זיך ביי אים איצט, נישט וואָס ס׳האָט זיך פאַרלאָפן ביי אים דורך די אַלע יאָרן. ווי פרעגט מען דאָס אויף איין פוס? אָט באַלד אויף דער הייסער מינוט? וויינשטיין האָט אויך נישט געפרעגט וואָס ביי איר. ס׳איז

אָבער אַלע מאָל מער קענטיק געווען, אַז ער האָט אַ באַדערפעניש אָט שוין צו דערציילן וועגן זיך.

— כ׳האָב שוין פון לאַנג געוואָלט זיך דורכפאָרן קיין יוראָפּ, פריער זיך אין עטלעכע קאַנטריס, דערנאָך פאָרן קיין ישראל. איך קאָן זיך דערלויבן צו מאַכן טראַוועלס, נישקשה, נאָר ס׳איז קיינמאָל קיין צייט נישטאָ, די ביזנעס האַלטן. כ׳בין שוין טאַקע נישט קיין יונגערמאַן, אָבער איך פיר נאָך אַליין מיינע ביזנעס, כ׳גיב נאָך נישט אויף; כ׳וועל אַזוי גיך זיך נישט אָוועקזעצן מיט פאַרלייגטע הענט. אַזוי לאַנג ווי מ׳איז ביי די כוחות, ווען דאָס געזונט איז נישט צו פאַרזינדיקן, טוט מען וואָס מען דאַרף.

ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער דאַרף אָפּנעמען דעם באַגאַזש. זלאַטקע איז אים צו נוץ געקומען, זי האָט אים געדינגט פאַר אַן איבערזעצערין. די גרויסע לעדערנע וואַליזקעס האָט דער שאָפער קוים אַריינגעשטופּט אין אויטאָ. ווינשטיין האָט באַדויערט וואָס ער האָט נישט מיט זיך זיין אייגענעם גרויסן וואָגן. ער איז נישט צוגעוווינט צו אַזאַ קליינעם אויטאָ. אין אויסטראַליע האָבן אָפּילו די שאָפערס גרויסע שיינע טאַקסיס. יוראָפּ, האָט מען אים געזאָגט, איז נאָך אַלץ אָרעם.

זיי זענען פאַרפאָרן אין אַן עלעגאַנטן האָטעל ביים פּלאַץ קאָנקאָרד. ווינשטיין האָט זיך מער נישט גענויטיקט זלאַטקע זאָל אים דינען ווי אַן איבערזעצערין. אין האָטעל רעדן די באַדינער אַלע שפּראַכן. ער האָט זיך אַריינגעזעצט אין אַ טיפן פאָטעל און אָנגעוויזן זלאַטקען אַ פאָטעל קעגן זיך. מ׳האָט אַריינגעבראַכט געטראַנקען. ווינשטיין האָט געלייענט די אויפשריפטן אויף די פלעשלעך און זיך געוווּנדערט:

— פאַראַן אויך אין יוראָפּ, זעט אויס, גוטע געטראַנקען, אָבי כ׳האָב געמיינט, אַז נאָר ביי אונדז.

זלאַטקען איז באַפאַלן אַ שווייגעניש. די צונג ביי איר אין מויל האָט זיך נישט געוואָלט דרייען. זי האָט זייטיק, דיסקרעט געקוקט אויף ווינשטיינען און נאָך אַלץ געזוכט אין אים איר אַמאָליקן לערער, געזוכט נישט בלויז די אַמאָליקע שטריכן אין זיין פּנים, די אַמאָליקע געשטאַלט, נאָר אויך עפּעס פון אַמאָל אין זיינע רייד. די רייד זענען איר פונקט אַזוי פרעמד ווי די גאַנצע געשטאַלט. זי האָט לאַנגזאַם געזופּט פון גלעזל און ווייטער געשוויגן. דאָס שווייגעניש האָט אָנגעהויבן זי דריקן. ווי זיצט מען דאָס אַזוי מיטן גאַסט אָן אַ וואָרט אַרויסצורעדן? ווי פּאַסט דאָס? זי האָט זיך אָנגענומען מיט כוח און געפרעגט:

— ווי אַזוי לעבט זיך אַזאַ יידן ווי דו אין אויסטראַליע חוץ די גע־שעפטן? ווי אַזוי פאַרברענגט מען די צייט נאָך דער אַרבעט?

וויינשטיין האָט זיך אויסגעגלייכט אין פאָטעל, אויסגעצויגן די פיס פאַר זיך. בעתן אויסגלייכן זיך האָט דער פאָטעל אַ קרעכץ געטאָן.

— ווי ס'לעבט זיך דאָרט אַזאַ יידן ווי איך, פרעגסטו? הלוואי אויף אַלע יידן אויף דער גאַנצער וועלט געזאָגט געוואָרן. וואָס צו טאָן חוץ די ביזנעס פעלט מיר אויך נישט. ראשית בין איך פרעזידענט פון עטלעכע אָרגאַניזיישנס. איך קאָן זיך דען מיט דעם אַלעמען באַשעפטיקן? נאָר נישקשה, עס פעלן נישט אַזעלכע, וואָס האָבן מער צייט פון מיר. איך בין נאָר פרעזידענט. ס'קומט פון דעסטוועגן אויס נישט איין אָוונט צו מוזן זיצן אין פרעזידיום. די אַנדערע אָוונטן, פרעגסטו? נאָך אַ גאַנצן טאָג זיין פאַרטאָן אין די ביזנעס, זעצט מען זיך אַריין אין אַ גוטן פאָטעל און מען קוקט אויף דער טעלעוויזשן. ס'זאָגט זיך אַזוי לייכט מען קוקט. ביי מיר איז אָן אַפּענע שטוב. ס'קומען אַריין מענטשן. אוודאי, פריער רופט מען אָן צי מען קאָן אַריינקומען. איך זאָג נישט אָפּ. בייטאָג איז מיר דער קאָפּ ערגעץ אַנדערש. ווען איך בין פריי פון די ביזנעס קאָן יעדערער קומען, ווער נאָר עס דאַרף צו מיר. און דאַרפן צו מיר, דאַרפן אַ סך און זייער אָפט. מען דאַרף געלט פאַר ישראל, פאַר כלערליי קהל־זאַכן, פאַר דער ציוניסטישער פעדערייש[ן], ווו איך בין אויך פרעזידענט. איך זאָג פאַר גאַרנישט אָפּ.

ער האָט דערפילט זלאַטקעס זייטיקע, פאַרשערישע בליקן. ס'האָט אים מסתמא דערמאָנט, אַז ער האָט זי נאָך נישט געפרעגט וואָס עס הערט זיך ביי איר. אין אַ בריוו האָט ער זי יאָ געהאָט אויסגעפרעגט. זי האָט צומאָל געענטפערט אויף אַלע זיינע פראַגן. פון דעסטוועגן דאַרף מען זי אויך איצט אַ פרעג טאָן. פאַרט געבליבן אַליין. אַן אלמנה.

— און דיר ווי גייט עס? וועגן מיר האָב איך דיר שוין אַ ביסל דערציילט, איצט דערצייל דו עפּעס וועגן זיך. אַזוי פיל יאָרן נישט גע־וווסט איינער פון אַנדערן. טאַטע זיסער, ווי די יאָרן זענען עס דורכ־געלאָפן. אַ גאַנץ לעבן איז אַוועק. נו, דערצייל, דערצייל עפּעס וועגן זיך. ווי גייט עס דיר?

זיין באַרעדעוודיקייט, זיין אויסזען האָבן זלאַטקען געהאַט פאַרהאַקט דאָס לשון. די שווייגעניש האָט זי נאָך געהאַלטן אין די הענט. אָבער ער איז פאַרט אַ גאַסט. אַזוי פיל יאָרן טאַקע נישט געוווסט איינער פון אַנדערן. זי דאַרף זיך אָננעמען מיט כוח. זי האָט געוואָלט ענטפערן

זאַכלעך, מילד, אין אירע ווערטער האָט זיך אָבער אַריינגעכאַפּט אַ טאָן פון לייכטער איראָניע:

— איך האָב זיך נישט אַרויפגעאַרבעט, געווען אַ בוכהאַלטערין און פאַרבליבן אַ בוכהאַלטערין.

זי איז צופרידן געווען וואָס ער האָט דעם איראָנישן טאָן נישט אויפגעכאַפּט. ער האָט אָפּגעענטפערט ווי ער וואָלט געוואָלט זי טרייסטן:

— דאָס איז קיין שום אומגליק נישט, נישט אַלע מוזן זיך אַרויפ־אַרבעטן. אַ לעבן מאַכסטו פון דיין דזשאָב, כ׳מיין פון דיין בוכהאַלטעריע, איז שוין גוט. אָבער חוץ דער בוכהאַלטעריע? ווי גייט עס דיר? פאַרוואָס דו האָסט נאָך אַמאָל נישט חתונה געהאַט וווּנדערט מיך אַפּילו, נאָר אַזעלכע קשיות פרעגט מען נישט. דו האָסט מיך געפרעגט וואָס איך טו חוץ מיינע ביזנעס. איז ווי אַזוי פאַרברענגסטו די צייט חוץ דער אַרבעט?

— מיר פעלט אויך נישט מיט וואָס זיך צו פאַרנעמען, הלוואי וואָלט נאָר געווען אַזוי פיל פרייע צייט.

אין קאָפּ האָט אַ בליץ געטאָן אַ דערינערונג, זי האָט היימישלעך און פילזאָגעוודיק אַ שמייכל געטאָן צו אים. די צונג האָט זיך ביי איר אויפגעבונדן:

— כ׳האָב אין מיין פריער יוגנט געהאַט אַ גוטן לערער, ער האָט מיך אויסגעלערנט ווי אַזוי מ׳דאַרף אויסנוצן די פרייע צייט, און סתם ווי אַזוי זיך צו פירן.

זי האָט געמאַכט אַ פויזע, נאָכגעטראַכט אַ ווײַלע, ווי זי וואָלט מיט זיך אַ ישוב־הדעת געהאַט וואָס זי זאָל פריער אַרויסציען פון זכרון:

— צי געדענקסטו ווי דו פלעגסט אונדז, דיינע שילערס, אָנזאָגן צו לייענען ביכער? ווי דו פלעגסט רעדן וועגן „גייסטיקער שפּייז״? „וואָס אַ מענטש ווייסט מער, אַלץ בעסער ווייסט ער ווי אַזוי צו לעבן״. צי דער־קענסטו די ווערטער? דיינע ווערטער. פלעגסט זיי אָפּט איבערחזרן פאַר אונדז. נו, איז מיר דיין אַמאָליקע לערע אַריין אין קאָפּ. זי קומט מיר צו נוץ ביזן היינטיקן טאָג. מיין פרייע צייט נוץ איך אויס אויף צו לייענען אַ בוך, גיין אין טעאַטער, אין אַ סינעמאַ, אין אַ מוזיי און... וואָלט נאָר אַזוי פיל צייט געווען.

וויינשטיין האָט זיך צוגעהערט צו אירע רייד, ווי צו אַן אַלטער, שיינער מעשה. דאָס פּנים האָט זיך ביי אים פאַרצויגן מיט אַ טרוימע־רישקייט, די אויגן האָבן זיך צעגלאַנצט. קענטיק געווען, אַז ס׳טוט אים הנאה דאָס, וואָס זיין אַמאָליקע תלמידה דערמאָנט אים. ער האָט זיך

אויסגעבויגן, ווי די דערמאָנונגען וואָלטן אים אונטערגעהויבן, געוואָנדן די גלאָנציקע אויגן צו זלאַטקען:

— ווי דו געדענקסט דאָס אַלץ, זלאַטקע. פאַרבליבן ביי דיר דער גוטער זכרון. ביי מיר האָט די שטענדיקע איילעניש, די יאָגעניש אַ סך זאַכן אַרויסגעיאָגט פון קאָפּ. פון אָנהייב איז געווען דער שווערער עול פּרנסה. דו מיינסט אַלץ איז שטענדיק געגאַנגען ווי געשמירט? געווען אויך שווערע ציַיטן. דערנאָך די ביזנעס. מ׳איז אַלע מאָל מער אַריינגעצויגן געוואָרן. אַלץ איבעריקע איז פאַררוקט געוואָרן אין אַ זייט. דו, זלאַטקע, געדענקסט גוט יענע ווייטע ציַיטן. שיינע ציַיטן אַמאָל געווען, האָ? אַי די יוגנט, די יוגנט, טאַטע זיסער, ווו נעמט מען זי צוריק?

— דו בענקסט נאָך יענע שיינע ציַיטן?

— צי איך בענק נאָך יענע ציַיטן? ווי זאָל איך דיר דאָס זאָגן? יאָ און ניין. אַז מען דערמאָנט זיך, ווי דו האָסט עס איצט דערמאָנט, גיט עס אַ נעם אינעווייניק. מ׳איז אָבער דעמאָלט אָרעם געווען, נאָר מ׳איז יונג געווען, איז אַלץ שיין און גוט געווען.

ער האָט אַ רגע נאָכגעטראַכט און צוגעגעבן:

— ניין, ניִשט אַלץ איז שיין און גוט געווען. מ׳איז זייער אָרעם געווען.

— מ׳איז אָרעם געווען און מ׳איז אויך רייך געווען, ניִשט אמת?

— רייך געווען? ווילסט אפשר זאָגן, אַז מ׳איז רייך געווען מיט פאַנטאַזיעס?

— מיט אַ סך שיינע טרוימען, מיט...

— יאָ, ביסט אפשר גערעכט. טאַטע זיסער, וואָס מ׳האָט זיך אַלץ ניִשט אויסגעמאָלן! מ׳האָט געמיינט מ׳וועט איבערדרייען די וועלט. ס׳איז געווען ייִנגלעריש, נאָר אונדז האָט זיך אויסגעדוכט מי יודע וואָס. מיר זענען אָבער יונג געווען. אַי די יוגנט, די יוגנט. אַ מענטש אין מיין עלטער קאָן דאָס אָפּשאַצן. געדענקסט, זלאַטקע, ווי כ׳האָב אויסגעזען? וואָס פאַראַ שיינער יונגאַטש כ׳בין געווען? ס׳זענען מיר פאַרבליבן עטלעכע פּיקטשעס פון דעמאָלט. אַז איך קוק אויף דער פּיקטשע און איך קוק מיך אָן אין שפּיגל! איך טראַכט דעמאָלט וואָס די עלטער קאָן מאַכן פון אַ מענטש. גוט וואָס כ׳האָב ניִשט קיין צייט צו טראַכטן דערוועגן. וואָלסט ניִשט דערמאָנט, וואָלט איך איצט אויך דערוועגן ניִשט געטראַכט. כאָטש דו האָסט מיך בשום אופן ניִשט געקאָנט דערקענען. כ׳ווייס ניִשט צי חוץ דיר איז נאָך ווער פון מיינע אַמאָליקע שילערינס פאַרבליבן. אויב

זיי וואָלטן געלעבט און זיך דערמאָנט אין מיר, וואָלטן זיי זיך אויסגעמאָלן דעם שיינעם בחור מיט די געדיכטע, שוואַרצע האָר.

— צי האָסטו געוווּסט, אַז דיינע שילערינס האָבן זיך געליבט אין דיר?

— כ׳האָב זיך מסתמא אַנגעשטויסן, נאָר זיך געמאַכט נישט ווויסנדיק. כ׳בין געווען אַן ערנסטער בחור, אַ צו ערנסטער. און כ׳האָב דאָך געהאַט אַ כלה, וואָס כ׳האָב מיטגענומען קיין אויסטראַליע. נאָר זאָג מיר זלאַטקעשי, מאַכסט נישט קיין וויץ? זיי האָבן זיך טאַקע געליבט אין מיר?

זלאַטקע האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— און דו, זלאַטקע די קאָזע? דו אויך?

— איך אויך.

— אַזוי גאָר, אַזוי גאָר! אַי די יוגנט, די יוגנט. טאַטע זיסער, ווי דאָס אַלץ איז שוין ווייט. ס׳איז אַוועקגעפלויגן ווייט־ווייט. צוריק וועט עס שוין נישט קומען. מ׳איז אַזוי אָרעם געווען און ס׳איז פון דעסטוועגן אַזוי שיין געווען.

דאָס שווערע געמיט איז ביי זלאַטקען פאַרשוווּנדן. זי איז געוואָרן אַלע מאָל מער אויפגעלייגט. דער מענטש אַנטקעגן איר איז איר נאָענט געוואָרן. זי האָט אים ווידער דערזען אין שטעטל, אין שולע, שבת אין וואַלד. וויינשטיין איז איצט געזעסן אָנגעבויגן צו איר, דאָס פּנים פאַרטראַכט ווי ער וואָלט זיך פלוצלינג איבערגעטראָגן מיט די געדאַנקען ערגעץ ווייט. ער האָט פון מאָל צו מאָל, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, מיט אַ לייכטן זיפץ איבערגעחזרט: „אַי די יוגנט, די יוגנט, מ׳איז דעמאָלט אָרעם געווען און ס׳איז אַזוי שיין געווען”. זלאַטקע האָט זיך צוגעהערט צו זיינע רייד, געקוקט אויף זיין צעאַקערט פּנים און אין קאָפּ איז איר ווי אַ פייל פון בויגן דורכגעלאָפן אַ געדאַנק. זי האָט מיט הייטערקייט, האַלב ערנסט, האַלב שטיפעריש, אַ פרעג געטאָן:

— צי וואָלסטו, אויב מ׳וואָלט געקאָנט, אויסגעביטן דיין רייכקייט אויף יענע שיינע צייטן?

— ביסט פאַרבליבן, זע איך, די זעלבע זלאַטקע. געדענקסט ווי מ׳האָט דיך גערופן? די ווילדע צילקע מיטן אָפענעם קאָפּ, צילקע מיט אירע שאלות. פלעגסט שטענדיק שטעלן אַזעלכע שווערע קשיות. פלעגסט פרעגן, פרעגן ווידער אַ מאָל און אָבער אַמאָל.

— פרעג איך איצט אויך ווידער אַמאָל: אויב מ׳וואָלט געקאָנט וואָלסטו אויסגעביטן דיין עשירות אויף יענע שיינע צייטן?

— טאַטע זיסער, וואָס זלאַטקען קאָן אַלץ איינפאַלן צו פרעגן. האָסט זיך דאָך גאָרנישט געענדערט. איך דערמאָן מיך איצט ווי דו פלעגסט אין מיטן דערינען אַריינשיסן אַ שווערע פראַגע. זעט אויס, אַז אין תוך ענדערט זיך נישט דער מענטש. ווי זאָגט מען דאָס ? אַזוי ווי צו זיבן, אַזוי צו זיבעציק, כאָטש דו ביסט ווייט צו זיבעציק.

— וועגן דיר קאָן מען נישט זאָגן „אַזוי ווי צו זיבן, אַזוי צו זיבעציק". האָסט זיך...

זי האָט זיך אַ ביס געטאָן אין צונג. אויפריכטיקייט גרענעצט אָפט־מאָל מיט טאַקטלאָזיקייט. זי האָט געוואָלט געבן אַן אַנדער טייטש אירע ווערטער:

— אַמאָל ביסטו נישט קאַרג געווען אויף קיין ענטפער. אויף יעדער מיין פראַגע פלעגסטו ענטפערן, אויף מיין איצטיקער פראַגע צי דו וואָלסט אויסגעטוישט דיין עשירות אויף יענע צייטן, ווילסטו נישט ענטפערן.

— וואָס זאָל איך איצט ענטפערן ? איך וואָלט זיך געמוזט גוט באַ־טראַכטן. נישט אַלץ איז דעמאָלט געווען אַזוי האָניק־זיס ווי דו מיינסט. נאָר ווער וואָלט עס נישט געוואָלט צוריק יונג ווערן ? טאַטע זיסער, וואָס וואָלט מען נישט געגעבן, ווען מ'וואָלט געקאָנט צוריק יונג ווערן !

ער האָט פאַרשפּעטיקט

ס'איז געווען אַ זוניקער זונטיקדיקער פּרימאָרגן. דער פרילינג האָט זיך דאָס יאָר אַריינגעשטעלט באַצייטנס. די אַפּריל־זון האָט זיך מיטן ערשטן שפּראָץ אויף טאָג אַ שטראַלנדיקע אַרויסגעקייקלט פון הינטערן האָריזאָנט און צעשאָטן אַ שפע ליכט. דער פריער טאָג האָט זיך צע־שטראַלט, צעוואַרעמט אויף אַ זומערדיקן שטייגער. דער מאַיעסטעטישער קאַשטאַן־בוים הינטער דער הינטערשטאָטישער ווילע איז שוין עלעגאַנט אויסגעצירט אין אַ גרינעם לבוש. אין זיינע צווייגן שפּרינגען אַרום און שווישטשען וואָראָבייטשיקעס. פון אויבן אָן איבער די גרינע ברייטע בלעטער האָבן זיך צעוואַקסן צווייגעלעך מיט געדיכטן ווייסן בליעכץ. ער קוקט אַריין דער קאַשטאַן־בוים אומדיסקרעט דורכן פענצטער אין צימער, באַווייזט זיך אין זיין גאַנצן פונאַנדערבלי, ווי ער וואָלט זיך גע־גרויסט מיט זיין פרילינגדיקער גרין־ווייסער אויסשטאַטונג. ער ווינקט, שמייכלט, רופט, פאַרבעט אַרויסצוגיין אין דעם פאַריזער הינטערשטאָטישן צעגרינטן דרויסן.

צו איזאַק געלמאַנען דערגייט יאָ און דערגייט נישט דאָס ווינקען און שמייכלען פון קאַשטאַן־בוים, דאָס רופן פון פרימאָרגן. ער איז אָנגע־בויגן איבער אַ דיקן העפט פאַרטאָן אין שרייבן. ער שרייבט זכרונות. פון אוישוויץ. אַזוי פיל יאָרן זענען דורכגעגאַנגען און ס'איז אים נישט איינגעפאַלן צו באַשרייבן יענע פאַסירונגען. וואָס, אַ שרייבער איז ער? ס'האָט זיך סתם פריער וואָס וויניקער געוואָלט טראַכטן דערוועגן. וואָס ווייטער פון יענע יאָרן אַלץ מער און דייטלעכער טויכט אַלץ אויף אין זכרון. מען קאָן עס נישט פאַרטרייבן. אַזוי פיל מענטשן האָבן געשריבן און האָבן נישט פאַרשריבן דאָס, וואָס ער האָט געזען, געפילט אויף זיין אייגענער הויט. הייסט עס, אַז אויך ער דאַרף פאַרשרייבן. האָט ער זיך גענומען דערצו מיט אַ קאָרגע צוויי יאָר צוריק, כאָטש קיין צייט דערויף האָט ער נישט.

ער איז היינט מער ווי געווינלעך אַריינגעטאָן אין די דערמאָנונגען. כאָטש ער האָט זיך אָקערשט דערפילט נישט מיט אַלעמען, קאָן ער זיך

נישט אַפּרייטן פונעם העפּט. דאָס, וואָס איז היינט אויפגעשוואומען אין דמיון מוז ער אין גאַנצן אַרויסלייגן אויפן פּאַפּיר. ווען דען אויב נישט איצט? חוץ שבת כאַפּט ער אַריין אין אַ זונטיק אינדערפרי אַ צוויי שעה. אין אַ ווינטערדיקן זונטיק, אָדער סתם אין אַ זונטיק מיט אַ פאַרוויינטן וועטער, ווען ס'איז אַן עברה אַ הונט אַרויסצויאָגן אין דרויסן, לאָזט ער זיך ווילגיין. דאָס ווייב לאָזט אים דעמאָלט צו רו, זי שטייט אים נישט איבערן קאָפּ. ער קאָן אָפּזיצן איבערן העפט דעם גאַנצן פאַרמיטאָג. אַנדערש איז דאָס ווען די זון שיינט און וואַרעמט. געניאַ, זיין ווייב, האַלט אים אין איין אונטעריאָגן און דערמאָנען, אַז ס'איז צייט איבערצורייסן. דאָס מאָל איז זי צוגעשטאַנען צו אים מער ווי שטענדיק:

— אפשר שוין גענוג אויף היינט? וויניק דיר אַ גאַנצע וואָך צו זיין איינגעשפּאַנט פון פרי ביז אָוונט? קאָנסט זיך נישט פאַרגינען אַפילו אין אַזאַ שיינעם טאָג צו זיין זונטיק אינדערפרי אויף דער לופט? ווען וועלן מיר שוין לעבן ווי מענטשן? אַ לעבן דאָס? דו האָסט בכלל נישט קיין צייט צו לעבן!

— וואַרט, וואַרט, וועסט זען, מיין טייערע, ווי אין גיכן וועלן מיר אַ לעב טאָן. מ'וועט מאַכן אַ לעבן, אַז ס'וועט גיין אַ רויך! נאָר דערווייל לאָז מיר נאָך אַ צען מינוט, אָט שוין באַלד פאַרענדיק איך און מיר גייען אַרויס זיך אָנטרינקען מיט לופט און זון. מיר וועלן גאָרנישט פאַר־שפּעטיקן.

— דער פרייער טאָג וועט שוין באַלד האָבן דורכגעגאַנגען.

— נישקשה, מיר וועלן נאָך האָבן אַ סך פרייע טעג, מיר וועלן אפשר נישט וויסן וואָס מיט זיי צו טאָן.

איזאַק האָט אין זינען געהאַט דאָס אין גיכן גיין אויף פּענסיע. בסך הכל פעלן אים 5 חדשים צו די 60 יאָר. אַ געוועזענער דעפּאַרטירטער דאַרף נישט וואַרטן ביז די 65 יאָר. מאַן און ווייב האָבן פון לאַנג געהאַט אָפּגעמאַכט צווישן זיך, אַז קיין טאָג לענגער וועט ער ביי דער אַרבעט נישט בלייבן. וויניק זיך אָנגעאַרבעט אַ גאַנץ לעבן? חוץ דעם פּולטאָגיקן פּאָסטן, האָט איזאַק נאָך צוויי זייטיקע קליענטן, וואָס פאַרנעמען אים עטלעכע שעה אין דער וואָך, אין די אָוונטן. ווען דאָס ווייב באַקלאָגט זיך אויף זיין פאַרנומענקייט און גיט אים צו פאַרשטיין, אַז לעבן בלויז מיט דער אַרבעט איז קיין לעבן נישט, טרייסט זי איזאַק:

— וועסט זען ווי מיר וועלן נאָך מאַכן אַ לעבן, אויף אַלעמען קומט אַ צייט, מען פאַרשפּעטיקט נישט.

ער גופא, איזאַק געלמאַן, האָט מיט אומגעדולד געוואַרט אויף דער דאָזיקער צייט. מ׳וועט טאַקע עלטער זיין, אָבער מ׳וועט זיין אַ פרייער פויגל. געניאַ איז דען נישט גערעכט? ער איז איינגעשפּאַנט אין דער בוכהאַלטעריע אַלע טעג פון דער וואָך. אַ גאַנץ לעבן געווען ווי דער אָקס אין דעם אַקער. נאָך גוט וואָס זי, געניאַ, איז געפאַלן אויפן געדאַנק צו גיין מיט עטלעכע יאָר פריער אין „רעטרעט״. פאַר איר אַוודאי צייט געווען זיך אָפּצורוען נאָך ראַוועגסברוק. וואָס איז? זיי קאָנען זיך נישט פאַרגינען? בלויז פון די צוויי דעפּאָרטאַציע־פּענסיעס וואָלט מען אויך געקאָנט אויסקומען. וואָס דען? פאַרוואָס איז ער אַזוי איינגעשפּאַנט? ווייסט ער וואָס? ער איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער אַרבעט. ער רייסט דען איין? ס׳איז אונטערגעקומען אַ זייטיקער גוט־באַצאָלטער „דזשאָב״ האָט ער עס אָנגענומען. אַזוי לאַנג ווי ס׳לאָזט זיך, אַזוי לאַנג ווי מ׳קאָן, פאַרוואָס נישט? בפרט ווען דאָס געזונט שפּילט צו, ווען מ׳איז ביי די פולע כוחות. טאַקע געווען צוויי יאָר אין אוישוויץ, אָבער ער פילט דאָס נישט. ס׳טרעפט אָפּילו די לעצטע צייטן ער איז אַ ביסל מיד. וועלכער מענטש איז אָבער אַמאָל נישט מיד? ניין, נישט צו פאַר־זינדיקן מיט זיין געזונט. וואָלט ער געדאַרפט צואַרבעטן ביז די 65 יאָר, וואָלט אויך קיין אומגליק נישט געווען. איי ס׳בלייבט נישט קיין צייט צו לייענען אַ בוך, צו גיין ערגעץ אַפּטער, וועט מען דערנאָך אַניאָגן. אַזוי צי אַזוי רוקט זיך אונטער די „רעטרעט״. ווי גיך ער ווערט אַ „רעט־רעטניק״ האָט ער די גאַנצע פרייע צייט פאַר זיך, ער וועט זיך אָפּנעמען פאַר אַלע יאָרן, ער וועט נישט פאַרשפּעטיקן.

ער, איזאַק, קען אַזעלכע, וואָס ווייסן נישט וואָס צו טאָן מיט דער פרייער צייט; זיי לאַנגווייליקן זיך, זוכן ביי עפּעס די הענט צו פאַר־טשעפּען. נישט ווייניק מענטשן האָבן דערפאַר מורא צו „גיין אין רעט־רעט״, מען ווייסט נישט וואָס מ׳וועט טאָן מיט זיך, מיט וואָס מ׳וועט דורכשטופּן די צייט. ער וועט וויסן וואָס צו טאָן מיט דער פרייער צייט. ראשית כל וועט ער פאַרענדיקן די זכרונות, ס׳בלייבט אים שוין נישט קיין סך. ער וועט זיך אויך נעמען צום ראַמש ביכער, וואָס ער האָט אָנגעקויפט און נישט געהאַט קיין צייט אין זיי אַריינצוקוקן. חוץ דעם פעלט דען וווּ צו גיין? עפּעס צו זען? וווּ צו פאַרברענגען? און פאַר־וואָס נישט אַ קוק כאַפּן אויף דער וועלט? זי איז קליין היינט די וועלט. מען זעצט זיך אַריין אין אַן אַוויאָן און אין געציילטע שעהן איז מען העט ווייט. נישקשה, ער וועט וויסן ווי אַזוי אויסצונוצן דאָס זיין אין

„רעטרעט״. ער און געניאַ וועלן זיך אָפּנעמען פֿאַר אַלע צייטן. ס׳איז קיינמאָל נישט צו שפּעט.

***

אַזוי האָט איזאַק איינגעטענהט מיט זיך. פֿאַרן ווייב האָט ער פֿון פֿאַרויס געמאַכט פּלענער, געמאָלן זייערע רייזעס אין די שענסטע פֿאַרבן, צוגעזאָגט איר, אַז זיי וועלן זיך אָפּנעמען פֿאַר אַלע יאָרן, זיי וועלן אַ לעב טאָן.

יענעם זונטיק האָט דאָס ווייב מער קיין געדולד נישט געהאַט צו וואַרטן ביז ס׳וועלן דורכגיין די עטלעכע חדשים. וואָס איר די אַלע צוזאָגן אויף שפּעטער אַז זי האָט שוין חשק צו פֿאַרזוכן פֿון פּרילינג. זי איז געווען אַנגעשטויסן אויפֿן מאַן, בפֿרט די צען מינוט, וואָס ער האָט ביי איר אָפּגעבעטן צו פֿאַרענדיקן דאָס קאַפּיטל, האָבן זיך פֿאַרצויגן אויף אַ האַלבע שעה.

— פֿאַרענדיקט מיט מזל? מער וועסטו ביי מיר דאָס נישט פּועלן! וועסט מער נישט אוועקפּטרן דעם זונטיק אינדערפֿרי. די אָוונטן אויך נישט. מאָרגן וועסטו אָפּזאָגן דיינע צוויי קליענטן. ס׳פֿעלן נישט קיין בוכהאַלטערס אָן דיר.

איזאַק האָט נישט געענטפֿערט. ער האָט זיך פּאַמעלעך אויפֿגעשטעלט און נאָך פּאַמעלעכער דורכגעשפּאַנט דורכן צימער. דאָס ווייב האָט אים אונטערגעיאָגט.

— לאָז מיר פֿריער אַ ביסל אויסגלייכן די גלידער.

ער האָט ווידער פּאַמעלעך דורכגעשפּאַנט דורכן צימער, דאָס מאָל איינגעבויגן, פּונקט אַזוי ווי ווען מ׳האָט בויך־ווייטיק. די גלידער האָבן זיך ביי אים נישט געוואָלט אויסגלייכן. מיט אַמאָל האָט ער דערפֿילט אַ דרייעניש אין לייב. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט דער רעכטער האַנט ביים האַרץ, דערנאָך ביים בויך. ער האָט אַליין נישט געוווּסט, ווו עס דריקט און שטיקט. ערגעץ אין די אינגעווייִדן האָט געדרייט, געבריט, געשטאָכן. פֿאַר די אויגן האָט אָנגעהויבן שווינדלען. ער האָט זיך צוגעשלעפּט צו דער אָטאָמאַנע און אַוועקגעפֿאַלן.

געניאַ אַ דערשראָקענע האָט גיך געבראַכט אַ נאַסן האַנטוך אים אויפֿצומונטערן. זי האָט גלייך אַליין געשטעלט די דיאַגנאָזע פֿון דער פּלוצלינגער פֿאַרשלאָפֿטקייט: ס׳איז איבערגעמאַטערטקייט. די אַרבעט

זויגט אויס פון אים אַלע כוחות, ער פאַלט אַנועק פון מידקייט. מער וועט זי אים אַזוי נישט לאָזן, ס׳וועט איצט נעמען אַ סוף, אַן עק.

פון דעסטוועגן האָט זי זיך מישב געווען און אָנגעקלונגען צום דאָק־טער. אפשר אַ האַרץ־אַטאַק? מיטן האַרץ טאָר מען זיך נישט שפּילן. דער דאָקטער זאָל גאָר וועלן זיך מטריח זיין זונטיק.

ער האָט זיך מטריח געווען. אָבער ניין, ס׳איז נישט דאָס. דאָס האַרץ קלאַפּט נאָרמאַל. ס׳וועט אָבער נישט שאַטן דער מאַן זאָל זיך אָפּרוען. זאָל ער אַ וואָך־צייט נישט גיין צו דער אַרבעט.

ס׳זענען דורך אַ סך וואָכן. די מידקייט איז נישט אָפּגעטראָטן. דאָס אָוועקפאַלן האָט זיך כסדר איבערגעחזרט.

געניאַס שרעק איז געוואָקסן. זי האָט דאָס אויסבאַהאַלטן פאַרן מאַן. איזאַק האָט זי ווי זיין שטייגער געטרייסט: איז וואָס אַז אַן אָפּעראַציע? איז ער דען דער איינציקער דורכצוגיין אַן אָפּעראַציע אויפן מאָגן? מ׳קומט איבער. דאָס סאַמע פאַרויסגעגאַנגענע אין דער מעדיצין איז דאָך די כירורגיע. מ׳וועט אויסשניידן דעם מאָגן־געשוויר און ער וועט צוריק ווערן אַ געזונטער מענטש. נישט געזאָרגט, מ׳וועט דאָס אויך איבערקומען, מ׳וועט זיך דערנאָך אָפּנעמען פאַר אַלע קלעמעניש, מ׳וועט נאָך אַ לעב טאָן. איז וואָס אַז מ׳וועט אים צוזאַמען מיטן מאָגן־געשוויר אויסשניידן אַ שטיקל מאָגן?

מ׳האָט נישט אויסגעשניטן. געווען צו שפּעט. די ראַק־חולאת האָט זיך שוין געהאַט צעשפּרייט איבערן קערפּער, איינגעפרעסן זיך אין די געוועבן. אָבער דער קראַנקער האָט אָנגענומען די אָפּעראַציע פאַר אַן איינגעגעבענע. ער האָט זיך צומאָל דערפילט אַ סך בעסער. און אַז בעסער וועט עס אין גיכן אין גאַנצן גוט זיין. ער וועט זיין אַ ניי געבוירענער מענטש. ער וועט איצט וויסן ווי אַזוי צו לעבן. געניאַ איז טויזנט מאָל גערעכט געווען. די צייט, וואָס גייט אַוועק קומט נישט צוריק. דאָס ביסל יאָרן זענען אַוועק מיט גאָרנישט. וועגן דער צייט אין אוישוויץ רעדט זיך נישט. דאָרט איז די צייט שטיין געבליבן, זי האָט זיך פאַרוואַנדלט אין פאַרגליווערטן ווייטיק. איצט, ווען מען וועט אין גיכן האָבן אַ זעכ־ציקער אויפן קאַרק, הייבט די צייט אָן צו לויפן. מ׳דאַרף קאָנען זיך פרייען מיט יעדן טאָג, געבן יעדן טאָג אַן אינהאַלט, מ׳דאַרף פון לעבן הנאה האָבן. איצט פאַרשטייט ער דאָס אַלץ בעסער ווי פריער. די קרענק, די אָפּעראַציע האָבן אים אויסגעלערנט שכל, זיי האָבן אים געעפנט די אויגן אויף אַ סך זאַכן: ראשית כל, אַז דאָס לעבן איז אַ ווונדערלעכע

זאַך, און מ׳האָט בלויז איין לעבן, ס׳איז דעם מענטש געגעבן איין איינציק מאָל. מ׳דאַרף דאָס נישט צעטרעטן. ס׳איז אַזאַ וווּנדערלעכער בעכער געטראַנק, וואָס האָט אַלע טעמים און וואָס מ׳דאַרף נישט לאָזן אויסטרי־קענען, קיין טראָפּן טאָר נישט פאַרלוירן גיין, מ׳דאַרף זיך דערלעקטירן דערמיט און אויסטרינקען ביזן דנאָ. פון איצט אָן וועט ער זיך פרייען מיט יעדן זון־אויפגאַנג, מיט יעדן בוים און יעדן גרעזל. ער וועט זען מיט עפּעס אויסצופּילן יעדן טאָג, ס׳וועט שוין נישט זיין אַזוי ווי ביז איצט. אַ לעבן אַ גאַנץ האָט ער אָפּגעגעבן דער נודנער בוכהאַלטעריע. ער וועט זיך איצט איין גאַנצן אַנדערש פירן. גניאַ וועט איצט אויפגע־ריכט ווערן נעבן אים. ס׳וועט זיין אַן אַנדער לעבן. לעבן! וואָס פאַראַ וווּנדערבאַרער געשאַנק! אין אוישוויץ, ווען דער טויט האָט געטראָטן אויף די פּיאָטעס, איז געווען אַ חיישער באַגער צו לעבן. מ׳האָט זיך אָנגעכאַפּט אין אַ שאַרף פון אַ מעסער, אין אַ שטרוי נישט אונטערצוגיין. דער לעבנס־אינסטינקט האָט געהאָלפן איבערטראָגן אַפילו דאָס, וואָס איז נישט מעגלעך געווען איבערצוטראָגן. היינט זעט ער, איזאַק, דער גע־וועזענער אוישוויצער, אַנדערש די גאַנצע זאַך. ער האָט צו וואָס צו לעבן, ס׳איז דאָ אין דעם אַלעמען אַ זין. ער האָט פריער דערוועגן נישט גע־טראַכט. ס׳האָט לאַנג געדויערט ביז זיין שכל איז דערגאַנגען דערצו. בעסער שפּעטער ווי קיינמאָל. ס׳איז קיינמאָל נישט צו שפּעט.

איזאַק לייגט אַרויס זיינע געדאַנקען פאַרן ווייב. פאַרשאַפּט ער איר דען נישט קיין פרייד דערמיט? האָט זי אים דען שטענדיק נישט געזאָגט, אַז ער איז פאַרנאַרישט? אַז מען לעבט נישט שטענדיק און מען דאַרף אַריינכאַפּן ווי לאַנג ס׳לאָזט זיך? ער קומט איר אַ סך. ער וועט איר איצט אָפּגעבן מיט פּראָצענטער.

גניאַ הערט אים אויס און פילט ווי אַ שווערע משא צעדריקט איר דאָס האַרץ. זי ציט אַרויף אויפן פּנים אַ רואיקע מאַסקע. זי שאָקלט צו מיטן קאָפּ צום מאַנס רייד. אין האַלדז שטיקט אַ משונהדיקע שטיקעניש. אָט־אָט וועט זי זיך אַרויסרייסן פון דאָרט אין אַ שלוכץ. זי שלינגט אַראָפּ די שטיקעניש, באַהאַלט אויס דעם צער, וואָס נאַגט ווי אַ וואָרעם דאָס האַרץ. זי האָט מורא זי זאָל זיך נישט פאַרראַטן. ווי אַזוי בעסער אויס־באַהאַלטן פאַר אים דעם שרעקלעכן סוד? ווי אַזוי נישט דערלאָזן ער זאָל זיך אָנשטויסן, אַז ער איז פאַרמשפּעט? אַז קיין שום רעטונג איז פאַר אים נישטאָ?

וואָס האָפּערדיקער איזאַק איז, וואָס מער פּלענער ער מאַכט, אַלץ אומדערטרעגלעכער ווערט פאַר גענייאַן צו טראָגן אין זיך דעם שווערן סוד. זי בויגט זיך אונטער זייַ משא. ווען זי וואָלט כאָטש געקאָנט זיך מיט עמעצן טיילן מיטן אומגליק. ווען ס'וואָלט געווען משפּחה זאָגט מען אויס דעם אמת. זאָל זי דערציילן פאַר פריינד? ס'וואָלט איר מסתמא לייכטער געווען איבערצוטראָגן. אויסדערציילן פאַר אַ נאָענטן מענטשן, אַראָפּרעדן זיך פון האַרץ, איז ווי אַ געשריי, ווען ס'טוט שטאַרק וויי. אין לאַגער האָט מען נישט געטאָרט שרייען, ווען מ'האָט געשלאָגן. ווען מ'האָט געקריגן אַ קלאַפּ מיט אַ שטעקן, האָט מען געדאַרפט דערשטיקן אין זיך דעם געשריי נישט צו באַקומען נאָך קלעפּ. איר האָט זיך יעדעס מאָל געדאַכט, אַז אַ געשריי, וואָס איז געבליבן שטעקן אין האַלדז, וואָלט גע־לינדערט דעם קלאַפּ. איצט דאַכט זיך איר, אַז דאָס דערציילן וואָס ס'האָט זיי געטראָפן, וואָלט פאַרלייכטערט איבערצוטראָגן דעם איצטיקן קלאַפּ. ווי אַזוי אָבער זאָגט מען אויס דעם שרעקלעכן סוד? צי וועט עס נישט דערגייַן צום קראַנקן? פון אַן אומגעלומפּערט וואָרט, פון אַ בליק קאָן ער זיך אָנשטויסן. זי ווייסט, זי ווייסט, איזאַק וואָלט בעסער געוואָלט וויסן דעם אמת, ווען ער וואָלט געהאָט עפּעס אַ חשד. ער וואָלט זיכער געוואָלט זיך צוגרייטן צום צעשיידן זיך מיט דער וועלט, מיט איר. ער וואָלט זיכער געהאַט אַ סך זאַכן איר אָנצוזאָגן איידער ס'ווערט צו שפּעט. יאָ, ער וואָלט מסתמא געוואָלט וויסן דעם גאַנצן אמת. צי וואָלט אים אָבער דער אמת נישט פאַריאָמערט און פאַרסמט די לעצטע טעג און וואָכן? צי נישט בעסער די קורצע צייט, וואָס בלייבט אים, צו לעבן מיט אַן אילוזיע? מיט שיינע פּלענער אויף שפּעטער?

די שיינע פּלענער האָט איזאַק אין גיכן אויפגעהערט צו מאַכן. די חולאת האָט אים אַלע מאָל מער גענומען אין אייזערנעם קלעם. די איינ־שפּריצונגען האָבן אַלע מאָל וויניקער פאַרטריבן די יסורים. ער האָט אָנגעהויבן פילן ווי דאָס לעבן רינט אויס פון אים. ער האָט זיך דער־מאָנט ווי מיט יאָרן צוריק איז ער געווען אַן עדות פון אַזאַ ראַפּטאָוונעם אויסרינען פונעם לעבן ביי זיינעם אַ פריינד. מ'האָט דעמאָלט אויך נישט אויסגעזאָגט דעם אמת. נאָך אַלעמען ערשט האָט מען זיך דערוווּסט. ער איז צוגעשטאַנען צום דאָקטער מיט פראַגן:

— זאָגט מיר, דאָקטער, וואָס איז דאָס פאַר אַ חולאת? ס'איז אמת אַז אַ ניי־פאָרמירטער געשוויר?

אַן אַנדערש מאָל האָט ער זיך געבעטן:

— דאָקטער, איך וויל לעבן, איך וויל נישט שטאַרבן. כ׳בין איבער־געקומען אוישוויץ. כ׳האָב זיך אַליין, מיט מיין אויסהאַלטעודיקייט, מיט עקשנות געראַטעוועט. ראַטעוועט איצט איר מיך.

ער האָט אויפגעהערט צו שטעלן פראַגן, צו בעטן זיך. ער האָט אַלץ מער פאַרשטאַנען, אָבער געמאַכט זיך נישט פאַרשטיין. צוואָס אָנטאָן נאָך אַ גרעסערן עגמת־נפש געניאַן? איצט האָבן זיי ביידע אויסבאַהאַלטן, זי — ער זאָל נישט וויסן דעם אמת, ער — זי זאָל נישט וויסן, אַז ער שטויסט זיך אָן דעם אמת. ער מוז אויך אויסבאַהאַלטן פאַר די, וואָס קומען אים מבקר חולה זיין. אַז געניאַ האָט פאַר קיינעם נישט דערציילט איז פאַר אים קיין ספק נישט. ער קען זיין ווייב, זי קאָן האַלטן אַ סוד. ד׳ איז אויך אין דעם פאַל גערעכט. צוואָס זאָל מען קוקן אויף אים ווי אויף אַזעלכן פאַר וועמען ס׳קאָן שוין קיין רעטונג נישט זיין?

און פאַר׳ט איז אים דאָס וואָרט רעטונג אַלע מאָל אָפטער געקומען אויפן זינען. אפשר יאָ פאַראַן אַ רעטונג? צי גייט דען אַלץ כדרך־הטבע? ער האָט געהאַט אַן אָרגאַניזם, וואָס מ׳האָט שטענדיק באַוואונדערט. כדרך־הטבע האָט ער אַ סך מאָל געדאַרפט שטאַרבן פון הונגער, פון קלעפּ, פון קעלט. ער איז ווינטער געזעסן אין אַ קאַלטן, נאַסן, פינצטערן קאַרצער 9 טעג אַ פאַרהונגערטער, אַ פאַרפרוירענער. נאָך צוויי טעג האָט ער געטראַכט, אַז ער וועט קיין לעבעדיקער נישט אַרויס. ער האָט אויסגעהאַלטן. ער האָט געקריגן 25 שמיץ אויפן הוילן לייב; ביי די ערשטע שמיץ האָט ער געפילט ווי ער בלוטיקט, ביי יעדן ווייטערדיקן האָט ער געמיינט אָט־אָט האַלט ער מער נישט אויס, דער אָטעם שטעלט זיך אָפּ. ער האָט אויסגעהאַלטן. די קאַצעטלער האָבן זיך געוואונדערט איבער אים: ער בלייבט יעדעס מאָל לעבן דורך אַ נס. אפשר... אפשר וועט דאָס מאָל אויך געשען אַ נס? די דאָקטוירים גלויבן זיכער נישט אין נסים. געניאַ אויך נישט.

ער האָט אָפּגעוואָרט ווען געניאַ איז נישט געווען אין צימער. דאָס רייסעניש אין לייב האָט נאָך די איינשפּריצונגען געהאַט אָפּגעלאָזט. ער האָט געפרעגט דעם דאָקטער:

— איר גלויבט, דאָקטער, אין נסים?

דער דאָקטער האָט שווייגנדיק געקוקט אויף אים און גוטמוטיק געשמייכלט.

— איך פאַרשטיי, איר גלויבט נישט. איך גלויב יאָ, ס׳הייסט כ׳האָב געגלויבט. כ׳בין אַ סך מאָל געבליבן לעבן דורך... דורך נסים. וואָלט

איך געוואָלט וויסן, אויב... אויב ס׳זאָל קיין נס נישט געשען, אויף ווי לאַנג...? ס׳איז מיר פאַרבליבן פון דער גאַנצער משפחה אַ ברודער, כ׳וויל אים זען; אויף ווי לאַנג האָב איך נאָך...?

דער דאָקטער איז צוגעוווינט געווען צו זיינע שאלות. ער האָט זיך פאַרט אויף אַזאַ שאלה נישט גערעכנט. ער האָט געענטפערט, ווי שטענדיק, מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל. איזאַק האָט איבערגעחזרט זיין פראַגע:

— זאָגט מיר, דאָקטער, אויף ווי לאַנג...?

— אַ דאָקטער איז נישט קיין גאָט.

געניאַ איז אַריין אין צימער. איר אויער האָט עפּעס וואָס אויפגע־כאַפּט. מאַן און ווייב האָבן זיך אַנגעטראָפן מיט די בליקן. זיי האָבן זיי באַלד פון זיך אָפּגעריסן. אַ בליק גיט אויס.ביידע האָבן זיך נישט געוואָלט אויסגעבן.

ס׳איז אים באַפאַלן אַ נאָגנדיקע בענקשאַפט צום ברודער אין ישראל. ער איז צוגעשטאַנען צום ווייב זי זאָל טעלעפאָנירן ער זאָל וואָס גיכער קומען. ער האָט אַלע מאָל מער געטראַכט וועגן אומגעקומענעם קינד. וויפל וואָלט ער היינט אַלט געווען? ער וואָלט געווען אַ דערוואַקסענער מענטש, ער וואָלט איצט געווען לעבן אים. זאָל דער ברודער כאָטש זיין לעבן אים.

דער ברודער האָט אים שוין געטראָפן אַן איבערגעפירטן אויפסניי אין שפּיטאָל. ער האָט זיך געווערט. ער האָט מורא פאַרן שפּיטאָל. מ׳האָט אים איינגערעדט: מ׳וועט אים נאָך אָפּפירן. ער האָט זיך אונטערגעגעבן. זאָל נאָר דער ברודער וואָס גיכער קומען.

ער האָט דעם ברודער דערקענט, דער ברודער אים נישט. ער האָט שוין קוים גערעדט, די ווערטער זענען שוין שווער דורכגעגאַנגען דורכן האַלדז. ער האָט געפילט אַ שטאַרקע באַדערפעניש זיך אַראָפּצורעדן פאַרן ברודער:

— כ׳האָב מורא געהאָט זאָלסט נישט קומען צו שפּעט, מורא געהאָט וועסט פאַרשפּעטיקן, איך... איך... אַלץ פאַרשפּעטיקט, פריִער פאַר־שפּעטיקט רעכט צו לעבן, פאַרשפּעטיקט צו...

— וואָס ווילסטו כ׳זאָל פאַר דיר טאָן? וואָס וואָלסטו געוואָלט...?

— כ׳וואָלט געוואָלט... לעבן, לעבן...

ס׳זענען געווען זיינע לעצטע ווערטער.

דער שידוך

די מומע בערט האָט זיך אָנגעכאַפּט אין דער מעלדונג, ווי אין אַ וויל־דער מציאה. זי האָט איינגעלייגט די שבתדיקע צייטונג אַזוי, אַז דאָס שידוכים־ווינקל זאָל אויסקומען אויבנאָן און עטלעכע מאָל זיך איינגעגעסן אין דעם מיט די אויגן. אַ מזלדיקע צייטונג דאָס מאָל, אַזש פיר שידוכים־אָנבאָטן. דער ערשטער אָנבאָט איז דער בעסטער. זי האָט זיך נישט געקאָנט שענקען וואָס זי האָט באַלד נעכטן, שבת, נישט גענומען זיך איבערצוקוקן די צייטונג. פאַרלוירן אַ טאָג. זי האָט געלייענט נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל און יעדעס מאָל האָט די זאַך איר אויסגעזען מער פּאַסיק. ווי אָפּגעמאָסטן פאַר ראָזעטן.

די אַלטע בערט האָט עטלעכע מאָל אָנגעקלונגען צו דער שוועסטערן־טאָכטער. ווי אויף צו להכעיס האָט מען זיך פון דער צווייטער זייט טעלע־פאָן נישט אָפּגערופן. פּונקט היינט איז ראָזעט אַוועק פון שטוב. וווּ איז זי אַהינגעקומען אין אַזאַ רעגנדיקן טאָג? עמעצן אירס גלייכן מיט וועמען אַרויסצוגיין האָט זי נישט, איז עלנט ווי אַ שטיין. מיט וועמען קאָן זי דען מ׳שטיינס געזאָגט פאַרברענגען? די עטלעכע אַלטע שכנות זענען אַ קנאַפּע געזעלשאַפט פאַר איר. זיי קומען צו נוץ אין אַן עת צרה. אַז ס׳קומט אונטער אַ גריפּע אָדער אַן אַנדער חולאת. זי כאַפּט אַמאָל מיט זיי אַ שמועס, כאַפּט זיך אַריין צו זיי, ווען די איינזאַמקייט דערגייט איר צופיל די יאָרן. אָבער זי זאָל מיט זיי ערגעץ אַרויסגיין, דאָס נישט. איז וווּ איז זי פּונקט היינט נעלם געוואָרן?

די מומע בערט האָט זיך געבראָכן דעם קאָפּ, געוואָלט דערגיין וווּ ראָזעט איז היינט אַהינגעקומען. זי האָט געקלונגען צו איין שכנה, צו אַ צווייטער. דער טעלעפאָן האָט זיך אויך נישט אָפּגערופן. ניין, זי גלויבט נישט זי זאָל האָבן אַרויסגעגאַנגען מיט עמעצן פון זיי. האָט זי איר דען נישט געזאָגט, אַז זי האָט נישט אפילו מיט וועמען צו גיין אין סינעמאַ? אָבער צוואָס זאָל זי, בערט, וואַרטן ביז זי וועט איבעררעדן מיט ראָזעטן? פאַרוואָס זאָל זי אַליין גלייך נישט אָנהייבן עפּעס צו טאָן אַרום דער זאַך? צוואָס שרייבן אַ בריוו, אַז מ׳קאָן אפשר באַקומען דעם נומער פון טע־

לעפּאָן? ראָזעט וועט זי סיווּי זען אין אָוונט. זי האָט זי, ווי שטענדיק, פאַרבעטן אויף אַ זונטיקדיקן אָוונטברויט.

דעם גאַנצן טאָג איז די אַלטע בערט פאַרפאַרעט און פאַריאַכמעט געווען מיטן דערגיין צום תּוך פון דער זאַך דורך אַ קירצערן וועג, כדי צוצואיילן דעם גאַנצן ענין. זי האָט זיך קוים דערוואַרט אויפן אָוונט. אָבער ווידער ווי אויף צו להכעיס האָט זיך ראָזעט דאָס מאָל פאַרשפּעטיקט. די מומע בערט איז געזעסן ביים צוגעגרייטן טיש, ווי אויף שפּילקעס. קוים זיך דערוואַרט אויף אַ קלונג אין טיר.

— ביסט דאָ מיט מזל! וווּ ביסטו פאַרפאַלן געוואָרן אויף אַ גאַנצן טאָג? איך זוך דיך איבער גאַנץ פּאַריז. קוק דיך אויס מיט ליכט. פּונקט, ווען מ׳דאַרף דיך געניטיק, ביסטו נישטאָ.

דאָס פאַרעלטערטע מיידל מיטן זויערן פּנים האָט זיך וואָס אָן אמת געפילט אַ ביסל דערהויבן וואָס די מומע דאַרף זי ניטיק און זוכט זי אַרום איבער פּאַריז. פון דעסטוועגן האָט זי אַ פרעג געטאָן:

— צוואָס דאָס אַרומזוכן מיך, אַז כ׳האָב סיווּי איצט געדאַרפט קומען? צוואָס דאַרף מיך די מומע אַזוי ניטיק?

בערט האָט אַרויסגעצויגן די צייטונג און נישט לייענענדיק אָנגעהויבן אַרויסלייגן די זאַך. אַ פאַרויטלטע, אַ ביסל אַ צעהיצטע, ווי אַ מענטש, וואָס האָט אָנגעטראָפן אויף אַ גוט געשעפט און באַצייטנס זיך גענומען צום עסק, האָט זי ראשית כּל פאַרזיכערט דער שוועסטערן־טאָכטער, אַז אַזאַ מעלדונג האָט זי נאָך אין דער צייטונג נישט באַגעגנט, כאָטש זי קוקט דורך דאָס שידוכים־ווינקל זינט שיינע עטלעכע יאָר.

ראָזעט האָט געמאַכט אַ קרומע מינע און פלעגמאַטיש געצויגן די ווערטער:

— אַ נייע מעשה. די מומע האָט ווייניק אַזעלכע מעשיות געהאַט?

— אַזאַ נישט! דאָס מאָל איז דאָס צוגעשניטן אויף אַ זיווג. דער יונגערמאַן איז אַ יתום. אַזוי ווי דו. ער האָט אויך קיינעמען נישט חוץ אַ מומע. ביידע זענט איר פון זעלבן שטאַנד. אַן עלנטער, ווי דו. נו, איז דאָס נישט אָפּגעמאָסטן פאַר אַ שידוך?

— די מומע זאָגט יעדעס מאָל, אַז ס׳איז אָפּגעמאָסטן און ס׳קומט פון דעם גאָרנישט אַרויס. ס׳וועט סיווּי פון דער זוכעניש אין שידוכים־ווינקל גאָרנישט אַרויסקומען.

— ס'וועט אַרויסקומען, ס'וועט אַרויסקומען. דו לאָזט באַלד אַראָפּ די הענט. איך נישט. אַז מ'געפינט נישט איין מאָל, אַ צווייט מאָל, זוכט מע ווייטער. מע זוכט אַזוי לאַנג ביז מע געפינט.

און די אַלטע בערט ווערט נישט מיד צו זוכן. ווער דען זאָל זוכן אַ שידוך פאַר דעם אומבאַהאָלפענעם, פאַרעלטערטן מיידל, אויב נישט זי? איז זי איר דען נישט קיין מאַמע?

ווען ראָזעטס עלטערן זענען דעפּאָרטירט געוואָרן, האָט בערט דער שוועסטערס 5־יאָריק קינד אָפּגעגעבן צו אַ „נוריס" אויף אַ פאַרוואָרפן דאָרף. ווי דען אַנדערש האָט זי דעמאָלט געזאָלט ראַטעווען דאָס קינד? זי האָט אָבער שלעכט אַריינגעטראָפן. די נוריס איז געווען אַ פאַרביטערטע, אַלטע מויד, האָט צום קינד קיין שמייכל נישט געטאָן. דערצו האָט זי דעם גאַנצן טאָג אָדער געאַרבעט אין פעלד, אָדער געווען פאַרקאָפּעט איבערן קאָפּ אין דער דאָרפישער באַלעבאַטישקייט. די קליינע ראָזעט איז געוואָקסן ווי אַ ווילד חיהלע, זומער צווישן די הינער און קאַטשקעס אין הויף, ווינטער פאַרמאַכט אין דער טונקעלער כאַטע. וואָלט זי, בערט, כאַטש אָפּגענומען דאָס קינד באַלד נאָך דער מלחמה. האָט זי אָבער געדאַרפט צוריק אויפשטעלן דאָס קרעמל אין „קאַראַ די טאַמפּל". און אַז זי האָט שוין אויפגעשטעלט דאָס שטיקל פּרנסה איז זי אַריינגעטאָן געווען אין דעם מיט לייב און לעבן. ווען האָט זי צייט געהאַט זיך צו פאַרנעמען מיט אַ קינד? אַ נס וואָס זי האָט זיך דערנאָך דערוווסט וועגן די יתומים־הייזער פאַר קינדער פון דעפּאָרטירטע. ס'איז אָבער געווען צו שפּעט. די קליינע ראָזעט איז געוואָקסן אַ פלעגמאַטישע, אַן אַפּאַטישע, דערצו געהאַט אַ „שווער קעפּל" צו לערנען. זי האָט קוים־קוים פאַרענדיקט צו 16 יאָר די שולע.

בערט האָט זיך אָפּגעגעסן די לעבער וואָס זי האָט דאָס מיידל געלאָזט אַזוי לאַנג ביי דער נוריס. וויל זי פאַרגיטיקן, זאָרגט פאַר איר, ווי אַ גע־טרייע מאַמע. און ווער, אויב נישט אַ מאַמע,זאָרגט פאַר אַ מיידל אין די יאָרן זי זאָל חס וחלילה נישט צופיל פאַרזיצן?

זינט דער מאַן איז איר אָפּגעשטאָרבן, רוט נישט די אַלטע בערט. ווי גיך זי האָט נאָך דעם מאַנס טויט איינגעפּאַקט דאָס קרעמל אין „קאַראַ די טאַמפּל" און איז „געגאַנגען אויף רעטרעט", האָט זי אָנגעהויבן איינ־לייגן וועלטן צו קריגן אַ שידוך פאַר דער שוועסטערן־טאָכטער. זי באַ־דויערט שטאַרק די אַלטע צייטן אין דער אַלטער היים. אַז מ'האָט געדאַרפט טאָן אַ שידוך מיט אַ קינד, איז מע געגאַנגען צו אַ שדכן. איר מאַמע

איז פאַר איר אויך אָנגעקומען צו אַ שדכן, כאָטש זי האָט מיט איר בערלען שטילערהייט „געפּירט אַ ליבע”. אַפילו אין אַזאַ פאַל איז אַ שדכן צו נוץ געקומען. מ׳האָט אים געשיקט צו בערלס עלטערן. וויפל אַנדערע גע־בענטשטע זיווגים זענען צושטאַנד געקומען דורך שדכנים! היינט, כאָטש הימל עפן זיך. מ׳דאַרף זיך אַליין געפינען אַ זיווג. און אַז מ׳קאָן נישט? אַז אַ מיידל אָדער אַ בחור גיט זיך אַליין נישט קיין עצה? צו וועמען זיך ווענדן און קערן?

אַ גליק כאָטש וואָס די ידישע צייטונג האָט אַ ווינקל פאַר שידוכים. די מומע בערט האָט זיך צוליב דעם אַבאָנירט אויף דער צייטונג. זי זאָל קיין איינע נישט דורכלאָזן. עטלעכע מאָל האָט זי שוין געפּרוווט דאָס מזל, געשריבן בריוו. נישט זי האָט געשריבן, זי האָט אָנגערעדט דערצו ראָזעטן. ס׳איז איין מאָל, אַ צווייט מאָל אַפילו דערגאַנגען צו אַ טרעפונג, נאָר ס׳איז דערפון גאָרנישט אַרויסגעקומען, ס׳האָט זיך עפּעס נישט געקלעפּט.

איצט זאָגט איר דאָס האַרץ, אַז ס׳איז אויף אַ גלייכן וועג. זי גיט צו פאַרשטיין דער שוועסטערן־טאָכטער, אַז דאָס מאָל זענען פאַראַן גוטע סימנים. ס׳זעט ממש אויס אַ גאָט־זאַך. ער, דער בחור, האָט אַ מומע, און זי ראָזעט האָט אַ מומע. ביידע זענען זיי ווי אַ מאַמע. דאַרף מע דען בעסערע מחותנים? ווער קאָן זיך אַזוי צונויפרעדן ווי צוויי מומעס? און אַ בחור אַ גאָלד, גוט סיטואירט. ער דאַרף נישט און וויל נישט די כלה זאָל אים אַריינברענגען עפּעס־וואָס אין נדן.

די מומע בערט האָט ווידער גענומען פאַר אַן עדות די צייטונג. זי האָט אָנגעהויבן לייענען די מעלדונג, געלייענט געלאַסן, אַקצענטירט יע־דעס וואָרט: „מיין נעווע 33 יאָר, אַ שיין, הויך, אינטעליגענט יינגל, וויל זיך באַקענען מיט אַ שיין אינטעליגענט מיידל, אַ הויכע, ביז 27 יאָר. מוז נישט זיין רייך. שרייבן אָדער זיך ווענדן אין דער אַדמיניסטראַציע אויפן נומער 7360”.

זי האָט פאַרענדיקט דאָס לייענען און מיט טריאומף אַ שמייכל געטאָן צו ראָזעטן. ראָזעט האָט מיט איר געווײַנלעכער פלעגמאַטישקייט אויס־געהערט און מיט נאָך מער פלעגמאַטישקייט זיך אָפּגערופן:

— כ׳בין נישט פאַר אים, ער זוכט אַן אַנדערע, נישט אַזעלכע ווי איך.

די מומע בערט האָט זיך אויפגעריסן ווי מ׳וואָלט זי אָפּגעבריט.

— וואָס הייסט ביסט נישט פאַר אים? פאַרוואָס אַן אַנדערע און נישט דו? דער בחור וויל אַ שיין, הויך מיידל, נישט קיין רייכע. נו, איז נישט אַזעלכע ווי דו? הויך ביסטו צי נישט? אַזאַ יאָר אויף מיר ווי שיין דו ביסט. ווען דו פוצסט זיך אַ ביסל צו, טוסט אָן אַ שיין קליידל, מאַכסט זיך אַ שיינע פריזור, ביסטו שיין ווי גאָלד. רייך ביסטו נישט. ער וויל דאָך נישט קיין רייכע.

— די מומע פאַרגעסט וויפל כ׳בין אַלט: 35 יאָר. כ׳בין עלטער פון אים. ער זוכט אַ סך אַ ייִנגערע.

— איז וואָס אַז 35 יאָר? ס׳שטייט דיר אָנגעשריבן אויפן שטערן וויפל דו ביסט אַלט? אַ פערד, וואָס מ׳וויל קויפן, קוקט מע אַריין אין די ציין צו וויסן וויפל ס׳איז אַלט. אַ מיידל קוקט מע נישט אַריין אין די ציין. וואָס פאַר אַן אומגליק אַז דאָס ווייב איז מיט אַ צוויי יאָר עלטער פון מאַן? ס׳קאָכט זיך נישט אויס? פון מיין בערלען, מיר צו לאַנגע יאָר, בין איך געווען מיט אַנדערהאַלבן יאָר עלטער, האָט עס אונדז געשאָדט צו זיין אַ גליקלעך פאַרפאָלק? דער אייבערשטער רעכנט זיך ווייניק מיט די יאָרן, מיין בערל איז ייִנגער געווען פון מיר און פריער אַוועק פון דער וועלט. ס׳עט שוין ווערן 6 יאָר ווי ער האָט מיך די עלטערע געלאָזט אַן אלמנה. צוואָס טויג דאָס אויסרעכענען די יאָרן? וואָס פאַרא נפקא מינא אַ יאָר מערער, אַ יאָר ווינציקער?

— מיר איז נישט קיין נפקא מינא, אָבער דעם בחור איז זיכער יאָ אַ נפקא מינא. אַנישט וואָלט ער נישט געשריבן פון וואָסער עלטער דאָס מיידל דאַרף זיין.

— האָב איך דיר דאָך געזאָגט, אַז מען קוקט נישט אַריין אין די ציין. ס׳שטייט דיר נישט אָנגעשריבן אויפן שטערן וויפל ביסט אַלט. וועל־כעס מיידל זאָגט עס אויס אירע יאָרן? אַזאַ יאָר אויף מיר ווי דו קאָנסט אָנגיין אויף 26 יאָר, העכסטנס אויף 27. זאָל נאָר צושטאַנד קומען די טרעפונג, פריער צווישן מיר און זיין מומע, דערנאָך צווישן אייך ביידע.

— צוואָס אַ טרעפונג מיט דער מומען?

— וואָס הייסט צוואָס? גיי שוין, גיי שוין, ביסט אַ נאַריש קינד. ווער דען וועט דורכפירן דעם שידוך? ווען צוויי מומעס טרעפן זיך איז די זאַך אַ פאַרטיקע. פאַרלאָז זיך אויף מיר, מיין קינד, כ׳בין שוין אויף אַ גוטן וועג.

— די מומע איז שוין אויף אַ וועג?

— נאָר וואָס דען? כ׳על אָפּלייגן אין דער לאַנגער באַנק, ווען ס׳קומט אונטער אַזאַ פּאַסיקע זאַך? כ׳האָב זיך מטריח געווען אין דער רעדאַקציע, אַרויסגעקריגן דעם טעלעפאָן, אָנגעקלונגען און אָפּגערעדט אַ טרעפונג מיט זיין מומע.

❦

וואָס די מומע בערט האָט אַרומגערעדט מיט דער אַנדערער מומע איז געבליבן אַ סוד. ס׳איז אָבער קענטיק געווען, אַז זי האָט דערגרייכט אירס. די אַלטע בערט איז געווען אין זיבעטן הימל. אויף אירע אַלטע יאָרן, ווען אַ מענטש טויג שוין צו גאָרנישט, וועט זי אויפטאָן אַ גרויסע זאַך, וועט חתונה מאַכן די יתומה, דער שוועסטערס טאָכטער, וואָס איז איר ווי אַן אייגן קינד.

ראָזעטן האָט זי געהאַלטן אין איין איינרעדן, אַז דאָס מאָל איז דאָס אַ באַשערטע זאַך, פּשוט אַ גאָט־זאַך, די מחותנים — צוויי מומעס, ביידע מיט לייב און לעבן איבערגעגעבן זייערע שוועסטערן־קינדער. זאָל נאָר זי, ראָזעט, נישט אָנהייבן דרייען מיט דער נאָז, אויב עפּעס וועט נישט זיין אַזוי איי־איי. מ׳דאַרף נישט זיין צופיל איבערקלייבעריש. דער בחור האָט אַ בריליאַנטן האַרץ, האָט די מומע געשווירן. אָבער ער איז נישט קיין גרויסער בעל־מדבר, אַ שווייגער. מ׳דאַרף אים נישט ציען פאַר דער צונג, ער האָט ליב צו שוויגן. ס׳איז גאָר אַ מעלה. וואָס ווייניקער אַ מאַן רעדט, אַלץ בעסער פאַרן ווייב. דאָס ווייב קאָן דעמאָלט באַלעבאָטעווען ווי ס׳געפעלט איר. זאָל נאָר בשלום דורכגיין די טרעפונג. פון אירטוועגן וואָלט מען באַלד געשריבן תנאים. אַמאָליקע צייטן האָבן זיך חתן־כלה געזען ביי די תנאים און ס׳איז גוט געווען. נאָר מילא, אַנדערע צייטן, זאָלן חתן־כלה זיך פריער באַקענען. אַז ראָזעט וועט געפעלן ווערן איז זי זיכער. פאַרוואָס זאָל זי נישט געפעלן ווערן? דער בחור האָט ליב אַ היימישע. ראָזעט איז אויסגעוואַקסן ווי אַ סאָסנע. אַ עטלעכע יאָר מער? צוואָס זאָל ער דאָס וויסן? ווען ער וועט זיך דערוויסן נאָך אַלעמען, וועט ער שטילערהייט אַראָפּשלינגען, וועט נישט מאַכן קיין לייטיש געלעכטער.

די אַלטע בערט האָט צוגעגרייט ראָזעטן צו דער טרעפונג, ווי אַ מאַמע גרייט אַ טאָכטער צו דער חתונה. זי האָט איר אָנגעזאָגט זי זאָל למען השם גיין צו אַ גוטן פריזירער. זאָל זי דאָס מאָל נישט קוקן אויף די פּאָר פראַנק. זי האָט זיך מטריח געווען צו איר און געהאָלפן אויס־קלייבן אַ שיין קליידל. ווען ראָזעט איז געווען פיקס און פאַרטיק, אויסגע־

צירט אין האַניק און אין עסיק, האָט די מומע בערט זיך פּשוט געשפּיגלט אין איר, אַרומגעקוקט זי פון אַלע זייטן און אַנקוועלנדיק פון נחת איבער־געחזרט: „אַזאַ יאָר אויף מיר וואָס פּאַראַ שיין מיידל דו ביסט״. זי האָט איר צוגעוווּנטשן ס׳זאָל זיין אין אַ מזלדיקער שעה און אַנגעזאָגט זי זאָל למען השם נעמען אַ טאַקסי, זיך נישט שלעפּן מיטן מעטראָ, וואָס ציט אַרויס די כוחות.

די אַלטע בערט וואָלט זי גערן באַגלייט אין דער „קאַפע דע פּאַרי״. ראשית כל האָט זי חשק וואָס גיכער אַליין צו זען דעם חתן־בחור, והשנית קאָן מע זיך אויף ראָזעטן נישט פאַרלאָזן. זי איז טאַקע אַ מיידל אין די יאָרן, אָבער ווייסט נישט ווו איין און ווו אויס. היינטיקע צייטן אָבער פירט זיך, אַז אַ מיידל מיט אַ בחור באַגעגענען זיך צווישן זיך אַליין. מ׳דאַרף נישט זיין פאַרצייטיק. נאָר צוואַרטן אויף ראָזעטס צוריקקומען וועט זי. ווי לאַנג דאַרף עס דען אין גאַנצן דויערן? אַ שעה צוויי. בייביידע גייט נישט דאָס מויל אויף רעדלעך. זיי וועלן זיך זען, געפעלן ווערן און פאַרטיק. צוואָס זאָל זי גיין צו זיך אין שטוב, זיצן און וואַרטן ווי אויף הייסע קוילן ביז ראָזעט וועט איר צוווּיסן געבן?

וואַרטנדיק ביי ראָזעטן, האָט די מומע בערט איבערגעקוקט דער שוועסטערן־טאָכטערס גאַרדעראָבע, אַרומגעקוקט זיך אין איר באַלעבאַ־טישקייט, אויסגעחשבונט וואָס מ׳וועט דאַרפן צוקויפן צום אויסשטייער. ניין, זי וויל נישט זי זאָל חתונה האָבן ווי אַן אָרעמע יתומה. איר, בערטן, סטאַיעט נאָך זיך צו לאָזן קאָסטן. אַזאַ יאָר אויף איר וואָס פאַר אַן אויס־שטייער זי וועט איר שענקען. און אַ חתונה וועט זי אויך פּראַווען, ווי ס׳פירט זיך ביי לייטן.

שפּינענדיק אַזוי שיינע פּלענער האָט די מומע בערט פאַרוואָרפן דעם מידן, אַלטן קאָפּ אויפן טיש, אַנגעשפּאַרט אים אויף די פאַרלייגטע הענט. ס׳האָט נישט לאַנג גענומען ווי זי האָט געפּראַוועט די חתונה: ראָזעט איז אָנגעטאָן אין אַ שיין, ווייס חתונה־קלייד, אין אַ טיולענעם וועלאָן אויפן קאָפּ, כלי־זמרים שפּילן אַ פריילעכס, עולם אָן אַ שיער; זי, בערט, איז אויך אָנגעטאָן אין בגדי־מלכות, איר בערל אַ יומטובדיקער איז ביי איר זייט, ער שיינט פון שמחה וואָס זיין ווייב איז אַזאַ אשת חיל, געפונען אַזאַ גליקלעכן זיווג פאַר דער יתומה. אָט באַזעצט מע די כלה. דער בדחן הייבט אָן מיט אַ ניגון זיין פיזמון, ס׳דערהערט זיך ווי די מומע פון חתנס צד רופט צום עולם: „מאַכט אַ וואַרע, דער חתן גייט״! מיטאַמאָל האָט זיך די אַלטע בערט אַ וואַקל געטאָן און אַנגעהויבן זיך אַראָפּקייקלען

פון אַ באַרג. זי האָט דערפילט אַ טרייסלעניש און זיך אויפגעכאַפּט. לעבן איר איז געשטאַנען ראָזעט און זי געשאָקלט פאַרן אָרעם. די מומע האָט זי דערזען אָן דעם חופּה־קלייד און איידער וואָס־ווען פאַרבראָכן די הענט. ראָזעטס פאַראומערטע שטימע און דאָס זויערע פּנים האָבן פאַרטריבן די לעצטע ברעקלעך פון זיסן חלום. די וואָר האָט צוריק אויפגעוועקט די אומגעדולדיקע דערוואַרטונג.

— דערציייל־זשע, מיין קינד! אַלץ בשלום דורך? מ׳קאָן דיר שוין זאָגן מזל־טוב?

— וואָסער מזל־טוב?

ראָזעט האָט אַראָפּגעשלונגען אַ שלוכץ, וואָס האָט געשטיקט אין האַלדז. דעם גאַנצן צוריקוועג האָט זי זיך איינגעהאַלטן נישט פונאַנדער־צוויינען. איצט האָט זי שטיל געהעשעט.

— וואָס איז מיט דיר? האָט ער דיך חס וחלילה געפּרעגט וויפל ביסט אַלט? ניין? איז וואָס־זשע אַזאַ מינע? דערצייל בעסער, ווי ס׳איז דורכגעגאַנגען דאָס זעעכן. וועגן וואָס האָט איר גערעדט?

ראָזעט האָט נאָך אַמאָל אַראָפּגעשלונגען אַ שלוכץ, אויסגעווישט די פייכטע אויגן און איבערגעחזרט דער מומעס ווערטער:

— וועגן וואָס גערעדט? גערעדט... ער קען דען רעדן? ער איז אַזאַ יאַנקנדיקער, אַז אַ וואָרט אַרויסצורעדן געדויערט ביי אים אַזוי לאַנג אַז דאָס האַרץ פאַלט אַרויס. צום סוף פאַרשטייט מע נישט וואָס ער זאָגט.

— האָסט גאָרנישט פאַרשטאַנען?

— עטלעכע ווערטער, וואָס ער האָט קוים אַרויסגעיאַנקעט — באַ־אַנ־זשו־ור, מאַ־אַ־דע־מו־אַ־ז־על.

— וואָס דאַרפסטו מער? וואָס טויג דיר אַ שטאַרקער אין פּיסק? אַ סיטואַציע האָט ער? קיין קריפּל איז ער חס וחלילה נישט? אַ הויכער, שיינער מאַנספּאַרשוין איז ער?

— אַ דראַנגאַל! אַן איבערגעוואַקסענער. קיין שיינער איז ער אויך נישט.

— מיין מאַמע האָט געזאָגט, אַז אַ מאַנספּאַרשוין איז נאָר שענער פון אַ מאַלפּע, איז ער שוין שיין.

— אָבער רעדן קען ער נישט.

— ער איז דען חס וחלילה אַ שטומער?

— ערגער ווי אַ שטומער. ער וויל אַרויסיאַנקען אַ וואָרט און קען נישט.

— נאַריש קינד, וואָס טויג דיר דאָס רעדן? וואָס וויניקער אַ מאַן רעדט, אַלץ בעסער פאַרן ווייב.

ראָזעט האָט מער נישט אויסגעהאַלטן. זי האָט זיך פונאַנדערגעכלי־פעט און דורך די טרערן אַרויסגעשטאַמלט:

— כ׳האָב קיינמאָל נישט געהאַט מיט וועמען צו רעדן, כ׳וויל האָבן מיט וועמען זיך דורכצורעדן, פון וועמען צו הערן אַ וואָרט.

דער מומע בערט האָט אָנגענומען ביים האַרץ. דאָס מיידל האָט זיך טאַקע אַלע מאָל באַקלאָגט, אַז זי האָט נישט מיט וועמען אויסצוטוישן אַ פּאָר ווערטער. כאָטש ס׳האָט איר נאָך אַלץ אויסגעזען אַ גאָלדענער שידוך, איז זי געוואָרן נאָכגיביק און אָנגעהויבן זי טרייסטן:

— נאַריש קינד, צוואָס דאָס כליפּען? עס צווינגט דיך דען עמע־צער? נישט איז נישט. וואָס האָסטו דאָ אָנגעווירן ביי דער גאַנצער מעשה? וויפל ביסט אַלט האָט ער נישט געפרעגט. געפעלן ביסטו אים; אַזאַ יאָר אויף מיר ווי דו ביסט אים געפעלן געוואָרן. נאָר אַז דו ווילסט נישט, איז נישט. אין שידוכים־ווינקל אין דער יידישער צייטונג פעלן נישט קיין אַנדערע שידוכים. וועט מע ווייטער זוכן. און אפשר וועסטו זיך נאָך איבערלייגן? גיי שלאָפן, מיין קינד, ביינאַכט, אין בעט, קומען אַלע גוטע געדאַנקען.

פאַרט אַ שטיקל מזל

מאיר קרישטאַל איז נישט צופרידן געווען פון זיך. ס'האָט זיך אים קיינמאָל גאָרנישט איינגעגעבן אין לעבן. זאָל ער אַליין שולדיק זיין אין דעם, אָדער ס'איז פשוט אַ מזל־זאַך? זענען דען זיינע גוטע באַקאַנטע חיים־בער, מאיר־איטשע און די אַנדערע גרעסערע קנאַקערס פון אים? זיי האָבן אויך אַ שטיק לעבן געשטעקט אין דער שניידעריי און זענען איצט אין די פעדערן. ער האָט פראָסט פשוט קיין מזל נישט. אַלץ איז געגאַנגען מיט דער פוטער אַראָפּ. געווען שטענדיק אַ קבצן און פאַר־בליבן אויף דער עלטער אַ קבצן. און קבצנות האָט ער פיינט אימת מוות.

מאיר קרישטאַל, אַ ייד אין די זעכציקער, האָט מיט אַ יאָר צוריק געמוזט אָוועקוואַרפן דאָס שניידעריי. קיין גרויסע גליקן איז וואָס אַן אמת נישט געווען פון דער אַרבעט. נאָר צוזאַמען מיטן ווייב, וואָס איז שטענ־דיק געווען ביי אים אַ „האַנט", האָט מען אַרויסגעצויגן באריכות חיונה. ס'איז געווען נישט צו פאַרזינדיקן. אָבער ווען דאָס האַרץ האָט אָנגע־הויבן צו מאַכן קאַפּריזן און דער דאָקטער האָט גוראַטן נישט איבערצו־ציען דאָס שטריקל, מער צו זיין אויף דער לופט און מער צו רוען, האָט מאיר געהערט די עצה פונעם ווייב און צו 64 יאָר „גענומען רעטרעט". זי, דאָס ווייב, וואָס איז מיט אַ פינף יאָר יינגער פון אים, האָט נישט גע־רעכנט צו בלייבן זיצן מיט פאַרלייגטע הענט. נאָר גיי געפין איצט אין דעם עלטער ערגעץ אַן אַרבעט, אַז אַ גאַנץ לעבן איז זי געווען בלויז אַ „האַנט" ביים מאַן. זי איז אפילו קיינמאָל נישט געגאַנגען אין „מעזאַן" צו ברענגען און אָפּטראָגן די פּאָר שטיקלעך אַרבעט. ווייסט זי איצט נישט ווו איין און ווו אויס.

נו, איז געבליבן צו לעבן פון איין „רעטרעט", דערצו פון אַ מאָגע־רער, ווייל כאָטש מאיר קרישטאַל איז געקומען אין לאַנד אַ יונגער בחורל און געאַרבעט מיט די זייטן אַ וואָסערע קאַרגע 50 יאָר, איז זיין אַרבעטס־פענסיע קוים־קוים אויסצוקומען. געמיינט האָט ער אַלע יאָרן, אַז ער נאַרט אָפּ די „סעקוריטע סאָסיאַל" וואָס ער האָט אָנגעגעבן אַ סך ווינציקער וויפל ער האָט פאַרדינט. האָט זיך לסוף אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט זיך

אַליין אָפּגעגאַרט. ס׳איז אים ביים „רעטרעט״ אויסגעפאַלן באַקעם. ער־גער נאָך וואָס דאָס ווייב האָט נישט אויף וואָס צו וואַרטן. כאָטש זי, ליבע־לע, האָט ביי אים געאַרבעט גאָטס שעהן, אי געמאַכט די האַנט־אַרבעט, אי געהאָלפן אויך ביים פּרעסן, האָט עס געהייסן, אַז זי אַרבעט נישט. וועלכער היים־אַרבעטער האָט דען פאַרשריבן דאָס ווייב אפילו, ווען זי האָט געאַרבעט גאָטס שעהן? ליבעלע פלעגט אפילו פון צייט צו צייט אַ פרעג טאָן צי זי וואָלט נישט געדאַרפט זיין פאַרשריבן, אָבער מאיר האָט געהאַלטן, אַז צאָלן פאַר איר אין דער„סעקוריטע סאָסיאַל״ איז אַרויסגעוואָרפענע געלט. צוואָס, אַז אַ ווייב קאָן סיווי האָבן די זעלבע מעדיצינישע הילף ווי דער מאַן? אַי, אויף דער עלטער? ווגען דעם האָט מען נישט געטראַכט. איצט רייסט זיין ליבעלע פון זיך די הויט, האָט שווער און ביטער אָפּגעאַרבעט אַ גאַנץ לעבן און ווען זי וועט ווערן 65 יאָר, וועט זי האָבן דערפון אַ פייג — צום מאַנס „רעטרעט״ וועט צוקומען אַ 300 פראַנק אַ חודש. מיט דעם צולאָג וועט מען אויך דאַרפן זיך אָפּ־בייסן די פינגער אויסצוקומען. אַ נס וואָס מ׳האָט אָפּגעשפּאָרט אַ ביסל.

מאיר קאָן זיך נישט שענקען ווי אַזוי ער האָט זיך אויסגעשטעלט. צוגעגרייט זיך און ליבעלען אַן עלטער! ס׳פאַרדריסט נאָך מער ווען מען קוקט זיך אַרום אַרום זיך. זיינע אַלע באַקאַנטע, זיינע חברים פון „סטאַלאַג״, לעבן איצט אַ גוטן טאָג, פאָרן עטלעכע מאָל אין יאָר אויף וואַקאַנס, מאַכן צוזאַמען מיט די ווייבער רייזעס קיין אויסלאַנד, נעמען זיך אָפּ פאַר אַלע צייטן. פון די, וואָס האָבן זיך אַרויפגעאַרבעט, אַנגעזשויבט פאַר־מעגנס רעדט זיך נישט, זיי זענען נישט זיין סגאָל. אָבער אויך די, וואָס זענען געבליבן ביי דער נאָדל, געצויגן שטענדיק חיונה פון די אייגענע צען פינגער, פאַרשטעקן אים איצט אין אַרבל. זיי האָבן אַלע דייטשע פענסיעס. אים האָבן די פראַנצויזן געטאָן אַ בערישע טובה. צוויי יאָר פאַר דער מלחמה האָבן זיי אים נאַטוראַליזירט, ער האָט געהאַט אַ גוטן „פיסטאָן״. ער און ליבעלע זענען דעמאָלט געווען מלא שמחה. נאָך דער מלחמה איז אים די נאַטוראַליזאַציע אויסגעגאַנגען באַקעם. אַי נאַטוראַ־ליזירטע האָבן זיך אויך אַן עצה געגעבן צו באַקומען פון די דייטשן אַ פענסיע און אַנטשעדיקונג, איז דערצו דאַרף מען זיין אַ „דעבריאַר״ און האָבן אַ ביסל מזל. ווי זאָגט עס ליבעלע? נישט גענוג וואָס ער איז נישט קיין „דעבריאַר״ האָט ער קיין שטיקל מזל נישט. גיט זיך יאָ אַמאָל עפּעס איין, לאָזט זיך שפּעטער אויס פון דעם אַ בוידעם, אָדער ס׳ווערט דאָס קאַפּויערדיקע. אין דער דייטשער געפאַנגענשאַפט האָט זיך

אים איינגעגעבן אַרויסצודרייען, אַז ער איז אַ ייד און נישט געשיקט געוואָרן אין אַ באַזונדערן יידישן באַראַק, ווי אַנדערע יידישע קריגס־געפאַנגענע פון „סטאַלאַג״. האָבן די אַנדערע נאָך דער מלחמה באַקומען פון די דייטשן אַנטשעדיקונג און אַ פּענסיע און ער איז געבליבן אויסגעשטעלט צום נאַר. די אַנדערע זענען אויך קליגער געווען פון אים ווען זיי האָבן געהאַט געלט — זיי האָבן עס „פּלאַסירט״, געקויפט אַ וווינונג אָדער עס פּלאַסירט ערגעץ אַנדערש. ער האָט דאָס אָפּגעשפּאָרטע ביסל מזומן געלייגט כסדר אין באַנק און ס׳איז געוואָרן דערפון אַש און בלאָטע — די דעוואַלואַציעס האָבן עס אויפגעפרעסן. אפילו מיט קיין לייטישע דירה האָבן זיי זיך נישט באַוואָרנט. ווען זיי זענען שוין יאָ געקומען צום שכל, אַז ס׳איז בעסער צו האָבן אַן אייגן לייטיש דירהלע, ווי לאָזן דאָס ביסל אָפּשפּאָרעכץ אין באַנק, זענען די דירות געשטיגן דריי־פיר מאָל אַזוי פיל און דאָס געלט איז געפאַלן, צערונען ווי פּוטער אויף דער זון.

ער, מאיר, וואָלט דאָס אַלץ אַראָפּגעשלונגען. פאַרפאַלן, ס׳האָט זיך אים נישט איינגעגעבן אין לעבן. נאָר פאַר ליבעלען טוט אים ווייי דאָס האַרץ. זי עסט זיך אָפּ די גאַל, זי שטעלט אים פון צייט צו צייט אַ האַרבע קשיה פאַרוואָס ס׳קומט זיי נישט צו האָבן קיין שטיקל מזל אין לעבן.

ער טרייסט זי ; וואַרט, זאָגט ער איר, אַלץ איז נאָך נישט פאַרפאַלן, ס׳קאָן אונדז נאָך עפּעס אונטערקומען. גיט זי אָבער גלייך אַ פרעג : וואָס וועט דיר נאָך אונטערקומען ? וועסט געווינען אויף דער לאָטעריע ? עמעצער אַ גביר וועט פאַרלירן אַן אַפּותיקו און דו וועסט געפינען ?

אַזוי לאַנג און ברייט דערמאָנט וועגן געווינען, געפינען, ביז מאיר האָט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ צו פּרוּוון דאָס מזל. עטלעכע שיינע יאָר האָט ער געקויפט בילעטן פון דער לאָטעריע. ליבעלע האָט פון אָנהייב נישט געהאַט דאַקעגן, דערנאָך האָט זי אָנגעהויבן אָפּלאַכן פון אים. ווען ס׳איז אָבער אַוועק עטלעכע יאָר און דאָס מזל האָט קיין שיין נישט געטאָן, האָט זי אָנגעהויבן זיך בייזערן : ער וואַרפט אַרויס געלט. פּונקט צו אים דעם שלים־מזלדיקן וועט אַריינפאַלן אַ געווינס. „געלט גייט צו געלט״, האָט זי יעדעס מאָל, ווען ער האָט פאַרשפּילט, דערמאָנט אַ פאָלקס־ווערטל. מאיר האָט אויפגעהערט צו קויפן בילעטן. ליבעלע איז גערעכט, ער האָט אַרויסגעוואָרפן אַ שיינע פּאָר הונדערט פראַנק. פון דעסטוועגן האָט ער פון צייט צו צייט חרטה געהאַט, געדאַרפט פאָרט ווייטער ריזיקירן.

⁂

ס׳איז געווען אַ זונטיק אינדערפֿרי. אַ שײנער האַרבסט־טאָג. די זון האָט אין יענעם פֿרימאָרגן געשײַנט ווי אין פֿרילינג, כאָטש די בלעטער אויף די ביימער האָבן שוין געהאַט אָפּגעטאָן זייערס — פֿאַרגעלט געוואָרן און אַראָפּגעפֿאַלן. מאירן איז יענעם פֿרימאָרגן געווען אַ ביסל מאַרקאָטנע אויף דער נשמה. פֿאַרוואָס האָט ער אַליין נישט געוווּסט, צי ווייל דאָס ווייב האָט אים נעכטן פֿאַרן שלאָפֿן גיין ווידער אונטערגעטראָגן, אַז דער און יענער פֿון זייערע באַקאַנטע האָבן שוין באַשטעלט וווינונגען אין מאָנטאַן אויף די ווינטער־חדשים, צי ווייל ער האָט זיך עטלעכע טעג פֿריער געיִשובֿט צי ער זאָל יאָ אָדער נישט נעמען אַ צעטל אויף דער לאָטעריע און נישט גענומען, געענוג — ס׳איז אים געווען אַ ביסל אַנגעזאָלצן אויפֿן האַרץ. ליבעלע האָט געזאָגט, אַז ער איז אויפֿגעשטאַנען אויף דער לינקער זייט און אַנגערעדט ער זאָל גיין זיך איבערשפּאַצירן אין שכנותדיקן גאָרטן. זי, ליבעלע, וועט דאָס מאָל ביז מיטאָג פֿאַרפֿאַרעט זיין מיט דער באַלעבאַטישקייט.

אַ טבֿע האָט מאיר אַז ווען ס׳איז אים מאַרקאָטנע, האַלט ער די אויגן אַראָפּגעלאָזן. האָט ער זיך אַזוי שפּאַצירט אין „זשאַרדען דע פּלאַנט״ ביים ראַנד פֿון אַן איינזאַמער אַלייע, שטעלנדיק פֿלעגמאַטיש די טריט. מיט אַמאָל האָט אים עפּעס אָפּערגעקוקט פֿון דער ערד. ער האָט זיך אַנגעבויגן און אויפֿגעהויבן פֿון צווישן די אַנגעהויפֿטע געלע בלעטער אַ היפּשן שוואַרצן פּאַרטפֿעל. ער האָט אים גלייך אויפֿגעמאַכט און זיינע אויגן נישט געוואָלט גלויבן: געלט־באַנקנאָטן. ער האָט זיך עטלעכע מאָל אַרומגעקוקט צי קיינער זעט נישט און אַריינגעלייגט דעם פּאַרטפֿעל אין קעשענע. אין דער ערשטער מינוט האָט ער אָט שוין געוואָלט לויפֿן אין שטוב ווייזן ליבעלען, אַז ער איז גאַרנישט אַזאַ שלים־מזלדיקער, ווי זי מיינט. ער האָט זיך אָבער מיישבֿ געווען און ווייטער שפּאַצירט ווי קיינמאָל גאַרנישט. בלויז די רעכטע האַנט, וואָס האָט געשטעקט אין קעשענע, ווו ס׳איז געלעגן דער פּאַרטפֿעל, האָט פֿון אומגעדולד און אויפֿרעגונג געציטערט, פֿון מאָל צו מאָל אַ דריק געטאָן מיט די פֿינגער דעם געפֿונענעם אוצר.

געקומען אַהיים איז ער ערשט אַ שעה־צייט נאָך דער פּאַסירונג. ליבעלע האָט גלייך דערקענט אין אים, אַז עפּעס נישט אַבי וואָס איז געשען. דאָס גאַנצע פּנים האָט געשמייכלט ביי אים, די אויגן האָבן געפֿינקלט פֿון

שמחה. איז פאַרוואָס זאָל ליבעלען נישט איינפאַלן, אַז ער האָט אַן איר וויסן יאָ געקויפט אַ צעטל פון דער לאָטעריע? נישט אַנדערש נאָר זיין נומער איז אַרויס! ניין, זי האָט נישט געטראָפן, אָבער איר גלייך אויס־זאָגן, אַזוי און אַזוי, דאָס נישט. ער דאַרף זיך אַ ביסל אָפּקילן. ערשט ווען ליבעלע האָט זיך אָנגעהויבן בעטן ביי אים ער זאָל איר נישט אַרויסציען די נשמה, האָט מאיר אַרויסגעצויגן פון קעשענע דעם פּאַרט־פעל, אַריינגעלייגט אים אין אירע הענט, ווי אַ טייערע מתנה און שטי־לערהייט, כמעט אויפן אויער, אָנגעהויבן איר דערציילן די גאַנצע מעשה. ער האָט איר געהייסן פאַרהענגען דאָס פענצטער, איבערדרייען דעם שליסל אין דער טיר, כדי אומגעשטערט זיך צו באַקענען מיטן אוצר.

די הענט האָבן ביי ביידע געציטערט. געציילט האָט מאיר, נאָר לי־בעלע האָט אים נישט געטרויט. זי האָט איבערגעציילט נאָך אַמאָל און ווידער אָנגעציילט דרייסיק קנאַקעדיקע פינפהונדערטערס. מאיר האָט זיך געריבן די הענט. אַזאַ מזל!

— גאַנצע אַנדערהאַלבן מיליאָן! — האָט ער שטיל אויסגערופן.

— אַנדערהאַלבן מיליאָן אַלטע פראַנק — האָט ליבעלע צוגעגעבן.

— ווייסט קאָנען דערפאַר פאָרן אויף וואַקאַנס וויפל דו ווילסט ווילן! מ׳וועט אפשר דאַרפן מאַכן אַ רייזע קיין אויסלאַנד, האָסט דאָך געוואָלט אָנקוקן די וועלט, ווייסטו!

— ס׳זענען דאָ בילכערע זאַכן, כ׳וואָלט בעסער צוגעלייגט אויף אַ דירה, געננוג אָפּגעפּיניצטערט אין אַ טונקעלער דירה.

— זאָל זיין אויף אַ דירה, קיין לעכער צו פאַרשטעקן דערמיט וועט נישט פעלן.

— ווער האָט דאָס געקאָנט פאַרלירן?

— ווער קאָן דאָס וויסן? מ׳זאָל וויסן וואָלט נישט גוט געווען, מען וואָלט אפשר געדאַרפט...

— טאָמער האָט פאַרלוירן אַ... זאָל מען זאָגן אַ נויטבאַדערפטיקער, אַן אָרעמער מענטש...

— גיי שוין, גיי שוין, נאַרעלע, אַן אָרעמער מענטש טראָגט ביי זיך אַנדערהאַלבן מיליאָן?

— ביסט גערעכט, אַז מ׳האָט ביי זיך אַנדערהאַלבן מיליאָן, איז מען נישט אָרעם.

— דאָס איז מיר באַלד געקומען אויפֿן זינען, ווען נישט וואָלט איך אפשר געטראַכט, אַז מ׳דאַרף גיין אָנמעלדן אויפֿן קאָמיסאַריאַט.

— האָסטו טאַקע געטראַכט וועגן דעם?

— פֿאַרוואָס זאָל איך נישט האָבן געטראַכט? וואָס בין איך אַ גזלן? ווען כ׳וואָלט געוווסט, אַז אַ מענטש פֿון אונדזער סגאָל האָט פֿאַרלוירן, וואָלט איך דאָס געדאַרפֿט אָפּטראָגן אין קאָמיסאַריאַט, אָבער ס׳ליגט זיך אויפֿן שׂכל, אַז אָנגעוווירן האָט אַ פֿאַרמעגלעכער מענטש; ווער דען טראָגט עס אין קעשענע אַ מיליאָנטשיק מיט אַ האַלבן? זיכער אַ זעלכער, וואָס ביי אים איז אַזאַ סומע דאָס זעלבע ווי ביי אונדז אַ צענער פֿראַנק.

— ס׳קאָן זיך דאָך טרעפֿן, אַז אַ מענטש האָט אַ ביסל אָפּגעשפּאָרט געלט, מ׳זאַמלט אויף אַ דירה, ווי מיר אַ שטייגער, מ׳נעמט אַרויס פֿון דער באַנק צו געבן האַנטגעלט, אין קעשענע איז אַ לאָך און ס׳געשעט אַן אומגליק. ס׳קאָן דען אַזעלכעס נישט געשען? וואָס זאָגסטו?

— ווער זאָגט דען, אַז ס׳קאָן נישט געשען?

— נו, דאַרף מען זיך פֿרייען מיט יענעמס אומגליק?

— ווער זאָגט דען, אַז מ׳דאַרף זיך פֿרייען מיט יענעמס אומגליק?

— געדענקסט, ס׳האָט זיך אונדז געדוכט אַט שוין נעמט מען יענץ דירהלע, ביסט געלאָפֿן אין באַנק אַרויסנעמען אַ האַלבן מיליאָן אַריינצושטעקן האַנטגעלט, ביסט געווען אַזוי צעקאָכט, אַז כ׳האָב מורא געהאַט זאָלסט נישט פֿאַרלירן.

— כ׳האָב אָבער נישט פֿאַרלוירן.

— אָן אַנדערער אַזעלכער ווי דיין סגאָל האָט יאָ געקאָנט פֿאַרלירן.

— איז וואָס ווילסטו זאָל איך טאָן?

— איך וויל גאָרנישט, איך טראַכט נאָר אַזוי.

— און איך טראַכט, אַז אויב מ׳טראָגט אַרום ביי זיך אַנדערהאַלבן מיליאָן איז אַ סימן, אַז דאָס איז ביי אַזעלכן אַ שיבוש, אַ גאָרנישט. צוריקגעשמועסט, מיינסטו, אַז מיר איז אַזוי לייכט צוצונעמען די אפּותיקו און מאַכן אַ שווייג? כ׳האָב אפֿילו געטראַכט, אַז מ׳וואָלט געדאַרפֿט גיין אָנמעלדן אין קאָמיסאַריאַט; דער, וואָס וועט עס צוריקבאַקומען, וועט געבן אַ שיינע באַלוינונג. ווילסטו, וועל איך גיין.

— שוין לויפֿן? וואָס איז דאָס איילעניש?

— לויט דיר קומט אויס, אַז מ׳דאַרף...

— איך זאָג דען...? איך וויל נאָר מ׳זאָל זיך איבערלייגן, מ׳זאָל זיך אַליין געבן צו פאַרשטיין צי דאָס געלט שטאַמט נישט פון אָרעמע מענטשן.

— איידער זאָלט זיך אַריינגעמען אין קאָפּ אַזעלכע זאַכן איז שוין בעסער גיין אין קאָמיסאַריאַט...

— וואָס איז דאָס לויפן אין קאָמיסאַריאַט? מ׳קאָן נישט צוואַרטן?

— כ׳זאָג דען, אַז מ׳קאָן נישט?

נאָך אַ לאַנגן דיאַלאָג איז פאַרבליבן, אַז מ׳דאַרף אָן איילעניש דורכטראַכטן די גאַנצע זאַך. דערווייל האָט ליבעלע קונציק איינגעפּאַקט די פינפהונדערטערס, אַריינגעלייגט אין שענקל, פאַרשלאָסן עס און דאָס מאָל אַרויסגענומען דעם שליסל כאָטש קיינער איז אין שטוב נישטאָ און קיינער דאַרף נישט קומען.

צום מיטאָג האָבן זיי זיך געזעצט מיט אַ פאַרשפּעטיקונג און אָן אַפּעטיט. מאיר האָט זיך פאַרקלאָגט פאַרן ווייב, אַז דער קאָפּ האָט אים אָנגעהויבן ווי טאָן. ליבעלע האָט אים געטרייסט, אַז ווען ער וועט זיך ווי געוויינלעך נאָכמיטאָג צולייגן, כאַפּן אַ דרימל, וועט דער קאַפּוויייטיק צוזאַמען מיט דער דענערווירונג אַוועק. זי וועט באַלד טאָן דאָס זעלבע, זי וועט נאָר אין אָרדענונג ברענגען די קיך. פּלוצלינג האָבן זיי ביידע אויפגעציטערט, מאיר אויפן בעט, ליבעלע אין קיך. פון דער טיר האָט זיך דערהערט אַ שטאַרקער קלונג. מאיר איז גיך אַראָפּ פון בעט, ליבעלע איז אַרויס פון קיך אויף די שפּיץ־פינגער. זיי האָבן זיך איבערגעקוקט ווי מ׳וואָלט זיי געכאַפּט ביים דורכפירן אַ מיאוס שטיקל אַרבעט. ווער קאָן דאָס זיין? קיינער האָט היינט נישט געדאַרפט קומען. מאיר האָט זיך צוגעגעבן האַרץ.

— גיי עפן די טיר. וואָס האָסטו מורא?

ליבעלע איז צוריקגעקומען פון דער טיר און אויסגעשריען:

— צו מיינע שונאימס קעפּ זאָל דאָס אויסגיין!

עמעצער האָט זיך טועה געווען, געגאַנגען צום שכן אַ שטאָק העכער און אָנגעקלונגען ביי זייער טיר. ליבעלע האָט דאָך גענומען זיך אויסצופאַרשן דעם מאַן:

— ס׳האָט דיך קיינער נישט געזען, ווען דו האָסט... ווען דו האָסט דאָס אויפגעהויבן?

— דאַכט מיר, אַז קיינער נישט.

— האָסט דיך אַרומגעקוקט, ווען ביסט אַהיים געגאַנגען?

— יאָ, גוט זיך אַרומגעקוקט.
— איז פאַר וועמען האָבן מיר זיך צו שרעקן?
— וואָס פאַלט דיר איין? מיר האָבן זיך פאַר קיינעמען נישט צו שרעקן, נאָר איך טראַכט וועגן אַן אַנדער זאַך: אַז עמעצער פאַרלירט אַזאַ סומע, גיט ער אַ מעלדונג אין „פּעטי פּאַריזיען". כ'וועל יעדן טאָג קויפן די צייטונג און קוקן אין די אַנאָנסן. אויב ס'וועט זיין אַזאַ אַנאָנס, וועלן מיר... וועלן מיר דעמאָלט זען וואָס צו טאָן. וועט מען צוריקגעבן, וועט מען באַקומען אַ פיינע באַלוינונג.

ליבעלע איז מיט אַ שווער האַרץ איינגעגאַנגען. זי האָט נאָר צוגעגעבן: „מ'וועט דערנאָך זען וואָס מ'האָט צו טאָן". מאיר קרישטאַל האָט יעדן טאָג מיט פיל אויפמערקזאַם געזוכט אין די אַנאָנסן אין „פּעטי פּאַריזיען", געכאַפּט פון מאָל צו מאָל אַ קוק אין אַזאַ רובריק אין אַן אַנדער צייטונג. אַזאַ אַנאָנס איז נישט געווען. ס'איז דורכגעגאַנגען אַ וואָך, עטלעכע וואָכן, קיין אַנאָנס וועגן דער פאַרלוירענער סומע האָט זיך נישט באַוויזן. איז דאָס אַ קנאַפּער באַוויז, אַז דער, וואָס האָט פאַרלירן מאַכט זיך פון דער גאַנצער מעשה קיין שום עסק נישט? וואָלט אַ מענטש פון זייער סגאַל אַנגעווירן אַזאַ פאַרמעגן, וואָלט שוין געווען נישט איין אַנאָנס.

מאיר קרישטאַל איז געוואָרן אַלע מאָל זיכערער ביי זיך. דאָס מזל האָט אים פאַרט איין מאָל אין לעבן צוגעשפּילט. ליבעלע האָט אָנגעהויבן גלויבן, אַז ס'איז אַ באַשערטע זאַך. זאָל זיך זיי דאַכטן, אַז זיי האָבן געוווּנען אויף דער לאָטעריע. דאָס פאַרפאַלק האָט ווידער אָנגעהויבן מאַכן פּלענער. מאיר האָט זיך געהאַלטן ביי זיינס: אַראָפּנעמען אַ קליינעם טייל פון געפונענעם און מאַכן ערגעץ אַ רייזע. האָט אים שוין יאָ דאָס מזל אַ שיין געטאָן, וויל ער אָנקוקן אַ שטיקל וועלט, ער איז נאָך אין ערגעץ, חוץ איין מאָל אין ישראל און להבדיל בעת דער געפאַנגענשאַפט אין דייטשלאַנד, נישט געווען. ליבעלע וואָלט אויך חשק געהאַט זיך אַ ביסל אַרויסרירן אויף דער וועלט. נאָר ס'איז דאָ בילכערס, ס'איז קראַנטער אַ טראַכט צו טאָן וועגן אַ לייטישער דירה.

ס'זענען ווידער דורכגעגאַנגען וואָכן. זיי האָבן געטראַכט און געטראַכט ווי אַזוי צו פאַרווענדן דאָס געלט און טראַכטנדיק זענען אויפגעקומען נייע פּלענער. פון מאָל צו מאָל האָט נאָך ליבעלען אַ פּיק געטאָן אין האַרץ: פרעמד געלט, ווער ווייסט צי יענער האָט נישט שווער געהאָרעוועט דערויף; פאַרן מאָן האָט זי אָבער אַלע מאָל וויניקער דער־

מאָנט. די צייט האָט אויסגעהיילט אַלע ספקות. זיי האָבן אָבער נישט געוווסט אויף וואָס פריער דאָס געלט צו פאַרנוצן. איז געבליבן מ׳זאָל עס דערווייל אָוועקלייגן אין באַנק, פאַרגרעסערן דערמיט דאָס ביסל אָפּגעשפּאָרטע מזומן.

*****

ס׳האָט לאַנג גענומען ביז מאיר קרישטאַל האָט זיך אויסגעקליבן אָוועקצוטראָגן דאָס געלט אין באַנק. ס׳איז געווען אַזוי ווי ס׳וואָלט אים שווער געווען זיך צו שיידן מיט די געפונענע פינפהונדערטערס. באַ־טראַכט האָט ער זיי שוין ווי ער וואָלט זיי געוווּנען אויף דער לאָטעריע און זיי האָבן אים אין די טריבע האַרבסט־טעג געוואַרעמט דאָס האַרץ. האָט ער זיך דאָך געהאַלטן פאַר אַזעלכן וועמען ס׳גייט שטענדיק מיט דער פּוטער אַראָפּ, אָן אַ פּיצל מזל. איז אַז דאָס מזל גיט אַ שיין, ווערט מען גאָר אַן אַנדער מענטש.

דער האַרבסטיקער טאָג איז דאָס מאָל געווען אַ רעגנדיקער, אַ קאַל־טער. מאיר קרישטאַל איז אויפגעשטאַנען פריער ווי געוויינלעך, ווי ער וואָלט געדאַרפט אויפטאָן אַ גרויסע זאַך. ער האָט זיך לאַנג געפּאָרעט אַרום זיין טואַלעט, אָנגעטאָן דעם יום־טובדיקן טריקאָ, אַרויפגעצויגן אויף זיך דעם נייעם רעגנמאַנטל. אָנקומענדיק אין באַנק האָט ער אַ ביסל צוגעוואַרט, אַרומגעקוקט זיך און געוואָגדן זיך צום זעלבן באַאַמטן מיט וועלכן ער האָט געוויינלעך צו טאָן. ער האָט אַרויסגענומען פון בוזעם־קעשענע אַן אָנגעפּראָפּטן קאָנווערט, דערלאַנגט אים דעם באַאַמטן און צוגעגעבן: „פופצן טויזנט. נייע״.

דער באַאַמטער האָט געעפנט דעם קאָנווערט און אָנגעהויבן ציילן. פּלוצלינג האָט ער אָנגעהויבן מיט חידוש זיך איינקוקן אין די באַנקנאָטן, גענומען איינעם, אַ צווייטן, אַ דריטן און געקוקט, געקוקט, איינגעגעסן זיך מיט די אויגן אין זיי און גלייכצייטיק געכאַפּט אַ דיסקרעטן קוק אויפן הײמישן קליענט. מיט אַמאָל האָט ער צוזאַמענגענומען דאָס פּעקל באַנקנאָטן און אַוועק ערגעץ. מאירן איז געוואָרן קאַלט און הייס. די מינוטן האָבן זיך אים אויסגעוויזן לאַנגע שעהן. דאָס האַרץ איז אים שיער נישט אַרויסגעפלויגן פון דענערווירונג און שרעק. אַז די גאַנצע זאַך איז בפירוש נישט גלאַטיק, איז אים נישט שווער זיך אָנצושטויסן. דער באַאַמטער האָט געקוקט אויף אים מיט פאַרדאַכט. אפשר ווי אויף אַ גנב? מ׳דאַרף נישט זיין קיין גרויסער חכם צו זען, אַז ער איז אים אין עפּעס

חושד. ווער ווייסט צי די באַנקנאָטן זענען נישט קיין געגנבעטע? צי איז ער אים נישט חושד, אַז ער האָט זיי געגנבעט? אפשר האָט מען זיי גע־גנבעט טאָקע אין אָט דער באַנק? וויפֿיק האָט מען די לעצטע צייטן געהערט וועגן גנבות אין די בענק? ווער ווייסט וואָס פֿאַראַ מעשה דאָס איז? אַז ער איז אים חושד זעט ער בפירוש. ווי אַזוי וועט ער זיך אַרויסדרייען פֿון דער גאַנצער מעשה? ווי אַזוי וועט ער אויפֿווייזן, אַז ער האָט דאָס געלט געפֿונען מיט אַ סך וואָכן צוריק? וואָסערע באַווייזן האָט ער? געגנבעטס איז געגנבעטס. ס׳איז געווען ביי אים אין קעשענע. ווער ווייסט צי זיי וועלן אים נישט אַרעסטירן אויפֿן אָרט? וואָלט כאָטש ליי־בעלע געווען מיט אים!

ביז דער באַאַמטער איז צוריקגעקומען זענען מאירן געקומען אין קאָפּ געדאַנקען איינע שוואַרצער פֿון די אַנדערע. דער גוטמוטיקער באַ־אַמטער האָט געהאַט אַ פֿאַרזאָרגט פּנים. ס׳האָט אויסגעזען ווי ס׳וואָלט אים שווער געווען אָנצוהייבן די אויספֿאָרשונג און דערנאָך נאָך שווערער אַרויסצוטראָגן דעם פּסק־דין:

— ווו, פֿון וועמען האָט איר דאָס אַלץ באַקומען?

מאיר קרישטאַל האָט זיך פֿאַרלוירן און אָנגעהויבן שטאַמלען. ער האָט געזוכט פּאַסיקע ווערטער צו געבן צו פֿאַרשטיין, אַז ער האָט חס־וחלילה אין ערגעץ דאָס געלט נישט צוגענומען, אַז מיט גנבים האָט ער קיין שום מגע־ומשא נישט; ער האָט עטלעכע מאָל איבערגעחזרט:

— כ׳האָב דאָס, כ׳האָב אין ערגעץ נישט גענומען, פֿון קיינעמען נישט באַקומען... כ׳האָב דאָס... כ׳האָב דאָס געפֿונען, געפֿונען אין אַ פּאָרט־פֿעל, אין גאָרטן.

— געפֿונען? טאָקע געפֿונען?

דער באַאַמטער האָט צוויי מאָל איבערגעפֿרעגט און געקוקט אויף אים שוין נישט מיט חידוש, נאָר מיט אַ שמייכל. מאירן האָט אָבער אויך דער שמייכל אויסגעזען פֿאַרדעכטיק. צו אַלע צרות חוזקט ער נאָך פֿון אים. ער האָט ווידער אַ צעשראָקענער געזוכט פּאַסיקע ווערטער ווי אַזוי באַגלייבט צו זיין:

— כ׳קאָן שווערן. כ׳בין גרייט אָפּצוגעבן אַ שבועה, אַ זונטיק, שפּאַ־צירנדיק אין „זשאַרדען דע פּלאַנט", געפֿונען אין אַ שוואַרצן פּאָרטפֿעל, דער פּאָרטפֿעל איז אין שטוב.

דער באַאַמטער האָט זיך אויף רעכט צעשמייכלט.

— אויב איר האָט דאָס געפונען, האָט איר כאָטש גאָרנישט פאַרלוירן. די באַנקנאָטן זענען פאַלשע.

— וואָס?! — האָט מאיר קרישטאַל געפרעגט, ווי ער וואָלט נישט דערהערט.

— פאַלשע! פאַלשע, ליבער פריינט.

אָן איבעראַשטער, נאָך אַלץ אַ דערשראָקענער האָט מאיר אין צע־טומלעניש איבערגעפרעגט:

— פאַלשע, צי געגנבעטע?

— וואָס פאַראַ געגנבעטע? מ׳זאָגט אייך פאַלשע, נאָכגעמאַכטע, פאַר־שטאַנען? אַז איר האָט זיי געפונען, האָט מסתמא אַן אַנטלאָפענער פון יענער שייקע אַוועקגעוואָרפן, די פּאָליציי האָט זיי אַלע אויסגעכאַפּט.

ערשט נאָך אַלע אויפקלערונגען איז מאיר קרישטאַל אַ ביסל צו זיך געקומען. צוריקגייענדיק אַהיים, האָט ער זיך געפילט אי ווי אַ שווערע משא וואָלט אים אַראָפּגעפאַלן פון די אַקסלען, אי ווי עפּעס וואָלט אים גענאָגט ביים האַרץ. ער איז אַריינגעפאַלן אין שטוב ווי מ׳וואָלט אים גע־יאָגט. ליבעלען האָט ער דערציילט אַלץ באריכות, געמאָלן פאַר איר די שרעק וואָס איז אים באַפאַלן, ווען דער באַאַמטער האָט געבודקט די באַנקנאָטן, ער האָט זיך פאַרגעשטעלט דאָס ערגסטע, געזען זיך שוין אין תפיסה.

— אבי ס׳האָט זיך אַזוי געענדיקט. ס׳האָט געקאָנט זיין גאָר שלעכט. ס׳האָבן דען נישט געקאָנט זיין קיין געגנבעטע? ווייניק הערט מען פון אַזעלכע זאַכן? נישטאָ קיין מזל און פאַרט אַ שטיקל מזל!

ליבעלע האָט נאָך געפונען אַן אַנדער טרייסט: נאָך דעם ווי זי האָט אויסגעהערט דעם מאַנס רייד מיט אַן אָפן מויל און אָנגעשפּיצטע אויערן, האָט זי אָפּגעזיפצט און אָפּגעפּסקנט:

— ס׳וואָלט מיר סייווי נישט באַקומען, כ׳וואָלט געטראַכט, אַז ס׳איז פון עמעצנס פּראַצע. מ׳האָט אפילו נישט געוווּסט וואָסער לאָך פריער צו פאַרשטעקן דערמיט. אויס קאָפּדרייעניש.

V

דער פּעסימיסט און דאָס רינגעלע

— ווייסט וואָס איך וועל דיר זאָגן? ס׳איז ווערט אַ שמעק־טאַבאַק. אַ שמעק־טאַבאַק אויך נישט. אַלץ צוזאַמען. אָן אַ זין און אָן אַ צוועק. אַז צו וואָס זאָלסט זיך נישט צורירן איז דאָס... פֿון דער ווייטנס האָט זיך געדאַכט מי יודע וואָס, פֿון דער נאָענט פּסולת. אויף דייַן אינטעליגענטיש לשון רופֿט מען דאָס פּאַטאַ מאָרגאַנאַ. גייסט, גייסט, יאָגסט זיך נאָך דעם און ס׳אַנטלויפֿט. נישט דאָס, וואָס ס׳האָט דיר געבליצט פֿאַר די אויגן. דעם מענטשנס לעבן אויך אַזוי. לויפֿסט, רייסט איין וועלטן, מיינסט אָט־אָט כאַפּסטו אָן דעם אָקס פֿאַר די הערנער, אַז ווערסט נאָך דאָס און יענץ אויפֿטאָן, ווערסט נאָך, ווערסט...

אַ טיפֿער זיפֿץ, אַן איראָנישער שמייכל אויפֿן געפּאַלדעוועטן פּנים.

— אוי, אַ לעבן, אַ לעבן! אָנגעטירכעט זיך, אָנגעיאָכמעט, דערנאָך זעסטו דיך אָרום, אַז ס׳איז גאָרנישט שבגאָרנישט, נישט געלוינט זיך. ווי האָט מייַן מאַמע עליה השלום געזאָגט? די טירחה צאָלט זיך נישט אָפּ. געדענקסט ווי ביי אונדז אין שטעטל האָבן די ווייבער געגרייט דעם פּסח? 5־6 וואָכן ערב פּסח אויסגעריסן געוואָרן, געהאָרעוועט טאָג און נאַכט, איבערגעדרייט די שטוב מיטן קאָפּ אַראָפּ מיט די פֿיס אַרויף, אַלץ צענומען, פֿונאַנדערגערוקט, פֿונאַנדערגעבעבעוועט. מ׳איז געשלאָפֿן אויף דער ערד, אויף די שטרויענע שעניקעס, די הילצערנע בעטן, די סאָפּקעס זענען געווען פֿונאַנדערגענומען; וואָכן־לאַנג האָבן די באַלעבאָסטעס נישט דערעסן, נישט דערשלאָפֿן. מייַן מאַמע אַ חכמה געווען און האָט געטאָן דאָס זעלבע. נאָך אַלעמען, אַז ס׳איז געקומען דער פּסח האָט זי שוין נישט געהאַט קיין כוח צו זיצן ביים סדר, געזעסן מיט אונדז, ווי מ׳וואָלט ביי איר געהאַט דעם קלאָק פֿון די ביינער אַרויסגעצויגן. זי האָט געגעסן די קניידלעך און די אויגן האָבן זיך איר געקלעפּט. אַזוי דאָס גאַנצע לעבן. ערגער נאָך. מייַן מאַמע איז פֿאַרט פֿאַרשלאָפֿענערהייט געזעסן

ביים סדר, כאָטש עטלעכע טעג געווען אַנגעטאָן אין אַ יום־טובדיקן בגד, אָבער מיר?

הפסקה.

ליטעווסקי וואַרט זיין פריינד זאָל זיך אָפּרופן, קאָן זיך נישט דער־וואַרטן און וואַרפט ווידער אַרויס פון זיך אַ בינטל ווערטער:

— אוי אַ נאַריש לעבן! איידער דו קוקסט זיך אַרום, ביסטו אָפּגעז־פּאַרטיקט, צו גאַרנישט! אַנגעטירכעט זיך און צום סוף נישט קיין יום־טוב, נישט קיין סדר, נישט קיין קניידלעך. צוואָס דאָס אַלץ געווען? צוואָס?

ידל ליטעווסקי האָט די פראַגן אַרויסגעזאָגט, ווי ער וואָלט זיי אַרויסגעלאָזט פליען אין דער וועלט זוכן אַן ענטפער, אַ באַשייד. ער האָט ווידער געמאַכט אַ קליינע הפסקה, אַרויסגענומען פון קעשענע דאָס איינגעלייגטע אין אַ קוואַדראַט נאָז־טיכל און אַ וויש געטאָן איבערן שטערן, ווי אַרויסצוציען פון דאָרטן אַ נייעם געדאַנק; קענטיק געווען, אַז דער מוח אַרבעט.

— אַז דער מענטש איז אין גאַנצן נאַריש געמאַכט, אַזוי נאַריש באַ־שאַפן וואָס נאַרישער קאָן שוין נישט זיין. אַלצאיינס מיר צי דורך גאָט באַשאַפן, צי לויט דיין געלערנטן קאָפּ, דורך דער נאַטור, פּע, ס׳געז־פעלט מיר נישט! אויב גאָט וואָלט דאָס אָפּגעטאָן אַזאַ שטיקל אַרבעט, וואָלט עס געווען אַ שלעכטער גאָט, אַן אכזר. מיר דוכט, אַז דאָס האָט שוין עמעצער פאַר מיר געהאַט געזאָגט. גאָט איז געווען אומהיימלעך צו זיין אַליין, געפילט זיך שטאַרק איינזאַם אין זיין גרויסער וועלט־אימפּע־ריע, נישט געהאַט צו וועמען אַ וואָרט אַרויסצורעדן, האָט ער באַשאַפן דעם מענטש; דיין שכן האָט נישט געקאָנט אַליין אויסהאַלטן די איינזאַמ־קייט אין דער גרויסער דירה, האָט ער זיך איינגעשאַפן אַ הונט. גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטש, ער זאָל האָבן מיט וועמען זיך אַ שפּיל צו טאָן.

סאָלאָמאָן לייבאָוויטש האָט אַנגעהאַנגען אויף זיין אַלטן פריינד די אויגן, אָבער זיך נאָך אַלץ נישט אָפּגערופן. ער האָט געוווסט, אַז ביי לי־טעווסקין איז דאָס ערשט אַן אָנהייב.

— וואָס גלאָצסטו מיט די אויגן? ס׳איז נישט לויט דיין געלערנטן קאָפּ? איז זאָל מען אָננעמען, אַז די נאַטור האָט אונדז אָפּגעטאָן אַזאַ שפּיצל. זי, די נאַטור, האָט בלינדערהייט געמאַכט דאָס שטיקל אַרבעט. ענדערט עס דען עפּעס? ס׳איז אַן אַ טעם, אַן אַ שכל. ביז דער מענטש ווערט אַ שטיקל מענטש, גייט אַוועק אַ שטיק לעבן. ביז דו קריגסט אייל אין

קאָפּ; ווי זאָגט מען דאָס? אַ פּעסל זאַלץ דאַרף מען אויפעסן ביז מען דערקענט אַ צווייטן מענטש. אַזוי מיט אַלעמען. אַז דו האָסט שוין אויפגעגעסן דאָס פּעסל זאַלץ, האָסט שוין געהאַט קאַלטס און וואַרעמס, ווייסט שוין מיט וואָס עפּעס שמעקט, ווי זאָגט מען דאָס? דערפאַרונג, דערפאַרונג, ווייסט שוין וואָס און ווען, ווערסטו אויס, אַן אָפּגעשלאָגענע הושענא. פע! מיאוס באַשאַפן דער מענטש! אָן אַ זין. אָט נעם אונדז ביידע. מיר קענען זיך שוין יענץ ביסל יאָרן, האַ? מיט וויפל ביסטו אין גאַנצן ייִנגער פון מיר? מיט דריי צי מיט פיר יאָר? ס׳איז בסך הכל אַ יאָר ווי מיר האָבן געמאַכט אַ כוסה צו דיינע זיבעציקער. נו, ביסטו כמעט 4 יאָר ייִנגער, נישט אמת? צי געדענקסטו ווי מ׳האָט דיר געלאָזט אויפנייען ביי מיין טאַטן אַן אַנצוגל צו דיין בר מצווה? איך בין שוין דעמאָלט געווען אַ חתן־בחור, אַ פאָלנער מענטש, מיט אַ פּאַך אין האַנט. צו נײַנצן יאָר בין איך געגאַנגען צו דער חופּה מיט מיין ערשטער באַשערטער. דיך האָט מען דעמאָלט געשיקט אין שטאָט אין די גימנאַזיעס, ביסט דאָך געווען אַ נגידס אַ זינדל. דערנאָך, אַז דו פלעגסט קומען אויף וואַקאַציעס, האָסטו געהאַט שוין פליגן אין נאָז, געכאַפּט געווען אין דער מעשה. זומער אין די שבתים, האָסטו אונדז מהנה געווען מיט לעקציעס. אין וואַלד. אין געהיים. פאָרט האָסטו מיר אויסגעזען אַ שנעק, איך האָב שוין געקאָנט מפרנס זיין אַ ווייב מיט אַ קינד. אין מיינע אויגן ביסטו געווען אַ צוציק, וואָס בריקעט שיין אַרום. כ׳רעד נישט וועגן דיינע גימנאַזיעס, נאָר וועגן די 4 יאָר, ייִנגער געווען מיט 4 יאָר. היינט איז דאָס אַזוי ווי דו וואָלסט מיך אָנגעיאָגט מיט די יאָרן. מ׳האָט אונדז ביידע אין דער זעלבער צייט אַוועקגעשטעלט אין אַ זייט, ביידע דרייען מיר זיך שוין אַרום יאָרן און ווייסן נישט וואָס צו טאָן מיט זיך. יאָ, יאָ, איך ווייס, דו קענסט נאָך פאַרטשעפּען ביי עפּעס די הענט, מסתמא שרייבסטו זכרונות. אָבער איך? אַזעלכע ווי איך? אָפּגעטאַנצט, אָפּגעשפּילט, נאָך דער חתונה, מ׳גרייט זיך צו דער אומבאַקאַנטער רייזע. דעם אמת געזאָגט גרייט זיך דער מענטש דאָס גאַנצע לעבן צו דער דאָזיקער רייזע, דאָס גאַנצע לעבן טראָגט ער אין זיך דעם טויט. מיין נישט כ׳האָב מורא פאַר אים, ניין, ניין, נאָר דאָס גיין אים אַנטקעגן, דאָס טראָגן אים אין זיך, דאָס זיך פאַרמשפּעט... איך נעם צייטנווייז אַרויס מיינע פאָטאָגראַפיעס פון אַמאָל און פאַרגלייך מיט דעם וואָס איך דערזע, ווען איך קוק אויף זיך אין שפּיגל.

פע! די גאַנצע שפּיל געפעלט מיר נישט! נאַריש, וואָס נאַרישער

קאָן שוין נישט זיין. מיר וואָלט בעסער געפעלן, אַז דער מענטש זאָל... כ׳האָב אַמאָל, אין מיין יוגנט, געהאַט געלייענט וועגן אַזאַ מין אינסעקט, איך געדענק נישט וואָס דאָס איז געווען פאַראַ סאָרט באַשעפעניש, כ׳בין אפילו נישט זיכער צי ס׳איז פאַראַן אַזעלכעס, כ׳בין נישט קיין בקי אין אַזעלכע זאַכן; אָבער איך געדענק גענוי, אַז געלייענט וועגן אַזאַ באַשעפענישל, וואָס דאָס שענסטע און בעסטע האָט עס ביים סוף. ווען דער „ער" און די „זי" פאָרן זיך, לייגט די „זי" די אייערלעך און פאַר־טיק, דאָס פאַרפאַלק שטאַרבט אין ליבע־עקסטאַז, זיי האָבן אַ זיסן טויט. כאָטש אַ שיינער סוף. דער מענטש האָט אַ מיאוסן סוף. כ׳רעד נישט וועגן אומקומען מיט פאַרשידענע מיתות משונות; מיר ווייסן דאָך עפּעס דערפון. מיר גייט אין דעם „נאָרמאַלן" טויט. האָסט מסתמא געזען שוין ווי אַזוי אַ מענטש שטאַרבט „נאָרמאַל". אָט גיב אַ קוק אויף יענעם בוים! אַ זקן, האַ? זע ווי ער איז אינעווייניק אויסגעהוילן. פון טיפער עלטער. ער שטאַרבט אויך אָפּ ביסלעכווייז, אָבער שטייט פעסט. און קוק ווי פון זיין אַלטן שטאַם שפּראָצן נאָך אַרויס יונגע גרינע צווייגן. אָט דאָס קליינטשיקע ביימעלע לעבן אים האָט מסתמא דאָ נישט לאַנג אַרויסגע־שפּראָצט פון זיינע זוימען. כ׳זאָג דיר, כ׳בין מקנא דעם בוים, ער פאַר־שווינדט נישט אַזוי ווי דער מענטש. דער מענטש, דער מענטש, ס׳קלינגט שיין, האַ? אויפן צווייטן טאָג הייבט ער אָן פוילן, ס׳ווערט פון אים... וואָס?

סאַלאָמאָן לייבאָוויטש האָט זיך שטאַרק אַ דריי געטאָן אויף דער באַנק, אויסגעקערעוועט צו יידלען דאָס פנים און אַ בלאָסן שמייכל גע־טאָן. ער האָט אויסגעזען פאַרטראָגן ערגעץ־ווו מיט זיינע רעיונות. אין דער אמתן האָט ער נאָכגעפאָלגט דעם מאָנאָלאָג און נאָכגעטראַכט. ער לייגט אָבער נישט אַרויס איינס־צוויי זיינע טראַכטענישן, ווי זיין אַלטער פריינד. יענער האָט אַ באַדערפעניש צו רעדן, ער, לייבאָוויטש, האָט אַ באַדערפעניש צו הערן. יידל מוז שטענדיק זיך אַראָפּרעדן פון האַרץ; און וואָס אויפן לונג איז אויפן צונג. אַז ער צערעדט זיך קאָן מען קיין וואָרט נישט אַריינשטעקן. סאַלאָמאָן דאַקעגן, האַלט אַלץ אין זיך, איז ווי אַ סאָלידער רעזערוואַר, זאַפּט איין יענעמס רייד ווי אַ שוואָם וואַ־סער.

ביידע האָבן אַ סך צייט און ווייניק געלעגנהייטן צו פאַרטאָן די צייט. ביידע זענען געבענטשט און געשטראָפט מיט ווייבער, וואָס היטן זיי צו און פאַרטראָגן נישט, אַז דער מאַן זאָל זיך אַריינמישן אין ווייבערישע

שטוב־זאַכן. זיי קאָנען אפילו נישט פאַרטשעפּען די הענט ביי דער שטוביקער באַלעבאַטישקייט. באַגעגענען, באַגעגענען זיי זיך אויפן פרימאַרגן־שפּאַציר אין גאָרטן. ווי פרי לייבאָוויטש זאָל נישט קומען, טרעפט ער שוין דאָרט ליטעווסקין. שטענדיק אויף דער זעלבער באַנק. אַזוי זינט מ׳האָט זיי אין 1956 משלח געווען פון זייערע באַשעפטיקונגען אין וועלכע זיי זענען געווען פאַרטאָן מיט לייב און לעבן. וועגן וואָס רעדט זיך דעמאָלט נישט? טיילמאָל קומט אויך צורייד וועגן ווייטן אַמאָל. וואָס אַ מענטש ווערט עלטער, אַלץ מער האָט ער ליב זיך אומצוקערן צו דער קינדהייט, צו דער יוגנט. יידל האָט אַ גוטן זכרון און האָט וואָס צו דערמאָנען. וואָס האָט ער אַלץ נישט פאַרזוכט אין לעבן? סאַלאָמאָן זיצט לעבן אים, ווי ביי אַן אָפענעם בוך, טיילמאָל וואַרפט ער צומאָל אַריין אַ וואָרט. דאָס מאָל איז יידל באַלד נאָכן גוט מאָרגן, כמעט אויפן ניכטערן מאָגן, אַרויס מיט זיין נייער הבל הבלים־פילאָזאָפיע.

אַז סאַלאָמאָן גיט זיך אומרואיק אַ דריי, איז אַ סימן, אַז ער האָט עפּעס קעגנצוזעצן, נאָר ער איילט זיך נישט, טראַכט אַריין אַ סך צו זאָגן וויניק, האַלט אפּנים שטאַרק פון שפּריכוואָרט: זיצן קאָנסטו קרום, אָבער רעדן זאָלסטו גלייך, צו דער זאַך, הייסט עס.

— ביסט גערעכט און ביסט נישט גערעכט.

— אין וואָס, אַ שטייגער, גערעכט און אין וואָס נישט גערעכט?

— איך, איך האַלט נישט אַז... דאָס מענטשלעכע לעבן איז טאַקע נישט קיין לייכטער שפּאַציר, נאָר ס׳לוינט פאָרט, ס׳לוינט, ס׳איז נישט אַזוי אַן שום...

יידל האָט נישט געהאַט קיין געדולד אויסצוהערן ביזן סוף און אים איבערגעריסן:

— לאָז געמאַך! איידער וואָס־ווען איז מען מיט אַ פוס אין קבר. נאָר, זיי־זשע מוחל, כ׳האָב דיר איבערגעריסן. רעד, רעד ווייטער.

— אָט נעם למשל אַ גוטן אורלויב. ווען איך פאָר צום ים, אין די בערג, דאַכט זיך מיר שטענדיק, אַז איידער וואָס־ווען, ווי דו זאָגסט, לויפן די צוויי־דריי וואָכן אַוועק; מיר איז שטענדיק אַ שאָד וואָס אַזוי קורץ. פון דעסטוועגן לוינט זיך. מ׳קאָן דאָך נישט שטענדיק זיין אויף אורלויב. אפשר וואָלט גאָר דעמאָלט דערעסן?

— חכם מיינער, ווייסט, אַז אין אַ יאָר אַרום וועסטו ווידער פאָרן אויף אורלויב. אַ שיינער פאַרגלייך. אַז מען הויכט אויס די נשמה איז אויס. שוין בעסער געווען די גאַנצע שפּיל צו מאַכן מיט אַ ביסל פאַנ־

טאָדע. זעסטו, אַז מ׳האָט אַמאָל געגלויבט אין אַ... ווייסט וואָס כ׳מיין; זאָל זיך אָן אויסטראַכטעניש, אבי נישט געווען — נישטאָ! אָפּגעמעקט!

— דיר פעלט דען פאַנטאַזיע? רעדסט וועגן מענטשלעכן לעבן ווי וועגן אַ ווייסטער שפּיל. נו יאָ, ס׳איז אַ דראַמע, זאָל מען זאָגן, אָבער מען דאַרף נישט די דראַמע צופיל דראַמאַטיזירן, מ׳דאַרף זי...

יידל איז אים אַריינגעפאַרן אין די רייד:

— דראַמאַטיזירן, דראַמע, קלייבסט צו שיינע ווערטער. וואָס טויגן מיר די אַלע רייד, מיר גייט אין עפּעס אַנדערש. ווייסט וואָס?

ער האָט זיך פאַרהאַלטן אין מיטן רעדן, פאַרטראַכט זיך, ווי ער וואָלט געזוכט פּאַסיקע ווערטער צו פאַרמולירן אַ נייעם געדאַנק. באַלד פאַרגעזעצט מיט ישוב־הדעת.

— ווייסט וואָס כ׳וועל דיר זאָגן? ס׳איז שוין אַ סך בעסער, אַז דער מענטש מאַכט זיך עפּעס אַ פאַרשטעלונג. זאָל מען זאָגן, ס׳איז דערנאָך אויך עפּעס פאַראַן, פון מענטש בלייבט נישט בלויז שטויב, ס׳ציט זיך ווייטער, ווייטער. מיר, למשל, געפעלט היינט דער גלויבן אין דער אומשטערבלעכ־קייט פון דער נשמה, נאָך מער די מעשה מיט תחית־המתים — אַ שיי־נע פאַנטאַזיע, אַ האָפענונג, זאָל זיין אַ נישט רעאַלע, אָבער אַ האָפענונג. כ׳בין געהאַט געווען אין טשעכיע, אין די סודעטן, אויף אַ קריסטלעכן בית־עולם. אויף אַ סך מצבות איז געווען אויפגעשריבן: „אונדזער טרייסט, אַז מיר וועלן זיך צוריקטרעפן״. אויף טייל מצבות איז געווען קורץ אויסגעקריצט: „צום ווידערזען״! הן דעם שטאַרבנדיקן, הן די געבליבענע איז געווען לייכטער מיט אַזאַ גלויבן.

יידל ליטעווסקי איז געוואָרן אויפגעלייגט, דער טאָן האָט זיך גע־ביטן, צוזאַמען מיט דער צעשפּילטער פאַנטאַזיע.

— שטעלסט זיך פאָר אַזאַ זאַך? איך קלייב מיך צו צעשיידן מיט דער וועלט — איך וועל זיכער שטאַרבן פריער פון דיר — און מיר ביי־דע, אונדזערע ווייבער, אַלע גלויבן מיר, אַז מיר וועלן זיך אויף יענער וועלט צוריק טרעפן; זאָל זיין, אַז אונדזערע נשמות. נאָך שענער איז די מעשה מיטן יידישן משיח. שטעלסט זיך פאָר, אין הונדערטער יאָרן אַרום, אָדער כ׳ווייס ווען, ס׳קומט זיך צו רייטן אויף אַ ווייסן פערד דער גואל משיח בן דוד, און די טויטע שטייען אויף תחית־המתים! שטעלסט זיך פאָר אַ באַגעגעניש צווישן אונדז ביידע? הלוואי וואָלט עס נאָר גע־קאָנט אמת זיין! איך בין בטבע פון שטענדיק אָן געווען אַ נייגעריקער. אוי וואָלט איך געוואָלט זען ווי אַזוי אונדזער וועלטל וועט אַמאָל אויס־

זען! אָבער אַ געלעכטער אין אַ זייט, כ׳זאָג דיר, ס׳איז גאָרנישט אַזוי שלעכט צו גלויבן אין אַ יענער וועלט, אין אומשטערבלעכקייט פון דער נשמה, אין תחית־המתים. דעם מענטשנס לעבן האָט עפּעס א ציל, אַ זין, ס׳ווערט נישט אָפּגעווישט מיטן טויט.

ווען סאָלאָמאָן לייבאָוויטש וואָלט זיך נישט אַ דריי געטאָן אויפן באַנק, וואָלט יידל ליטעווסקי געצויגן ווייטער. אַז סאָלאָמאָן מאַכט אַ באַ־וועגונג און גיט דערצו אַ שמייכל, איז אַ סימן אַז ער האָט עפּעס צו זאָגן, און יידל, כאָטש ער האָט ליבערש אַליין צו רעדן ווי לאָזן אַנדערע רעדן, הערט זיך געֹרן צו צו זיינע רייד. דעם אמת געזאָגט וואָרט ער, אַז סאָלאָ־מאָן זאָל צונישט מאַכן זיינע הבל הבלים־רייד, ער זאָל אַנצינדן אין אים עפּעס אַ פלעמל, פּונקט ווי אַ קראַנקער, וואָס גלויבט נישט אין דער מע־דיצין, גייט צו אַ דאָקטער און נעמט רעגולער זיינע פאַרשריבענע רפו־אות.

ער האָט אים אונטערגעמונטערט:

— נו, וואָס זאָגסטו דערצו? וואָלט נישט בעסער געווען, אַז פון אַ מענטש זאָל עפּעס בלייבן? ער זאָל אַזוי גענצלעך נישט אָפּגעווישט ווערן?

— מ׳ווערט נישט, מ׳ווערט נישט אַזוי אָפּגעווישט. ס׳בלייבט, ס׳בלייבט. איך זע דאָס אַנדערש.

— וואָס זעסטו? אדרבא, זאָל מען הערן.

— נישט אַזוי אַלץ אָן אַ זין. אין יעדערן פון אונדז פאַראַן אייביקייט. יעדער מענטש... ווי זאָל איך דיר דאָס אויסמשלען? נו, יעדערער פון אונדז אַ ריגגעלע אין אַן אומענדלעכער קייט. זאָל מען אָננעמען, אַז דעם מענטשנס לעבן איז עפּעס אַזאַ קורצע אַוואַנטורע אויף דער ערד, פאַר איינעם אַן אַנגענעמע אַוואַנטורע פאַר אַן אַנדערן אַ ביטערע, יעדע־רער טוט עפּעס אויף בעת זיין אַוואַנטורע, דער מענטש גייט אַוועק, אָבער ס׳בלייבט, ער לאָזט עפּעס נאָך זיך, ער טשעפּעט צו אַ רינגעלע צו דער קייט. און די קייט ציט זיך אין דער אומענדלעכקייט, אין דער אייבי־קייט. יעדער דור, יעדער מענטש...

ביי יידלען האָט ווידער געפּלאַצט דאָס געדולד:

— לאָז געמאַך! רעדסט ווי אַ בעל דרשן אויפן בעלעמער, אָדער להבדיל אַ גלח פון דער אַמבאָנע. ערגער נאָך! ווערטער ביי דיר ווי דראָטן. רעד מיט אַ מענטשלעך לשון! ס׳איז דיר פאַרבליבן דאָס רינגע־לע פון דיין מאַרקסיזם, ווילסט עס דורכאויס ערגעץ אַנדערש אַריינפּאַקן.

האָסט זיך שוין איין מאָל אָפּגעבריט מיט דייך רינגעלע. איך זאָג נישט, אַז איך האָב שוין אָנגעכאַפּט גאָט ביי דער באָרד, אָבער איך קאָן נישט פאַרדייען, ווען מ׳הייבט אָן צו רעדן ווי אַמאָל, ס׳זעט מיר אויס ווי מ׳וואָלט געקייט שטרוי.

לייבאָוויטש האָט זיך צעשמייכלט מיטן גאַנצן פּנים. קענטיק, אַז ליטעווסקי האָט אים געטראָפן אין פּינטל.

— גערעכט ביסטו, נאָר דער בעל דרשן ביסט דו און נישט איך. אַמאָל ווען כ׳האָב גערעדט פאַר אייך שבת אין וואַלד, האָב איך אַרויסגע־רעדט פון ביכלעך. ס׳איז געווען לייכטער. היינט, ווען כ׳וויל אַרויסברענ־גען מיינע אייגענע געדאַנקען, קומט עס מיר אָן שווערער. וועל איך דיר אויפקלערן די זעלבע זאַך אַנדערש, מיט אַ משל: מיט 6 יאָר צוריק בין איך אין האַרבסט געווען אויפן דאָרף, באַפריינדעט זיך מיט אַן אַלטן גערטנער, ליב געהאַט זיך צוצוקוקן ווי אַזוי דער 80־יאָריקער זקן גייט אום מיט זיין באַלעבאַטישקייט. איין מאָל זע איך ער פלאַנצט פרוכטן־ביימעלעך. ווייסט וואָסערע? אַבריקאָזן־ביימעלעך, אין אונדזער קלימאַט אַבריקאָזן.

— ווען וועלן זיי געבן פרוכטן? — האָב איך געפרעגט.

— אַ, גאָט איינער ווייסט צי איך וועל דאָס דערלעבן. שוין געהאַט פאַרפלאַנצט, ס׳איז גאָרנישט אַרויסגעקומען, געווען אַ פריער, קאַלטער ווינטער. איצט וועל איך זיי בעסער באַוואָרענען פאַר קעלט. כ׳בין אַן עקשן, ס׳האָט מיך אַריינגעצויגן.

מיט עטלעכע חדשים צוריק, אין פרילינג, דאָרט ווידער געווען, נאָר געטראָפן בלויז דאָס אַלטע ווייב אין גאָרטן. דער אַלטיטשקער איז שוין געווען פאַרפוילט, ווי דו זאָגסט עס. מיט צוויי יאָר צוריק זיך פאַרקילט און געשטאָרבן. ער האָט געלאָזט נאָך זיך די זעלטענע ביימעלעך, כ׳האָב זיי געזען אין בליעכץ.

יעדערער לאָזט עפּעס נאָך זיך, עפּעס פון זיך. זעסטו, פאָרט פאַראַן אַ זין. די, וואָס זענען נישטאָ, האָבן עפּעס געלאָזט פאַר אונדז און לעבן אין אונדז. מיר וועלן לעבן אין די, וואָס וועלן קומען נאָך אונדז. אַזוי רינגלט זיך און קייטלט זיך. אין דעם דער זין מסתמא.

— אַ נייע פילאָזאָפיע! ווען איז זי געבוירן געוואָרן ביי דיר?

— נישט ביי מיר געבוירן געוואָרן, אַן אַלטע פילאָזאָפיע.

— זאָל זיין, אַז אַן אַלטע, נאָר זאָג־זשע מיר, חכם מיינער, וואָס איז דייך גערטנער אַרויסגעקומען פון די ביימעלעך זיינע? ס׳איז אים מיט

זיי לייכטער געווען זיך צו שיידן מיט דער וועלט? צי אפשר גאַר שווע־רער? טאַקע צוליב זיינע ביימעלעך, וואָרעם ער האָט זיי דאָך געפלאַנצט נישט פאַר דיר און נישט פאַר מיר, נאָר פאַר זיך. מיינסט ער האָט דע־מאָלט געטראַכט וועגן קיטלען זיך און רינגלען זיך?

ער האָט אָפּגעהאַקט. די היציקייט האָט זיך אָפּגעקילט, האָט אָנגע־הויבן רעדן געלאַסענער:

— איין זאַך געפעלט מיר יאָ ביי דיין גערטנער, ער האָט געפלאַנצט אַזוי לאַנג ווי ער האָט געלעבט, פאַרן לעבן נישט געוואָרן קיין מת. אַז מען פלאַנצט ביזן סוף איז גאָר עפּעס אַנדערש.

— אָט דאָ ביסטו גערעכט.

— און ווייטער דען נישט?

— ניין, ניין, אַ מענטש שטאַרבט נישט אָפּ און גאָרנישט. אָט נעם אונדזערע ביידנס משפחות, די אַלע, וואָס האָבן אפילו קיין קברים נישט, זייערע ביינער, דאָס אַש — גאָרנישט פאַרבליבן. און זיי לעבן צווישן אונדז, מיר הערן זייערע שטימען, זייערע געשרייען, מיר פילן, ווי זיי... פּונקט ווי זיי וואָלטן אומזעבאַרע אַרומגעשוועבט אין דער לופט. חוץ דעם האָט יעדערער פון זיי עפּעס ממשותדיקס געלאָזן, פּונקט ווי דער גערטנער זיינע ביימעלעך, איינער זיינע געדאַנקען, אַן אַנדערער זיינע טואונגען. אַזוי אויך גאַנצע דורות. ווי זאָל איך עס זאָגן? יעדערער באַזונדער, אַלע צוזאַמען, ס׳פלעכט זיך. צי צעקייסטו דאָס?

— אַכאַ, נישט געגלויבט, אַז דו קענסט נאָך אַזוי שיין רעדן, ס׳לשון הייבט דיר אָן צוריק צו קומען, דו שוויגער מיינער. זינט דו האָסט אָנ־געהויבן שוויגן, האָב איך געמיינט, אַז האָסט אויף שטענדיק פאַרלוירן די צונג אין מויל. נאָר דאָס, פאַרשטייסטו מיר, איז גאָר עפּעס אַנדערש. איך האָב דיר אויפגעמישט אַן אַנדער פרשה פון דער זעלבער סדרה. אוי, ס׳גייט שוין ווידער רעגענען, אַ פאַסקודנער זומער!

— ס׳רעגנט שוין שיינע עטלעכע מינוט און ביי דיר ווערט עס איצט גיין רעגענען. האָסט נישט געזען, נישט געפילט?

— אַז דו האָסט זיך אַזוי צערעדט! פּונקט ווי אין די אַמאָליקע צייטן. און אונטערן בוים פילט מען גאָרנישט. אַ גוטער בוים, ס׳איז אונטער אים ווי אונטער אַ שירעם.

— נו, זעסטו, פאַרט נישט אַלץ אָן אַ זין. דער בוים איז ווי אַ שירעם קעגן רעגן, אפשר האָט עמעצער דעם בוים געפלאַנצט דאָ אין גאָרטן, אפשר אַזאַ ענלעכער גערטנער ווי דער אַלטער פּויער?

— לאָז שוין אָפּ דײַנע גערטנער, גיב בעסער אַ קוק וואָס פֿאַראַ זומער מיר האָבן. די לעצטע יאָרן איז דער זומער קיין זומער נישט, דער ווינטער קיין ווינטער, אַלץ צעדרייט, פּונקט ווי דער וואָס איז אין הימל וואָלט אַזוי פֿאַרלוירן דעם קאָפּ, ווי די, וואָס באַלעבאַטעווען דאָ ביי אונדז. אוי, ס׳קאָפּעט מיר אויפֿן קאָפּ, קום, מ׳וועט אפֿשר ערגעץ געפֿינען אַ דעכל, קיין קאַווינאַרניעס האָבן אונדזערע באַלעבאַטים נאָך נישט צו־געגרייט פֿאַר אונדז. זע, ס׳שיט פֿון הימל ווי מיט מאָן.

דער פּרימאָרגנדיקער, זומערדיקער הימל האָט זיך געהאַט שטופּנ־וויז פֿאַרצויגן מיט אַ טונקל גרויעם נעפּל, אַראָפּגעלאָזן זיך נידעריקער און נידעריקער איבער דער ערד. ס׳האָט אָנגעהויבן טריפֿן אַ דין רעגנדל. די טראָפּנס זענען הענגען געבליבן אויף די בלעטער פֿון די ביימער. ווען די טראָפּנס האָבן אָנגעהויבן אַראָפּקאַפּן פֿון די שווערע, נאַסע בלעטער, האָט זיך ערשט דעמאָלט יידל ליטעווסקי אַרומגעזען, אַז ס׳שיט פֿון הימל, ווי מיט מאָן.

— ווייסט, אַזאַ רעגנדל איז שוין אויף אַ גאַנצן טאָג. ס׳איז ווי אַ זשמודנע פֿליג, וואָס טשעפּעט זיך צו און וויל נישט אָפּטרעטן. אויף אַזאַ וועטער נאָך צום בעסטן זיצן אין שטוב, נישט רייצן זיך מיטן רעוו־מאַטיזם. ס׳איז אַ פּאַסיק וועטער אויסצוסאָרטירן אַ רימל פּאָסט־מאַר־קעס; ס׳וואַרט אויף מיינע הענט.

— שפּילסט זיך אין פּאָסט־מאַרקעס?

— ווייסט דען נישט, אַז ס׳איז פֿאַרן שכנס בנאַק? נאָך קיין גאַנצע 6 יאָר נישט און דאָס וויל שוין אַלץ וויסן. ער רופֿט מיך זיידע, דאַרף ווי ס׳לעבן האָבן אַ זיידע. און דער זיידע זיינער איז אַוועק מיטן רויך פֿון אוישוויץ. זעצט זיך אַוועק אויף מיינע קני ווי אַ קעצל. „זיידע, פֿון וועלכן לאַנד? זיידע, העלף אויסקלייבן, זיידע העלף אויסקלעפּן”. איז ווי זאָל דאָס נישט אַ נעם טאָן? זאָל ער האָבן עפּעס פֿון מיר. ער וועט זיך אפֿשר אַמאָל דערמאָנען.

— זעסטו, פֿאַראַן פֿאַרט רינגעלעך, זיי וועלן זיך קייטלען און...

— האַ? יאָ, יאָ, איצט האָסטו מיך געכאַפּט מיט דיך רינגעלע.

וואַרשע, 1967

דער בעל־יובל מיט זיך אַליין

זי האָט זיך אויפגעכאַפּט פריער ווי געוויינלעך. פרי זיך אויפכאַפּן איז אירע אַ שטענדיקע טבע. זי ווייסט, אַז ס'איז נישט אין גאַנצן נאָר־מאַל. ביי פרויען איז דער שטאַרקסטער שלאָף אין די ערשטע פרימאָרגן־שעהן. נאָר וועלכער מענטש האָט עס נישט עפּעס אַן אַנאָמאַליע?

אַז ליזע שלאָפט אָבער איין שפּעט, פאַרשלאָפט זי אינדערפרי, דער שלאָף נעמט זיך אָפּ זיינס. דאָס מאָל איז זי איינגעשלאָפן גאָר שפּעט. אין מוח האָט זיך גערודערט. זי האָט נישט געקאָנט איינשטילן די צערודערט־קייט. איר אַ מיטל איינצושלאָפן איז ציילן, האָט זי געפּרוווט ציילן, עט־לעכע מאָל אפילו ביז טויזנט. ס'האָט דאָס מאָל נאָך מער צעשטרייט. ווען און ווי אַזוי זי איז איינגעשלאָפן געדענקט זי נישט. אָבער נישט אויף לאַנג.

זי האָט זיך אויפגעכאַפּט מיטן זון־אויפגאַנג. דורכן אָפענעם פענצ־טער, וואָס גייט אַרויס צו מזרח, זענען אַריינגעפאַלן די ערשטע גאָלדע־נע זון־שטראַלן, געוואָרפן זיך אויף דער אַנטקעגנאיבערדיקער וואַנט, ווי רעפלעקטאָרן־ליכט. דער לויטערער הימל, וואָס קוקט אַריין דורכן פענצ־טער, זאָגט אָן אַ זומערדיקן, הייסן טאָג.

ליזע וויל נאָך נישט אויפנעמען דעם טאָג. דער קאָפּ איז שווער, אין די ביינער, אין גאַנצן לייב שטעקט נאָך דער נישט אויסגעשלאָפענער שלאָף. זי פאַרמאַכט די אויגן, דרייט זיך איבער אויף דער צווייטער זייט, ציט איין די אויסגעצויגענע פיס, קאָרטשעט זיך איין, ווי זי וואָלט אַריינ־געקראָכן טיף אין זיך. אַזוי איז איר שטענדיק לייכטער איינצושלאָפן. זי טרייבט פון זיך די צעריסענע געדאַנקען, וואָס קריכן אין קאָפּ, זי וויל צומאָל נישט אַ קוק כאַפּן אויפן האַנט־זייגערל. זי דאַרף שלאָפן, זי מוז. איר איז נויטיק שלאָף, ווי אַ הונגעריקן שפּייז, זי וועט זיך צווינגען איינ־צושלאָפן, ווי עמעצער, וואָס פאַרלירט דעם אַפּעטיט, צווינגט זיך צו עסן.

אומזיסט. דער מוח וויל בשום אופן נישט רוען. ס'האָט דאָרט שטאַרק אָנגעקלאַפּט: געבורטס־טאָג!

אַזוי פיל געבורטס־טעג געהאַט און קיינמאָל נישט געווען אַזוי צע־נומען. אָבער קיינמאָל נאָך נישט געהאַט קיין 60 יאָר. ווען זי איז אַ יונג מיידל געווען, האָט זי געמיינט, אַז אַ מענטש פון 60 יאָר איז גאָר אַן אַל־טער מענטש. היינט נישט. פילט זי דאָך זיך נאָך יונג, איר דוכט, אַז זי טראָגט נישט אין זיך די 60 יאָר.

ניין, זי פילט זיך נישט ווי אין איר עלטער, פאַרקערט, אין אַ סך הינ־זיכטן זעט איר אויס ווי זי וואָלט ייִנגער געווען ווי מיט צען־פופצן יאָר צוריק. „אַ מענטש האָט אַזוי פיל יאָרן וויפל ער פילט אין זיך און נישט וויפל ער האָט אין דער ווירקלעכקייט”. אַזוי זאָגן די פראַנצויזן.

זי האָט נישט ליב צו רעדן וועגן איר עלטער. ווען ס׳טרעפט מען פרעגט זי וויפל זי איז אַלט, מאַכט זי זיך נישט הערן. זי האָט קיינמאָל נישט ליב געהאַט אויסצוזאָגן איר עלטער. פוסטקייט? פאַרוואָס זאָל דאָס זיין צוליב פוסטקייט? וואָס דען? אַ ווייבערישע טבע אַזאַ? זי ווייסט נישט. זי, ליזע, ווייסט נאָר איינס אויף זיכער: זי רעדט זיך שטענדיק איין, אַז זי איז ייִנגער ווי זי איז, אפילו ווען זי איז גאָר יונג געווען. אפשר אַ טעות אין דער מעטריקע? סתם צו וואָס אויסזאָגן די עלטער, ווען וואָס ייִנגער מען איז, אַלץ מער עפענען זיך אומעטום פאַר דיר די טירן.

איר אַלטער פריינד האָט אַן אַנדער מיטל צו זיין יונג און ער באַט דאָס מיטל אויך איר אָן:

— נעם זיך אַריין אין זינען, אַז דו ביסט ייִנגער, ווי דו וועסט זיין אין צען יאָר אַרום, און א סך מער ייִנגער, ווי אין צוואַנציק יאָר אַרום.

יעדעס מאָל, ווען ס׳קומט צורייד וועגן עלטער, גיט ער איר די זעלבע עצה. ער האָט זיך צומאָל פאַרגאַלאָפּירט און איר אויסגערעכנט, אַז זי איז היינט מיט דרייסיק יאָר ייִנגער, ווי אין דרייסיק יאָר אַרום.

ניין, ניין, זי וויל נישט אַזאַ טרייסט. זי מעסט סתם די עלטער מיט אַן אַנדער מאָס, נישט בלויז מיט יאָרן. זי דערמאָנט זיך אין צייטן, ווען ס׳האָט זיך איר געדוכט, אַז זי לעבט שוין זייער, זייער לאַנג, אַז זי איז אָנגעשטאָפּט ביזן האַלדז מיט ביטערע יאָרן. און וויפל מאָל האָט זיך איר געדוכט, אַז זי איז נאָך גאָר־גאָר יונג, אַז זי וועט נאָך אַ צעשפּרייט טאָן די פליגלען, אַז זי וועט נאָך... זי וועט... ניין, דאָס זענען נישט קיין שטימונגען, אַזאַ געמיט־צושטאַנד ווערט באַשאַפן דורך סיטואַציעס, פּאַ־סירונגען. פון דעסטוועגן וויל זי מעסטן אי די עלטער, אי בכלל דאָס לעבן מיט עפּעס אַן אייגענער מאָס.

לילי בערגער

60 יאָר! ווי האַלט זי אין דער וועלט? וואָס פון אירע טרוימען רע־אַליזירט? וואָס אויפגעטאָן? וואָס איז אַרויסגעקומען פון אַלע אַמפּער־נישן? גאָרנישט! אַפּטמאָל דוכט איר, אַז זי האָט דאָס גאַנצע לעבן גע־בלאָנדזשעט. נישט געווען קיינער ווער ס׳זאָל העלפן אָפּגעפינען אַ וועג, וואָס זאָל ווייזן דורך וואַנען און ווי אַזוי. אַליין האָט זי אויך נישט גע־ווּוסט ווו אַיין און ווו אויס. זי האָט אַלץ געפּרוּווט, געאַרבעט ביי אַלע מלאכות און דערנאָך זיך געפּאַרעט מיט אַלע מינים קונסט, נאָר אַלץ האָט איר פאַרשטעלט, אַלץ איז איינגעשלונגען געוואָרן דורך אַזאַ הייסן דראַנג צו היילן די ווונדן פון דער וועלט.

קליינערהייט האָט זי זיך געלערנט שפּילן פידל. די עלטערן איז דאָס נישט געפעלן. שטיין מיטן פידל, אָנגעשפּאַרט אונטער דער גאָמבע און פירן מיטן סמיטשעק! ס׳איז נישט פאַר קיין מיידל. ס׳איז צו מאַנסבילש. אָבער פון איר מוזיקאַלישן טאַלאַנט האָבן זיי געהאַלטן. טאָ זאָל זיין קלאַ־וויר. ס׳פּאַסט מער פאַר אַ מיידל. שפּילן קלאַוויר איז כמעט אַ שטיקל **גדלות.**

זיי זענען צו אָרעם געווען צו קויפן אַ קלאַוויר. אַ פידל, אַ קלאָק, האָט געלאָזט דער עלטערער ברודער. ער איז אַוועק קיין אַמעריקע, דאָרט וועט ער קויפן אַ נייעם. ווען ער האָט זיך צעשיידט מיט דער היים, האָט ער זיך אויך צעשיידט מיטן אַלטן, קלאָקעוואַטן פידל.

די „משוגענע פּריצטע״, ווי מ׳האָט גערופן די אלמנה נאָכן אַפּטיי־קער, האָט ליב געהאַט הינט, קעץ און שפּילן קלאַוויר. זי האָט, אַ סברה, מיט מער געניטקייט געפלעגט די הינט, געניאַנטשעט די קעץ, ווי גע־שפּילט, אָבער פאַרט געשפּילט קלאַוויר. איר מאַן, דער גויישער אַפּטיי־**קער, איידער ער איז געשטאָרבן,** האָט איר פאַרזאָרגט אויף אַלע יאָרן. זי איז געווען זייער קונהטע. די מאַמע האָט איר צוגעשטעלט אַלץ, וואָס זי האָט געדאַרפט פון געוועלבל, גלייך אין שטוב אַריין. האָט זי לייכט געפּועלט ביי איר זי זאָל לערנען די טאָכטער קלאַוויר. 3-4 שעה אין טאָג אָן איבעררייס איז ליזע געזעסן שטייף ביים קלאַוויר. זי איז געזעסן צוגע־שמידט צו דער טאַבורעטקע אַזוי לאַנג ווי די „פּראָפּעסאָרין״ האָט חשק געהאַט זיך צו פאַרווײלן מיט פּעדאַגאָגיק און אויסגעשטאַנען דער משו־גענער פּריצטעס אַלע משוגעתן. זי, די פּריצטע, האָט פון מאָל צו מאָל זיך אויסגעצויגן אויף דער קאַזעטע, ליזע האָט געמוזט קלאַפּן מיט די פינגער איבער די קלאַווישן. ס׳האָט געהייסן „מאַכן איבונגען״. זי האָט דעם קלאַוויר פיינט געקריגן אימת מוות און צוליב דעם אויך דעם פידל.

ווען זי האָט פאַרלאָזט דאָס שטעטל האָט זי צו אַלעמען און אַלץ גע־בענקט, נאָר נישט צום קלאַוויר און נישט צום פידל.

דערנאָך, שיינע עטלעכע יאָר וואַרשע. די גימנאַזיע. די בוידעם־שטיבלעך. די הונגעריקע טעג און קאַלטע נעכט. דער מאַמען האָט זי געשריבן, אַז זי פאַרדינט כמעט אויף אויסהאַלטונג מיט לעקציעס. וויפל צענדליקער תעניתים אין יאָר האָט זי געפאַסט? אָבער באַלד נאָך דער מאַטורע איז זי איבערגעגאַנגען אויף מלוכישע אויסהאַלטונג — אין תפיסה. אָפּגעקומען בלויז מיט איין יאָר. די עלטערן האָבן געוויינט און געקלאָגט. זי אָבער: וואָס פאַרשטייען זיי? אַ פאַרלוירן יאָר? יאָ, פאַרשפּעטיקט מיט אַ יאָר אויפן אוניווערסיטעט, דערפאַר רייפער גע־וואָרן מיט אַ סך יאָרן.

פאַרוואָס האָט זי זיך פּלוצלינג אַריינגענומען אין קאָפּ מעדיצין? זי האָט דאָך געזאָלט שטודירן געשיכטע. צי נישט צוליב די קראַנקע קינדער אין יתומים־הויז, ווו זי האָט געאַרבעט בעת די לעצטע זומער־פעריען? זי האָט זיך צוגעאיילט און געשיקט די מאַטורע אויף דער סאָר־באָנע. אַ ברודער אין פּאַריז, כמעט נאָך אַ גרינער, זיך נאָך נישט אַרויפּ־געאַרבעט אויף אַ לייטישער וווינונג, נאָר פאַרט אַ ברודער, ער האָט צוגעזאָגט איר צו העלפן. פּלוצלינג דער בריוו: ער שטעלט אַ באַדינג, דער ברודער: אָפּזאָגן זיך פון פּאָליטיק. ער איז אַן אויסלענדער, וויל נישט צוליב איר אַרויסגעשיקט ווערן, און אַז מען וויל שטודירן מאַכט מען נישט קיין רעוואָלוציעס. זי האָט לאַנג נישט געטראַכט, געענטפערט קורץ און שאַרף: מוחל טובות, אַ טובה מיט אַ תנאי איז קיין טובה נישט. זאָל ער אַרויסציען און צוריקשיקן די מאַטורע.

אַ צווייט יאָר פאַרלוירן. דאָס אַקאַדעמישע יאָר אויפן אָרט פאַר־שפּעטיקט. נאָך גוט וואָס ס׳האָט איר צוגעגליקט און באַקומען אַרבעט. אַ „קאָנדיציע״. מ׳איז איר מקנא געווען דעם פּאָסטן — 12־14 שעה אַ טאָג מיט קאַפּריזנע, צעבאַליעוועטע קינדער. בלויז איין פרייער טאָג אין חודש. זי האָט אָבער אָנגעזאַמלט אַ ביסל געלט און אַוועק קיין ווין, אָנגעהויבן שטודירן פּעדאַגאָגיק. מעדיצין דויערט צו לאַנג. און אפשר איז פּונקט אַזוי נויטיק צו דערציען, ווי צו היילן מענטשן? זי וואָלט דעמאָלט באַשטאַנען אויף ביידע, נאָר זי האָט געמוזט אויסוויילן. טאָ זאָל זיין פּעדאַגאָגיק. צו דעם דאַרף מען אויך עטלעכע שיינע יאָר פאַר־דינען אויף לעבן. זי האָט באַקומען דורך באַקאַנטע אַ נאָך־מיטאָג באַשעפ־טיקונג ביי הויז־ווירטשאַפט.

ס׳איז געווען די פּאַסיקסטע באַשעפטיקונג צו קאָנען שטודירן. צו וואָסער טייוול איז זי אַוועק אין אַ פאַבריק? פּראָלעטאַריזירן זיך. האָט זי זיך מער פּראָלעטאַריזירט ווי געשטודירט. אין ערגעץ לאַנג דאָס אָרט נישט אָנגעוואָרמעט, פון איין פאַבריקל אין אַ צווייטס און צום סוף צווייטן יאָר ערשט באַלייגט די ערשטע עקזאַמענס. זי וואָלט דאָך דורכגעבראָכן, וואָלט מסתמא פאַרענדיקט דאָס שטודירן, איז אָבער אונטערגעקומען דער „אנשלוס״; דער היטלער־געשפּענסט האָט געטריבן, געיאָגט פון לאַנד צו לאַנד. זי איז אַריין אין דער קאַטעגאָריע „פּליכטלינגע״. וועמען איז שוין דעמאָלט געלעגן אין קאָפּ דאָס שטודירן? מיט וואָס זענען אַוועק יענע יאָרן? זי ווייסט אַליין נישט, כאָטש זי איז אויך דעמאָלט פאַרקאָפּעט געווען איבערן קאָפּ מיט... מיט וואָס?

צום קלאָרסטן האָבן זיך איינגעקריצט אין זכרון די מלחמה־יאָרן. פינצטערע יאָרן און דאָך איז אין קאָפּ געווען ליכטיק, אין האַרץ טראָץ אַלעמען אַ גרויסער גלויבן: דאָס מאָל וועט עס אַ סוף נעמען, מ׳וועט אָפּרייניקן די וועלט פון אַלע מינים מענטשלעכע שרצים. מ׳האָט איר דעמאָלט איינגערעדט, אַז זי האָט פאַר גאָרנישט קיין מורא. צי האָט זי באמת נישט מורא געהאַט, ווען זי האָט זיך געלאָזט דורך באַדראָטע וועגן מיט אַ וואַליזקע גראַנאַטן, וואָס זי האָט געדאַרפט ערגעץ צושטעלן? און ווען זי האָט אין איר געהיימער דירה געהאַלטן פאַרשידענע מינים געווער? און דערנאָך אין וואַלד? א צופאַל האָט זי אַלע מאָל אָפּגעראַטעוועט. מ׳האָט עס צוגעשריבן איר בריהשאַפט, איר אומדערשראָקנקייט. נישט אמת, צום גרעסטן טייל געראַטעוועט זיך דורך אַ צופאַל. מורא געהאַט פאַרן טויט האָט זי יאָ, שטאַרק מורא געהאַט נישט אַריינצופאַלן אין זייערע נעגל. בעת אַן „אַקציע״ האָט דאָס האַרץ געקלאַפּט ווי מיט האַמערס, נאָר זי האָט אַרויפגעצויגן אַ רואיקע מאַסקע אויף זיך, געווען געלאַסן, „אומדערשראָקן״. זי האָט אַזוי געוואָלט איבערלעבן, דערלעבן דעם סוף. ס׳וועט זיין אַן אַנדערע וועלט, מ׳וועט ערשט וויסן ווי אַזוי צו לעבן.

ליזע האָט זיך אויסגעצויגן, אויסגעגלייכט די גלידער. זי וועט שוין סייווי נישט איינשלאָפן. ס׳האָט זיך אַוועקגעשטעלט פאַר אירע אויגן עפּעס אַ מין טעלעסקאָפּ, צווינגט זי אַריינצוקוקן, צו זען דורכלויפנדיקע בילדער. זי האָט זיי שוין לאַנג נישט געזען, זיי זענען אָפּגערוקט געווען ווייט. איצט האָבן זיי זיך דערנענטערט. זיי לויפן דורך פאַר אירע אויגן, דרייען זיך ווי אין אַ חלום. אין האַרץ נאָגט עפּעס אַזוי שטאַרק. פאַרוואָס?

איז דאָס צוליבן פּאַרדרוס אויף זיך גופא? דאָס געפיל פון אַ נישט אויס־געלעבט, צעטרענצלט לעבן?

זי פרווווט זיך טרייסטן: נישט אַלץ דאָך צעטרענצלט, אַ סך זאַכן וואָלט זי היינט איבערגעחזרט, אויב מ׳וואָלט געדאַרפט. אָבער פּאָרט צע־טרענצלט דאָס ביז איצטיקע לעבן. שטענדיק אַ פּאַרשפּעקטיווע, שטענ־דיק אַן אָנהייבערין, אַן אייביקע דעביוטאַנטין.

זי וואָלט איצט געוואָלט געפינען אַ פּאַרענטפערונג אויף דער פראַ־גע, וואָס מאַטערט זי: פאַרוואָס האָט זי דערנאָך נישט אויסגעקליבן קיין וועג? פאַרוואָס נישט אָנגעהאַנגען זיך, נישט אָנגעקלאַמערט זיך אין איין זאַך? ווען זי איז אַלט געוואָרן 38 יאָר, האָט זי זיך אַרומגעזען, אַז זי הענגט אין דער לופטן, אַן אַ באָדן אונטער די פיס. זי איז אַלץ און גאָרנישט. אַ מענטש דאַרף דאָך עפּעס זיין. זי דערמאָנט זיך ווי זי האָט אַמאָל געהאַט געפרעגט אַ פּאַרריסענעם מענטש וואָס ער איז פון פאַך.

— איך? האָט ער פאַרוווּנדערט איבערגעפרעגט. איך בין אַ כלל־טוער, האָט ער מיט אַ פּאַרריסענער זיכערקייט געענטפערט.

ס׳איז איר געוואָרן אומעטיק, ווייל ס׳האָט איר אַמאָל געדראָט צו ווערן פון „פאַך" אַזעלכע ווי יענער. אויב מ׳וואָלט זי געפרעגט אַן עצה, וואָלט זי אַזאַ „פּראָפעסיע" אָפּגעשאַפט. כלל־טוער און פּאָליטיקער וואָלטן געדאַרפט לעבן פון אַנדערע פּראָפעסיעס, ס׳וואָלטן אפשר געווען ווייני־קער קאַנדידאַטן אויף פּאָליטיקער און פּראָפעסיאָנעלע כלל־טוער, ס׳וואָלט אָבער בעסער געווען פאַרן כלל. צוואָס האָט זי אַלץ נישט געזאָלט זיך נעמען! נאָך דער מלחמה האָט זי כסדר מיט זיך איינגעחזרט: מ׳דאַרף זיך אין עפּעס אָנהענגען! איינבייסן זיך מיט די ציין!

זי האָט דאָס אַ סך מאָל געפּרווּט. פלענער איר האָבן נישט געפעלט, פאַרקערט, געווען צופיל. זי האָט געלעבט מיט פלענער, טרוימען, פאַר־לאַנגען. ס׳איז פון זיי גאָרנישט געוואָרן. אָט האָט זי אַמאָל פאַרטראַכט אָנצושרייבן אַ בוך, געהאַט דורכגעטראַכט די גאַנצע זאַך, אפילו די באַ־זונדערע קאַפּיטלען. ס׳האָט געזאָלט זיין אַ ברייטער ראָמאַן פון איר דור. צו דער פעדער האָט זי שטענדיק געצויגן, נאָך אין שול האָט זי געשריבן לידער, קיינער האָט דערפון נישט געוווּסט. ס׳איז געווען איר גרויסער סוד. די לידער האָט זי שפּעטער צעריסן, דאָס טאָג־בוך, וואָס זי האָט אין געהיים געפירט, איז אין דער מלחמה פאַרלוירן געגאַנגען. פאַרוואָס האָט זי זיך צוריק נישט גענומען צו דעם? איז זי דאָך געווען זיכער, אַז ס׳געהער זיך אַן מיט איר. פאַרוואָס האָט זי דאָס אַלץ אָפּגעלאָזט?

זי האָט אויך אויף אַ לאַנגער צייט פאַרוואָרפן דאָס צייכענען. דאָס מאָלן האָט זי שוין פון לאַנג געהאַט אָפּגעלאָזט. און האָט זי דאָך אין איר פריִער יוגנט אַ סך זיך געפּאָרעט מיט מאַלעריי. זי האָט אין איר שטעטל געמאָלן די פעלדער פון הינטער זייער הויז, דאָס וועלדל, דעם טייך, געמאַכט צענדליקער בילדער מיט פעלד־בלומען. צי ווייל זי האָט דעמאָלט אַזוי שטאַרק ליב געהאַט דעם דאָרפישן פּייזאַזש, צי ווייל זי האָט ליב געהאַט צו מאָלן און צייכענען? מיט צייכענונגען האָט זי, פאַרן פאַרלאָזן ווין, אַ שטיקל צייט אפילו פאַרדינט אויף חיונה. זי האָט אַרײַנגעשיקט עטלעכע צייכענונגען אין אַ קינדער־זשורנאַל און דערנאָך באַקומען אַ באַשטעלונג צו אילוסטרירן אַ קינדער־בוך, שפּעטער געמאַכט צייכענונגען פאַרן קינדער־זשורנאַל. זי האָט דאָס באַטראַכט פאַר אַ טייל פון איר פּעדאַגאָגישן באַרוף, אָבער נישט פאַר אַ באַרוף גופא.

צו וואָס האָט זי זיך אַלץ נישט גענומען? אָט אַן איינפאַל געהאַט: ווען איז דאָס געווען? יאָ, ווינטער 1943, איידער זי איז אַוועק אין וואַלד. 6 חדשים איז זי אויסבאַהאַלטן געווען ביים עטנאָגראַף, נאָך דעם ווי זי איז צעמזיקט געוואָרן בעת אַן אַקציע. זי האָט זיך געהאַט געשלעפּט מיט אַ דורכגעשאָסענעם פוס. פון אירע 4 באַגלייטער זענען פאַרבליבן צוויי. זי האָט געבעטן זיי זאָלן זי לאָזן, אָבער זיי האָבן זי געבראַכט צו שלעפּן צו דער פויערישער כאַטע, איינדערפרי זי אַרויפגעלייגט אויף אַ פורל, פאַרדעקט זי מיט שטרוי און אַוועקגעפירט אין דער קליינער הינטער־שטאָטישער ווילע.

בראַנעקס פּראָפעסאָר, אַ יונגער עטנאָגראַף, איז אָנהייב מלחמה אַוועק אין דער אַרמיי, דערנאָך אויף אַן אומפאַרשטענדלעכן אופן זיך אַריבערבאַקומען קיין ענגלאַנד. ער האָט געלאָזט אַ שיינע ווילע, אַ קליינטשיקע אַלטע מוטער און אַ גרויסע ביבליאָטעק. סיי די ווילע, סיי די אַלטע מאַמע און די ביבליאָטעק האָבן זי אָפּגעראַטעוועט. ביינאַכט האָבן די ווייטאָקן נישט געלאָזט שלאָפן. זי האָט זיי פאַרטריבן מיט דער לעקטור. זי האָט געלייענט און נאָטירט. קיין בעסערע רפואה איז נישט געווען צו די יסורים, לייענענדיק האָט זי אין זיי פאַרגעסן. נאָך דריי חדשים לייענען און נאָטירן האָט זי זיך גענומען צום שרייבן, אָנגעשריבן אַ קליינע אַרבעט אויף וואָסערע איבער הונדערט זייטלעך וועגן פעלקער־און ראַסן־קרייצונגען. ס'איז געווען אַ באַגרינדונג קעגן דער היטלעריסטישער ראַסן־לערע. זי האָט געמאַכט די אַרבעט פּונקט ווי זי וואָלט איבערגעטראָגן גראַנאַטן אָדער אַנטייל גענומען אין אַ סאַבאָטאַזש־אַקציע. אָבער

מבינים האָבן די אַרבעט געריטמט, פאַרויסגעזאָגט איר אַ וויסנשאַפטלעכע קאַריערע.

פאַרוואָס איז זי נישט געגאַנגען אין דער ריכטונג? צוליבן קינד, וואָס זי האָט געבראַכט אויף דער וועלט? צי ווייל די מאַטוריע איז אין מלחמה־שטורעם פאַרלוירן געגאַנגען? אפשר נישט צוליבן ערשטן און נישט צוליבן צווייטן. ס'איז ווידער געווען בילכערס.

צי זוכט זי אַמאָל נישט קיין פאַרענטפערונג פאַר איר אומבאַהאָלפנקייט? דעצידירן זיך אויף עפּעס איז פאַר איר, ליזען, קיינמאָל נישט געווען פון די לייכטע זאַכן. מאַכן אַן אויסוואַל! וואָס פאַרא וואַנט דורכצוברעכן. זי דערמאָנט זיך איצט, ווי זי איז איין מאָל, בעת שטאַרקע אָמפערנישן מיט זיך, געשטאַנען פאַר אַן אויסוואַל. זי איז אינדערפרי אַרויס פון שטוב מיט צוויי אַדרעסן אין טאַש. די נאַכט איז זי נישט געשלאָפן, געשלאָגן זיך מיט דער דעה: זאָל זי גיין אַרבעטן אין די מלוכישע אַרכיוון, וווּ זי וועט אַרבעטנדיק קאָנען צוגרייטן די עקזאַמענס אויפן אוניווערסיטעט און קאָנען שפּעטער אַרבעטן וויסנשאַפטלעך, אָדער גיין אין ליטעראַרישן זשורנאַל?

זי האָט לאַנג אַרומגעבלאָנקעט איבער די גאַסן, געבראַכן זיך דעם קאָפּ וואָס צו טאָן מיט זיך, לסוף נישט געגאַנגען נישט אין די אַרכיוון, נישט אין ליטעראַרישן זשורנאַל, וווּ זי האָט געזאָלט אויפגענומען ווערן דורכן הויפּט־רעדאַקטאָר. זי איז אַוועק אין אַ קינדער־צייטונג, וווּ זי האָט געהאַט קאַנטשאַפט און אָנגעבאָטן צו אילוסטרירן קינדער־מעשהלעך און ווייסט זי וואָס נאָך.

צי האָט זי אַזוי שטאַרק געהאַלטן פון אירע צייכענונגען? ווייניקער נאָך ווי פון איר ליטעראַרישן טאַלאַנט, ווי פון אירע וויסנשאַפטלעכע נייגונגען. טאָ פאַרוואָס? צוליב וואָס? מסתמא צוליב דער סביבה, צוליב באַקאַנטשאַפטן. זי האָט מורא געהאַט ערגעץ אַנדערש זיך צו פילן פרעמד. פאַר וועמען האָט זי שטענדיק מורא? פאַר פרעמדע מענטשן, צי פאַר זיך אַליין? מסתמא פאַר ביידע.

די צייכענונגען האָבן זי געפירט צוריק צי פאַרויס? זי ווייסט נישט. זי ווייסט בלויז אַז זי האָט באַקומען חשק אויך אָנצוהייבן צוריק מאָלן. נאָך אַזוי פיל יאָרן איבעררייס צוריק אָנהייבן? האָט זי דאָך קיינמאָל נישט געטראַכט צו ווערן אַ צייכענער, אַ מאָלער, איז פאַרוואָס? פּלוצלינג חידער אַ צייכענער, דערצו אַ פראָפעסיאָנעלער. צוריק אָפּגעבן די גאַנ־

צע פרייע צייט מאָלעריי. ס׳האָבן זי געמאַטערט ספקות: זיין אַן אַמאַטאָר? אַ זונטיק־מאָלער? אַ מאָלער אויטאָדידאַקט?

זי ווייסט, זי ווייסט, געווען אַמאָל גרויסע מאָלער אויטאָדידאַקטן. אַזעלכע זענען געווען וואַן־גאָג, טולוז־לאָטרעק, אויך סעזאַן און נאָך אַ סך. וואַן־גאָג האָט אָנגעהויבן מאָלן צו 30 יאָר און געשטאָרבן צו 37 יאָר. דער אויטאָדידאַקט האָט אין 7 יאָר געשאַפן אַ גרויס ווערק. מען הערט פון אַזעלכע, וואָס הייבן אָן צו 70 און 80 יאָר, באַווייזן אַ סך, אָבער דעמאָלט דאַרף מען זיין אַ... און זי וואָס?

די זון האָט זיך אויפגעהויבן העכער אויפן האָריזאָנט, אירע גאָלדע־נע שטראַלן זענען געוואָרן זילבערדיק, זיי ברענגען אַריין אין צימער דעם זומער, זיי גליטשן זיך איבערן בעט, גלעטן, צערטלען ליזעס אויס־געצויגענע, מאַכטלאָזע הענט. דורכן פענצטער דערגייען די אָפּקלאַנגען פון טריט פון די ערשטע פרימאָרגנדיקע פאַרבייגייער. ליזע הייבט אונ־טער דעם נישט אויסגעשלאָפענעם קאָפּ, כאַפּט אַ קוק אויפן האַנט־זייגערל — האַלב זיבן ערשט; זי דאַרף זיך נויטן איינצושלאָפן, אויב נישט וועט זי דעם גאַנצן טאָג זיין ווי שיכור, געשלאָפן אין גאַנצן אפשר אַ צוויי שעה. דאָס נישט דערשלאָפן לייגט זי אַוועק. און צוואָס טויגן די אַלע חשבונות? צוואָס אַליין פון זיך פּאַסן רייסן? צוריקכאַפּן קאָן מען שוין סייווי גאָרנישט. די אַוועקגעגאַנגענע יאָרן וועסטו נישט אי־בערמאַכן. זיך גופא אויך נישט לייכט איבערצומאַכן. דאָס גאַנצע לעבן יאָגט זי זיך נאָך עפּעס, ווייל אָניאָגן און שטענדיק פּאַרשפּעטיקט זי. שטענדיק אַ פּאַרשפּעטיקטע. ס׳דוכט זיך איר, אַז די יאָרן לויפן, נאָר זי שטייט אויף אַן אָרט. אפשר דערפאַר האָט זי נישט ליב צו רעדן וועגן אירע יאָרן? ס׳פּאַרשאַפּט איר בפירוש עגמת־נפש, ווען עמעצער דער־וויסט זיך וויפל זי איז אַלט. זי דערמאַנט זיך יענע נאַרישע מעשה... אוי, נייך, זאָל זי זיך בעסער נישט דערמאַנען, זאָל זי בעסער פּרוּוון איינ־שלאָפן, זי וועט דעם גאַנצן טאָג זיין שיכור.

ליזע האָט אַרויפגעצויגן די קאָלדרע, איינגעדעקט זיך, כאָטש ס׳איז קאַלט נישט געווען, פּאַרקערט, דער זומער האָט שוין געשפּרייזט איבערן צימער. איינוויקלען זיך אין דער קאָלדרע, איינקאָרטשען זיך, איז נאָך אַ מיטל איינצושלאָפן; ווען זי קאָן כאָטש כאַפּן אַ קליינעם דרימל. מ׳דאַרף אָפּטרייבן די דערינערונגען, פּאַריאָגן די מחשבות. זי פּאַרמאַכט די אויגן, נאָר עס דרייען זיך פּאַרט בילדער אין דמיון. ס׳ווערט איר הייס. זי שאַרט אָפּ פון זיך די קאָלדרע, ס׳וועט סייווי נישט העלפן.

וואָס איז דאָס געווען. יענע מעשה? יאָ, דער שאָפער. וואָס פאַראַ נאַרישקייט! און זי האָט זיך דערמיט איבערגענומען. ער האָט געבראַכט דעם נייעם אייזקאַסטן. זי האָט געוואָלט אים העלפן אַרויפטראָגן.

— דאָס איז נישט פאַר אייך, ס׳איז אַן אַרבעט פאַר יונגע.

— איך בין דען אַלט?

— אַלט נישט, אָבער יונג אויך נישט.

— וויפל יאָר גיט איר מיר?

— איר דערגייט שוין מסתמא צו די פערציקער.

זי האָט זיך מודה געווען, ווי מ׳איז זיך מודה צו עפּעס אַ שולד. ס׳האָט איר שטאַרק פאַרדראָסן וואָס עמעצער האָט געטראָפן איר עלטער. כאָטש זי האָט דעמאָלט שלעכט אויסגעזען, געהאַט אַ פאַרקרימט פּנים, האָט זי דאָך אָנגעהויבן מורא האָבן, אַז זי הייבט אָן אויסצוזען אויף איר עלטער. אין עטלעכע חדשים שפּעטער איז זי געווען אין אַן אַפּרו־הויז אין נידער־שלעזיע. ביים טיש מיט איר זענען געזעסן צוויי פויערטעס, ביידע אויף קוראַציע. די דרייסטערע פון זיי, אַ פערציק־יאָריקע פויערטע מיט אַ צעקנייטשט פּנים און אויסגעקרישלטע ציין, האָט צו איר געזאָגט:

— אין אייער עלטער האָט מען אַן אַפּעטיט און איר עסט ווי אַ פייגעלע.

ליזע האָט געהאַט אַ גרייטע פראַגע, זי האָט זי איבערגעחזרט:

— וואָסער עלטער גיט איר מיר?

— נו, קיין דרייסיק יאָר האָט איר נאָך נישט, מסתמא נאָך ווייט.

ליזע איז דאָס מאָל צופרידן געווען, כאָטש זי האָט געוווסט, אַז מ׳קאָן זיך אויף דער פויערטעס מבינות נישט פאַרלאָזן. אויף יענערס פּנים האָט די עלטער גאַלאָפּירט, אַרויפגעקראָכן אַן יאָרן.

דאָס אַלט ווערן 40 יאָר האָט זי געטראָפן אַ דערדריקטע. ביי יעדן מענטש, בפרט ביי איר, איז דאָס געווען אַן איבערברוך־עלטער. מען גיט דעמאָלט דאָס ערשטע מאָל אַ קוק אויף צוריק. מיט וואָס איז אַוועק אַזאַ שטיק לעבן? וואָס האָט זי אויפגעטאָן? זי איז דעמאָלט געווען צעקריגט מיט זיך, געמוסרט זיך. דעם גאַנצן כעס האָט זי אויסגעלאָזט צו אירע לידער. אַרויסגעשלעפּט זיי, איבערגעלייענט און צעריסן. פון דעמאָלט אָן שרייבט זי מער נישט קיין לידער. דעם פאַרפלאָנירטן ראָמאַן אפילו נישט אָנגעהויבן, בלויז אין זכרון אים געהאַט אָנגעשריבן. און אירע וויסנשאַפטלעכע נייגונגען? זי האָט אָפּגעפּסקנט, אַז יענע אָנגעשריבענע אַרבעט איז זיכער געווען אַ צופעליקע זאַך. אַלץ ווי אַ נישט דערטראָגן

קינד. בלויז צופעליקייטן. איז מיט וואָס איז זי דערגאַנגגען צו די 40 יאָר? אַ, יאָ, געווען אַריינגעטאָן אין כלל־ענינים. אַמאָל האָט דאָס אַלץ איינגעשלונגען, דערנאָך האָט עס זיך גופא איינגעשלונגען. געבליבן זע־נען איר בלויז די צייכענונגען, די מאָלעריי, וואָס זי הייבט כסדר אָן אויפסניי. אַ שטענדיקע דעביוטאַנטין. זי האָט זיך פאָרט געלאָזט אָנרעדן אויסצושטעלן אירע בילדער. איינע האָבן געליבט, אַנדערע האָבן צונישט געמאַכט. זי איז אָבער דעמאָלט געווען אַ סך יינגער. היינט איז זי מיט צען יאָר יינגער, ווי זי וועט זיין אין צען יאָר אַרום... ווי האָלט זי אין דער אמתן אין דער וועלט? וואָסער זין האָט דאָס אַלץ?

„דאָס לעבן האָט אַזאַ זין ווי דער מענטש גיט אים", האָט ווער גע־שריבן. אָבער וואָסער זין פאָרט געבן דעם לעבן? ביז איצט אַ בית־עולם פון טרוימען, פון פּלענער.

מיקעל אַנדזשעלאָס ביאָגראַפן דערמאָנען, אַז ער האָט געהאַט אַ בית־עולם פון פּלענער, פון פאַרטראַכטע ווערק, וואָס זענען נישט גע־בוירן געוואָרן. אפילו ער. ער האָט אויסגעפירט די באַשטעלונגען פון די פויפּסטן, מעצענאַטן, זיינע אייגענע פּלענער נישט אויסגעפירט, כאָטש ער האָט אָנגעהויבן אין עלטער פון אַ יונג יינגל און געשאַפן ביז 89 יאָר. ער האָט אויף דער עלטער אַליין געזאָגט וועגן זיך, אַז ער האָט אַ ריזיקן בית־עולם פון נישט רעאַליזירטע ווערק, פון טרוימען.

יעדער מענטש האָט מסתמא אַזאַ אייגענעם, קליינטשיקן בית־עולם, איינער אַ קלענערן, אַן אַנדערער אַ גרעסערן, איינער ווייסט צומאָל נישט דערוועגן, אַדער מאַכט זיך גאָרנישט דערפון, אַן אַנדערער זעט זיך אין אַ געוויסן עלטער אַרום, עסט זיך אָפּ דערפאַר די גאַל.

ווען און ווי אַזוי האָט זי, ליזע, זיך דערוווסט וועגן אירן אַזאַ בית־עולם? זי ווייסט אַליין נישט. צי זי האָט זיך ראַפּטעם אַרומגעזען, צי נישט, נאָר ס'האָט אָנגעהויבן נאָגן ביים האַרץ, ווי זי וואָלט אַ לאַנגע צייט נישט דערעסן און די אונטערדערנערונג האָט זיך מיט אַמאָל אָפּ־גערופן, געצויגן פון איר דאָס חיות אַרויס. זי האָט געוואָלט מיט גע־וואַלד פאַרטרייבן די נאָגעניש ביים האַרץ און נישט געקאָנט. אַזעלכע צושטאַנדן רופן מענטשן אָן קריזיס, איבערברוך. וואָס איז דאָס אַזוינס? זי ווייסט נישט גענוי, אָבער זי קוקט דעמאָלט אויף זיך ווי אויף אַ שטאַרק פאַרנאַכלעסיקט צימער, וואָס איז אָנגעשטעלט מיט אַלטע גראַטעס. עס ווילט זיך מיט איין מאָל אַלץ אַרויסוואַרפן, אַפּרוימען, אויסמעבלירן אויפסניי, אַלץ באַנייען, אָפּפרישן.

ווי אַזוי וואַרפט מען פון זיך אַרויס דאָס וואָס געפעלט נישט? וואָס דערווידערט? ווי אַזוי און מיט וואָס מעבלירט מען אויפסניי אויס דעם מוח, די נשמה, דאָס האַרץ? אפשר מיט דער מאָלעריי? זאָל זי אָננעמען, אַז זי איז אַ מאָלערין, אַ מאָלערין דעביוטאַנטין צו 60 יאָר... אַ דאָקטער האָט איר געהאַט געזאָגט, אַז זי וועט לאַנג לעבן, ווייל פיזיש דעליקאַט, שמאָל געבויט, אַ נידעריקער בלוט־דרוק, אַ קליינע עסערקע און וואָס נאָך אַלץ פאַראַ סימנים דער באַרעדעוודיקער דאָקטער האָט דעמאָלט אויסגערעכנט! און אַז לאַנג לעבן, קאָן זי זיך נאָך אויסאַרבעטן אין דער מאָלעריי. אין אַ 10 יאָר אַרום... איז זי דאָך היינט ייִנגער מיט 10 יאָר ווי זי וועט דעמאָלט זיין, אָבער דעמאָלט וועט זי... איז וואָס איז זי היינט? אפשר יונג?

אַ יונגע מאָלערין... וואָס וואָלטן אירע קריטיקער געזאָגט, ווען זיי וואָלטן געוווּסט אַז זי ווערט היינט 60 יאָר? זיי וואָלטן געהאַט אַ שווער שטיקל אַרבעט צו דרייען מיט דער צונג ס'זאָל אַרויסקומען נישט פע נישט מע. גוט וואָס קיינער ווייסט נישט. ביז 70 יאָר דאַרף מען כלל נישט אויסזאָגן די עלטער, דער עיקר אַ פרוי, ווי לאַנג מ'קאָן נאָך אָנגיין פאַר...

פאַרוואָס איז איר אָבער אַזוי אומעטיק? פאַרוואָס אַזוי צערודערט? צי ווייל זי פראַוועט דעם געבורטס־טאָג אַליין? אין איינזאַמקייט? צי ווייל אַזאַ קיילעכדיקע דאַטע? אוי, ווי דער קאָפּ איז שווער, דער מוח ווערט צעזעצט, דאָס האַרץ צעקלעמט. ווען זי וואָלט געקאָנט איינשלאָפן. שלאָפן, שלאָפן.

ניין, זי וועט איצט שוין נישט איינשלאָפן. זי וועט שוין די טראַכטענישן נישט פאַרטרייבן. פאַרוואָס אָבער דער אומעט? איז זי דען אַלט? פילט זי זיך דען אַלט? ניין, ניין, נישט די יאָרן דריקן אַזוי. די אַליינקייט דריקט. צובאַקומען יאָרן אין איינזאַמקייט פאַרטאָפּלט די עלטער. פון דער קלעם פון יאָרן איז לייכטער זיך אַרויסצובאַקומען ווי זיך אַרויסרייסן פון דער קלעם פון איינזאַמקייט.

ביים דאָקטער

חיים האָט זיך אויפגעריסן פון שלאָף, אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון קישן און מיט ברייט־צעעפנטע אויגן אַרומגעקוקט זיך אין נאָך טונקעלן צימער. ער האָט דאָס מאָל נישט אָנגעהאָנגען די אויגן, ווי ער טוט דאָס געוויינלעך, אויפן אַנטקעגנאיבערדיקן פענצטער צו זען ווי עס שטייט אויף דער טאָג מיט אַ בלויעם פרימאָרגן. ער האָט געפילט, אַז ער איז באַדעקט מיט שוויס. אין קאָפּ הוליעט אַ משונהדיקער רויש. איז דאָס געווען בלויז אַ בייזער חלום? דער שלאָף, וואָס האָט זיך געהאַט אײנגעביסן אין גאַנצן קערפּער נאָך אַ שטאַרקן שלאָף־מיטל, האָט אָנגעהויבן אים פאַרלאָזן. חלום און ווירקלעכקייט האָבן זיך אַלע מאָל מער צעשיידט, און די ווירקלעכקייט איז אַרויסגעשווומען ווי אַ בלאָנדזשענדיקע שיף פון אַ געדיכטן נעפּל, אַזוי ווי דאָס פלעגט געשען אין די מלחמה־יאָרן, ווען ער איז איבערגעשלאָפן די נאַכט אין בונקער. ס'איז אויף אַן אמת געשען! ווי אַזוי בין איך דערגאַנגען דערצו? בין איך שוין באמת נישט דער באַלעבאָס איבער זיך?

חיים איז אַראָפּ פון בעט, אויף גיך זיך אײנגעוואַשן, אָנגעטאָן זיך און צוגעגרייט אַ שטאַרקן טיי. ס'וואָלט איצט צו נוץ געקומען אַ גוטע שוואַרצע קאַווע צו פאַרטרייבן פון לייב די שלעפעריקייט. דער דאָקטער האָט אים שטרענג פאַרבאָטן צו טרינקען קאַווע און רויכערן ציגאַרעטן. ער האָט זיך אונטערגעגעבן און כדי ביישטייַן דעם נסיון האָט ער נישט אין שטוב נישט קיין ציגאַרעטן און נישט קיין קאַווע. די נערווע3 דערשפּונג האָט עס סיוּוּי נישט פאַרלייכטערט, די שלאָפלאָזיקייט, די קאָשמאַרע דערינערונגען האָט עס אויך נישט אָפּגערוקט. אַלץ אין אים לעכצט נאָך רו, נאָך מילדקייט. און דאָ מוז ער נאָך גיין אויף די שפּיץ־פינגער נישט איבערצוּוועקן דעם פאַרשוין. ער איז דאָס נישט ווערט, אָבער פאָרט איז ער איצט דער שולדיקער און נישט יענער.

געוויינלעך נעמט זיך חיים יעדן פרימאָרגן צו באַטראַכטן די נעכטיקע אַרבעטן. ביינאַכט, בפרט אין שלאָפלאָזע נעכט, מאַטערן אים שטענדיק ספקות. אים דוכט זיך דעמאָלט, אַז נישט די פאַרבן־פלעקן, נישט

די ליניעס האָבן באַוויזן אַרויסצובערענגען אויפן לייוונט, אָדער אויפן צייכענונג־פּאַפּיר דאָס, וואָס ליגט אים אויפן האַרצן. שטענדיק שווימט אויף די זעלבע פראַגע: צי בין איך כלל אימשטאַנד איבערצוגיסן אויפן לייוונט דאָס, וואָס איך וויל אויסדריקן? וואָס איך פיל אין זיך? צי איז דאָס אַלץ, וואָס איך מאַך, נישט קיין טעות? אינדערפרי הייבן אָן די ספקות אויסצורינען, ביסלעכווייז טרעטן זיי אָפּ פאַרן דראַנג צו מאָלן. יעדן טאָג אָבער, ווען ער נעמט פרי דעם פענדזל אין האַנט, האָט ער שוין געהאַט אָפּגעקראַצט אַ פריערדיקן פאַרבן־פלעק, כדי דאָס אָרט צו באַנייען מיט נייע ניואַנסן. פאַרריכטנדיק דאָס פריערדיקע, הייבט ער אָן ביסלעכווייז זיך „פונאַנדערצושרויפן", ווי ער זאָגט עס, און זעצט זיך דערנאָך אַוועק אויף רעכט מאַכן אַ באַשטעלטע צייכענונג פאַר אַ צייטונג אָדער צו אַן אייגענער אַרבעט.

דעם איצטיקן פרימאָרגן האָט חיים אפילו קיין קוק נישט געכאַפּט אויף זיינע אָנגעהויבענע לייוונטן. דאָס גרויסע, אומגעלומפּערטע אַטעליע־צימער האָט אים אויסגעזען פאַריאָמערט, פרעמד. פון דער אַמאָליקער אָרדענונג איז שוין לאַנג קיין זכר נישט פאַרבליבן. צווישן די בילדער זענען אָנגעוואָרפן מלבושים. אויפן גרויסן טיש הויזן צוזאַמען מיט מאָל־מאַטעריאַלן, רעשטלעך פון שפּייז, ביכער און זשורנאַלן, ביי די ווענט שטייען וואַליזקעס. אַ ריזיקער סאָוויעטישער אייז־קאַסטן, אַ גרויסער טעלעוויזיע־אַפּאַראַט מאַכן נאָך אומהיימלעכער דאָס אומהיימלעכע צימער. דאָס אַלץ אָבער קימערט שוין איצט חיימען נישט. אַ קליין־וווקסיקער, אַ דאַרער, זעט ער איצט אויס ווי ער וואָלט נאָך קלענער און דאַרערער געוואָרן. די 58 יאָר ליגן אים אויף די פּלייצעס ווי די שווערסטע משא. די טיף־איינגעגראָבענע שוואַרצע אויגן זענען טיפער און שוואַרצער גע־וואָרן. מיט די הענט אין די הויזן־קעשענעס איז ער אַ ווײַלע שטיין גע־בליבן ביים וואַנט־שפּיגל, וואָס אין אַ ווינקל, איינגעקוקט זיך אין זיין לענגלעך בלאַס פּנים מיט דער וויטיקלעכער גרימאַסע צווישן די מויל־ווינקלען און זיך אַ טראַכט געטאָן: אַזוי זעט דען אויס אַ נאָרמאַלער מענטש?

ער האָט זיך דערמאָנט, ווען ער האָט זיך אין בונקער דערוווּסט, אַז אַלע זייניקע זענען אַוועק צום טויט און ער איז געזעסן אין אַ ווינקל און שטיל געהעשעט, האָט אים אַ גורל־שכן געוואָרנט, אַז ער וועט אַראָפּ פון זינען, אויב ער וועט זיך אַזוי פירן. אים גופא האָט זיך אויף דעמאָלט געדוכט, אַז ער גייט אַראָפּ פון זינען. אפשר איז ער דאָס מאָל אַראָפּ פון

זינען? נישט אַנדערש נאָר אַ וואַנזין איז אים באַפאַלן. און אפשר איז ער טאָקע אַן אויסוווּרף? אָדער משוגע געוואָרן אָדער אַן אויסוווּרף!

חיים האָט אויף גיך אויסגעטרונקען די גלאָז טיי, אַרויפגעצויגן אויף זיך דעם רעגן־מאַנטל און געלאָזט זיך אין דער קליניק צו זיין דאָקטער. אין וואַרטע־זאַל זענען שוין געזעסן אויף לאַנגע בענק אַ צוויי צענדליק פרויען און מענער. ווער פון זיי ס'האָט געליטן אַ ציטונג, ווער ס'האָט עפּעס דערציילט זיין שכן אָדער גאָר געשוויגן. אייניקע פון זיי האָט חיים שוין נישט איין מאָל באַגעגנט דאָ פאַרן אויפנאַם־צימער. אַלע זענען זיי אויס צו זיין נאַרמאַלע מענטשן און היילן זיך ביים נערוון־דאָקטער. האָט ער זיך געטרייסט. באַלד אָבער האָט אים די טרייסט פאַרלאָזט. ניין, מיט אים איז זיכער אַנדערש; אפשר די ערשטע סימנים...

אַ יונגע פרוי ביים סוף באַנק האָט זיך אָפּגערוקט און געמאַכט פאַר אים אַן אָרט. חיים האָט אַרויסגעוואָרפן פון זיך אַ דאַנק און אַוועקגעזעצט זיך. ער האָט געפילט ווי די שכנטע זיינע קוקט אויף אים זייטיק. אירע בליקן האָבן אים געצערטלט און גלייכצייטיק דענערווירט. אפשר דערקענט זי עפּעס אין מיר? אפשר האָט זי אויף מיר רחמנות? ער האָט אַרויסגעצויגן פון קעשענע די נעכטיקע ציטונג, וואָס ער האָט נאָך נישט געהאַט אויפגעוויקלט, פונאַנדערגעשפּרייט זי און געפּרוּווט לייענען. די אותיות, די שורות זענען אים געשפּרונגען פאַר די אויגן. „מ'דאַרף זיך נעמען אין די הענט", האָט ער זיך באַפוילן. ער דאַרף וויניקסטנס נישט לאָזן דערקענען פרעמדע מענטשן, וואָס ס'קומט פאָר אין אים. ער מוז זיך נעמען אין די הענט, אין די הענט...

די שפּרינגנדיקע שורות, די וואָרעמקייט פון דער פרויס קערפּער, איר גלעטנדיקער, זייטיקער בליק האָבן אים נאָך מער אַרויסגעפירט פון גלייכגעוויכט. ער האָט צוריק פאַרוויקלט די ציטונג, זי אַריינגעשטעקט אין קעשענע, געמאַכט דעם אַנשטעל פון אַ רואיקן מענטש, וואָס האָט נישט צופיל צייט צו פאַרלירן אויף וואַרטן, און געפרעגט וועלכער נומער ס'איז שוין אַריין צום דאָקטער. צוואָס זאָל ער דאָ זיצן אַזוי לאַנג? ער איז אַרויס אין הויף, געדרייט זיך הין און צוריק, זיך אומגעקערט, צוריק פאַרנומען זיין אָרט, ווען ס'זענען פאַרבליבן בלויז עטלעכע פּאַציענטן.

ווען חיים איז אַריין אין אויפנאַם־צימער האָט דער דאָקטער גלייך דערקענט, אַז מיט זיין פּאַציענט איז עפּעס געשען. דאָס צעקנייטשטע פּנים פון אַלטן ספּעציאַליסט האָט אַרויפגעצויגן אויף זיך אַ בלאַסן שמייכל. אַן אויסגעבליכטע, וואַרעמע האַנט האָט זיך אויסגעצויגן צום

אַריינגעקומענעם, אַ פּאָר מידע, דורכדרינגלעכע אויגן האָבן זיך איינגעגראָבן אין פּאַציענטס געזונט־קאַרטע.

— ווי גייט עס ?

— נישט גוט, דאָקטער, שלעכט, זייער שלעכט.

— מיט וואָס שלעכט ?

— כ'בין זייער קראַנק, דאָקטער.

— פון וואָס דרינגט איר, אַז זייער קראַנק ?

— כ'פיל, כ'פאַרשטיי, אַז ס'איז שלעכט מיט מיר.

— שלאָפט איר ווייטער נישט גאַנצע נעכט ?

— כ'שלאָף דווקא יאָ צו ביסלעך, די נאַכט איבערגעשלאָפן עטלעכע שעה מיט איין צי.

— איז דאָך גוט.

— ניין, דאָקטער, ס'איז שלעכט.

— פאַרוואָס שלעכט, אויב איר הייבט שוין אָן צו שלאָפן ?

— כ'בין זיכער זייער קראַנק.

— וואָס הייסט ביי אייך זייער קראַנק ?

— מיר דוכט זיך טיילמאָל, אַז איך גיי אַראָפּ פון זינען, אַז כ'בין שוין אַראָפּ פון זינען.

— פון וואָס דרינגט איר דאָס ?

— כ'האָב זיך געוואָרפן אויף עמעצן מיט די פויסטן, געפּאַטשט אים.

— דאָס איז נישט גוט.

— כ'ווייס, אַז ס'איז נישט גוט, ס'איז זייער שלעכט מיט מיר.

— פאַרוואָס האָט איר אים געפּאַטשט ?

— ער איז מיר דערגאַנגען די יאָרן, דערפירט מיך צו משוגעת.

— איז ער דאָך שולדיק.

— ניין, איך בין שולדיק.

— זאָגט איר דאָך, אַז ער איז אייך דערגאַנגען די יאָרן.

— אָבער איך האָב אויפגעהויבן אַ האַנט און נישט ער.

— איז צוואָס האָט איר אויפגעהויבן אַ האַנט, געפּאַטשט, אויב איר האַלט, אַז ס'איז אַ זינד ?

— ווייל כ'בין דעמאָלט אַראָפּ פון זינען, ס'טרעפט ביי מיר די לעצטע צייטן.

— טאָ דערציילט־זשע וואָס ס׳איז געשען, איר זענט דער לעצטער פּאַציענט, מ׳קאָן זיך דערלויבן צו פּאַרבלייבן מיט אייך אַ ביסל לענגער. וואָס איז דאָס פּאַראַ געשיכטע צוליב וועלכער איר רעדט זיך איין, אַז איר זענט אַראָפּ פון זינען?

— ס׳איז אַ לאַנגע מעשה, ס׳וואָלט גענומען צופיל צייט אַלץ צו דערציילן, האָט זיך חיים געקווענקלט.

— דערציילט־זשע די לאַנגע מעשה קורץ. נו, לייגט אַרויס די געשיכטע, נישט צוליב נייגיר, כ׳בין אייער דאָקטער, דאַרף איך קענען אייער סיטואַציע.

— ס׳איז אַ געשיכטע מיט אַ סובלאָקאַטאָר, דאָקטער, אַ רעפּאַטריאַנט, כ׳האָב אים אַריינגענומען בלויז אויף אַ שטיקל צייט, איידער כ׳בין אַוועק אויף אורלויב. מ׳איז צוגעשטאַנען צו מיר. ס׳שטייט אַ חודש־צייט ליידיק די וווינונג, פאַרוואָס נישט טאָן אַ מענטשן אַ טובה?

— וויל ער איצט נישט אַרויסגיין, נישט אמת?

— נישט נאָר דאָס, דאָקטער. ער האָט זיך צעלייגט ביי מיר מיט אַן אייז־קאַסטן, מיט אַ וואַש־מאַשין, מיט אַ טעלעוויזיע, מיט... מיט כ׳ווייס וואָס נאָך.

חיים האָט זיך פאַרהאַלטן, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. ס׳האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט זיך אַליין פאַרשעמט מיטן אויסרעכענען אַזעלכע קלייני־קייטן און פאַרן באַרעדן אַ מענטש. זיין פּנים האָט אָנגעהויבן פלאַמען, ווי ער וואָלט זיך אָפּגעגעבן אַ רעכענונג, אַז ער באַגייט אויפסניי אַ נישט שיינע זאַך.

— דערציילט ווייטער, דערציילט.

— כ׳ווייס נישט, דאָקטער, ווי אַזוי ס׳האָט געקאָנט דערצו דערגיין.

— צו וואָס?

— כ׳זאָל זיך וואַרפן שלאָגן אַ מענטש.

— וואָס איז דאָס פאַראַ מענטש?

— איר קוקט דאָס אָן, דאָקטער, מיינט מען, אַז דאָס קאָן קיין פליג אויף דער וואַנט נישט טשעפּן. זעט אויס אויף אַן אומשולדיק באַשע־פעניש. אַ קיילעכדיקער, מיט ברייטע פּליצעס, מיט אָנגעפּאַקטע רויטע באַקן, מיט אַ פאַלש שמייכעלע אויף די ליפּן. און ער שפּילט מיר אַזוי אויף די נערוון, אַז איך פּלאַץ. שטענדיק ווען איך לייען, דעמאָלט טעלע־פאָנירט ער, רייסט זיך אויפן גאַנצן קול. זאָל איך נאָר נעמען אַ בוך, אַ צייטונג אין האַנט, איז ערביים טעלעפאָן, און אַ שטימע איז ביי אים

ווי אַ דונער. אַרבעט איך, איז ער ביי דער טעלעוויזיע. ווי גיך ער קומט אַריין אין שטוב, מאַכט ער אויף זיין גרויסן אַפּאַראַט. כ׳האָב דאָס קיינ־מאָל נישט געוואָלט האָבן אין שטוב, מיינע נערוון פאַרטראָגן דאָס נישט. אוי, די טעלעוויזיע, דאָקטער, ס׳צעזעצט מיר דעם מוח, ס׳האָט נישט געדאַרפט געבוירן ווערן!

חיים האָט ווידער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. פאַרוואָס זאָל ער דער־ציילן אַזעלכע איינצעלהייטן? ס׳האָט זיך אים געדוכט, אַז דערמיט פאַר־גרעסערט ער נאָך זיין שולד. פאַרוואָס זאָל ער אויסרעכענען בלויז יענעמס פעלערן? מעג יענער זיין אַ מיאוסער נפש, אָבער געפּאַטשט האָט ער און נישט יענער.

— און וואָס ווייטער? — האָט אים אינטערגעיאָגט דער דאָקטער.

— ווייטער? איך ווייס נישט וואָס ס׳איז מיט מיר געשען, אַ בייזע משוגעת, אַ רציחה איז מיר באַפאַלן.

— האָט איר אייער סובלאָקאַטאָר נישט געזאָגט, אַז איר דאַרפט האָבן רו?

— געזאָגט, דאָקטער, געבעטן זיך ביי אים ווי ביי אַ גזלן, געוואָרנט אים, אַז כ׳וועל לעבן אים פון זינען אַראָפּ.

— און ער?

— ער האָט זיך אויסגעלאַכט פון מיר, צומאָל אָנגעהויבן מיך זידלען.

— האָט איר אים געפּאַטשט, ס׳הייסט איר האָט זיך פאַרטיידיקט.

— כ׳ווייס נישט, דאָקטער, וואָס ס׳איז מיט מיר געשען, כ׳ווייס נאָר, אַז כ׳בין דעמאָלט נישט געווען ביים קלאָרן זינען. ווען ער וואָלט מיר נישט אַנטרונען, וואָלט איך אים מסתמא...

— וואָס וואָלט איר?

— איך וואָלט אים מסתמא געמימתט. ווען דער נפש האָט מיך גע־זידלט, אָנגערופן מיך „אויסוואורף", האָט זיך ביי מיר עפּעס איבערגע־דרייט אין מוח. אָט־דאָ — האָט חיים אָנגעוויזן אין אויבן אָן פון הויכן שטערן — אָט־דאָ האָט זיך עפּעס משונהדיק אַ שטאַרקער ריר געטאָן. כ׳האָב זיך געוואָרפן אויף אים, געוואָלט שלאָגן, שלאָגן, איין פּאַטש, נאָך אַ פּאַטש; ווען ס׳וואָלט מיר עפּעס אונטערגעקומען אונטערן האַנט מיט וואָס כ׳וואָלט געקאָנט אים דערמימתן, אַ נס, אַ נס...

די לעצטע ווערטער האָט חיים אַרויסגעוואָרפן פון זיך מיט אַ זיפץ. ער האָט ווידער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געבליבן פאַרגליווערט אין

שווייגן, ווי ער וואָלט מיט רעזיגנאַציע געוואַרט אויפן פּסק־דין פון זיך דאָקטער.

— ווי אַזוי האָט איר פאַרבראַכט אייער אורלויב?

די אומדערוואַרטעטע ווערטער האָבן חיימען ווי פון שלאָף אַרויסגע־ריסן. ער האָט אין פלוג נישט באַנומען אין וואָס דעם דאָקטער גייט, ווייל וואָס פאַראַ שייכות האָט זיין אורלויב מיט דעם וואָס ער האָט צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן אויפגעהויבן אַ האַנט אויף אַ מענטש?

— איר האָט געהאַט אַ גוטן אורלויב? האָט דער דאָקטער איבער־געחזרט זיין פראַגע.

— ניין, דאָקטער, אַ שלעכטן, גאַר שלעכטן. דאָרט געווען נאָך מער עלנט־אַליין, ס׳זענען מיר נאָך מער נאָכגעגאַנגען די דערינערונגען; ווידער אַמאָל און אָבער אַמאָל געמאַכט חשבונות, געפּייניקט זיך. ניין, כ׳האָב נישט געדאַרפט אַהין פאָרן, די איינזאַמקייט האָט נאָך מער גע־פרעסט דאָס האַרץ.

דער אַלטער דאָקטער האָט צוגערוקט צו זיך דאָס שרייב־פּאַפּיר, אַנגעבויגן זיך איבער דעם, אונטערגעשטעלט ווי אַן אָנשפּאַר־זייל די לינקע האַנט אונטערן ברייטן שטערן, געטראַכט אַ ווײַלע און אָנגעפּולט מיט אַ דראָבנער שריפט עטלעכע זייטלעך פּאַפּיר. ער האָט אויפגע־הויבן דעם ווייס־גרויעם קאָפּ, אַ קוק געגעבן מיט זיינע קלוגע אויגן אויף חיימען און דערלאַנגט אים די פאַרשריבענע צעטלעך.

— אָט זענען נייע באַרואיקונגס־מיטלען. צום שלאָפן אויך. איר מוזט אייך היילן. איר דאַרפט האָבן רו. זעט אייער לאָקאַטאָר זאָל זיך פון אייך אַרויספירן, כ׳וועל אייך געבן אַ צייגעניש, אַז איר זענט קראַנק, איר זאָלט וואָס גיכער פּטור ווערן פון אים. וואָלט איר געהאַט אַ צעבראָ־כענעם פוס, אַן אַנדער קראַנקן אבר, וואָלט אייער לאָקאַטאָר מסתמא נישט געווען אַזוי רישעותדיק צו טרעטן אייך אויף די קראַנקע אברים. אויף קראַנקע נערוון וועט ער זיך נישט זשענירן צו טרעטן. פאַראַן מענטשן, וואָס האָבן ליב צו שפּילן אויף יענעמס אָנגעצויגענע נערוון.

חיים האָט מיט בעטנדיקע אויגן געקוקט אויף זיין אַלטן דאָקטער. דער רויש אין קאָפּ האָט זיך בעת דעם לאַנגן וויזיט פאַרשטאַרקט. שטענ־דיק רוישט ביי אים אין קאָפּ, ווי אין אַ בינשטאָק. איצט האָט עס נאָך אין די שלייפן געזעצט ווי מיט אַ האַמער. דער האַמער האָט אויסגעקלאַפּט באַזונדער יעדן אות פונעם וואָרט ג—ע—ש—ל—אָ—גן. ער האָט מיט אַ נערוועזער באַוועגונג אַריינגעשטעקט די צעטלעך אין קעשע־

נע, אויפגעהויבן זיך פון שטול און געבליבן שטיין. ס׳איז אים געווען שווער צו פאַרלאָזן דאָס צימער, ווי ער וואָלט נאָך געזוכט שוץ ביי זיין דאָקטער.

— וואָס וועט לסוף זיין מיט מיר, דאָקטער? כ׳האָב מורא ס׳זאָל ווידער עפּעס נישט געשען? אפשר בין איך טאַקע... מיר דוכט פאַרט, אַז איך ווער צייטנווייז דול, פשוט, איך ווער משוגע.

— ניין, מיין פריינד, נישט איר, נאָר אונדזער לעבן, די וועלט איז משוגע.

וואַרשע 1960

אויף דער אויספאָרשונג

אַן אומבאַקאַנטע, מיטליאָריקע, קיילעכדיקע פרוי האָט זיך אַריינגעשטעלט אין שטוב. אַ פּנים אַ גלייכגילטיקס, אַ קאַלטס, באַצירט מיט אַ קינסטלעכער גוטמוטיקייט. אויגן בלאַנקנדיקע, אויסבאַהאַלטענע. אַ שטימע אַן איינגעהאַלטענע, אַ קאַלירלאָזע.

— איר זענט פרוי נאַדעל?

—יאָ.

— איר זענט געבעטן צו קומען מאָרגן צען פרי אין... האַל נומער... צימער נומער...

— א מודעה האָט איר פאַר מיר?

— ניין, איך בין געשיקט אייך מודיע צו זיין.

ס'איז געווען אָוונט־צייט. לענען איז נישט געבליבן קיין צייט מיט עמעצן זיך אַן עצה צו האַלטן. כאָטש קיין גרויסער סיורפּריז איז דאָס נישט געווען. זי האָט זיך געקאָנט ריכטן, נאָר זיך נישט פאָרגעשטעלט ס'זאָל געשען אויף אַזאַ אופן. ס'איז נישט געווען שווער זיך אָנצושטויסן, אַז ס'גייט אין שרייבער נתן ראַבינאָוויטש. זי איז נישט די ערשטע און וועט נישט זיין די לעצטע גענומען צו ווערן אויפן פאַרהער. זיין אַרעסט האָט ווי אַ פעטער, שמוציקער איילפלעק, וואָס פאַלט אויפן וואַסער, זיך צעשפּרייט אַלע מאָל מער און אויסגעברייטערט אַרום זיך די רינגען. מ'האָט זיך אין דער שטיל איבערגעגעבן פון מויל צו מויל, געשושקעט זיך אויפן אויער, מ'האָט געמאַכט השערות, דער און יענער האָט געפרוווט עפּעס טרעפן, נאָר קיינער האָט נישט געוווסט און נישט פאַרשטאַנען פאַר וועלכע זינד מ'האָט ראַבינאָוויטשן אַרעסטירט.

נתן ראַבינאָוויטש, אַ רעפּאַטריאַנט פון ראַטנפאַרבאַנד, איז מיט אַמאָל געהאַט געוואָרן אויפגעריכט. נאָכן אָפּזיצן מער ווי אַ צענדליק יאָר אין סאָוויעטישע תפיסות און לאַגערן, נאָכן האָבן באַקומען אַ רעהאַביליטאַציע, האָט ער, קומענדיק קיין פוילן, דערשמעקט אַ פרישע לופט און אָנגעהויבן צו עטעמען מיט פולע לונגען. אַן ענטוזיאַסט פון דער נאַטור, האָט ער צענומען די הענט און אַ וואַסערע 3 יאָר זיך געפילט אין דער

פוילישער הויפּטשטאָט ווי גאָט אין אָדעס. כאָטש ער האָט מיטגעבראַכט פון לאַגער פאַרשידענע חולאתן און מ׳האָט זיך דערציילט, אַז ער איז דאָרט אויך אַ ביסל געריירט געוואָרן אויפן קאָפּ, האָבן זיך אין נייעם קלימאַט אַלע צרות פאַרהיילט און ער האָט צעשפּרייט די פריער אונ־טערגעהאַקטע פליגלען. איין קלייניקייט, אַ מענטש ווערט אַ פרייער פויגל, קאָן טאָן וואָס דאָס האַרץ גלוסט. און גלוסטן האָבן זיך אים גע־גלוסט אַ סך זאַכן: האָבן פאַרבינדונגען מיט מענטשן פון דער דרויסנדי־קער וועלט, נישט איבערקלייבן אין קיין ווערטער אין די בריוו, מאַכן נסיעות, דערווייל כאָטש אין די „פאַרברידערטע״ לענדער, רעדן און שרייבן מיט אַן אויפריכטיקייט, וואָס ער האָט מיט יאָרן צוריק געהאַט דערשטיקט. אין דעם אַלעמען איז חס וחלילה נישט געווען קיין קעג־נערשאַפט צו מלכות, פאַרקערט, נתן ראַבינאָוויטש האָט זיך מיט דער טבע פון אַ קינד געפרייט מיט אַלץ, וואָס ווערט אויפגעטאָן אין אָפּגעפונענעם לאַנד.

דאָס אומגליק איז אַראָפּגעפאַלן ווי אַ דונער פון אַ לויטערן הימל אין אַ זוניקן, זומערדיקן טאָג. אין אַ שטילער נאַכט, ווען די שטאָט איז פאַרזונקען געווען אין שלאָף, האָט מען ביי ראַבינאָוויטשן פאַרזיכטיק אָנגעדרוקט אויפן עלעקטרישן קנעפּל ביים טיר, באַפוילן די שטוב־מענטשן זיך צו האַלטן רואיק, כדי נישט צו שטערן דעם שלאָף פון די שכנים, און מ׳איז צוגעטראָטן בודק צו זיין די שטוב. נאָך אַ 5־6 שעה דורכזוכן און דורכנישטערן מיט גרויס פאַכמענערישקייט אַלע מעבל, בילדער, טאָפּעטן, האָבן די נאַכטיקע געסט געמאַכט עטלעכע פּעקלעך פון מאַנוסקריפּטן און ביכער און צוזאַמען מיט זיי מיטגענומען אויך נתן ראַבינאָוויטשן.

חדשים זענען געלאָפן און מ׳האָט נאָך אַלץ זיך געבראַכן דעם קאָפּ וואָס מ׳האָט צו ראַבינאָוויטשן. איינע האָבן זיך משער געווען, אַז עס ציען זיך נאָך צוויטן פון דאָרטן פון וואַנען ער איז געקומען, אַנדערע האָבן געוואָלט טרעפן, אַז ס׳איז צוליב זיין צו לאַנגער צונג. נאָך אַנדערע, אַז ס׳איז צוליב דעם, וואָס ער קריכט ווו מ׳דאַרף נישט, באַגעגנט זיך אין די גאַסטפריינדלעכע האָטעלן מיט געסט פון אויסלאַנד. מענטשן, וואָס האָבן אין אויג קודם כל תכלית, האָבן גאָרנישט געוואָלט טרעפן, האָבן געווייכט פון די אַלע, וואָס האָבן דערמאָנט זיין נאָמען. זיי ווייסן גאָר־נישט און ווילן גאָרנישט וויסן. צום בעסטן מ׳זאָל זיך נישט אַריינמישן.

די אויספאָרשונגס־ריכטערס האָבן, אָבער, געהאַלטן פאַרקערט. זיי

האָבן דווקא יאָ געוואָלט וואָס מער מענטשן אַריינמישן. אַ מענטש איז נאָר אַ מענטש, אַז מען ציט פֿאַר דער צונג, גליטשט זיך פֿאַרט עפּעס אַראָפּ. אין געהיים האָט מען אָנגעהויבן זיך דערוויסן, אַז דער און יענער איז אַרויסגערופֿן געוואָרן פֿאַר אַן עדות. וואָס פֿרעגט מען? וואָס וויל מען וויסן? נישט אַלע מאָל איז לייכט צו דערגיין. מ׳וויל נישט דערציילן. די מורא, וואָס קוקט אַרויס פֿון די אויגן, דערציילט אָבער יאָ עפּעס וואָס. ווען ס׳לאָזט זיך, גיט מען זיך בכלל נישט אויס, אַז מען איז גענומען גע־וואָרן אויפֿן צימבל. דערוויסט מען זיך חעגן אַזעלכן, בעט ער זיך רחמים מ׳זאָל אים לאָזן צו רו. בלויז צווישן נאָענטע פֿאַרטרויט מען זיך. דער דירעקטאָר עמנואל קרעמער האָט ביי אַ געלעגנהייט צווויסן געגעבן לע־נען, אַז אַן אומגעבעטענער גאַסט האָט אים אין זיין אַרבעטס־קאַבינעט אָפּגעשטאַט אַ וויזיט און צווישן אַנדערע האַרבע קשיות געפֿרעגט ווי אַזוי אַזאַ הויך־געשטעלטער מענטש, ווי ער, האָט דעם אַרעסטירטן גע־געבן אַ רעקאָמענדאַציע אָנגענומען צו ווערן אין שרייבער־פֿאַרבאַנד? און ער, קרעמער, האָט אויף דער הייסער מינוט געפֿונען אַ שלאָגעוודיקן ענטפֿער: וואָס הייסט ווי אַזוי? ראַבינאָוויטש איז געקומען צו אים מיט אַ גילטיקער לעגיטימאַציע פֿון ראַטנפֿאַרבאַנדישן שרייבער־פֿאַרבאַנד. ווי האָט ער, קרעמער, געקאָנט שטעלן אונטער אַ ספֿק אַזאַ וואָגיקן דאָקו־מענט? ווי האָט ער געקאָנט נישט רעספּעקטירן אַ לעגיטימאַציע מיט אַ סאָוויעטישן שטעמפּל? דער אַרגומענט איז געווען ווי אַ שטעקן, וואָס מען ווייזט אַ הונט.

לענע האָט, אָבער, נאָך דער פּלוצלינגער איינלאַדונג נישט געקאָנט זיך פֿאַרבינדן מיט קרעמערן. איר מאַן האָט זיך משער געווען, אַז מ׳וועט זי לאַנג נישט האַלטן אויפֿן פֿאַרהער, ווייל אַרויסרופֿן רופֿן זיי איצט בעיקר די, וואָס זענען מיט ראַבינאָוויטשן געבונדן געווען פֿון פֿאַר דער מלחמה. זי, לענע, און ער, האָבן דעם אַרעסטירטן פֿאַר דער מלחמה לחלוטין נישט געקענט. ס׳איז לענעס אַ נייע באַקאַנטשאַפֿט. סתּם האָט ער דעם ווייב געעצהט וואָס ווייניקער רעדן. ס׳איז אָבער לייכט צו געבן אַזעלכע עצות. לענע געהערט נישט צו די, וואָס קאָנען האַלטן די צונג צווישן די ציין, ווען מען טרעט איר, אָדער עמעצן אַן אַנדערן, אַן אויף די הינער־אויגן. פֿון דעסטוועגן האָט זי די גאַנצע נאַכט איינגעחזרט דעם דערפֿאַרענעם מאַנס אָנווייזונגען און אָפּגעמאַכט ביי זיך צו ענטפֿערן בלויז מיט אַ יאָ און אַ ניין.

אויף צומאָרגנס צען אינדערפֿרי איז זי אַריין אין דער גרויסער, מיט

אַ פאַרקאָן אַרומגערינגלטער געביידע. ביי דער טיר האָט זי געטראָפן די קיילעכדיקע פרוי מיטן קאַלטן פּנים. זיי האָבן זיך דערקענט שטומער־היים. און אַ וואָרט צו זאָגן האָט זי געפירט לענגען דורך לאַנגע, געדרייטע קאָרידאָרן. לענגען האָט זיך געדוכט, אַז זי פירט זי דורך לאַבירינטן פון וועלכע ס׳וועט נישט זיין קיין אַרויס. ערגעץ אויף אַ שטאָק, אין סוף פון אַ לאַנגן, ברייטן קאָרידאָר האָט זיך געעפנט אַ שווערע, טאָפּלטע טיר, אַ באַשלאָגענע מיט דיקן געוואַנט, אַ טיר פון הינטער וועלכער עס דער־גייט נישט קיין שום קלאַנג. די מיסטעריעזע, קיילעכדיקע פרוי איז פאַר־שוווּנדן. הינטער אַ ברייטן ביוראָ־טיש איז געזעסן אַ מאַן מיט אַן אויס־זען פון אַ באָקסער. ער האָט מיט דער האַנט אָנגעוויזן אויף אַ שטול אַנטקעגן זיך.

— איר ווייסט מסתמא צוליב וואָס מיר האָבן אייך אַרויסגערופן.

— כ׳ווייס נישט.

— איר קענט גוט ראַבינאָוויטשן, נישט אמת ?

— איך קען אים.

— זינט ווען קענט איר ראַבינאָוויטשן ?

— זינט ער איז געקומען אַלס רעפּאַטריאַנט.

— דאָס מיינט זינט ?

— זינט 1958.

— און פאַר דער מלחמה ווען האָט איר זיך באַקענט מיט אים ?

— פאַר דער מלחמה האָב איך אים נישט געקענט.

— און נאָך דער מלחמה ווען האָט איר זיך באַקענט מיט אים ?

— כ׳האָב געזאָגט, אין 1958.

— אין וועלכן חודש ?

— איך געדענק נישט.

— איר געדענקט נישט ווען ער איז געקומען קיין פּוילן ?

— ס׳האָט געקאָנט זיין פרילינג־צייט.

— ווו האָט איר אים באַגעגנט דאָס ערשטע מאָל ?

— אין שרייבער־פאַרבאַנד . . .

— ביי וואָסער געלעגנהייט ?

— כ׳בין געקומען אויף אַ פאַרלעזונג.

— איר האָט זיך מיט אים אָפּגערעדט דאָרט צו טרעפן ?

— כ׳האָב געזאָגט, אַז כ׳האָב אים פריער נישט געקענט.

— ווער האָט אייך מיט אים באַקענט אין שרייבער־פאַרבאַנד ?

— קיינער... מיר זענען געזעסן צוזאַמען האָבן מיר זיך באַקענט.
— קיינער האָט אים אייך נישט פאָרגעשטעלט?
— קיינער.
— שטענדיק באַקענט איר זיך אַזוי מיט מענטשן?
— ס׳געשעט אַמאָל, אַז מען באַקענט זיך אַזוי.
— ווי איז דאָס מעגלעך אַליין זיך צו באַקענען מיט אַ פרעמדן מענטש?
— אין שרייבער־פאַרבאַנד פילט מען זיך היימיש, מען באַקענט זיך אָן אַ פאַרמיטלונג פון אַ דריטער פערזאָן.
— מען באַקענט זיך מיט אַ פרעמדן מענטש און מען ווערט גלייך נאָענטע פריינד?
— ווי אַמאָל.

ער האָט אַ רגע נאָכגעטראַכט, ווי ער וואָלט זיך געישובט ווי אַזוי צו שטעלן די קומענדיקע פראַגע.

— איר ווייסט פאַרוואָס ראַבינאָוויטש איז אַרעסטירט, נישט אמת?

לענע האָט אויף אַ ווײַלע פאַרגעסן אין די עצות פון איר מאַן און געענטפערט:

— ניין, איך ווייס נישט, אָבער איך גלויב, איך בין זיכער, אַז ס׳איז אַ טעות, ער איז זיכער אומשולדיק.
— איר גלויבט, איר זענט זיכער, אַז מיר אַרעסטירן אומשולדיקע מענטשן?
— אַזוי האָב איך נישט געזאָגט.
— איר האָט געזאָגט איר גלויבט, איר זענט זיכער, אַז ער איז אומשולדיק, דאָס באַדייט לויט אייך, אַז מיר אַרעסטירן אומשולדיקע מענטשן.
— עס געשעט, אַז מען מאַכט אַ טעות, מען אַרעסטירט אַן אומשולדיקן.
— איר האָט אַנדערש געזאָגט, לויט אייך קומט אויס, אַז מיר אַרעסטירן אומשולדיקע, איר זענט זיכער אין דעם.

לענע האָט מער נישט געקאָנט זיך צוימען, זי האָט שוין אויך פאַרגעסן, וואָס זי האָט געהאַט אָפּגעמאַכט מיט זיך, זי האָט אָבער באַוויזן צו מאַכן דאָס בקיצור:

— איר, הער אויספאָרשונגס־ריכטער, ווייסט בעסער פון מיר, אַז ס׳איז שוין געשען מ׳זאָל אַרעסטירן אומשולדיקע.

צוויי אויגן האָבן זי דורכגעשפּיזט. די צוזאַמענגעפּרעסטע ליפּן האָבן זיך איינגעשניטן אין מויל, ווי איינצוהאַלטן אַ געשריי. ער האָט אויפגע־מאַכט דעם שופלאָד פאַר זיך, אַרויסגענומען אַ בויגן פּאַפּיר און אַרייַנ־געקוקט אין אים. לענע האָט אָבסערווירט זיינע הענט: ברייטע, גראָבע, מוסקולירטע; פינגער קורצע, פולע, רונדיקע ווי קלעצלעך. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז זי האָט אַזוי פיל מאָל געזען הענט אויסגעמייסטערטע פון ראָדען. פאַרוואָס האָט דער גרויסער סקולפּטאָר מיט אַזאַ פּאַסיע מאָדע־לירט מענטשלעכע הענט? צי נישט דערפאַר ווייל הענט קאָנען איבער־געבן מענטשלעכע שטריכן? אָדער אויסדריקן אַ מענטשנס אינערלעכן צושטאַנד? די־אָט הענט זעען אויס, ווי זיי וואָלטן שטענדיק גרייט גע־ווען צו שלאָגן. אַ קלאַפּ פון זיי לאָזט מסתמא נישט קיין קליינע צייכנס. האָט ער זיי שוין ווען אויסגעפּרוווט? ווי לאַנג איז דאָס ווי מ׳האָט געלאָזט אַזעלכע הענט אין פּולן גאַנג? ראַבינאָוויטש האָט נישט איין מאָל געפילט אויף זיין הויט אַזעלכע הענט.

ער האָט צוריקגעלייגט דעם בויגן אין שופלאָד און געוואַנדן די אויגן צו לענען. אויגן מעסערס, די שטימע איז אָבער ווייטער אַ רואיקע, אַן איינגעהאַלטענע:

— ראַבינאָוויטש איז אַמאָל אַרעסטירט געווען אין וואַרשע, צי קאָנט איר אונדז זאָגן ווי אַזוי ער איז באַפרייט געוואָרן און ווי אַזוי ער איז נאָך דעם געפאָרן קיין ראַטנפאַרבאַנד?

— ווי קאָן איך דאָס וויסן, אַז כ׳האָב אים פאַר דער מלחמה נישט געקענט.

— פאַרוואָס ווילט איר זיך נישט מודה זיין, אַז איר האָט אים יאָ געקענט?

— איך וויל זיך נישט מודה זיין צו אַ זאַך, וואָס איז נישט אמת.

— איר האָט געלערנט פאַר דער מלחמה אין וואַרשע?

— יאָ.

— זענט איר געקומען אין יידישע קרייזן? אין יידישן ליטעראַטן־פאַראיין? אין יודאַאיסטישן אינסטיטוט?

— געקומען.

— האָט איר דאָרט ראַבינאָוויטשן קיינמאָל נישט באַגעגנט? אפילו נישט געהערט וועגן אים?

— כ׳האָב דעמאָלט אַ סך מענטשן נישט געקענט, נישט געהערט פון זיי, כ׳בין דעמאָלט געווען אַ גימנאַזיסטקע.

— אין 1936, ווען מ'האָט ראַבינאָוויטשן אַרעסטירט, זענט איר אַלט געווען וויפל יאָר?

— כ'בין דעמאָלט זינט אַ יאָר שוין געווען אין אויסלאַנד.

— איר האָט געהאַט פאַרבינדונגען מיט דער „רויטער הילף", זי האָט זיך פאַרנומען מיט פּאָליטישע אַרעסטירטע, צווישן זיי האָט פיגורירט ראַבינאָוויטש, אמת צי נישט?

— כ'ווייס נישט, כ'האָב קיינמאָל וועגן אים נישט געהערט!

— דאָס נישט וועלן זיך מודה זיין, אַז איר האָט אים געקענט, פאַרערגערט זיין סיטואַציע. פאַרוואָס ווילט איר נישט העלפן אַריינברענגען קלאָרקייט אין דער זאַך?

— ווייל איך וויל נישט זאָגן קיין ליגן, קיין זאַכן, וואָס מ'וויל מיר איינרעדן!

— מ'רעדט צו אייך רואיק, מ'איז העפלעך מיט אייך און איר שרייט ווי מ'וואָלט אייך געשלאָגן.

אירע בליקן זענען געפאַלן אויף זיינע הענט, וואָס זענען געווען אויסגעלייגט אויפן ביוראָ־טיש. זי האָט זיך אַ ווײַלע אין גאַנצן פאַרגעסן און אָפּגעענטפערט:

— דאָס צושטיין איך זאָל זיך „מודה זיין", אַז כ'האָב געקענט ראַבינאָוויטשן פאַר דער מלחמה, ווען כ'האָב אים נישט געקענט, דערמאָנען מיר אין די צייטן, ווען מ'האָט יאָ געשלאָגן.

זיינע אויגן האָבן זיך אָנגעהאָנגען אין איר. ספּאָרעס הינט האָבן אַרויסגעקוקט פון די אויגן זיינע. פון פּנים איז אויסגערונען די געמאַכטע געלאַסנקייט. זיין האַנט האָט געמאַכט עפּעס אַ באַוועגונג. צי האָט ער אָנגעדרוקט אויף אַ קנעפּל? לענע האָט דאָס נישט באַמערקט. ווי פון אונטער דער ערד איז אָבער אויסגעוואַקסן אַ פאַרשוין. ער איז אַריינגעקומען דורך אַ זייטיקער, אומבאַמערקבאַרער טיר, האָט אָנגעהויבן פאַרן זיך ביים אַרכיוו־שענקל. דער אויספאָרשונגס־ריכטער האָט זיך אין אַ קאַלט־העפלעכן טאָן ווידער געוואָנדן צו לענען

— איר פאַרגעסט, פרוי נאַדעל, אַז איר געפינט זיך אין אַ מלוכה־אַמט, וווּ מ'דאַרף זיך אויפפירן קאָרעקט, זיין אויפריכטיק.

— איך פאַרגעס דאָס נישט, הער אויספאָרשונגס־ריכטער. איך פאַרגעס אָבער אויך נישט, אַז איך געפין זיך דאָ אין 1961 און נישט מיט צען־צוועלף יאָר צוריק, ווען מ'האָט זיך צו אַלעמען „מודה געווען", איך האָב אַבראַמאָוויטשן פאַר דער מלחמה נישט געקענט, איך זע נישט קיין

בייז אין דעם, אויב איך וואָלט אים יאָ געקענט, אָבער איך האָב אים פאַרט נישט געקענט!

אַ הויכער, פעסטער, עלעגאַנט געקליידט, מיט צוגעגלאַנצטע האָר, פאַרקעמטע אין אַ זייטיקן שריינט, האָט דער אַריינגעקומענער זיך אָפּגע־ריסן פון שענקל און אויסגעשאָסן מיט אַ פראַגע אין לענעס ריכטונג:

— אייער מאַן האָט ראַבינאָוויטשן יאָ געקענט פאַר דער מלחמה?

— איך בין זיכער, אַז נישט.

— פון וואַנען די זיכערקייט?

— אויב מיין מאַן וואָלט אים געקענט, וואָלט ער מיר דאָס געזאָגט.

— אייער מאַן דערציילט אייך אַלץ?

לענען איז דורכגעגאַנגען אַ קאַלטער ציטער. זי האָט אַליין נישט גע־ווּסט פאַרוואָס. צי צוליב דעם וואָס זיי ווילן איר מאַן אויך אַריינשלעפּן אין דעם געשעפט, צי ווייל ס'האָט איר דערמאָנט, אַז איר מאַן האָט אויך פאַרזוכט דעם טעם פון אַ סיביררישן לאַגער. זי האָט זיך אָבער געמאַכט תמעוואַטע, אָנגענומען דאָס פאַר ווייבערישע זאַכן:

— דאָס איז מיינער אַ פּריוואַטער ענין.

—ווו אַרבעט אייער מאַן?

— אין...

— פאַרוואָס האָט מען אים אַראָפּגענומען אַלס דירעקטאָר פון אינס־טיטוט?

— איך ווייס נישט.

— דאָס איז אויך אייערער אַ פּריוואַטער ענין?

— ווי איך ווייס, מוז היינט נישט אַ באַשולדיקטער ענטפערן אויף אַלע פראַגן.

אָפּגערופן האָט זיך דער ערשטער אויספאָרשונגס־ריכטער:

איר זענט דאָ נישט ווי אַ באַשולדיקטע, נאָר ווי אַן עדות; אַ באַ־שולדיקטער האָט דאָס רעכט נישט צו ענטפערן אויף אַלע פראַגן, דאַ־קעגן, אַן עדות האָט נישט אַזאַ רעכט. מיר בעטן אייך אונדז צו זאָגן וואָס איר ווייסט וועגן ראַבינאָוויטשן פון פאַר דער מלחמה.

— איך האָב פאַר דער מלחמה קיינמאָל אים פאַר די אויגן נישט געזען און נישט געהערט וועגן אים.

דער אַריינגעקומענער האָט זיך אַריינגעמישט:

— זאָל מען אָננעמען, אַז ס׳איז אַזוי ווי איר זאָגט. היינט זענט איר באַפריינדעט מיט אים, וואָס ווייסט איר היינט וועגן אים פון פאַר דער מלחמה?

— איך ווייס, אַז ער איז געווען אַ פאַרפאַלגטער קאָמוניסט, געזעסן אין מאָקאָטאָווער תפיסה.

— דאָס אַלץ? אַלץ, וואָס ער האָט אייך דערציילט וועגן זיך?

— דאָס אַלץ.

דער אַריינגעקומענער פאַרשוין האָט צוגעמאַכט דאָס אַרכיוו־שענקל און אַרויס דורך דער זעלבער טיר. דער אויספאָרשונגס־ריכטער האָט זיך אויפגעהויבן, דורכגעשפּאַנט עטלעכע מאָל דאָס צימער, מסתמא אויסצו־גלייכן די גלידער. לענע האָט ערשט געזען זיין מאַסיווע, אַטלעטישע גע־שטאַלט. אַ זעלטענער פענאָמען פון אַ פעסטן, ברייטן געבוי. ווען ער האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט, האָט די שטול אַ קרעכץ געטאָן.

— איר זאָגט, אַז איר ווייסט גאָרנישט וועגן ראַבינאָוויטשן פון פאַר דער מלחמה. וועגן די לעצטע יאָרן ווייסט איר יאָ. דערציילט אונדז וועגן זיינע פאַרבינדונגען.

— איך ווייס נישט וועגן קיין שום פאַרבינדונגען, איך ווייס בלויז, אַז ער איז אַ שרייבער, אַ קראַנקער מענטש, האָט שטענדיק צו טאָן מיט דאָקטוירים.

אויף זיין פולן פנים האָט זיך באַוויזן אַ סאַרקאַסטישער שמייכל.

— ווייסט איר דאָך יאָ עפּעס וועגן ראַבינאָוויטשן?

לענע האָט געשוויגן. זי האָט דערפילט אַ שטאַרקע טרוקעניש אין מויל, אין האַלדז. זאָל זי בעטן אַ ביסל וואַסער? ניין, זי וועט אויסהאַלטן, זאָל זי נאָר באַוויזן איינצושפּאָרן רייד. זי האָט זיך דערמאָנט אין מאַנס עצה: „וואָס ווייניקער רעדן". אפשר ווערט ער שוין מיד, ווי זי, ער וועט איצט מסתמא צו רו לאָזן. ער האָט נישט צו רו געלאָזט. נאָך עטלעכע סעקונדן איז געפאַלן אַ נייע פראַגע:

— ער איז צו אייך אין שטוב געקומען אָפט, ראַבינאָוויטש?

— צייטנווייז בלויז.

— און איר צו אים?

— כ׳האָב נישט קיין צייט צו גיין צו געסט.

— מיינט איר צו זאָגן, אַז איר האָט זיך זעלטן וועגן מיט אים באַ־געגנט?

— פאַרשטייט דאָס, הער אויספאָרשונגס־ריכטער, ווי איר ווילט.

— נישט בלויז איך פאַרשטיי, נאָר איך ווייס, אַז איר האָט זיך זייער אָפט באַגעגנט, פאַרבראַכט צוזאַמען. קענט איר מיר אפשר זאָגן וועגן וואָס האָט ער גערעדט מיט אייך בעת די באַגעגענישן?

— וועגן וואָס ס׳האָט זיך געלאָזט, ווער קאָן דאָס געדענקען?

— ווען צוויי מענטשן ווי איר, אַ שרייבער און אַ היסטאָריקער, בפרט פריינד, קומען זיך צונויף רעדט מען דאָך נישט ווי ווייבער וועגן אַבי וואָס, נאָר וועגן וויכטיקע זאַכן.

— וועגן וויכטיקע זאַכן אויך, וועגן ליטעראַטור, געשיכטע, ס׳זענען אונדזערע געביטן.

— און וועגן אַן אַנדער געביט, וועגן זיין אייגענער געשיכטע האָט ער דען נישט גערעדט מיט אייך?

— איך ווייס נישט וועגן קיין שום געשיכטע זיינער.

— איר וועט דאָך מיר נישט איינרעדן, אַז ווי זיינע אַ נאָענטע פריינדין האָט ער אייך נישט דערציילט וואָס ס׳האָט פּאַסירט מיט אים, אַרום אים. וואָס האָט איר זיך דערוווסט פון אים?

לענע האָט דערפילט אַ ווייטיק אין ברוסט־קאַסטן, ווי אַ וווּנד וואָלט זיך דאָרט געעפנט. איר האָט זיך געדוכט, אַז אויב זי וועט אים וואַרפן אַ בינטל ווערטער אין פּנים, וועט איר לייכטער ווערן. זי האָט אָבער די ווערטער געמאָסטן, אַרויסגעשטופּט זיי פון טרוקענעם האַלדז אייגנגע־האַלטענערהייט:

— ס׳איז מיר נישט נויטיק געווען זיך צו דערוויסן פון ראַבינאָ־וויטשן די אַלע זאַכן וועגן וועלכע איר טראַכט, הער אויספאָרשונגס־ריכ־טער, מיר האָבן זיך די אַלע זאַכן דערוווסט אָפן פון צוואַנציקסטן קאָנ־גרעס.

—ס׳גייט נישט אין דעם, ס׳גייט אין אים גופא, וואָס ווייסט איר וועגן ראַבינאָוויטשן גופא?

— איך ווייס, אַז ער איז לאַנגע יאָרן אומשולדיק געזעסן, ווי אַ סך אַנדערע אומשולדיקע.

— צי ווייסט איר נישט, אַז אַן „אומשולדיקער״ קאָן זיך אַרויס־ווייזן פאַר אַ שולדיקן?

— איך פאַרשטיי נישט די פראַגע, זע נישט דעם צוזאַמענהאַנג.

— ווי אַ היסטאָריקער דאַרפט איר קענען די אַרבעטער־באַוועגונג.

צי קענט איר נישט קיין פאַלן ווען מענטשן האָבן אַרויסגעוויזן געטריי־שאַפט צו דער פּאַרטיי און אין דער זעלבער צייט געדינט דעם שונא?

— וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט מיין איצטיקן עדות זאָגן?

— אַנשטאָט צו ענטפערן אויף פראַגן, שטעלט איר פראַגן.

— ווייל די פראַגן זענען מיר נישט קלאָר.

— נישט זיי זענען אייך נישט קלאָר, נאָר איר זאָגט אָפּ צו זאָגן עדות אין פאַל ראַבינאָוויטש, און אַן עדות האָט נישט קיין רעכט נישט צו ענטפערן.

— ווי אַן עדות קאָן איך בלויז זאָגן וואָס איך ווייס.

די זייטיקע טיר האָט זיך ווידער אויפגעמאַכט. דער הויכער, עלע־גאַנטער פּאַרשוין איז אַריין אין צימער צו דערליידיקן אַן עניין, ווידער זיך אָנגעהויבן פאָרן ביים אַרכיוו־שענקל. דער אַטלעטישער אויספאָר־שונגס־ריכטער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין פּאַרענטש פון דער אויסגע־בעטער שטול, ווי ער וואָלט שוין שטאַרק פאַרמאַטערט געווען. זיינע פראַגן זענען געוואָרן קורץ־געפּאַסטע, זיי זענען געפּלאַסן גיך, געפאַלן לענגער אין קאָפּ ווי שטיינער. אירע נערוון זענען געווען אָנגעצויגן ווי דראָטן. זי האָט געענטפערט מיט אַ יאָ אָדער אַ ניין. פּלוצלינג האָט דער פּאַרשוין ביים אַרכיוו־שענקל זיך אויסגעדרייט, אַ ווילע זיך צוגעהערט, דערנענטערט זיך צום ביוראָ־טיש, אַריינגעשטעקט די הענט אין די קע־שענעס און געוואָנדן זיך צו לענגן מיט אַ בייסיקער איראָניע:

— ווי אַזוי האָט איר זיך דערוווּסט, אַז ראַבינאָוויטש איז אַרעס־טירט?

— דערוווּסט זיך ווי אַלע אַנדערע, ס'איז נישט געווען קיין סוד.

— צי האָט איר זיך נישט דערוווּסט פריער ווי אַלע אַנדערע?

— איך ווייס נישט ווען אַנדערע האָבן זיך דערוווּסט.

— ווען איר האָט זיך דערוווּסט ווייסט איר יאָ. האָט איר זיך דער־וווּסט פריער אָדער שפּעטער פון אַנדערע?

לענע האָט זיך איצט געכאַפּט, אַז ראַבינאָוויטשעס פרוי האָט מען נאָכשפּיאָנירט. נאָך דעם ווי מ'האָט אַוועקגענומען דעם מאַן פון שטוב, האָט זי לאַנג נישט געוואַרט, געקומען צולויפן צו איר איבערגעבן די געשעעניש. וואָס זאָל זי ענטפערן? צום בעסטן נאָך זיך צו מאַכן תמע־וואַטע.

— איך בין נישט מחויב צו האַלטן אַ רעגיסטער ווער ס'האָט זיך פריער דערוווּסט.

— ווען האָט איר געטראָפן דעם אַרעסטירטנס פרוי דאָס לעצטע מאָל?

— איך פאַרשרייב נישט אַזעלכע דאַטעס, כ׳האָב אַנדערע דאגות...

— געדענקט איר אפשר ווען איר זענט געווען מיט איר ביים אַדוואָקאַט?

לענען האָט אַ זעץ געטאָן אין האַרץ. זיי שפּיאָנירן זי אויך נאָך. אייידער זי האָט זיך באַרעכנט וואָס צו ענטפערן האָט זיך אַריינגעמישט דער אַטלעטישער אויספאַרשונגס־ריכטער; ער האָט אָנגעהויבן מיט אַ טאָן פון אַ פשרהניק:

— ס׳איז נאָרמאַל, איר זענט באַפריינדעט, פאַרנעמט איר זיך מיט אים. איז דען אָבער אויך נישט נאָרמאַל איר זאָלט וויסן וואָס ראַבינאָוויטש האָט געשריבן און דערוויַיל אָפּגעלייגט אין אַ זייט? האָט ער אייך דען נישט געוויזן?

— אַ שרייבער ווייזט נישט קיין נישט פאַרטיקע זאַכן, ביז עס ווערט נישט רייף; מען לייגט אָפּ, מען קערט זיך אום צוריק...

אַן אומגליק! זי האָט זיך געלאָזט כאַפּן אויף דער ווענדקע! זי האָט זיך געוואָלט אַרויסדרייען, נאָר ער האָט איר פאַרשטעלט דעם וועג מיט אַ ווייטערדיקער פראַגע:

— ער לייגט אָפּ אין אַ זייט, קערט זיך אום דערצו, ווען ס׳איז פאַראַן אַ געלעגנהייט אַרויסצושיקן קיין אויסלאַנד, נישט אמת?

— אַזוי האָב איך נישט געזאָגט!

— איר זאָגט דאָך וואָס איר ווייסט! איר האָט געזאָגט ער לייגט אָפּ און קערט זיך אום דערצו צוריק.

— כ׳האָב גערעדט בכלל ווי אַזוי שרייבער אַרבעטן.

— און ראַבינאָוויטש ווי אַזוי אַרבעט?

— כ׳בין נישט מחויב צו וויסן.

— אינטערעסאַנט, אַ נאָענטער פריינד אייערער און איר ווייסט אפילו נישט ווי אַזוי ער אַרבעט. איז וואָס־זשע ווייסט איר יאָ וועגן ראַבינאָוויטשן.

לענע האָט דערפילט, אַז דאָס פּנים פלאַמט ביי איר, די קניען האָבן ביי איר אָנגעהויבן ציטערן, זי האָט חשק געהאַט די ווערטער אויסצושרייען, זי האָט זיך אָבער מיט כּוח געצווימט און גערעדט מיט אַן איינגעלאָשענער שטימע:

— אַלץ וואָס איך ווייס איז, אַז ראַבינאָוויטש אין אַן אָרנטלעכער מענטש, אַ יידישער שרייבער, וואָס האָט אומשולדיק געליטן און ליידט ווייטער אומשולדיק.

דער עלעגאַנטער פּאַרשוין האָט פֿאַרריסן דעם קאָפּ ווי צו אַ דועל. זיין פּנים האָט זיך אָנגעצונדן. די אויגן האָבן אָנגעהויבן שפּריצן מיט רציחה, די שטימע איז געוואָרן היציק:

— וואָס האָט דערמיט צו טאָן דאָס, וואָס ער איז אַ יידישער שריי־בער?! אונדז איז אַלצאיינס צי ראַבינאָוויטש איז אַ ייד, צי נישט קיין ייד. מיר בעטן נישט אַריינצוברענגען אין דער אויספֿאָרשונג קיין נאַציאָנאַליסטישע מאָמענטן! מיר זענען אינטערנאַציאָנאַליסטן. איר פֿאַר־שטייט? אינטערנאַציאָנאַליסטן זענען מיר! מיט וואָסער ציל דערמאָנט איר, אַז דער אַרעסטירטער איז אַ ייד?

לענע האָט זיך אַ ביס געטאָן אין צונג. זי האָט זיך געלאָזט אויף אַ גליטשיקן וועג. דער מאַן האָט איר געוואָרנט. זי האָט צוזאַמענגענומען די לעצטע כוחות. זי מוז זיין פֿאַרזיכטיק, איינהאַלטן דעם גלייכגעוויכט, ווי אַן אַקראָבאַט, וואָס שפּאַנט איבער אַ דראָט אין דער לופֿטן, זי האָט געענטפֿערט מיט אַ געמאַכטן גלייכגילט:

— מיט קיין שום ציל נישט, כ׳האָב געענטפֿערט אויף אַ פֿראַגע וואָס איך ווייס וועגן ראַבינאָוויטשן, כ׳ווייס, אַז ער איז אַ יידישער שריי־בער, דאָס אַלץ.

—איר ענטפֿערט נישט אויף אונדזערע פֿראַגן, איר האָט פּאַרטיקע ענטפֿערס. זאָגט אונדז בעסער ביי ווער נען איר האָט געקליבן געלט פֿאַרן אַדוואָקאַט?

לענען האָט ווידער אַ זעץ געטאָן אין האַרץ, זי האָט זיך ווידער אָנ־גענומען מיט כוח און געענטפֿערט רואיק:

— כ׳האָב נישט געקליבן קיין געלט ביי קיינעמען.

— און אויב ס׳וועלן זיין אַזעלכע, וואָס וועלן אייך דערמאָנען, אַז איר האָט ביי זיי גענומען געלט?

— ס׳קאָנען אַזעלכע נישט זיין, אויב... אויב ס׳וועט עמעצער דאָס זאָגן, וועט ער זאָגן אַ ליגנט...

— און איר זאָגט הוילן אמת?

— איך זאָג וואָס איך ווייס.

דעם דועל האָט איבערגעריסן דער פּירקאַנטיקער אויספֿאָרשונגס־ריכטער. ער איז צוריקגעקומען, נישט לאַנג צוריק האָט ער מיט קעצישע

טריט פאַרלאָזט דאָס צימער, געגאַנגען מסתמא זיך אונטערלייגן דאָס האַרץ. צוריקקומענדיק האָט ער גענומען פּאַפּיר און א פּעדער. ס׳איז געווען אַ צייכן צו פאַרענדיקן. זיין פאַרטרעטער האָט זיך אָפּגעטראָגן.

— צייט צו פאַרשרייבן, מיר וועלן איצט מאַכן אַ פּראָטאָקאָל. וואָס איר ווייסט וועגן ראַבינאָוויטשן ווילט איר אונדז נישט זאָגן, ווען מיר פאַרשרייבן, דאָס וואָס איר האָט יאָ געזאָגט.

ער האָט געשריבן לאַנגזאַם, ס׳האָט געדויערט לאַנג. פון מאָל צו מאָל האָט ער זיך אויסגעגלייכט, צוגעוואָרפן לענעץ אַ פראַגע וועגן אַ דאַטע, אַן אָרט. לענע האָט געכאַפּט אַ קוק אויפן האַנט־זייגערל: פינף נאָכמיטאָג! זיבן שעה שוין אַן איבעררייס. ער האָט זיך אָפּגערוט, דער הויכער עלעגאַנט האָט אים פאַרטרעטן. זי האָט נישט געקאָנט דעם אָטעם אָפּכאַפּן. אויך איצט מוז זי זיך האַלטן אויף דער וואַך. די שפּאַנונג וואַקסט אין איר. ווי לאַנג וועט ער נאָך שרייבן? ער האָט לסוף געענדיקט און דערלאַנגט איר דעם פראָטאָקאָל.

— לייענט איבער און שרייבט אונטער.

זי האָט געלייענט איין מאָל, אַ צווייט מאָל און צוריקגעגעבן.

— איך וועל דאָס נישט אונטערשרייבן.

זי האָט אָנגעוויזן מיטן פינגער דאָ און דאָרט אין מאַנוסקריפּט.

— אַזוי האָב איך נישט געזאָגט, דאָס אויך נישט, ס׳קומט אויס אַנ־דערש ווי איך האָב זיך אויסגעדריקט. כמעט אַלץ אַנדערש.

זיין קאַלטע העפלעכקייט איז קאַלטער געוואָרן.

איר זאָגט אָפּ אונטערצושרייבן אייערע אייגענע דערקלערונגען?

— מיינע וועל איך אונטערשרייבן, נישט די.

ער האָט געפּרוווט פאַרלייגן מ׳זאָל דורכקומען:

— איר האָט דאָס פאַרמולירט מיט אַנדערע ווערטער, אָבער דער זין איז דער זעלבער, וועט מען ענדערן דאָ, דאָרט אַ וואָרט.

— ס׳גייט נישט אין עטלעכע ווערטער, ס׳שטימט נישט מיט מיינע ענטפערס.

— איר ווילט זיצן נאָך עטלעכע שעה, וועט מען אָנהייבן אויפסניי!

ער האָט צעריסן די עטלעכע בויגנס און ווידער זיך גענומען שרייבן. דאָס מאָל האָט ער עס געמאַכט שנעלער. לענע האָט געלייענט און ווידער אָפּגעזאָגט אונטערצושרייבן.

— איר האָט נישט קיין רעכט נישט אונטערצושרייבן! איר דער־לויבט אייך צופיל! ס׳איז אַ פאַרשוועכונג פון די עלעמענטאַרע געזעצן.

צי קענט איר די קאָנסעקווענצן פון נישט אונטערשרייבן אַ פּראָטאָקאָל?

— איך וועל אונטערשרייבן, ווען ס'וועט זיין איבערגעגעבן ריכטיק דאָס, וואָס כ'האָב געזאָגט.

זיין פול פּנים האָט זיך נאָך מער אָנגעבלאָזן, רויט געוואָרן. ער האָט מיט כעס צעקנייטשט דעם פּראָטאָקאָל און אַריינגעוואָרפן אין קויש. ס'האָט זיך אויפסניי אָנגעהויבן מיט פראַגן און ענטפערס; דערנאָך האָט ער געשריבן גיך, נערוועז. ס'האָט געדויערט לענגער ווי פריער. נאָך העכער צען שעה אויספאָרשונג האָט לענע ווידער באַקומען אַ טעקסט אונטערצושרייבן. ס'האָט איר געשווינדלט פאַר די אויגן. זי האָט געלייענט און די ווערטער זענען געשפּרונגען פון די שורות; דער דורשט און הונגער האָבן איר אויסגעדרייט די געדערים, ס'האָט געשטאָכן אין אַלע גלידער. זי האָט געלייענט צוויי־דריי מאָל די זעלבע זאַצן. ניין, דאָ איז נישט אַזוי ווי זי האָט געזאָגט, אין אַן אַנדער אָרט קאָן מען פאַרשטיין ווי מען וויל. זאָל זי ווידער אָפּזאָגן אונטערצושרייבן? די טרוקעניש אין האַלדז האָט זיך פאַרשטאַרקט. זי האָט זיך דערמאָנט אין מאַן, אין די קינדער. ער האָט געזאָגט „קאָנסעקווענצן"; זי האָט ווידער זיך אומגעקערט צו אייניקע זאַצן, זיי זענען פאַרנעפּלט. די אותיות האָבן אָנגעהויבן זיך דרייען אין אַ קאַראַהאָד. זי האָט אונטערגעשריבן.

— מיר וועלן אייך מיט אונדזער אויטאָ אָפּפירן צו אייך אַהיים.

— איך קאָן גיין צופוס. ס'איז נישט ווייט.

— ניין, מיר וועלן אייך אָפּפירן.

זיי זענען זאַלבע דריט אַריין אין אויטאָ. צי פירן זיי זי נישט אין דער מאַקאַבער תּפיסה, וואָס אויף דער זעלבער גאַס? צוליב וואָס דען פירן זיי זי אין אויטאָ? ווי גרויס איז געווען די איבערראַשונג, ווען זיי זענען פאַרפאָרן צו איר הויז. אַרויפגייענדיק אויף די שטיגן אין זייער באַגלייטונג, איז אַ נייער געדאַנק ווי אַ פייל פון בויגן דורכגעלאָפן אין קאָפּ: אַ רעוויזיע. זי האָט דאָס מאָל אויך נישט געטראָפן. זיי האָבן זי אַריינגעפירט אין שטוב און גלייך פאַרבעטן מיט זיך איר מאַן.

— זייט רואיק, אייער מאַן וועט היינט צוריקקומען.

זיי האָבן געהאַלטן וואָרט. ער איז דעם זעלבן אָוונט צוריקגעקומען. אים אָבער האָבן זיי נישט באַגלייט אין אַן אויטאָ, זיי האָבן שוין נישט געדאַרפט אויסמיידן ווי פריער, אַז מאַן און ווייב זאָלן זיך צווישן זיך פאַרשטענדיקן.

דער לעצטער טאג

דער לעצטער טאָג

(דראַמאַטורגישע סקיצע אין פינף בילדער)

פערזאָנען:

סטעפאַניאַ ווילטשינסקאַ

די קעכין

יאַנוש קאָרטשאַק

דער בוכהאַלטער

סעמי

סאַראַ

ערשט קראַנק מיידעלע

צווייט קראַנק מיידעלע

דאָס קראַנקע יינגל

דער מאַן

געוויסע פאַקטן פון דער דראַמאַטישער סקיצע „דער לעצטער טאָג"
זענען באַזירט אויף קאָרטשאַקס געטאָ-טאָג-בוך.

ערשט בילד

אַ באַשיידן, אָרעם ביוראָ־צימער. ביי איין וואַנט צוויי קליינע ביוראָ־שענקלעך מיט קאַרטאָטעקעס. ביי דער קעגנאיבערדיקער וואַנט אַן אַלטע שאַנק מיט שלעכט צוגעמאַכטע טירלעך. איבער אויף דער פאָדערשטער וואַנט אַ לאַנגער פילפאַרביקער אויפשריפט אין דער פאָרם פון אַ קראַנץ: קינדער־הויז. דאָ און דאָרט אויף די ווענט קינדער־אַרבעטן: צייכענונגען, אקווארעלן, אויסשניטן, אויפן פענצטער בלומען־טעפּלעך מיט ראַכיטישע פעלאַרגאָניעס. אויף רעכטס אַ פאַרמאַכטע טיר. אין מיטן צימער אַן אַלט ביוראָ־טישל, צוויי שטולן. ביים טישל זיצט אַ פעסט־געבויטע פרוי אין די איבער פופציקער מיט אַן ערנסט, ענערגיש פּנים. זי איז פאַרזונקען אין מחשבות. איר אָנגעשטרענגט געזיכט זעט אויס, ווי זי וואָלט עמעצן מיט אומרו דערוואַרט. ס׳איז סטעפאַניאַ ווילטשינסקאַ, די פאַרוואַלטערין פון יתומים־הויז. זי איז ווי שטענדיק אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצן סאַטינענעם אַרבעטס־פאַרטעך. די שוואַרצע האָר, דורכגעוועבט מיט זילבערנע פעדים, זענען גלאַטיק פאַרקעמט. אָט שפּאַרט זי אונטער דעם קאָפּ מיט ביידע הענט, וואַרפט אומרואיקע בליקן, שפּיצט אַן די אויערן. אַרום איז שטיל, ס׳דערגייט אָבער פון מאָל צו מאָל אַ קינדער־שטימע. און אָט גראָבט זי איין דעם קאָפּ אין אַ שטויס קינדער־אַרבעטן, וואָס ליגן פאַר איר. זי נעמט איינע, אַ צווייטע, באַקוקט מעכאַניש און לייגט אָפּ, ווי דער מוח וואָלט געווען פאַרנומען מיט גאָר עפּעס אַנדערש. עס דערהערט זיך אַ לייכטער קלאַפּ אין טיר. אין דער האַלב־אָפענער טיר באַווייזט זיך אַ קאָפּ פון אַן עלטערער, פאַראומערטער פרוי — די קעכין פון קינדער־הויז. זי קוקט אַ ווײַלע פאַרשעריש אַריין. שלייכט זיך לאַנגזאַם אַריין אין צימער, בלייבט שטיין ביי דער טיר און פרעגט נישט דרייסט:

די קעכין

אַנטשולדיקט, מ׳קאָן? כ׳דאַרף צו אייך...

סטעפאַניאַ ווילטשינסקאַ

(אויסדרייענדיק דעם קאָפּ צו דער פרוי) **אין וואָס גייט?**

די קעכין

(גייט צו נענטער צום טיש, פאַרלייגט פאַרזאָרגט די הענט) פאַני סטעפאַניאַ, וואָס זאָל איך גרייטן צום אוונט־ברויט? דאָס מיטאָג היינט איז קאַרגס. צו ווייניק קאַשע געווען. אויף איבער צוויי הונדערט מיילער. וויפל פאַלט אויס אויף אַ מויל, ס׳איז קוים דעם הונגער אָפּצוטרייבן. אפשר עפּעס מער אויף אוונט־ברויט?

סטעפאַניאַ ווילטשינסקאַ

מאַכט נאָר נישט אַזאַ אומגליקלעכע מינע! ווייניק קאַשע געווען, דערפאַר מער פּעדיש בלוט, ס׳איז נאַרהאַפט. און צו אוונט־ברויט וועט איר וואָס.

די קעכין

(וויל אויסבאַהאַלטן די פאַראומערטקייט און דאָס פּנים פאַרקרימט זיך נאָך מער) דאָס ברויט אַזוי פאַרטרוקנט, ס׳איז דען ברויט? אַ שטיק האַרט ליים, דער מעסער נעמט עס נישט. די ציינער קאָן מען זיך צע־ברעכן. אפשר דאָס מאָל אַ ביסל קאַרטאָפל?

סטעפאַניאַ ווילטשינסקאַ

דאָס ביסל קאַרטאָפל דאַרף מען לאָזן פאַר מיטאָגן. און דאָס ברויט דאַרף מען אָפּפרישן, צעשניידן, טונקען אין וואַסער און לאָזן אָפּפרישן אין באַק־אויוון. דער עיקר זייט נישט אַזוי פאַראומערט, פאַרזאָרגט. ס׳איז נאָך נישט קיין הונגער ביי אונדז, ביז היינט נאָך אויך נישט געווען קיין הונגער. האַרט ברויט איז אויך ברויט. איר וועט עס אָפּפרישן וועט עס זיין פריש.

די קעכין

כ׳האָב געוווסט איר וועט געבן אַ גוטע עצה, אַ געזונט אין אייך. וואָס וואָלט אין אַזעלכע צייטן געוואָרן פון אונדז אָן אייך? מיר וואָלטן אונטערגעגאַנגען, (ס׳פאַרקרימט זיך ביי איר דאָס פּנים ווי צו וויינען, אָבער זי האַלט זיך איין) אַזעלכע ביטערע צייטן געקומען אויף אונדז, אַזעלכע ביטערע... (טראָגט צו דעם פאַרטעך צו די אויגן און גיט אַ וויש) מ׳זאָגט, אַז מ׳וועט ווידער...

סטעפאַניאַ ווילטשינסקאַ

(האַרט שטראָפּעריש) וואָס ווידער פאַר אַ קלאָגן! אונדזערע קינדער

האָבן נאָך נישט געהונגערט ווי אַנדערע. מ׳דאַרף נישט מאַכן אַזאַ אומ־גליקלעכע מינע. די קינדער דאַרפן נישט זען קיין פאַרצאַרנטע פּנימער ביי די דערוואַקסענע, זיי דאַרפן נישט זען קיין טרערן.

די קעכין

(ווישט גיך אויס אַ טרער אין אויג) נאָר פאַר אייך דאָ, ווען קיינער זעט נישט, אפילו ווען דאָס האַרץ גייט איבער, ווען ס׳ווערט צעריסן פון דעם אַלעמען, האַלט מען זיך איין. נעכטן האָט מען ווידער... מ׳זאָגט, אַז מ׳וועט... אינדערפרי האָב איך געהערט ווי מ׳האָט דער־ציילט...

סטעפאַניאַ ווילטשינסקאַ

(רייסט איר איבער) הערט נישט וואָס מען דערציילט. און הערט אויף צו וויינען! איר זענט אַ דערוואַקסענער מענטש און אַרום זענען קינדער. איר, מיר אַלע דאַרפן זיין פאַר זיי אַ ביישפּיל. זיי טאָרן נישט זען קיין פאַראומערטע פּנימער, קיין טרערן, קיין שרעק. (שטרענג) איר פאַרשטייט?

די קעכין

(פאַרענטפערט זיך) כ׳פאַרשטיי, אוודאי פאַרשטיי איך. נאָר ביי מיר די טרערן ווען די קינדער זעען נישט. פאַר זיי מאַך איך אַ גוטע מינע, מיט אייך אָבער, פאַני סטעפאַניאַ, מ׳דאַרף זיך אַמאָל אַראָפּרעדן פון האַרץ. כ׳האָב אייך געוואָלט דערציילן, כ׳האָב געהערט זאָגן אַז...

סטעפאַניאַ ווילטשינסקאַ

(רייסט איר ווידער איבער) מ׳דאַרף גאָרנישט דערציילן. און זיך נישט צוהערן וואָס מ׳זאָגט. טראַכט נישט דערוועגן. מיר זענען פאַראַנט־וואָרטלעך פאַר איבער צוויי הונדערט קינדער, און נאָר וועגן זיי דאַרפן מיר טראַכטן. זיי טאָרן נישט זען קיין אומעט, קיין טרערן. אַזאַ פאַר־קרימט פּנים קאָן זיי נאָר שאַטן ברענגען. מיר דערוואַקסענע מוזן זיי העלפן בייקומען די שווערע צייט. צי פאַרשטייט איר דאָס?

די קעכין

(שאָקלט מיטן קאָפּ און ווישט מיט דער האַנט אַ טרער אין אויג) אוודאי פאַרשטיי איך. פאַני סטעפאַניאַ, כ׳על שוין נישט. אַזאַ יאָר אויף מיר ווי איר זענט גערעכט. שטענדיק ווען איך רעד מיט אייך, ווערט מיר לייכטער אויפן האַרץ, מיט אייך ווערט דאָס געמיט גרינגער. (מיט

א קינסטלעכער געמיטלעכקייט) **כ׳על שוין אַלץ צוגרייטן ווי ס׳געהער צו זיין. ווי דען, אַלט ברויט איז נישט קיין ברויט? אַז מען פרישט עס אָפּ, איז עס ווי פריש געבאַקן. און אַז אַמאָל אַ ביסל וויניקער קאַשע, הלוואי ווייטער נישט ערגער. אבי מ׳זאָל נאָר...** (די ווערטער שטיקן איר אין האַלדז) **אַנטשולדיקט, פּאַני סטעפאַניאַ, נאָר פאַר אייך, כ׳על שוין נישט. כ׳גיי שוין, כ׳האָב היינט אַ סך אַרבעט. פּאַני סטעפאַניאַ, כ׳על היינט מאַכן אַ גרונטאָוונעם רוים אין קיך. אַנטשולדיקט, פּאַני סטעפאַניאַ, כ׳על מער נישט.** (גייט אָפּ מיט גיכע, דראַבנע טריט, פאַרשווינדט הינטער דער טיר)

סטעפאַניאַ ווילטשינסקאַ עטעמט שווער אָפּ. זי שפּאַרט אונטער דעם קאָפּ מיט ביידע הענט און בלייבט זיצן אומבאַוועגלעך. די שפּאַנונג אויפן פּנים ווייזט, אַז דער מוח איז אָנגעשטרענגט. עס דערהערן זיך טריט פון הינטער דער טיר. באַלד מאַכט זיך אויף די טיר און אין צימער פאַלט אַריין מיט נערוועזע טריט אַן עלטערער מאַן — אַ מיטלוווקסיקער, דראַבנער, אויסגעדאַרטער מיט אַ גלאַנציקן קאָפּ אָן האָר, מיט אַן אויסגעצערט, בלאַס, קרענקלעך פּנים, מיט אַ בלאָנד שפּיציק בערדל, וואָס וואַקסט ביז אַרויף אויף די באַקן־זייטן און גערדיכטע וואָנסעס. ער איז פאַרסאָפּעט, זעט אויס אויסערסט פאַרמאַטערט, דערשעפּט — ס׳איז דאָקטער יאַנוש קאָרטשאַק־גאָלדשמידט.

סטעפאַניאַ ווילטשינסקאַ

(גלייכט זיך אויס, קענטיק ס׳איז איר לייכטער געוואָרן. איר פּנים ווערט געמיטלעך) **אַ, גוט וואָס איר זענט שוין דאָ צוריק! כ׳האָב מורא געהאַט איר וועט היינט נישט צוריקקומען אַזוי פרי.**

קאָרטשאַק

(רוקט אָפּ אַ שטול פון ביוראָ־טיש, זעצט זיך אַוועק און עטעמט שווער אָפּ) **פרי? פרי זאָגט איר, סטעפאַ? שוין באַוויזן אויסצוזיין אַ וועלט, די זומפּיקע, פינצטערע יידישע וועלט, אויסצומעסטן עטלעכע געטאָ־גאַסן, אַפּצושטאַטן נישט וויניק וויזיטן. און איר, סטעפאַ, זאָגט, אַז פרי; איר מעסט נאָך אַלץ די צייט מיט אַ נאָרמאַלן זייגער. עטלעכע שעה זיך דורכשלייכן דורך די געטאָ־גאַסן, עטלעכע שעה אַפּרייסן די שוועלן, בעטלען.** (בויגט אָן דעם קאָפּ, רעדט ווי צו זיך אַליין) **אַ בעטלער געוואָרן אין געטאָ. אַמאָל שטענדיק בלויז געפאָדערט וואָס ס׳קומט דעם יתומים־הויז, היינט מוז איך אי פאָדערן, אי אויסקריגן זיך, אי בעטלען, אַלץ איז רעכט, אבי פאַרזאָרגן די קינדער.**

סטעפאַניאַווילטשינסקאַ

נישט קיין גוטער טאָג הײַנט, אומזיסט געגאַנגען.

קאַרטשאַק

(הייבט אויף דעם קאָפּ) אומזיסט? ניין, פאַרקערט, דווקא הײַנט די מאַטערניש נישט געווען אומזיסט, כ׳קום הײַנט נישט מיט ליידיקע הענט. (מיט אַ געצווונגענעם גרימאַסע־שמייכל פול מיט איראָניע) אַרויסגע־ריסן וואָס ס׳האָט זיך נאָר געלאָזט, אין איין אָרט 30 קילאָ קאַשע, אין אַ צווייטן אָרט 3 זעקלעך קאַרטאָפל און 10 קילאָ ווורשט, אמתן ווורשט. איר הערט? ווורשט! כ׳האָב געפרעגט צי ער איז נישט אַמאָל פון מענטשיש פלייש? האָט מען מײַן פראַגע גענומען ערנסט און פאַרזיכערט מיר, אַז פון פערדיש פלייש. נישט פון מענטשיש פלייש, נאָר פון פערדיש. דעם אמת געזאָגט, פאַרוואָס זאָל מען אַזאַ פראַגע הײַנט נישט נעמען ערנסט? פאַר־ראַן אַ קלאַנג, אַז די דײַטשן מאַכן פון מענטשישע לייבער זייף. פאַרוואָס נישט ווורשט? ווו איז די גרענעץ? ווו? (בויגט אָן דעם קאָפּ) זי איז שוין פון לאַנג אַריבערגעטראָטן די מענטשלעכע גרענעץ.

סטעפאַניאַ ווילטשינסקאַ

(לייגט נישט קיין אַכט אויף זײַנע לעצטע ווערטער, ווי זי וואָלט נישט דערהערט) נישט געריכט זיך ס׳זאָל זיך אייך הײַנט אַזוי אײַנגעבן; דער עיקר איר זענט שוין צוריק.

קאַרטשאַק

זעט איר, הײַנט אָפּגעקומען מיט ווייניקער מאַטערנישן, דווקא הײַנט אַ גוטער שניט. אַ ביסל געלט אויך, (אויפגעלייגטער) אפילו אַ שפּאַר ביסל. באַלד וועט די שפּייז אָנקומען, אויך דאָס שנעלע איבערשיקן האָט זיך אײַנגעגעבן. ווידער אָפּגעטריבן אויף אַ שטיקל צײַט דאָס געשפּענסט פון הונגער. כ׳וועל זיך נאָך הײַנט צוכאַפּן, ביז וואַנען ס׳לאָזט זיך, מ׳דאַרף אויסנוצן יעדע געלעגנהייט. כ׳וועל אָפּכאַפּן אַ ביסל דעם אָטעם און ווידער זיך לאָזן איבערן גיהנום.

סטעפאַניאַ ווילטשינסקאַ

(מיט זאָרג) הײַנט שוין נישט, לאָזט אויף אַן אַנדערש מאָל, אויף מאָרגן.

קאַרטשאַק

מאָרגן, מאָרגן, ביי אייך, סטעפאַ, איז די צײַט נאָך אײַנגעטיילט אין

אַ היינט און מאָרגן. (איראָניש) לאָזן אויף מאָרגן אין געטאָ! ווער ווייסט ווי אַזוי דער מאָרגן וועט אויסזען. וואָס ס'איז דאָ צו טאָן דאַרף מען שוין היינט, שוין איצט, און נישט אָפּלייגן אויף מאָרגן. (הייבט זיך אויף גרייט אָוועקצוגיין).

סטעפאַניאַ ווילטשינסקאַ

(ווי זי וואָלט זיינע ווערטער נישט גענומען אין באַטראַכט, רעדט צו אים מיט זאָרג) איר זעט אויס זייער פאַרמאַטערט, איר זענט דער־שעפּט, איר טאָרט נישט אַזוי אויספּרעסן פון זיך די כוחות. און אויפן גאַס... (זי פאַרכאַפּט זיך ווי זי וואָלט חרטה געהאַט אויף די אַרויסגע־זאָגטע ווערטער) דערווייל וועלן מיר דאָך האָבן שפּייז. איר זענט נאָך אַ קראַנקייט, מ'דאַרף איינשפּאָרן די כוחות ווי ווייט ס'איז מעגלעך, איר מוזט אַ ביסל טראַכטן וועגן זיך אויך.

קאָרטשאַק

איך מוז קודם כל טראַכטן וועגן די קינדער. כ'בין אַ פאָטער פון איבער צוויי הונדערט קינדער. מיין געזונט וועט שוין סיווי גאָרנישט העלפן. און איר, סטעפאַ, נעמט אויף זיך אַן איבעריקע צוגאָב־זאָרג. אַלץ איז אויף אייערע פּלייצעס, די גרעסטע משא פאַלט אויף אייך און איר זאָרגט איך נאָך וועגן מיין געזונט. נויטיק איך אַ צוגאָב־זאָרג!

סטעפאַניאַ ווילטשינסקאַ

(ווי מיט אַ פאַרוואָרף, נאָר האַלב איראָניש, האַלב ערנסט) איך פאַר־קוק מיך אויף אייך, איר האָט דאָך גענומען אויף זיך אַ גרעסערע צו־גאָב־זאָרג.

קאָרטשאַק

דאָס יתומים־הויז אויף דזיעלנע, האַ? כ'האָב פאַרשטאַנען, געפילט אייערע פאַרוואָרפן.

סטעפאַניאַ ווילטשינסקאַ

כ'וואָרף גאָרנישט פאָר, כ'שטעל נאָר פעסט.

קאָרטשאַק

(מיט פאַרביטערונג און אומעט) איר קאָנט פעסטשטעלן אַ נייע מפּלה מיינע.

סטעפאַניאַ ווילטשינסקאַ

נישט דאָס האָב איך געמיינט. און איר טרייבט מסתמא אַ ביסל איבער.

קאָרטשאַק

איבערטרייבן... נאָך אַ וואָרט, וואָס האָט שוין נישט קיין שום גילטיקייט. וואָס קאָן מען שוין היינט איבערטרייבן? איר הערט, סטעפאַ, זיי שטאַרבן דאָרט אויס די קינדער. מיט יעדן טאָג מער. איך קוק ווי זיי שטאַרבן אויס און קאָן גאָרנישט העלפן. כ׳בין אָנמעכטיק! יעדעס מאָל ווען איך קום דאָרט אויף די עטלעכע שעה, שטעל איך נאָר פעסט מיין אומענדלעכע אָנמעכטיקייט: קינדערישע שאָטנס, איינגעדאָרטע גופים־לעך, צעפרעסענע פון הונגער און קראַנקייטן. כ׳קוק אויף זיי און ס׳ווילט זיך מיר שרייען, רופן נאָך הילף. שרייען אויף וועמען? צו וועמען? צו וועמען רופן נאָך הילף? און צי ווייסט איר ווי אַזוי ס׳קוקט היינט אַ קראַנק קינד אויף אַ דאָקטער? נייען, נישט ווי אַמאָל. אַמאָל האָט עס מורא געהאַט, געוויינט פון אַ דאָקטער. היינט פאַרקערט, וואַרט אויף אים, דערוואַרט פון אים הילף, מאָנט, פאָדערט פון אים. די קינדערשע אויס־געלאָשענע אויגן קוקן אויף איך אומאויפהערלעך. אוי, די בליקן זייערע! זיי מאָנען, בעטן, בעטלען. אַ 8־יאָריק מיידעלע האָט מיך געפרעגט: דאָקטער, איך וועל לעבן? איך וויל נישט שטאַרבן, לאָזט מיך נישט שטאַרבן! וואָס טאָן זיי זאָלן נישט שטאַרבן? אוי, די אָנמעכטיקייט, די אָנמעכטיקייט, נישטאָ קיין שרעקלעכערע זאַך, ווי די אָנמעכטיקייט און אומ־באַהאָלפנקייט לגבי די ליידן פון די קינדער. פון אַלע זייטן לאָקערט אויף זיי דער טויט, טויזנטער געפאַרן. און דו קאָנסט עס בלויז פעסטשטעלן, מער גאָרנישט. (בויגט אָן דעם קאָפּ, רעדט ווי צו זיך אַליין) און ווי דאָס קליינוואַרג דאָרט באַנעמט דאָס אַלץ, מיט וואָס פאַר אַן ערנסט! און דער־וואַרטן כסדר רעטונג... פון מיר. ווי גיך איך באַוויז זיך, זענען זייערע אויגן געוואַנדן צו מיר, צו מיר נאָך הילף... (רייסט זיך אויף פון שטול) און איר, סטעפאַ, דערמאָנט מיר כסדר כ׳זאָל אַכטונג געבן אויף מיין געזונט!

סטעפאַניאַ ווילטשינסקאַ

אַז איר געדענקט אַליין נישט מוז מען איך דערמאָנען.

קאָרטשאַק

(גיט אַ מאַך מיט דער האַנט) לאָזט צו רו! וואָס פאַר אַ באַדייטונג

האָט מײַן אַלטער, צעבראָכענער נפש, ווען יעדע שעה, יעדע מינוט ווערן פאַרשניטן אַזוי פֿיל קינדערישע לעבנס, ווען... יעדן טאָג קאָן מען...

סטעפאַניאַ ווילטשינסקאַ

איר האָט אַמאָל געהאַט געשריבן, אַז ווען עס ברענען וועלדער, דאַרף מען קאָנען ראַטעווען רויזן. אַזוי האָט איר געשריבן, נישט אמת?

קאָרטשאַק

(נערוועז און מיט דערווידערונג) געשריבן! געשריבן! דערמאָנט עס בעסער נישט, וואָס געווען איז פאַרשוווּנדן, ס'האָט פאַרלוירן דעם זין, די באַדייטונג; אומרעאַל די נעכטיקע וועלט, רעאַל נאָר דאָס, וואָס אַרום אונדז — געטאָ, הונגער, מאָרד, אַקציע. (זעצט זיך צוריק אַוועק, ווי אַן אינערלעך ברויזן וואָלט אים דערשעפּט, רעדט רואיקער, נאָר די ווערטער קומען פֿון ערגעץ טיף) ס'טרעפט, אַז איך שעם מיך פֿאַר דעם וואָס כ'האָב אַמאָל געשריבן, אַן שום ווערט היינט, אָן שום האַפט. (וואַרט אַ ווײַלע) נישט צו באַנעמען, היינט זעט מיר דאָס אויס, ווי פּוסטע ווערטער; דאָס וואָרט האָט פאַרלוירן דעם זין, דעם אינהאַלט, ריינע אַבסטראַקציע, זינלאָזיקייט; נאָר די רציחה, די טויט־געפאַרן רעאַל, קאָנקרעט. (שווייגט ווידער אַ ווײַלע, פּלוצלינג רייסט ער זיך אויף פֿון שטול) נו, כ'וועל שוין גיין, זינלאָז אויך צו זיצן דאָ און פּלאַפּלען, דער טאָג אַנטלויפט אפילו אין געטאָ.

סטעפאַניאַ ווילטשינסקאַ

(מיט אַ בעטנדיקן טאָן) גייט שוין נישט היינט, כ'בעט אײַך, לאָזט דאָס אויף אַן אַנדערש מאָל.

קאָרטשאַק

די קינדער מוזן האָבן... (פאַרענדיקט נישט ווי ס'וואָלט נישט פּאַסיק געווען איצט צו באַנוצן אַזאַ וואָרט) זיי האָבן שטאַרק אָפּגעמאָגערט, זייער וואָג איז די לעצטע וואָך געפאַלן דורכשניטלעך מיט אַ קילאָ. כ'האָב אַן אויסזיכט אויף הייוון, אומבאַדינגט זיי נויטיק וויטאַמין ב. כ'מוז די הייוון אַרויסבאַקומען, אויסבעטלען, אַרויסרייסן, אויב נישט מיט גוטן, איז מיט בייזן, ס'קאָן אויסקומען זיך אויסצוקריגן.

סטעפאַניאַ ווילטשינסקאַ

צוואָס מיט בייזן? זיך אויסקריגן?

קאַרטשאַק

אַזוי מוז מען אין געטאָ, אַז ס׳לאָזט זיך נישט מיט גוטן, איז מיט בייזן, אַלצאיינס, אַבי באַשפּייזן איבער צוויי הונדערט מיילער. וואָס פאַר אַן אונטערשייד ווי אַזוי און ביי וועמען, אַבי די קאַשע אַרויסגעריסן. בעטלען, פאָדערן, אויסקריגן זיך, אַלץ, אַלץ איז רעכט, אַבי נישט דער־לאָזן דער הונגער זאָל צעפרעסן קינדערישע גופים. הייוון מוז איך אויך היינט אַרויסרייסן!

סטעפאַניאַ ווילטשינסקאַ

(רעדט צו אים ווי צו אַ קראַנק קינד) נישט היינט, לייגט עס אָפּ. היינט וועט איר אַ ביסל אָפּרוען, זיך איבערשלאָפן. איר שלאָפט דאָך כמעט נישט. דעם גאַנצן טאָג אויף די פיס און ביינאַכט רוט איר אויך נישט אָפּ. איר שרייבט גאַנצע נעכט.

קאַרטשאַק

די נאַכט איז געוווינט לאַנג צו שרייבן, צו טראַכטן, צו רוען, צו שלאָפן. (פאַרטראַכט זיך אַ ווײַלע און שטיל ווי צו זיך אַליין) אַזוי פיל מאָל האָט מען מיר פאָרגעלייגט צו שרייבן זכרונות און קיינמאָל נישט געהאַט קיין צייט און קיין חשק דערצו. איצט פאַראַן אי צייט, אי חשק, איצט איז די נאַכט פּאַסיק דערויף. (ווענדט די אויגן צו סטעפאַניאַ און מיט אַ טרויעריקער איראָניע) קאָן מען זיך פאָרשטעלן אַ גינסטיגערע אַמ־ביאַנס ווי מיין אָפּגעצוימטע קאַמער לעבן איזאָלאַציע־צימער? אויף דער צווייטער זייט וועגטל קראַנקע קינדער, איך הער זייער שווער עטעמען, טיילמאָל דוכט זיך מיר, אַז איך זע זייערע קאָשמאַרע חלומות. יאָ, דורך דער וואַנט הער איך און זע אַלץ. פריער האָט מיך אַקאָמפּאַנירט אין די נעכט דאָס קרעכצן פון אונדזער אָרעמען שניידער. (מיט ביטערער איראָ־ניע) צווישן אונדז געשמועסט האָט אונדזער אַלטער איזראַעלעוויטש אָפּגעטאָן אַ קלוג שפּיצל — אָפּגעטראָגן זיך שטילערהייט פון דער עקלהאַפטער, אומזיניקער וועלט און פּטור אַן עסק, באַפרייט זיך פון אונדזער גיהנום.

סטעפאַניאַ ווילטשינסקאַ

איר האָט דאָך געזאָגט, אַז ער האָט נישט געוואָלט שטאַרבן.

קאַרטשאַק

ניין, נישט געוואָלט. געמאַטערט זיך, געליטן די ערגסטע ווייטיקן,

דערצו געפייניקט זיך מיט שוואַרצע ווייזיעס. אַט פאַריאָגט מען אונדז ווידער פונעם הויז, אַט פאַרשיקט מען אונדז ערגעץ צום טייוול. פאַרויסגע־זען דאָס ערגסטע, שטילינקערהייט, קיינער זאָל נישט דערקענען אין אים, גע־שראָקן זיך פאַרן מאָרגנדיקן טאָג, פאַר דער אַנקומענדיקער נאַכט און געוואָלט לעבן. אַליין מיר שטילערהייט געזאָגט, אַז אַלץ איז אים שוין נמאוס און אין דער אמתן געקלאַמערט זיך אינעם פונק לעבן. אַ רעטע־ניש. און אפשר גאָר קיין רעטעניש?

סטעפאַניאַ ווילטשינסקאַ

אפשר דערפאַר וואָס דער מענטש ווייסט, אַז דאָס לעבן איז אים געגעבן נאָר איין מאָל.

קאַרטשאַק

(דערווידערנדיק) ער ווייסט! ער ווייסט! טראַכט ער דען דעמאָלט דערוועגן? אַ סוד פאַר זיך אַליין. ס׳שטעקט אין אונדז אַזאַ געהיימער, אויסבאַהאַלטענער כוח. איזראַעלעוויטש האָט מיר נישט איין מאָל אויפן אויער געזאָגט, אַז ס׳וואָלט געווען אַ גליק פאַר אים צו שטאַרבן אין אייגענעם בעט. אַלץ איז אים דערעסן געוועזן. און די מורא פאַרן מאָרגן! און געקלאַמערט זיך ביז דער לעצטער מינוט אינעם לעבן. (שטיל צו זיך אַליין) פאַרט געהאַט דאָס גליק צו שטאַרבן ביי זיך אין בעט. (קוקט זיך אַרום צי די טיר איז פאַרמאַכט) ווער ווייסט ווו ס׳וואַרט אויף אונדז דער טויט.

סטעפאַניאַ ווילטשינסקאַ

איר זענט דערשעפּט און דערפאַר אַזעלכע שוואַרצע געדאַנקען.

קאַרטשאַק

ניין, מיין ליבע סטעפאַ, נישט מער דערשעפּט ווי אַן אַנדערש מאָל, נאָר דעם אַלטן דאָקטער האָט זיך אַ ביסל אויפגעבונדן די צונג. צוואָס זאָל איך פאַר אייך אויך אויסבאַהאַלטן? דער מוח ווערט שטענדיק צע־שפּרונגען, צעזעצט פון אַזעלכע געדאַנקען. ביז איצט געטראַכט צומ־מיינסטן ווי אַזוי אויסצומיידן די קינדער זאָלן הונגערן. דאָס גע־שפּענסט פון די פאַרהונגערטע קינדער מיט די אויפגעבלאָזענע בייכער פאַרלאָזט קיינמאָל נישט, אפילו נישט אין שלאָף. נאָר פון דער פּלאָג קאָן מען זיך נאָך ווי נישט איז ווערן, פאַרהיט זיי ביז איצט. ווי אַזוי זיי פאַרהיטן פון אַנדערע פּלאָגן? ווי אַזוי?! (שטעלט זיך אויף, שפּאַנט

נערוועז הין און צוריק איבערן צימער, שטעלט זיך אָפּ, נישט קוקנדיק צו סטעפאַניאַ) דער אַלטער איז צו באַרעדעוודיק געוואָרן. נו, כ׳מוז שוין גיין. די שפּייז וועט אָנקומען, דאָס געלט אויך. אויב כ׳וועל זיך פאַר־שפּעטיקן...

סטעפאַניאַ ווילטשינסקאַ

(רייסט אים איבער און האַלב בעטנדיק, האַלב באַפעלעריש) ניין, איר טאָרט שוין היינט נישט אַרויסגיין! כ׳בעט אייך בלייבט אין שטוב. אין אַזעלכע טעג אומאויפהערלעך אַרומקריכן איבער די גאַסן... (זי פאַרכאַפּט זיך) איר זענט איבערגעמאַטערט.

קאַרטשאַק

אין אַזעלכע טעג אָדער אין אַנדערע טעג. אַ געטאָ־טאָג איז ענלעך איינער צום אַנדערן.

סטעפאַניאַ ווילטשינסקאַ

מ׳דאַרף אָבער נישט קריכן דעם וואָלף אין פּיסק. און איר דאַרפט אויך אָפּרוען. די קינדער דאַרפן אייך, איר זענט לעצטנס וויניק מיט זיי.

קאַרטשאַק

יאָ, וויניק צייט פאַר זיי, געדאַרפט זיין יינגער. כ׳וואָלט טראַץ אַלע־מען געוואָלט זיין יונג. (מיט ביטערער איראָניע) יונג זיין... דער מלאך המוות טרעט אויף די פּיאַטעס און ס׳ווילט זיך דיר יונג זיין! (ווענדעט די אויגן צו סטעפאַניאַ) ס׳נוצט צו גאַרנישט, סטעפאַ, אויסצובאַהאַלטן צווישן אונדזביידע. איך וואָלט געוואָלט ס׳זאָל געלינגען אויסצובאַהאַלטן ביזן לעצטן מאָמענט פאַר זיי, איך ווייס נאָך נישט גענוי ווי אַזוי, און איך ווייס אויך נישט וואָס איך וואָלט אין לעצטן מאָמענט די קינדער גע־זאָגט, כ׳וואָלט אָבער געוואָלט קענען רעדן צו זיי ביזן לעצטן אָטעם־צוג.

סטעפאַניאַ ווילטשינסקאַ

(קוקט אויף אים די גאַנצע צייט אַ דערשיטערטע, אָבער אַ באַ־הערשטע) איר זענט היינט באמת שטאַרק דערשעפּט. אַזאַ דערשעפונג פירט... איר וועט שוין היינט נישט אַרויסגיין. איר מוזט גיין אָפּרוען.

קאַרטשאַק

(אַן אומצופרידענער אָבער נאָכגיביק) נו גוט, זאָל זיין, אָפּלייגן אויף מאָרגן די אַנדערע וויזיטן אין די אינסטיטוציעס. איר, סטעפאַ, מוזט אַלע מאָל

אויספירן. אפשר זענט איר גערעכט, מ׳דאַרף ווידמענען אַ ביסל מער צייט די קינדער, כ׳בלייב צו ווייניק מיט זיי.(פאַרטראַכט זיך, ווי ער וואָלט זיך אין עפעס דערמאָנט) וואָס האָט איר אָקערשט געזאָגט, סטעפאַ? מ׳דאַרף נישט קריכן דעם וואָלף אין פיסק? צי קאָנען זיי אַמאָל אַליין נישט טרעפן צו אונדז די וועלף? (וואַרט אַ ווײַלע זי זאָל זיך אָפּרופן, סטעפאַ קוקט אויף אים אַ שווייגנדיקע) איר ווייסט וואָס ס׳איז דאָס ערגסטע? די שרעק. איר זיצט אין שטוב, סטעפאַ, איר ווייסט נישט וואָס פאַרא פּנים ס׳האָט די שרעק.

סטעפאַניאַ ווילטשינסקאַ

(ווי זיינע ווערטער וואָלטן זי כלל נישט איבעראַשט) איך ווייס, איך ווייס, זיי דערגייען צו מיר אַהער אומאויפהערלעך די קלאַנגען.

קאַרטשאַק

(ווי אירע ווערטער וואָלטן אים פּלוצלינג באַאומרואיקט) קלאַנגען. היינט רוישט דאָס געטאָ מער ווי שטענדיק מיט די משונהדיקסטע קלאַנגען. מיט יעדן טאָג ווערט דער העסלעכער רויש רוישיקער. ווי אַזוי נישט דער־לאָזן די אָפּקלאַנגען פון גיפטיקן רויש זאָלן אַהער דערגיין? ווי אַזוי פאַרהיטן דערפון דאָס קינדער־הויז? (שווייגט אַ רגע, אַן אומגעהויערער צער שפּרייט זיך אויס אויף זיין פּנים; טראַכט, ווי ער וואָלט אין זיינע רעיונות אַן עצה געזוכט, רייסט זיך פּלוצלינג אויף, ווי ער וואָלט די עצה געפונען) די קינדער זענען ביי זייערע טאָג־באַשעפטיקונגען? אַלץ גייט נאָרמאַל?

סטעפאַניאַ ווילטשינסקאַ

ווי שטענדיק, זיי זענען אַלע פאַרנומען ביי זייערע באַשעפטיקונגען.

קאַרטשאַק

דאָס איז איצט זייער וויכטיק. זיי דאַרפן זיין אַבסאָרבירט, נאָר דאָס, רואיקייט און אָרדענונג קאָנען זיי פאַרהיטן פון... פון שרעק, פון פּאַניק.

סטעפאַניאַ ווילטשינסקאַ

אָבער מיר גופא וואָלטן אפשר געדאַרפט... אין דער איצטיקער סיטואַציע וואָלט מען אפשר געדאַרפט זען ווי אַזוי אויפצונעמען...

קאַרטשאַק

(רייסט איר איבער מיט אומגעדולד) אין דער איצטיקער סיטואַציע

דאַרף מען זען קודם כל אויסצומיידן שרעק, פֿאַרהיטן די קינדער פֿון פּאַניק־שטימונגען. אַזוי לאַנג ווי ס׳איז מעגלעך, אַזוי לאַנג ווי מיר זע־נען דאָ אויפֿן אָרט, דאַרף מען איינהאַלטן אַן אַטמאָספֿער פֿון אַ מענטשלעכן לעבן, אַ נאָרמאַלן סדר פֿון טאָג. אונדזער קינדער־הויז איז געווען אַן אינדזעלע אויפֿן ווילד־צעשטורעמטן ים, נישט דערלאָזט ביז איצט די צעווילדעוועטע כוואַליעס זאָלן עס פֿאַרגיסן. אַזוי דאַרף מען ווייטער, סטעפֿאַ. מ׳מוז פֿאַרהיטן די קינדער פֿון דער געטאָ־אַטמאָספֿער, פּונעם פּחד, וואָס קאָן פֿאַרסמען די קינדערישע הערצער, צעטרייסלען זיי. כ׳ווייס, כ׳ווייס, סטעפֿאַ, דער שטורעם קאָן זיך אַראָפּלאָזן אויך אויף אונדזער אינדזעלע, אָבער די קינדער טאָרן דאָס נישט פֿאַרויסזען, טאָרן נישט לעבן אין דערוואַרטונג פֿון... מיטן באַוווסטזיין פֿון אַן אָנרוקנדיקער סכנה. דער פּערסאָנאַל דאַרף דאָס פֿאַרשטיין.

סטעפֿאַניאַ ווילטשינסקאַ

(מיט פֿאָרוווּרף) פֿאַרוואָס אָבער פֿייניקט איר זיך גופֿא מיט אַ סכנה, וואָס קאָן זיך אָנרוקן? איך פֿאַרשטיי אייך נישט, איר גופֿא מאַטערט זיך מיט געדאַנקען פֿון דראָענדיקע געפֿאַרן און גלייכצייטיק ווילט איר שאַפֿן אַן אַטמאָספֿער פֿון רואיקייט. ס׳זעט מיר אויס ווי איר וואָלט געוואָלט אונדז איינוויגן. ס׳וואָלט אפֿשר גלייכער געווען צוגעגרייט צו זיין צו אַן עווענטועלן... אויב... אויב ווי איר האָט מורא, זאָל דער קלאַפּ נישט טרעפֿן פּלוצלינג; ווען מ׳איז צוגעגרייט...

קאָרטשאַק

(לאָזט איר נישט פֿאַרענדיקן) ווער זאָל זיין צוגעגרייט?

סטעפֿאַניאַ ווילטשינסקאַ

זייט רואיק, ס׳האַנדלט זיך אין אונדז גופֿא, אין די דערוואַקסענע. אין פֿאַל... אויב ווי איר אַליין טראַכט... זיין צוגעגרייט, פֿאָרויסזען ווי אַזוי אויפֿצונעמען...

קאָרטשאַק

(מיט קעגנערשאַפֿט) די קינדער טאָרן זיך נישט אָנשטויסן! זיי כאַפּן בחוש אויף יעטוועדע, די מינדסטע שפּאַנונג. זיי טאָרן קיינמאָל נישט אָנען וועגן עווענטועלע געפֿאַרן. נאָר נישט קיין אנגסטיקע דער־וואַרטונג!

סטעפאַניאַ ווילטשינסקאַ

כ׳האָב אייך שוין געזאָגט, די קינדער זענען ווי שטענדיק פאַרנומען מיט זייערע באַשעפטיקונגען. ס׳האַנדלט זיך וועגן אונדז גופא; איך זע אייער גרויסן אומרו, אפשר וואָלטן מיר פאַרט געזען וואָס ס׳איז דאָ צו טאָן, מיר האָבן שטענדיק געוואָרט אויף אייערס אַ וואָרט.

קאָרטשאַק

(צעלייגט אין פאַרצווייפלונג די הענט) וואָס ס׳איז דאָ צו טאָן? איר ווייסט דאָך אַזוי גוט ווי איך, אַז מיר קענען גאָרנישט טאָן. וואָס זאָל איך אייך נאָך זאָגן? מיר מוזן דערווייל אַזוי האַנדלען נישט צו דערלאָזן די קינדער זאָלן אַנען וועגן געפאַרן, די שרעק זאָל זיך נישט באַזעצן אין זייערע הערצער, מ׳דאַרף זיי איינשפּאָרן די פּיין פון אַנגסט. איר ווייסט ווי לייכט ס׳איז אַנצושטעקן קינדער מיטן געפיל פון אַ דראָענדיקער סכנה. אפילו... אפילו אין אַנבליק פון אַן עווענטועלער סכנה דאַרפן מיר האַנדלען אַזוי, אַז זיי זאָלן אַלץ אויפנעמען רואיק, אָן פחד, אָן שרעק־קראַמפּן.

סטעפאַניאַ ווילטשינסקאַ

אַזוי האַנדלען מיר כסדר, אָבער מיר גופא, אפשר דאַרפן מיר...

קאָרטשאַק

(לייגט נישט קיין אַכט אויף אירע רייד, שפּאַנט נערוועז איבערן צימער די הענט פאַרלייגט הינטן).

ביי די קינדער דאַרף אַלץ גיין ווי ביז איצט נאָרמאַל, די באַשעפטיקונגען, אַלע זייערע פאַראינטערעסירונגען, ס׳זאָל נישט זיין קיין אָרט פאַר די פאַרשאָלטענע קלאַנגען, זייערע מוחות דאַרפן זיין אבסאָרבירט מיט זייערע געוויינלעכע, טאָג־טעגלעכע ענינים.

סטעפאַניאַ ווילטשינסקאַ

(נעמט פון טיש אַ צייכענונג, באַטראַכט זי אַ ווײַלע און ווייזט זי קאָרטשאַקן) גיט אַ קוק! אַ סימן, אַז זיי זענען פאַרנומען מיט זייערע אייגענע ענינים.

קאָרטשאַק

(נעמט די צייכענונג, באַקוקט זי און לייגט זי שנעל אָפּ אויפן טיש)

יאָ, זיגמוש געדענקט נאָך אַ גרינעם בוים, וואָס איז אין געטאָ נישט

בנמצא, געדענקט און בענקט. ווען מען קוקט זיך צו ווי זיי אַרבעטן, לערנען, לייענען, דוכט זיך, אַז אַלץ איז אין אָרדענונג ביי זיי, זיך צוגע־וווינט צו דער פאַרשאָלטענער תפיסה. אין דער אמתן איז דאָס נישט אַזוי, נייִן. איך זע וויפל אומעט עס קוקט אַרויס פון זייערע אויגן אפילו חען זיי לאַכן, פרייען זיך, שטיפן. איך פיל וויפל אינערלעכע צערודע־רונג, רעוואָלט, וויפל אומרוען און בענקשאַפטן עס באַהאַלטן זיך אויס סיף אין דער קינדערישער נשמה. דאָס קינדערישע האַרץ נאָגט אַ פּאַר־באַרגענע אַנגסט. די פּאַרטייעטע אַנגסט איז מסוגל זיך צו צעפלאַקערן. דערצו טאָר מען נישט דערלאָזן! איינשפּאָרן זיי דיליידן, וואָס עס ברענגט די אימה, דער אַנוואַקסנדיקער פּחד, וואָס קאָן שטייגן אין קינדס דמיון אָן אַ גרענעץ. דאָס קאָנען מיר נאָך אפשר פאַר זיי טאָן, דאָס מוזן מיר טאָן אין אונדזער אָנמעכטיקייט. וואָס קאָן איך מער? דעם הונגער אָפּטרייבן פון זיי און אפשר אויך... די אַנגסטיקע שרעק. נישט גענוג, האַ, סטעפאַ?

סטעפאַניאַ ווילטשינסקאַ

איר קאָנט זיך גאָרנישט פאַרוואַרפן. אייער אומרו זעט מיר אויס... אפשר נישט באַרעכטיקט. און דאָס פייניקן זיך גופא האָט קיין שום זין נישט.

קאָרטשאַק

נייִן, ס'האָט נישט קיין זין. איר זענט גערעכט. (ער נעמט מעכאַניש אַ צייכענונג פון טיש, כאַפּט אַ קוק און לייגט זי צוריק אָפּ) בלויז דאָס אַ האָט נאָך אַ זין. איך וואָלט איצט געדאַרפט גיין צו זיי. נו, יאָ, אַז איר האָט מיר שוין איינגערעדט אָפּצולייגן די וויזיטן אויף מאָרגן, דאַרף מען גיין אַ קוק טאָן צו זיי. (נעמט אַרויס פון קעשענע דאָס זייגערל, כאַפּט אַ קוק) ס'דאַכט זיך, אַז אין אונדזער גיהנום האָט זיך די צייט פאַרהאַלטן. און פאַרט לויפט זי. שוין מער ווי אַ האַלבער טאָג אַוועק. (גייט אָפּ).

סטעפאַניאַ ווילטשינסקאַ

(שרייט אים נאָך) גייט אייך פריער אַ ביסל צולייגן.

(סטעפאַניאַ ווילטשינסקאַ לאָזט אַרויס אַ פאַרשטיקטן זיפץ. זי זעט איצט אויס פאַרמאַטערט, אָנגעשטרענגט. אויף איר געזיכט צייכנט זיך אָן אַ צעקלעמטקייט, וואָס זי האָט פריער אויסבאַהאַלטן. זי הייבט זיך לאַנגזאַם אויף און הייבט אָן מאַכן אָרדענונג אויפן טיש. באַלד דערהערט

זיך ווידער אַ קלאַפּ אין טיר. ס׳קומט אַריין די קעכין, כמעט אַן אויפגע־לייגטע, מיט אַ בלאַסן שמייכל אויפן פּנים.

די קעכין

פּאַני סטעפאַניאַ, איך ברענג אייך אַ גוטע בשורה.

סטעפאַניאַ ווילטשינסקאַ

(מיט גרויס נייגיר) **וואָס פאַר אַ בשורה?**

די קעכין

(ציט אויס דעם קאָפּ און שטיל, ווי זי וואָלט איבערגעגעבן אַ סוד) **ס׳איז אָנגעקומען שפּייז, און וואַסערע שפּייז! פאַראַן אויך וורשט.**

סטעפאַניאַ ווילטשינסקאַ

כ׳ווייס, כ׳ווייס.

די קעכין

איר זעט, פּאַני סטעפאַניאַ, ס׳איז נאָך דאָ אַ גאָט אין הימל, ער פאַרלאָזט אונדז נישט. ס׳איז נאָך נישט סוף וועלט. מ׳עט איבערקומען די שלעכטע צייט, מ׳עט זיי נאָך איבערלעבן די רוצחים. גאָט וועט אונדז נישט פאַרלאָזן. אַזוי פיל המנס אָנגעשטאַנען אויף אונדז און האָבן איינ־גענומען אַ מיתה משונה, וועלן מיר דעם רשע אויך איבערלעבן. (מער פרעגנדיק, ווי פאַרלייגנדיק) **אפשר וועט מען עפּעס צוגעבן צום אָוונט־מאָלצייט? קומט, פּאַני סטעפאַניאַ, זען וואָס ס׳איז אָנגעקומען, כ׳האָב אַלץ געלאָזט ליגן אין קיך און געלאָפן אייך אָנזאָגן.**

סטעפאַניאַ ווילטשינסקאַ

(מיט אומגעדולד) **גייט, גייט, איך קום באַלד.**

די קעכין גייט שנעל אַוועק, פאַרשווינדט הינטער דער טיר. סטעפ־פאַניאַ ווילטשינסקאַ, אַ פאַרקלערטע, מיט קענטלעכער אָנשטרענגונג אויסצובאַהאַלטן די צערודערונג, ברענגט מעכאַניש אין אָרדענונג **אַלץ**, וואָס אויפן טיש און פאַרלאָזט דאָס צימער.

פאָרהאַנג

צווייט בילד

פריערדיק ביוראָ־צימער. פּוסט, שטיל. אין דער אויפגעמאַכטער טיר באַווייזט זיך אַ מאַנסבילשער, גרויער קאָפּ. צוויי צעשראָקענע אויגן קוקן אַריין נישט דרייסט און פאַרשעריש. דער עלטערער מאַן מיט אַ גרויסן רעכענונג־בוך אונטערן אָרעם שלייכט זיך אַריין אין צימער, קוקט זיך אַרום, ישובט זיך, זעצט זיך לסוף אַוועק און נעמט זיך צום רעכענונג־בוך: חשבונט, שטרייכט מיטן בלייפעדער. ס'איז דער בוכהאַלטער פון יתומים־הויז.

בוכהאַלטער

(רייסט אַ ווײַלע אָפּ די אויגן פון רעכענונג־בוך, רעדט צו זיך אַליין)

נישט מעגלעך צונויפצושטיקעווען, אַן עק מיט אַן עק נישט צו פאַר־בינדן. איידער ס'קומט עפּעס אַריין, איז שוין פאַראַן אַ לאָך צו פאַר־שטופּן; אַזעלכע פינצטערע צייטן און דאָ אַזעלכע אויסגאָבן; די וועלט גייט אונטער און דאָ ברעך זיך דעם קאָפּ ווו צו נעמען אויף אַזעלכע זאַכן. (מיט אַן איראָנישן גרימאַסע־שמייכל) **געלט אויף פאַרבן, צייכן־פּאַפּיר,** (הייבט מיט די אַקסלען) **אין גאַס אַ מהומה און דאָ אַזעלכע אויס־גאָבן אויף צייכן־מאַטעריאַלן, שרייב־מאַטעריאַלן, נישט אַנדערש, נאָר מיר אַלע זענען שוין...**

(די טיר עפנט זיך פּלוצעם און ס'קומט אַריין קאַרטשאַק. זעט אויס אַ ביסל אַנטשפּאַנט, אָבער פאַרזונקען אין זיך גופא. דער בוכהאַלטער שטעלט זיך אויף, איז צופרידן וואָס ער האָט זיך דערוואַרט.)

בוכהאַלטער

אַ, ווי איך וואַרט אויף אייך, דאָקטער. קלייב מיך שוין פון לאַנגע וואָכן צו אייך און קאָן נישט אָנקומען. אַז איר זענט אַזוי פיל פאַרנומען, מער ווי אַמאָל, איר האָט נישט קיין פרייע מינוט, אָבער איך מוז, דאָקטער, מיט אייך דורכרעדן.

קאָרטשאַק

(ווייזט אים אָן אויף אַ שטול און זעצט זיך אַנטקעגן אים) **שטענדיק מיט די רעכן־ביכער, שווער זיך צו דערעכענען, וואָס?** (איראָניש) **דער חשבון שטימט נישט, האָ?**

בוכהאַלטער

אַ פּשוטער חשבון, דאָקטער, קליינע איינקונפטן און צו גרויסע אויסגאַבן. דערפאַר, דערפאַר געוואָלט איך בעטן, דאָקטער, מ׳זאָל... מ׳מוז ענדערן. כ׳בין אַלע מיינע יאָרן אַ בוכהאַלטער, כ׳ווייס, אַז אַ קאַסע טאָר נישט בלייבן ליידיק. אין אַזעלכע שווערע צייטן אוודאי נישט. ביי איך בין איך היינט נישט בלויז אַ בוכהאַלטער. ס׳גייט אין בודזשעט. וואָס זאָל מען טאָן? מ׳מוז רעזיגנירן פון געוויסע אויסגאַבן. אין אַזעלכע שרעקלעכע צייטן (פאַרברעכט אין פאַרצווייפלונג די הענט) מ׳מוז זאָרגן ס׳זאָל זיין קודם אויפן... אויפן נויטיקסטן.

קאַרטשאַק

(העפלעך אָבער אומגעדולדיק) נו, נו, וואָס לייגט איר פאָר?

בוכהאַלטער

(ווי ער וואָלט זיך געפילט שולדיק וואָס ער לייגט פאָר אַזאַ זאַך) אפשר וואָלט מען רעדוצירט אַזעלכע אויסגאַבן ווי... אַ היפּשע אויסגאַבע די צייכן־מאַטעריאַלן, די שרייב־מאַטעריאַלן, ענלעכע קלייניקייטן... זיי פאַרנוצן אַזוי פיל. (ווערט אַ ביסל דרייסטער) מענטשן זענען נישט זיכער מיטן מאָרגן, מ׳לויפט אַרום ווי פאַרסמטע מייז, ערדציטערניש. און ביי אונדז מוז אַלץ גיין מיטן אויסגעטראָטענעם וועג.

קאַרטשאַק

(שאָקלט טרויעריק מיטן קאָפּ) מיטן אויסגעטראָטענעם וועג...

בוכהאַלטער

(פאַרענטפערט זיך) אַנטשולדיקט, אַנטשולדיקט, דאָקטער, כ׳האָב געוואָלט זאָגן... כ׳מיין דאָך נאָר דאָס גוטס פון די קינדער, אפשר גלייכער צו רעדוצירן אַזעלכע אויסגאַבן ווי אַנדערע. כ׳פאַרשטיי נאָך שרייב־מאַטעריאַלן, זיי מוזן זיך לערנען שרייבן, אָבער אַזוי פיל צייכענונג־מאַטעריאַלן, פאַרשידענע ענלעכע, ס׳איז דאָך נישט אומבאַדינגט נויטיק צום לעבן; אַזעלכע שווערע צייטן.

קאַרטשאַק

(זיין געזיכט ווערט ווידער געשפּאַנט, קענטיק די אויסבאַהאַלטענע אינערלעכע צערודערונג, באַמיט זיך אָבער צו רעדן רואיק) די קינדער איז דאָס אַלץ אומבאַדינגט נויטיק צום לעבן, טאַקע אין דער שווערער צייט.

בוכהאַלטער

(איז אין אַ פאַרלעגנהייט, דאָ ווערט ער נאַכגיביק, דאָ האַלט ער זיך ביי זיינס) כ׳פאַרשטיי, כ׳פאַרשטיי, איר ווייסט וואָס איר טוט, דאָקטער, אָבער... אָבער אין אַזעלכע פינצטערע צייטן, מ׳דאַרף איינהאַלטן דעם גראָשן, ס׳דאַרף ליגן אין דער קאַסע. מ׳איז קיינמאָל נישט זיכער צי ס׳וועט ווידער עפּעס אַריינקומען. איך זוך אַן אויסוועג ווי אַזוי... ס׳זאָל נישט בלייבן קיין ליידיקע קאַסע.

קאַרמשאַק

(מיט ביטערער איראָניע צו זיך אַליין) אַן אויסוועג! זוכן אַן אויסוועג. (ווענדעט זיך צום בוכהאַלטער) מיין ליבער פריינד, מ׳האָט אונדז פאַרשפּאַרט צווישן די מויערן, דאָס איז אַזאַ אָפּגרונט פון וואַנען מיר קענען דערווייל נישט געפינען קיין אויסוועג. דאָ זענען מיר פאַרמשפּט צו לעבן אָדער צו שטאַרבן. מוזן מיר אַלץ טאָן צו לעבן ווי מענטשן, אָדער צו שטאַרבן ווי מענטשן. דאָס איז נישט לייכט, כ׳ווייס, נישט לייכט.

בוכהאַלטער

(שאָקלט טרויעריק מיטן קאָפּ) שטאַרבן ווי מענטשן, לעבן ווי מענטשן, אין געטאָ, ווי מענטשן. איר, דאָקטער, זענט שטענדיק אַ פילאָזאָף. און אַ טרוימער.

קאַרמשאַק

געווען אַמאָל. ווער ווייסט וואָס מיר זענען היינט.

בוכהאַלטער

(באַמיענדיק זיך צו שמייכלען) איר, דאָקטער, זענט פאַרבליבן אַ... ווי געווען, ניין, מער נאָך. איך באַוווּנדער אייך ווי איר האַלט דאָס אויס. שטענדיק אויף דער וואַך די קינדער זאָלן ווי אַמאָל... (קוקט זיך אַרום ווי ער וואָלט געוואָלט זיך פאַרזיכערן צי קיינער הערט נישט אונטער, רעדט לאַנגזאַמער, מיט אַ געבראָכענעם טאָן) אייך באַוווּנדער איך, אָבער מיר כאַפּט אַרום... כ׳וויל זיך פאַר אייך מודה זיין, מיר זעט דאָס אַלץ אויס ווי אַ טייוולאַנישער, פאַרכישופטער קרייז, מיר דרייען זיך אַלע אין אַ ווילדן פלאָנטער, ווילן זיך אַרויספּלאָנטערן און פאַרפּלאָנטערן זיך אַלע מאָל מער. אָבער ווען איך טראַכט וועגן אייך... איר שטעלט דאָך יעדן טאָג איין דעם קאָפּ — מיר זאָלן נישט הונגערן, מיר זאָלן נישט...

קאַרטשאַק

(לאָזט אים נישט פאַרענדיקן. די איראָנישע גרימאַסע אויפן פּנים צעשפּרייט זיך) אין דעם טייוולאָנישן פאַרפּלאָנטערטן קרייז שטעלט מען אײַן נישט נאָר דעם קאָפּ. אויך דאָס ביסל מענטשלעכקייט. די דײַטשן זע־נען אויך אויסן אונדז צו באַרויבן פון אונדזער מענטשלעכער ווירדע. די, וועלכע וועלן איבערלעבן, וועלן אפשר מיט שרעק קוקן איינע די אַנ־דערע אין די אויגן. מ׳וועט זיך פרעגן: ווי אַזוי איז אים געלונגען זיך אַרויסצוקריגן פון גיהנום. (שטיל צו זיך אַליין) „דאָקטער קאָרטשאַק מיר ווילן דיך אַרויסקריגן פון גיהנום. דאַרפסט נישט אײַנשטעלן דעם קאָפּ". און דאָס איבעריקע יאָ אײַנשטעלן? (בלײַבט זיצן אַ פאַרטראַכטער אין שווײַגעניש).

בוכהאַלטער

(קוקט אויף אים מיט אומעטיקע אויגן, הייבט אָן נישט דרייסט ווי ער וואָלט אים נישט געוואָלט שטערן אין זײַנע טראַכטענישן) וואָס האָבן מיר נאָך מער אײַנצושטעלן?...(בלײַבט אין אַ פאַרלעגנהייט, ווי נישט דאָס וואָלט ער געוואָלט זאָגן, זוכט צו פאַרבעסערן, קלײַבט צו ווערטער), לויט מיר, ווי איך פאַרשטיי, לויט מײַן נאַרישן שכל... אין אַזאַ גיהנום מוז מען ווי ס׳לאָזט זיך... (זײַנע בליקן פאַלן אויפן רעכענונג־בוך, ער דערמאָנט אים צוליב וואָס ער איז געקומען אַהער) אויך אין דעם פאַל, מען מוז מאַכן אויסגאַבן לויט... לויט די מעגלעכקייטן. וואָס זאָל מען טאָן? מ׳מוז.

קאַרטשאַק

(רײַסט זיך אָפּ פון זײַנע טראַכטענישן, ווי ער וואָלט זיך אַרויסגע־ריסן פון שלאָף) מען מוז קודם פאַרהיטן די קינדער פון אַלץ, וואָס פירט צו אַפּאַטיע, אַפּהענטיקייט, ירידה. דאָס מוז געדענקען דער גאַנצער פּער־סאָנאַל. די עטלעכע פינצטערע יאָרן האָבן די קינדער געלערנט, גע־לייענט, געצייכנט, געמאָלן, געמאַכט פאַרשטעלונגען: אַזוי מוז ווײַטער זײַן. דאָ טאָר מען גאָרנישט ענדערן. אין די אוממענטשלעכע באַדינגונגען מוזן די קינדער לעבן מענטשלעך. נאָר אַזוי קאָן מען זיי שיצן. איר, אַזוי פיל יאָרן אין קינדער־הויז, דאַרפט דאָס פאַרשטיין.

בוכהאַלטער

(פאַרענטפערט זיך) כ׳פאַרשטיי, פאַרשטיי, דאָקטער. איצט איז מיר

די זאַך קלאָרער. כ׳האָב געמיינט... געוואָלט פאַר זייער גוטס, אַלץ פאַר זייערטוועגן.

קאַרטשאַק

(מיט איבערצייגונג) **פאַר זייער גוטס זענען ווייטער נויטיק העפטן, בלייפעדערס, צייכן־מאַטעריאַלן, וואָס מער, זיי זאָלן וואָס מער זיין באַ־שעפטיקט** (מיט אַ באַרואיקנדיקן טאָן) **ס׳וועט זיין געלט דערויף, ס׳מוז זיין!** (זיין שטימע ווערט שטילער אָבער טיפער, דער טאָן איז דורכגע־וועבט מיט אומעט) **די קינדער איז דאָס היינט מער נויטיק ווי ביז איצט, זיי דאַרפן זיין אַבסאָרבירט, שטאַרק אַבסאָרבירט.**

בוכהאַלטער

(זעט אויס זשענירט, וואָס ער האָט דאָס אַליין נישט באַנומען, גראַבט אין די אויגן אין רעכענונג־בוך, אָבער קענטיק דער קאָפּ איז אים ער־גער אַנדערש) **נישט געטראַכט וועגן דעם, כ׳בין זיך מודה, נישט גע־טראַכט. מיין נאַרישער קאָפּ באַנעמט שוין גאָרנישט, געמיינט, אַז אין אַזעלכע צייטן קאָן מען זיך באַגיין. געטראַכט זיך: מ׳דאַרף וואָס מער איינהאַלטן אין קאַסע ווען מען ווייסט נישט וואָס ס׳וועט זיין מאָרגן. איצט פאַרשטיי איך.** (הייבט זיך אויף און בלייבט שטיין, ווי ער וואָלט קיין חשק נישט געהאַט אַוועקצוגיין).

קאַרטשאַק

(הייבט זיך אויף פון שטול, גייט צו מיט נערוועזע טריט צום בוכ־האַלטער, לייגט אים אַרויף אַ האַנט אויף זיין אַקסל) **איר זענט דאָך נישט בלויז אַ בוכהאַלטער, נאָר אויך אַ פריינד פון די קינדער. זיי דאַרפן מער ווי אַמאָל פריינד.**

בוכהאַלטער

(ווי ער וואָלט דערפילט אַ נייע היימישקייט און גלייכצייטיק אַ באַ־דערפעניש זיך אַראָפּצורעדן פון האַרץ, צו זאָגן דאָס, וואָס ער האָט פרי־ער נישט געוואָגט צו דערמאָנען) **וואָס וועט זיין, דאָקטער? מ׳האָט גע־זאָגט אַ שטורעם קאָן נישט כסדר בושעווען, אַן אַקציע הייבט זיך אָן און ענדיקט זיך. און דאָ אָן אַ סוף. מ׳זאָגט, מ׳וועט ווידער. ביי אונדז אין הויז ווייסט מען ווייניק וואָס ס׳טוט זיך, מען רעדט נישט דערוועגן.**

קאַרטשאַק

(שטיל־טרויעריק און כמעט באַפעלעריש) **אַזוי דאַרף זיין! מ׳דאַרף דערוועגן נישט רעדן, ס׳זאָל נישט דערגיין צו די קינדער.**

בוכהאַלטער

(מיט אַ געדריקטער שטימע) מ׳רעדט צווישן זיך אין דער שטיל. (זיין שטימע ווערט געדעמפּטער) איך, איך... מיר דוכט זיך טיילמאָל די וועלט גייט אונטער, וואָס מען דערציילט אַלץ וועגן...

קאַרטשאַק

(לאָזט אים נישט פאַרענדיקן) אין הויז טאָר מען אַזעלכע רייד נישט רעדן, נישט דערציילן קיין זאַכן, וואָס קאָנען אַריינברענגען שרעק צווישן די קינדער.

בוכהאַלטער

גאָט באַהיט! איך לאָז נישט פאַלן קיין וואָרט. מען שטיקט אין זיך. אַלץ פאַר זייערטוועגן, זיי זאָלן קאָנען איבערטראָגן די שווערע צייט. (נעמט דאָס רעכענונג־בוך אונטערן אָרעם גרייט אַוועקצוגיין, בלייבט דאָך שטיין טרויעריק פאַרטראַכט, ווי ער וואָלט נאָך געוואָרט אויף עפּעס).

קאַרטשאַק

(זעצט זיך צו און ווייזט אים אָן אויף אַ צווייטער שטול) מיר האָבן היינט ביידע אַ ביסל פרייע צייט, האַ? (איראָניש) איך האָב אָפּגעלייגט אויף מאָרגן מיינע וויזיטן, כ׳מיין דאָס אַרומגיין אַרויסרייסן עפּעס אין די אינסטיטוציעס, און איר גיט אויף דעם פּלאַן צו ענדערן דעם בודזשעט. נו, איר האָט טאַקע מורא, אַז די וועלט גייט אונטער, וואָס?

בוכהאַלטער

(גיט אַ מאַך מיט רעזיגנאַציע מיט דער האַנט) וועגן זיך האָב איך נישט מורא, כ׳טראַכט נישט וועגן זיך. מיר איז שוין אַלצאיינס. חוץ דעם, איידער אַזאַ וועלט, איידער זיך צוקוקן צו דעם... אָבער נישט וועגן מיר גייט, מיינס שוין אָפּגעלעבט, נאָר די קינדער, אין זיי גייט מיר; פאַר־וואָס קומט עס זיי?

קאַרטשאַק

און אייך פאַרוואָס קומט עס?

בוכהאַלטער

(מיט אַ טרויעריקער שטימע) דאָס פרעג איך שוין נישט מער, שטעל שוין נישט קיין פראַגן, ענטפערן אויף זיי קען קיינער נישט. איז זאָל זיין.

אָפּגעלעבט 63 יאָר מיט גרויסע אילוזיעס, פאַרלאַנגען — אַלץ אויסגערונען, געבליבן בלויז דער נאַקעטער, באַדראָטער גוף, וואָס האָט מורא פאַרן אומ־באַשטימטן גורל, פאַר יסורים. אויסער דעם גאָרנישט, אַז דערלעבט דאָס־אָ. ווען נישט די קינדער, צוליב זיך גופא וואָלט מיר דער גאַנצער עסק נישט געלוינט. איר, דאָקטער, איז עפּעס אַנדערש. איך פאַרשטיי שוין גאָרנישט, פאַרלאַנג שוין גאָרנישט.

קאַרטשאַק

(מיט ווידערווילן) נאַרישקייטן! גלויבט נישט אין דעם, וואָס איר זאָגט, ס'איז נישט אמת!

בוכהאָלטער

(שוין מיט ווייניקער זיכערקייט) כ'ווייס, אַזוי דאַכט זיך מיר. איך זוך צו פאַרשטיין און קאָן נישט. מיין שכל באַנעמט גאָרנישט. די דייטשן זענען אַמאָל געווען פאַר מיר דאָס קולטורעלסטע פאָלק, געגעבן דער וועלט אַ קאַנט, אַ העגעל, אַ געטע, אַ שילער, וואָס איז פון דעם אַלעמען געוואָרן? ניין, כ'קאָן נישט תופס זיין, ווען נישט די קינדער, די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר זיי, ס'וואָלט נישט כדאי געווען, ס'וואָלט נישט געסטאַיעט קיין כוחות.

קאַרטשאַק

(רעדט שטיל, איינגעהאַלטן, אָבער מיט איבערגענומענקייט) אַ טעות! דער מענטש קען זיך אַליין נישט. מען ווייסט נישט וואָס פאַר אַ ברויזנדי־קער לעבנס־דראַנג ס'קאָן אויפקומען אין מענטשנס האַרץ און וואָס פאַר אַ פאַרבאָרגענע כוחות ס'שטעקן אין אים. לויט דער צאָל קאַלאָריעס, וואָס מ'האָט אונדז צוגעטיילט, לויט דעם ווי מען צאַפּט פון אונדז דאָס בלוט, האָבן אונדזערע כוחות געדאַרפט זיין פון לאַנג אויסגעשעפּט. פאַרוואָס האַלטן מיר זיך? פאַראַן אַנדערע קאַלאָריעס, אַ געהיימע ענערגיע. דער ווילן צו לעבן, איבערצולעבן, אויסצוהאַלטן קומט, ווען מען ריכט זיך שוין אויף גאָרנישט. ס'טוט אונדז כסדר אָפּ אַ שפּיצל, ס'פרעגט נישט ביי קיינעם קיין דעה. די דייטשן האָבן פאַלש גערעכנט, האָבן געמיינט ס'וועט אונדז נמאוס ווערן אַזאַ לעבן, מיר וועלן אַליין פאַרענדיקן. דעם גוף בלויז קאָנען זיי דערהרגענען, אָבער נישט אונדזער ווילן, די עקשנות, דעם חשק צו לעבן אפילו אין אַזאַ גיהנום. און אַזוי לאַנג ווי מיר לעבן, לעבן אין אונדז אונדזע־רע פאַרלאַנגען, אונדזערע מחשבות.

בוכהאָלטער

איר, דאָקטער, האָט כאָטש אייערע מחשבות אַמאָל געהאָט פאַר־

ווירקלעכט, איר זענט עפּעס אַנדערש, אַזוי פיל געהאַט אויפגעטאָן, דער־גרייכט. איך אָבער? איך...

קאַרטשאַק

(מיט ערגערניש) אַמאָליקע איינרעדענישן! זייט מוחל, איינרעדענישן. דערגרייכט! אויפגעטאָן! אַז מ'איז צו דעם דערגאַנגען. ניין, גאָרנישט דער־גרייכט. קיינער נישט. אייער קאַנט און געטע ליגן אויך אין שטויב, אויפן מיסט אַרויסגעוואָרפן. איר געדענקט ווי דער טייוול ביי געטע איבערקליגט דעם מענטש? באַזיגט אים? אַ שפּילעכל אַנטקעגן היינטיקן טייוול. היינט האָט די חיה רעה געזיגט אינעם מענטש. ניין, מ'האָט זיך נישט דערגרונ־טעוועט צום אורוואַלד פון מענטשנס נשמה, נישט געטראַכט, אַדער נישט געוווּסט, אַז מ'קאָן דעם מענטשלעכן פונק אַזוי גענצלעך אויסלעשן. אַ סך געפּלאַפּלט וועגן מענטש און מענטשלעכקייט. דער מענטש! דער מענטש! ווייזט מען אונדז, אַז אַ מענטש איז מסוגל צו ווערן אַ ווילדע חיה. וואָס האָט מען געטאָן ס'זאָל דערצו נישט דערגיין? איז ווי אַזוי האָט מען עפּעס דערגרייכט?

בוכהאַלטער

(הייבט מיט די אַקסלען) ווער האָט זיך געקאַנט פאָרשטעלן?

קאַרטשאַק

אָט דאָס אומגליק. צו ווייניק פאָרשטעלונגס־קראַפט, קורצזיכטיק גע־ווען. און די, וואָס לעבן היינט רואיק אין זייערע רואיקע היימען ווילן זיך פאָרשטעלן? גלויבן זיי? ס'פעלט זיי אויך איצט פאָרשטעלונגס־קראַפט, און אפשר עפּעס מער...

בוכהאַלטער

ווען איך וואָלט געווען פון דער ווייטנס, וואָלט איך אויך נישט גע־גלויבט, די דייטשן, אַ פאָלק פון דיכטער און דענקער...

קאַרטשאַק

אָט־אָט די גרויסע סכנה, פון אַ פאָלק פון דיכטער און דענקער קאָן מען מאַכן אַ פאָלק פון ס.ס.־מענער, פריער קאַנט, געטע, שילער און נאָך זיי אורוואַלד. דערפאַר נישט בלויז אַ ציטווייליקע סכנה; וואָלט כאָטש די וועלט עפּעס געלערנט דערפון.

בוכהאַלטער

(מיט אַ טאָן, וואָס בעט אַן ענטפער) **וואָס בלייבט אונדז איצט צו טאָן, דאָקטער? איר ווייסט דאָך בעסער פון מיר. וואָס וועט זיין מיט אונדז?**

קאָרטשאַק

קיינער פון אונדז ווייסט היינט גאָרנישט, מיין ליבער פריינד. (שווייגט אַ ווײַלע, קוקט זייטיק, רעדט מיט אַ נישט געוויינלעכער געלאַסנקייט) **אַלץ וואָס בלייבט אונדז צו טאָן איז איינהאַלטן אַ מאַקסימום רואיקייט און זיך פאַרנעמען מיט די קינדער, אין אַלע באַדינגונגען; טראַכטן וועגן זיי. גוט וואָס איר האָט פאַרשטאַנען, אַז זיי דאַרפן זיין אַ סך באַשעפטיקט מיט זייערע ענינים.**

בוכהאַלטער

(מיט אַ טאָן אים צו פאַרזיכערן) **אויף מיר, דאָקטער, קאָנט איר רעכענען, אין אַלע אומשטענדן. איר קאָנט, דאָקטער...**

(די טיר עפנט זיך האַסטיק, און ס'פאַלט אַריין סטעפאַניאַ ווילטשינסקאַ. דער בוכהאַלטער פאַרענדיקט נישט דעם זאַץ, בלייבט אַ ווײַלע צעטומלט, נעמט פון טיש דאָס רעכענונג־בוך און פאַרלאָזט גיך דאָס צימער. סטעפאַניאַ קוקט פאַרוואונדערט אויף קאָרטשאַקן. איר פּנים, וואָס איז געוויינלעך רואיק, באַצייט זיך איצט מיט זאָרג, ס'איז די זאָרג וועגן אים, קאָרטשאַקן, זי מאַכט אַן אָנשטרענג צו רעדן רואיק).

סטעפאַניאַ ווילטשינסקאַ

איר גאָר דאָ? געמיינט, אַז איר שלאָפט. איר האָט דאָך געזאָלט זיך צולייגן.

קאָרטשאַק

(זעט אויס ווי ער וואָלט זיך נישט געריכט אויף דער באַגעגעניש, ענטפערט אויסמיידנדיק) **געכאַפּט שוין אַ דרימל אויך.**

סטעפאַניאַ ווילטשינסקאַ

(איראָניש) **נישט זייער לאַנג געדרימלט.** (מיט פאָרוואורף) **דאָס נישט דערשלאָפן שלאָגט אייך אין גאַנצן אַרויס פון די כוחות.**

קאָרטשאַק

אויף דער עלטער נויטיקט מען זיך נישט אין קיין סך שלאָף. (באַמיט זיך צו זיין וויציק ווי אַמאָל, נאָר ס'קומט אַרויס סאַרקאַסטיש) **מען דאַרף נישט**

פֿאַרשלאָפֿן דאָס רעשט ביסל לעבן, שוין באַלד וויייניק וואָס געבליבן. (באַ־רעכנט זיך, אַז זיינע ווערטער קאָנען שלעכט אויסגעטייטשט ווערן און שאַפֿן אומרו) **איר פֿאַרגעסט, אַז איך בין אַן אַלטער מענטש, יאָ, יאָ, אַן אַל־טער מענטש שוין, 64 יאָר.**

סטעפֿאַניאַ ווילטשינסקאַ

(לייגט נישט קיין אַכט אויף זיינע רייד) **דער בוכהאַלטער האָט אייך מסתמא גוט אויסגענודיעט מיט זיינע חשבונות, מיטן בודזשעט.**

קאַרטשאַק

(קענטיק ער קאָן נישט רוען אויף קיין אָרט, הייבט אָן דרייען זיך איבערן צימער) **אַן איבערגעגעבענער מענטש, אויף אַזאַ מענטש קאָן מען שטענדיק רעכענען.**

סטעפֿאַניאַ ווילטשינסקאַ

ער האָט אַ מאַניע, אַריינגענומען זיך אין קאָפּ, אַז מ'דאַרף צונויפֿשטעלן אַ נייעם בודזשעט. אַן אמתע מאַניע. יעדערער קרענקט היינט אויף עפּעס אַן אַנאָמאַליע. ער האָט זיינע אַן אייגענע פֿאַרפֿאָלגונגס־מאַניע, די מורא די קאַסע זאָל נישט בלייבן ליידיק. מסתמא דערמיט אייך געדרייט אַ קאָפּ.

קאַרטשאַק

(שטעלט זיך אָפּ) **נייִן, פֿאַרקערט, איך האָב אים געדרייט אַ קאָפּ. ס'האָט זיך מיר פֿאַרגלוסט צו מאַכן אַ פֿילאָזאָפֿישן שמועס, שוין לאַנג נישט געהאַט קיין אוידיטאָריע פֿאַר זיך. יאָ, ער האָט דערמאָנט וועגן בודזשעט, ער וואָלט געוואָלט האָבן אַ רעזערוו אין דער קאַסע אויף אַ שוואַרצער שעה.** (זעצט זיך צו, ווי די לעצטע ווערטער זיינע וואָלטן אים די פּיס אונטערגעהאַקט, רעדט שטילער, כמעט ווי צו זיך אַליין) **אויף אַ שוואַרצער שעה...** (פֿאַר־כאַפּט זיך באַלד צוריק) **אַן איבערגעגעבענער מענטש, זאָרגט פֿאַר די קינ־דער, ברעכט זיך כסדר דעם קאָפּ ווי אַזוי זיי צו פֿאַרהיטן פֿון נויט, צו שיצן קעגן הונגער.**

סטעפֿאַניאַ ווילטשינסקאַ

(מיט אַ מעלאַנכאָלישער, שטילער שטימע, ציענדיק די ווערטער) **ווי אַזוי זיי פֿאַרהיטן? שיצן?** (גייט צו צו אַ שענקל, ציט אַרויס איין קאַר־טאָטעקע, אַ צווייטע, גיט אַ בלעטער, קוקט אַריין, זוכט נערוועז מיט די אויגן, חזרט שטיל איבער ווי פֿאַר זיך אַליין) **ווי אַזוי זיי שיצן?** (לייגט אָפּ

צוריק די קאַרטאָטעקעס, גייט לאַנגזאַם צו צום פענצטער, באַטראַכט די ראַ־כיטישע פּעלאַרגאָניעס, הייבט אויף דעם קאָפּ און קוקט שווייגנדיק צום דרויסן).

קאַרטשאַק

(זיצט אָנגעבויגן, ווי ער וואָלט זיך פּלוצלינג צוזאַמענגעבראָכן. רעדט מיט אַן איינגעלאַשענער שטימע, נישט אויסדרייענדיק דעם קאָפּ צו סטעפאַ, וואָרפט בלויז עטלעכע בליקן אַרום זיך צו פאַרזיכערן זיך צי מ׳הערט זיי נישט) **ווי אַזוי זיי שיצן? פרעגט איר. איך קען בלויז איבערחזרן דאָס, וואָס כ׳האָב אייך שוין געזאָגט: איינשפּאָרן זיי די ליידן, וואָס עס ברענגט די שרעק, אויב... אויב דער שטורעם זאָל אונדז אויך דערגרייכן. דאָס איז אויך נישט לייכט, צו דעם דאַרף מען אויך אַלעמענס הילף.**

סטעפאַניאַ ווילטשינסקאַ

(אירע אָקסלען גיבן לייכט אַ ציטער, זי דרייט זיך אום, קוקט מיט ניי־גיר און אויסבאַהאַלטענעם אומרו צו קאַרטשאַקן, רעדט מיט געמאָסטענע ווערטער) **איר גלייבט זיי זאָלן אויך קינדער־הייזער איבערזידלען? מיר לייגט זיך אַזאַ געדאַנק נישט אויפן שכל, פשוט ס׳וויל זיך נישט... דער „צענטאָס" זאָל האָבן געהאַט עפּעס אַ... געהערט אויך וועגן אַנדערע. איר זעט אויס נישט צו גלייבן אין די צוזאָגן. און אפשר באַהאַלט איר עפּעס אויס פאַר מיר?**

קאַרטשאַק:

(שפּאַרט אַן בײדע הענט אויפן טיש, גראָבט איין דעם קאָפּ אין זיי, ווי ער וואָלט געוואָלט אין זיי אויסבאַהאַלטן זיינע צעטראָגענע בליקן, רעדט מיט ערגעריש ווי סטעפאַניאַס רייד וואָלטן אים אויפגעבראַכט, שטרענגט זיך אָן איינצוהאַלטן די אויפגעבראַכטקייט) **וואָס פאַר אַ נפקא־מינא צי איך גלייב יאָ, צי נישט? ס׳ענדערט דען אונדזער סיטואַציע? פאַרויסזען קען מען גאָרנישט. איר ווייסט אַזוי גוט ווי איך, אַז דאָס וואָס זיי וועלן באַשטי־מען אָדער האָבן שוין באַשטימט, איז נישט אָפּהענגיק פון אונדז. אונדזער גורל איז אין זייערע הענט.**

סטעפאַניאַ ווילטשינסקאַ

(מיט אַ געענדערטער, פאַרשטיקטער שטימע) **אייער גורל מוז נישט זיין אין זייערע הענט.**

קאַרטשאַק

(רייסט אַרויס דעם קאָפּ פון די הענט, שטעלט אַן אויף איר אַ פּאָר גלאַנציקע אויגן) **וואָס מיינט איר דערמיט?**

סטעפאַניאַ ווילטשינסקאַ

(זי טראַכט אַ ווײַלע, ווי זי וואָלט געזוכט פּאַסיקע ווערטער ווי אַזוי אים דאָס איבערצוגעבן, זי מעסט די ווערטער) **איר דאַרפט זיך אָנשטויסן.** (פּויזע) **פון יענער זייט ווענדעט מען זיך ווידער צו אײַך, ערשט נישט לאַנג צוריק געגעבן צו וויסן. אויף דער צווייטער זייט אַלץ גרייט, אַ דורכגאַנג אויך. מ׳וועט...**

קאַרטשאַק

(רייסט איר איבער, קוקט אויף איר מיט פיבערדיקע אויגן) **כ׳האָב גע־בעטן מער דערוועגן נישט צו רעדן. כ׳האָב פריער קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט און היינט אוודאי.** (ער בלייבט זיצן ווי די כוחות וואָלטן אים פאַרלאָזט, די דערשעפּונג איז איצט מער ווי פריער אָנזעעוודיק. ביידע שווייגן).

סטעפאַניאַ ווילטשינסקאַ

אײַער לעצטער ענטפער?

קאַרטשאַק

(מיט אָנטשלאָסנקייט) **דער לעצטער!** (נאָך אַ ווײַלע) **געווען שוין פריער אַ לעצטער ענטפער.**

סטעפאַניאַ ווילטשינסקאַ

אפשר וועט איר זיך נאָך איבערלייגן?

קאַרטשאַק

(הייבט זיך אויף אַ דערצאָרנטער) **כ׳האָב געזאָגט: ניין.**

סטעפאַניאַ ווילטשינסקאַ

אין צוויי שעה אַרום קומט עמעצער, וואָס אים זאָגן? (פאַרטראַכט זיך) **איר האָט נאָך צוויי שעה...**

קאַרטשאַק

(רואיקער) **די צוויי שעה וועלן גאָרנישט ענדערן, דער ענטפער איז געווען און פאַרבלייבט — ניין.** (פאַרטראַכט זיך, טראַכט נאָך ווי עפּעס וואָס וואָלט אים שטאַרק געעגבערט אין קאָפּ) **פרעגט אַן צי ס׳איז מעגלעך עפּעס**

אונטערצונעמען... זאָגט זי, אַז איך זוך אַן... אויסוועג פאַר די קינדער, פאַר אייך אַלע און נישט פאַר זיך אַליין.

סטעפאַניאַ ווילטשינסקאַ

(מעלאַנכאָליש) **עפּעס אונטערנעמען... אַן אויסוועג פאַר די קינדער... זעט איר אַזאַ מעגלעכקייט?** (מיט אַן אומעטיקן שמייכל, ווי זי וואָלט אַליין נישט געגלויבט אין אירע ווערטער) **אפשר באַהאַלט איר פאַרט עפּעס אויס פאַר מיר, ס׳דאַכט זיך מיר כסדר איר דערזאָגט נישט.**

קאַרטשאַק

(זעט אויס ווי ער וואָלט זיך אונטערגעבראָכן פון דערשעפּונג, פון די טראַכטענישן, זעצט זיך צוריק צו) **דאָס נישט דערזאָגן איז דאָך אויך געזאָגט. ניין, סטעפאַ, איך זע נישט קיין שום מעגלעכקייט. איר ווייסט ווי עס זעט אויס אַזוי גוט ווי איך. געלאָזט פאַלן דאָס וואָרט „אויסוועג". אַ פּוסט וואָרט. דאָס וואָס זעט מיר אויס אפשר מעגלעך, אפשר... וואָס ס׳זאָל נישט געשען זאָלן די קינדער עס אויפנעמען אַזוי ווי איך באַגער...**

סטעפאַניאַ ווילטשינסקאַ

(אַן אינערלעך אויפגערודערטע גייט לאַנגזאַם צו צום טיש, קוקט אויף קאַרטשאַקן מיט פרעגנדיקע אויגן) **וואָס ווילט איר דערמיט זאָגן?**

קאַרטשאַק

(שפּאַרט אַן דעם רוקן אין פאַרענטש פון דער שטול, בויגט אַן דעם קאָפּ און קוקט שטאַר פאַר זיך. אין זיין שטימע פילט זיך מידקייט און אַנשטרענג) **בעת מיר האָבן דאָ נישט לאַנג, מיט עטלעכע וואָכן צוריק אויפגעפירט מיט די קינדער ראַבינדראַנאַט טאַגאָרעס „די פּאָסט", האָט מיך אַ צושויער, אַ חשובער מענטש, געפרעגט פאַרוואָס כ׳האָב אויסגעקליבן אין אַזאַ שווערער צייט אַזאַ טרויעריקע זאַך פאַר אַ פאַרשטעלונג מיט אַזאַ טראַגישן טויט פון אַ קינד. ווייסט איר וואָס כ׳האָב אים געענטפערט?**

סטעפאַניאַ ווילטשינסקאַ

(מיט אַ געדריקטער שטימע) **ניין, איך ווייס נישט.**

קאַרטשאַק

(הייבט זיך פּאַמעלעך און שווערלעך אויף, מאַכט עטלעכע טריט צום פענצטער, ווי ער וואָלט געוואָלט אויסבאַהאַלטן פון איר דאָס פּנים. אין זיינע איינגעלאַשענע ווערטער פילט זיך אַן איינגעהאַלטענער ציטער) **כ׳האָב**

געזאָגט, אַז איך וואָלט... וואָלט געוואָלט דאָס מײַנע קינדער זאָלן... זײ זאָלן װי יענע הינדוסישע קינד אויפֿנעמען אונדזער גורל רויִק. כ׳וואָלט געוואָלט זײ זאָלן זיך נישט שרעקן פֿאַרן מלאך פֿון טויט...

סטעפֿאַניאַ װילטשינסקאַ

(שטײט אַ װײלע פֿאַרגליווערט אין שװײַגעניש, קוקט צו איס מיט בליקן, וואָס בעטן ער זאָל זיך אומדרייען, הײבט אָן לסוף מיט אַ טאָן פֿון פֿאָרוואָרף, וועלנדיק צעניִשטן מאַכן דאָס אָקערשט געהערטע) אײַערע שוואַרצע געדאַנקען זעען מיר אויס צו זײַן... ווען מ׳איז אַזוי דערשעפּט ווי איר, איז מען אויך נידערגעשלאָגן. נישט נאָר דער אָרגאַניזם, נאָר אויך דער מוח איז בײַ אײַך דערשעפּט. דאָס נישט שלאָפֿן גאַנצע נעכט דערפֿירט אײַך... די קראַנקן־שוועסטער האָט מיר געזאָגט איר היט נישט צו די געשוואָלענע פֿיס. (אַ פּויזע, ווי זי וואָלט זיך געכאַפּט, אַז זי איז צו האַרט אָדער רעדט נישט אין גאַנצן צו דער זאַך. זי ווערט ווייכער, רעדט געלאַסענער, אָבער מיט אַ מונטערן טאָן) מיר האָבן שוין אַזוי פֿיל געפּאַרן איבערגעלעבט. מ׳וועט דאָס מאָל אויך... (טראַכט אַ װײלע, ווי זי וואָלט זיך געיִשובֿט ווי אַזוי פֿאַרצוזעצן) פֿאַרויסזען אַן עווענטועלקייט, זען אויסצומײַדן פּאַניק אין יעטוועדער סיטואַציע — דאָס יאָ. אָבער באַלד טראַכטן וועגן ערגסטן! אונדזער קינדער־הויז איז נישט דאָס אײנציקע. (מיט ווייניק זיכערקייט) מ׳זאָגט אַז מ׳האָט אויסגעפּועלט. מען וואָלט אפֿשר געדאַרפֿט זיך זען מיט מענטשן. (מיט אַ טאָן פֿון קעגנערשאַפֿט) נײן, טראַכטן אַזוי ווי איר, טאָר מען נישט. איר עסט זיך אַליין אויף מיט אַזעלכע געדאַנקען. כ׳האָב געמיינט איר וועט זיך הײַנט אויסרוען, איבערשלאָפֿן, און דאָ לאָזט מען אײַך נישט צו רו. (פֿאַרהאַלט זיך אַ װײלע, יִשובֿט זיך וואָס ווײַטער צו זאָגן, קענטיק, אַז זי איז אַליין נישט איבערצײַגט אין אירע רייד, הייבט אָן מיט אַן אַנדער טאָן) כ׳פֿאַרשטײ, מ׳דאַרף פֿאַרויסזען פֿאַרשידענע עווענטואַליטעטן, געוואָלט דורכרעדן מיט אײַך דערוועגן, אפֿשר דאַך עפּעס צוטראַכטן. אָבער איר זענט הײַנט צו מיד, כ׳ווייס נישט צי איר הערט וואָס איך רעד צו אײַך. (זי וואַרט אַ װײלע ער זאָל זיך אָפּרופֿן, באַקומט נישט קיין ענטפֿער און פֿאַרענדיקט) כ׳וועל אײַך לאָזן. אויף הײַנט גענוג. מיר וועלן מאָרגן זען. מ׳וועט זיך דורכרעדן מיט אַ ביסל אַ רויִקערן קאָפּ. (גייט אָפּ, פֿאַרשווינדט הינטער דער טיר. קאָרטשאַק בלײַבט אַליין, פֿאַרזונקען אין מחשבֿות).

פֿאָרהאַנג

דריט בילד

דאָקטער קאָרטשאַק אַליין אין ביוראָ־צימער. די רייד פון סטעפאַניאַ ווילטשינסקאַ האָבן אים אויפגערודערט. ער זיצט ביים טיש דעם קאָפּ אונטערגעשפּאַרט מיט ביידע הענט. איינגענורעט, איינגעקאָרטשעט זעט ער אויס ווי ער וואָלט אַזוי זיצנדיק איינגעדרימלט. פּלוצעם רייסט ער אָפּ דעם קאָפּ פון די הענט, גלייכט זיך אַ ביסל אויס, קוקט זיך אַרום ווי ער וואָלט זיך געוואָלט פאַרזיכערן צי ער איז אַליין אין צימער. ער הייבט זיך האַסטיק אויף פון שטול ווי דער אומרו וואָלט אים אונטערגעהויבן און שטעלט עטלעכע מידע טריט אַהער, אַהין אין צימער. אויף זיין געזיכט איז אויסגעגאָסן צער און אָנגעשטרענגטע מחשבה. אָט שטעלט ער זיך אָפּ, טראַכט, און אָט מאַכט ער ווידער עטלעכע טריט הין און צוריק, ווי די געדאַנקען וואָלטן אים נישט געלאָזט איינשטיין אויף אַן אָרט. אַן איינגעבויגענער שטעלט ער זיך אָפּ, קוקט זיך ווידער אַרום און רעדט שטיל צו זיך אַליין:

קאָרטשאַק

(מיט אַן אָנגעבויגענעם קאָפּ) עפּעס צוטראַכטן, האָט זי געזאָגט. צוטראַכטן! וואָס? דער מוח ווערט צעשפּרונגען, צעזעצט און דו קענסט גאָרנישט צוטראַכטן. אין קאָפּ ליידיק, פּוסט, קיין שום איינפאַל, וואָס זאָל העלפן עפּעס אונטערנעמען, וואָס זאָל קאָנען... אַזוי פיל מעשהלעך אַמאָל צוגעטראַכט. (זיפצט שווער אָפּ) ווען מ׳וואָלט דאָס היינט געקענט עפּעס אַ כישוף־מעשהלע צוטראַכטן און אויסגעפינען אַ געהיימניספולן שפּריכוואָרט, וואָס וואָלטן בכוח געווען אין אַ פינצטערער נאַכט אַרויסרייסן די קינדער פון אונדזער תפיסה, פון דער טייוולאָנישער אַרומרינגלונג און אויף כישוף־פליגלען זיי אַריבערטראָגן איבער גרענעצן ווייט פון דאַנען, ווייט פון געפאַרן. (הייבט אומבאַהאָלפן אויף די הענט. שאָקלט פאַרצווייפלט מיטן קאָפּ) ניין, ניין, קיין שום פאַנטאַסטיש מעשהלע וועט דאָ נישט העלפן. קיין שום איינפאַל אויך נישט. אַך, די אָנמעכטיקייט, די אָנמעכטיקייט. ווי אַ געפאַנגענער פויגל פאַרשפּאַרט אין אַ שטייג, צעקלאַפּסט זיך נאָר די פליגלען, זוכנדיק אַן אַרויסגאַנג. „מען וואָלט געדאַרפט זיך זען מיט מענטשן", זאָגט סטעפאַ. וואָס וועט עס געבן? זיי זענען פּונקט אַזוי הילפלאָז און אַ סך מער צעטומלט ווי מיר. וווּ זוכן רעטונג פאַר זיי אין

פאַל... פון וואַנען, פון וועמען דערוואַרטן הילף אויב... אויב דער וויל־
דער געוויטער וועט דערגרייכן דיין נעסט? צו וועמען איצט רופן נאָך
הילף? צו דער וועלט? אומעטום אַ טויבע, שטומע וואַנט. שטייסט אין
דער תפיסה פאַר צום טויט פאַרמשפּעטע פאַר אַ פאַרקראַטעוועט פענצטערל
און שרייסט צו דער וועלט. און די וועלט איז טויב, זי הערט נישט
אונדזער געשריי. צי דערגייט עס נישט צו איר? אפשר פאַרשטופּט זי זיך
די אויערן? איז דאָס מעגלעך אונדזער געשריי זאָל נישט האָבן דערגאַנ־
גען? און אפשר, אפשר וועלן זיי נישט וואַגן... קינדער־הייזער... די
וועלט וועט פאַרט... (הייבט אויף דעם קאָפּ, קוקט זיך פאַרשעריש אַרום
פון אַלע זייטן, דאָס פּנים אַנטשפּאַנט זיך אַ ביסל, דער אויסדרוק פון יאוש
פאַרשווינדט אַ ווײַלע) איז דען מעגלעך די וועלט זאָל זיך נישט אָפּרופן?
אפשר וועלן זיי איצט פאָרט זיך נישט דערוועגן? אפשר...? (שטייט
אַ ווײַלע פאַרטראַכט, ווי ער וואָלט געזוכט אַ תשובה אויף זיינע האַרבע
שאלות, באַלד פאַרוואָלקנט זיך צוריק דאָס אויסגעצערטע פּנים, ס׳צע־
גיסט זיך איבער עס א ביטערע איראָניע) צוואָס זיך נאָך מאַכן אילוזיעס?
צוואָס זיך אַליין נאַרן? אַ גאַנץ לעבן האָסטו דיך גענאַרט. איינגערעדט
זיך און אַנדערע, אַז... אַז אייביקע ווערטן, הייליקייטן. ווי מ׳האָט זיך
דאָס פאַרכלינעט מיט דער אומשולד, אומבאַרירלעכקייט פונעם קינד!
אַ הייליקייט! אַ הייליקייט! וואָס טוען זיי היינט צו שיצן די הייליקייט?
נישט מעגלעך די וועלט זאָל נישט וויסן. האָסט באַנקראָטירט וועלט! און
איך בין דער גרעסטער באַנקרוט. 40 יאָר געזאַמלט אַ צוטרוי־קאַפּיטאַל
ביים קינד, אַן אינזשיניער פון קינדערישע נשמות דורכויס געוואָלט
זיין. דער קראַנקער גוף פון קינד איז מיר ווייניק געווען, די נשמה גע־
וואָלט אויך היילן, פאַרמירן, פאַרפלאַנצן פרייד, צוטרוי, גלויבן אין פאַר־
יתומטן, באַעוולטן קינד. פרייד, צוטרוי... דער גרעסטער באַנקרוט איך גור־
פאַ. כ׳וועל שוין גאָרנישט צוטראַכטן. וואָס קאָן שוין דאָ העלפן מיין קאָפּברע־
כעניש? כ׳ווייס, זיי פילן זיך זיכערער מיט מיר, איך זע אין זייערע בליקן
דעם צוטרוי. און איך וועל זיין פונקט אַזוי הילפלאָז, אָנמעכטיק ווי זיי,
אויב... אויב... (ער האַקט אָפּ ווי ער וואָלט נישט געוואָלט אַרויס־
ברענגען פאַרן מויל די ווייטערדיקע ווערטער, הייבט ווידער אָן צו שטעלן
הין און צוריק עטלעכע טריט איבערן צימער ווי דאָס באַוועגן זיך וואָלט
געדאַרפט פאַריאָגן די שוואַרצע מחשבות. זיינע אויגן זענען צעטראָגן,
גלאַנצן פיבערדיק. ער שטעלט זיך אָפּ אַ פאַרטראַכטער. די פאַרטראַכט־
קייט ווערט אינטענסיווער אָבער דער אויסדרוק פון געזיכט רואיקער.

ס׳איז קענטיק, אַז עפּעס איז אים דורכגעלאָפן אין מוח, וואָס פאַריאָגט די פריערדיקע שווערע מחשבות) און אפשר איז סטעפּאַ פאַרט געדערכט? אפשר וואַקסט טאַקע די סכנה אַן אין מיין דמיון? אין מיין קראַנקן מוח? (לייגט צו די האַנט צום שטערן) אוי דער קאָפּ, דער קאָפּ. ס׳קלינגט דאָרט אַ גלאָק. אַן אַלאַרם־גלאָק. זאָל דאָס זיין די פאַרשאָלטענע עלטער? די קראַנקהייט, די אָפּעראַציע זאָלן האָבן פאַרשטאַרקט דעם רויש אין קאָפּ? ס׳קאָן אויך זיין די אַלגעמיינע דערשעפּונג. פון דערשעפּונג קומען שוואַר־צע מחשבות. אַזוי זאָגט סטעפּאַ. זי האָט שטענדיק קלאָרע מחשבות. אַן אויסגעלייטערט פּנים. איז דאָס אַזאַ געלונגענע מאַסקע? זי איז אויך אין דעם פאַל געדערכט. מ׳מוז אַרויפציען אויף זיך אַזאַ מאַסקע. מ׳מוז זיך אויפצווינגען נישט צו טראַכטן וועגן... מ׳דאַרף וואָס מער זיין פאַרנומען, ווייטער שרייבן, אפילו מאַכן פּלענער, נישט דערלאָזן צום מוח, פאַרטרייבן פון זיך די...

(אַ קלאַפּ אין טיר רייסט אים איבער די צעשטורעמטע געדאַנקען. ס׳קומט אַריין אַ יינגל פון אַ יאָר 12־13. ער האַלט אין האַנט אַ פאַרשרי־בענעם בויגן פּאַפּיר. קאַרטשאַקס פּנים ענדערט זיך, ס׳ציט אַרויף אויף זיך אַ רואיקייט, צומאָל אַן אויפגעצוואונגענע געמיטלעכקייט.)

קאַרטשאַק

דו, סעמי? וואָס האָסטו דאָ פאַר אַ פּאַפּיר?

סעמי:

דער דאָקטער איז איצט נישט פאַרנומען? כ׳האָב געוואָלט עפּעס ווייזן.

קאַרטשאַק:

נישט פאַרנומען, ווייז. וואָס האָסטו פאַר אַ מאמר? כ׳זע האָסט געשריבן.

סעמי

מירן צוזאַמען געשריבן. כ׳וויל דעם דאָקטער ווייזן דעם בריוו צום גלח, וועגן גאָרטן, מיר האָבן שוין לאַנג אָנגעשריבן, נאָר דער דאָקטער איז כסדר פאַרנומען. (ציט אויס די האַנט מיטן בויגן פּאַפּיר צו קאַרטשאַקן) זאָל דער דאָקטער איבערלייענען, צי ס׳איז גוט אַזוי.

קאַרטשאַק

לייען־זשע אַליין, סעמי. איך הער.

סעמי

(לייענט פֿאַמעלעך, אַקצענטירט די ווערטער) **צום גנעדיקן גלח פּליע־באַן ביי דער פּאַראַפֿיע פֿון אַלע הייליקע: מיר, אַ גרופּע קינדער פֿון יתומים־הויז ביי דאָקטער יאַנוש קאָרטשאַק, ווענדן זיך מיט אַ בקשה און בעטן העפֿלעך דעם גנעדיקן גלח צו דערלויבן אונדז קומען פֿון צייט צו צייט אין גאָרטן ביים קלויסטער, צום בעסטן וואָלט געווען יעדן שבת אינדערפֿרי.** (שטעלט זיך אָפּ און קוקט אויף קאָרטשאַקן).

קאָרטשאַק

דאָס אַלץ?

סעמי:

ניין, ס'איז נאָך.

קאָרטשאַק

איז לייען־זשע ווייטער, ביזן סוף.

תּוּבּוּ

(לייענט מיט איבערגענומענקייט) **מיר בענקען זייער נאָך אַ ביסל גרינעם גראָז, נאָךביימער און בלומען. ביי אונדז אין הויף איז נישטאָ קיין איין ביימל, קיין בלימל, און ס'איז דומפּיק און ענג. ס'איז זומער און מיר ווילן זיך באַקענען מיט דער נאַטור. מיר זאָגן צו, אַז מיר וועלן אָפּ־היטן די בייטן און גאָרנישט שעדיקן. מיר בעטן זייער דעם גנעדיקן גלח נישט אָפּצוזאָגן אונדזער ביטע.** (קוקט אַ ווײַלע אויף קאָרטשאַקן און באַלד גיט ער צו) **מיר האָבן זיך אַלע אונטערגעשריבן, די גאַנצע גרופּע, שוין פֿון לאַנג, נאָר מיר האָבן געוואַרט דער דאָקטער זאָל זאָגן צי ס'איז גוט אַזוי.**

קאָרטשאַק

גוט אָנגעשריבן, זייער גוט.

סעמי

מיר ווילן גיין מאָרגן עס אָוועקטראָגן, אַראָנעק, מאָניש, אַבֿראַשאַ און איך. מ'האָט אונדז אויסגעקליבן עס אָוועקצוטראָגן, שוין פֿון לאַנג האָבן מיר דאָס געמאַכט, נאָר מירן געוואַרט אויפֿן דאָקטער. אויב דער דאָקטער דערלויבט, וועלן מיר מאָרגן אַהין גיין.(לאָזט אַראָפּ די האַנט מיטן פּאַפּיר און וואַרט אויף אַן ענטפֿער. קאָרטשאַק שווייגט אַ רגע, ווי ער

וואָלט זיך אויסגעהיטן מיט עפּעס נישט פּאַסיקס זיך אַרויסצוכאַפּן, ער הייבט אָן רואיק אָפּצורעדן).

קאַרטשאַק

ניין, סעמי, נישט מאָרגן, אָן אַנדערש מאָל. כ׳וועל אייך זאָגן ווען עס אַוועקצוטראָגן.

סעמי

(אָן אנטוישטער) **נישט מאָרגן? שוין אַזוי לאַנג אָנגעשריבן. ס׳איז נישט גוט אַזוי, אָדער דער דאָקטער וויל נישט מיר זאָלן גיין אין גאַס?**

קאַרטשאַק

(אַוועקמאַכנדיק סעמיס ווערטער מיט דער האַנט) **ניין, סעמי, זייער גוט אָנגעשריבן, נאָר מאָרגן וועט דער גלח נישט אויפנעמען... כ׳וועל זיך דערוויסן ווען ער נעמט אויף.** (נעמט אַרויס דעם בויגן פּאַפּיר פון סעמיס האַנט און באַקוקט) **גוט אָנגעשריבן, אָבער נישט ריין. פויל זיך נישט סעמי און שרייב עס איבער נאָך אַמאָל. כ׳וועל אייך זאָגן ווען דער גלח נעמט אויף...**

(סעמי פאַרלאָזט אָן אַנטוישטער דאָס צימער. קאַרטשאַק בלייבט ווי־דער אַליין. די אויפגעטצוונגענע רואיקייט פאַרלאָזט אים. אויף זיין פּנים שפּרייט זיך אויס צער, געמישט מיט איראָניע. ער הייבט אָן אַ נייעם מאָנאָלאָג).

קאַרטשאַק

פאַרוואָס נישט מאָרגן? צי איז בעסער צי איז ערגער אויסצובאַהאַלטן, אַז די געטאָ־גאַסן קאָנען צו יעדער צייט ווערן אַ יאַגד־פעלד? גיי ווייס אויף זיכער וואָס ס׳איז בעסער. ענטפערן הייגט אויף פראָגן, זיך גופא, זיי. צי ס׳איז גוט אַזוי אָנגעשריבן? ווייס ווי אַזוי ס׳איז גוט, ווי אַזוי צו טרעפן צו אַ מענטשלעך הארץ אין דעם ים פון האַס און רציחה. וואָס פריער בעטלען פאַר זיי, אַ ביסל קאַשע, קאַרטאָפל אין די צעטומלטע אינסטיטוציעס, צי אַ ביסל פרישע לופט, אַ גרינעם בוים פון גלחס גאָרטן? נאָר דאָס איז נאָך מעגלעך. ביי וועמען אָבער בעטלען פאַר זיי...

(אַ נייער קלאַפּ אין טיר רייסט אים ווידער איבער. ס׳שטעקט אַריין דעם קאָפּ אין דער האַלב־אָפענער טיר די 14־יאָריקע סאַראַ, זי דערזעט קאַרטשאַקן אַ צעטראָגענעם און בלייבט אין דער טיר אין אַ פאַרלעגנ־הייט, קאָן זיך נישט דעצידירן אַריינצוגיין.)

סאַרא

איך שטער אפשר דעם דאָקטער?

קאַרטשאַק

(באַהאַלט אויס זיין אויפגערודערטקייט) ניין, ניין, קום אַריין.

סאַרא

(גייט אַריין און בלייבט שטיין ביים טיר) אויב דער דאָקטער איז איצט פאַרנומען וועל איך שפּעטער, כ'האָב אַ סך דורכצורעדן, ס'איז וועגן קרייז. מ'האָט נעכטן דורכגעלאָזט, און די פאַרגאַנגענע וואָך. אויב דער דאָקטער האָט איצט נישט קיין צייט, וועל איך אַ ביסל שפּעטער.

קאַרטשאַק

נו, קום־זשע נענטער, שפּעטער וועל איך מער זיין פאַרנומען. (דער־מאָנט זיך) אַ, יאָ, ביסט גערעכט, מ'האָט דורכגעלאָזן צוויי אָדער דריי מאָל.

סאַרא

(גייט צו נאָענט צו אים, פרעגט מיט אַ טאָן פון היימישקייט) ווען וויל דער דאָקטער מיר זאָלן זיך פאַרזאַמלען?

קאַרטשאַק:

די צווייטע וואָך, אפשר דעם קומענדיקן מאָנטיק.

סאַרא

(אומצופרידן) ערשט די צווייטע וואָך? פאַרוואָס נישט פריער?

קאַרטשאַק

(הייבט הילפלאָז אויף די הענט) ס'וועט פריער נישט אויסקומען. צו־פיל פאַרנומען, נאָר אפשר שבת. (מיט אַמאָל דערמאָנט ער זיך) ניין, וואָס זאָג איך? שבת דאַרף איך זיין מיטן קליינוואַרג. ס'וועט זיך אפשר אויך צונויפקלייבן דאָס חברים־געריכט. די צווייטע וואָך, פריער וועט נישט אויסקומען.

סאַרא

(מיט רעזיגנאַציע) פאַרפאַלן, כ'וועל איבערגעבן, אַז מען מוז אָפּלייגן, נאָר איך וויל מיך באַראַטן מיטן דאָקטער, איך וועל דאַרפן דאָס מאָל רע־פערירן די טעמע.

קאַרטשאַק

(ווי ער וואָלט איצט מער נישט געקאָנט איינהאַלטן די אַרויפגעצווונ־גענע רואיקייט) **נישט איצט, סאַראַ, נישט איצט. קום מאָרגן אין דער שעה. איצט דאַרף איך גיין זען וואָס ס'הערט זיך ביי דער קלענערער חברה.** (פאַרלאָזט דאָס צימער אין איילעניש, סאַראַ נאָך אים).

פאָרהאַנג

פערט בילד

קאַרטשאַקס צימער לעבן דער איזאָלאַטקע פאַר קראַנקע קינדער. אין דער טיף פון קליינטשיקן צימער, ביים וואַנט, אַן אויפגעבעטע אַלט, אייזערן בעטל. אויפן נאַכט־טישל ביים בעט אַ קאַראַפקע וואַסער, דער־לעבן אַ קרוג וואַסער צו באַגיסן די בלומען־טעפלעך, וואָס אויפן פענצ־טער. אין מיטן צימער אַ שרייב־טישל; אויפן טישל שרייב־פּאַפּיר, בלייפעדערס, אַ קאַרבידן־לאָמפּ, איבערגעדעקט מיט אַ טונקעלן אַבאַ־זשור. איבערן אַנטקעגנאיבערדיקן פענצטער מיט די בלומען־טעפלעך איז אַראָפּגעלאָזן אַ ראָלעטע פון שוואַרצן פּאַפּיר. ס'איז שפּעט ביינאַכט. אַלץ אַרום שלאָפט. דאָס צימער איז האַלב־פינצטער, איינגעהילט אין שאָטנס, דאָס גאַנצע ליכט פונעם לעמפּל פאַלט אויפן טישל ביי וועלכן ס'זיצט אָנגעבויגן קאַרטשאַק. ער איז אָנגעטאָן אין אַן אַלטן שטוב־כאַ־לאַט, די פיס אין אויסגעריבענע שטעק־שיך. ער איז פאַרטאָן אין שרייבן. פּלוצלינג רייסט ער איבער דאָס שרייבן, גלייכט זיך אויס, נעמט אַ בלעטל, אַ צווייטס, פירט מיט די אויגן איבער די שורות, בעסערט אויס מיט דער פעדער, לייענט שטיל ווייטער, לייגט אָפּ דאָס בלעטל און בלייבט אַ ווײַלע, ווי פאַרגליווערט, טראַכט נאָך. ער הייבט זיך אויף פון שטול, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט אַרויסרייסן פון אַ פאַרגליווערונג, הייבט אָן לאַנגזאַם, מיט שטילע טריט שפּריזן, שטעלט זיך פון מאָל צו מאָל אָפּ און הייבט אָן אַ שטומען מאָנאָלאָג.

קאַרטשאַק

(מיט אַן אָנגעבויגענעם קאָפּ, ווי ער וואָלט שטומערהייט אַריינגערעדט אין זיך גופא) **ווער עס עמעצער פאַרשטיין? וועלן עס**

מענטשן קענען תופס זיין? באַגרייפן? ווי אַזוי געבן צו פאַרשטיין וואָס
ס׳איז איצט דאָס געטאָ? וואָס דאָס איז אַ קינדער־הויז אין געטאָ? אַן
אַקציע? ווען מיר וועלן שוין נישט זיין, צי וועלן מענטשן, די יונגע,
קענען באַנעמען? וועלן זיי וועלן באַנעמען? וועלן זיי וועלן זיך אַריינ־
טראַכטן? אַריינלעבן זיך? וועט עס פאַר דער יוגנט שפּעטער נישט זיין
בלויז טרוקענע געשיכטע, וואָס מע בלעטערט דורך? איבערגעבן די
ערד־ציטערניש מיט ווערטער מ׳זאָל זי פילן. די אַקציע. אַקציע...
אַ וואָרט, ווי אַנדערע ווערטער. גיב דאָס איבער מיט געוויינלעכע ווער־
טער אויפן פּאַפּיר. ווערטער, ווערטער, וואָס פאַר אַ באַדייט האָט איר?
איר זענט אַנמעכטיק אַזוי ווי מיר. (מיט צאָרן) איך קאָן אייך מער נישט
פאַרטראָגן, איר פּלאָנטערט זיך אין מיין מוח און זענט מאַכטלאָז, בלוט־
לאָז, איר קענט נישט איבערגעבן דאָס, וואָס קומט פאַר אַרום אונדז,
וואָס קומט פאַר אין אונדז גופא. (הייבט אויף דעם קאָפּ און הערט זיך
איין אין דער שטילקייט, ווי ער וואָלט מיטן אויער עפּעס געוואָלט אויפ־
כאַפּן) אַקציע... טויט לויט דער ריי, אויסער דער ריי. ווען דיין ריי?
דאָס וואַרטן, דאָס ריכטן זיך, אָדער דאָס גענאַרן זיך אַליין. קינדער־
הייזער אפשר נישט... סטעפאַ זאָגט מ׳זאָל האָבן... מ׳זאָל האָבן צו־
געזאָגט. (מיט ביטערער איראָניע) דער וואָלף זאָל אפשר האָבן צוגע־
זאָגט ער וועט נישט פאַרצוקן דאָס שעפּעלע. (דערנענטערט זיך צום
שטול, זעצט זיך צוריק אַוועק און קוקט אויף די פאַרשריבענע בלעט־
לעך) צי האָט עס בכלל אַ זין? אַ צוועק? צי וועט עס דערגיין? געהאַט
אַרויסגעשיקט עטלעכע העפטלעך זכרונות. (שאָקלט טרויעריק מיטן
קאָפּ) זכרונות... געוואָלט זיך נאָך טיילן מיט די אַמאָליקע דערפאַרונ־
גען. (מיט איראָניע) אַמאָליקע דערפאַרונגען... אַ חלום, די נעכטיקע
וועלט, אַ מיראַזש, אַלץ אומרעאַל; דאָס איינציקע רעאַלע די תפיסה פאַר
צום טויט־פאַרמשפּעטע, פאַרמשפּעטע צו אַלערליי טויטן. (בויגט אָן דעם
קאָפּ און עסט זיך איין מיט די אויגן אין די פאַרשריבענע בלעטלעך)
אויב וועט עס יאָ אַרויסגעשיקט ווערן, צי וועט עס דערגיין צום האַרץ
פון מענטשן? צום האַרץ פון דער וועלט? אונדזערע געשרייען זענען
ביז איצט נישט דערגאַנגען. וועלן די לעצטע גסיסה־קראַמפּן יאָ דער־
גיין? וועלן זיי אויפרודערן, אָדער וועט מען ווייטער זיין טויב און בלינד?
(שטעלט זיך נערוועז אויף, ווי עס וואָלט אים אַ שטויס געטאָן דאָס גע־
פיל פון פּראָטעסט, מאַכט פּאַמעלעך עטלעכע טריט און בלייבט שטיין,
קענטיק ער אַמפּערט זיך, מאַכט חשבונות אי מיט זיך אַליין, אי מיט

דער וועלט) **טאָ, נאַ דיר, וועלט, מיין לעבן, נעם מיין קראַנקן גוף, זאָלן די וועלף זיך אָנפרעסן מיט מיין אַלט יידיש לייב אויב ס׳איז דיר גלייכגילטיק! נאָר די קינדער וויל איך נישט צולייגן, וועלט, צו דיין באַנקראָט. איך וויל זיי נישט אָפּגעבן אויף זייער שוואַרצן מזבח, איך קאָן בשום אופן נישט איינגיין דערויף, כאָטש איך הייס יעדן אָוונט זיי אַרומוואַשן זיי זאָלן צו דער עקדה גיין זויבערע. מ׳לייגט מיר נאָך פאַר איך זאָל זיי איבערלאָזן אין דער שוואַרצער שעה אַליין.** (בלייבט אַ ווײַלע פאַרזונקען אין זיך, הייבט פּלוצלינג אויף דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, הייבט ווידער אָן שפּאַנען מיט פאַמעלעכע טריט, די הענט פאַרלייגט אויף הינטן, דאָס פּנים פאַרוואָלקנט, אָט שטעלט ער זיך אָפּ, קוקט זיך אַרום מיט פאַרשערישע בליקן, גיט אַ וויש מיט דער רעכטער האַנט דעם שטערן, ווי ער וואָלט געוואָלט פאַריאָגן די אָקערשט אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען) **צוואָס נאָך איצט די חשבונות? צו־וואָס נוצן זיי? איצט, ווען מען דאַרף פון זיך אַליין כוחות אַרויסבאַקומען, ווי מע שלאָגט אַרויס פונקען פון אַ שטיין? איצט דאַרף זיך אַלץ קאַנ־צענטרירן אַרום איין זאַך, דעם גאַנצן מוח אָנשטרענגען, טראַכטן בלויז וועגן איינס: ווי אַזוי?** (אַן אומענדלעכער צער צעגיסט זיך איבערן פּנים) **וואָס טאָן אויב דער שטורעם וועט זיך אַראָפּלאָזן אויף דיין נעסט? אויף וואָסער אופן זיי שיצן? קאָן מען דען דערוואַרטן ס׳זאָל אונדז אויסמיידן?** (שפּאַנט ווידער צו צום טיש, בלייבט שטיין פאַרטראַכט, קענטיק דער מוח אַרבעט, לאָזט זיך מיט אַמאָל אַראָפּ אויף דער שטול, ווי די פיס וואָלטן זיך אים אונטערגעבראָכן, שפּאַרט אָן די עלנבויגנס אויפן טיש, נעמט אַריין דעם קאָפּ אין ביידע הענט און בלייבט אַ ווײַלע אומבאַוועג־לעך, ווי פאַרגליווערט פון ווייטיק און יאוש. באַלד רייסט ער אויף דעם קאָפּ, קוקט זיך אַרום מיט ברייט־צעעפנטע אויגן, ווי ער וואָלט נאָך אַלץ געזוכט אַן אויסוועג, קאָן אים בשום אופן נישט געפינען און מוז אָנ־נעמען אַ שווערן באַשלוס) **נישטאָ וואָס זיך צו מאַכן אילוזיעס. נישטאָ קיין רעטונג. זי וועט פון ערגעץ נישט קומען. איך וועל שוין גאָרנישט צוטראַכטן. איינס נאָר איז נאָך אפשר מעגלעך, בלויז דאָס איינע: אויס־מיידן אַנגסטיקן פּחד, וואָס צעפלאַקערט זיך אומענדלעך אין קינדערישן דמיון. דאָס איינציקע, וואָס איך וואָלט נאָך אפשר געקאָנט פאַר זיי, אויב... העלפן בייקומען די שרעק־קראַמפּן. מער גאָרנישט!** (באַוועגט אומרואיק מיטן קאָפּ, ווי אָפּצוטרייבן פון זיך די שווערע מחשבות; דאָס אָקערשט פאַרוואָלקנטע געזיכט לייטערט זיך אַ ביסל אויס, ווי נאָכן

דורכמאַכן אַ שווערן נסיון מיט זיך אַליין, הייבט זיך לאַנגזאַם אונטער, הערט זיך איין אין דער נאַכטיקער שטילקייט, זוכט מיט די בליקן אין דער האַלב־פינצטערניש, ווי ער וואָלט געזוכט אין זיך גופא אַן אָפּלייקענונג פאַר די שוואַרצע אַנונגען) אפשר, אפשר די געפאַר נישט אַזוי... סטעפאַ זאָגט דאָך איך טרייב איבער. ס׳קומט פון דערשעפונג, זאָגט זי. טראַכט זי באמת אַזוי? מאַכט זי אַן אָנשטעל? אפשר טאַקע בעסער זיך אָפּצונאַרן, איינצורעדן? אפשר דאַרף מע מיט זיך גופא זיך באַגיין אַזוי ווי מיט די קינדער? (דאָס פּנים אַנטשפּאַנט זיך, ווי אַ פּלוצלינגער אינערלעכער כוח וואָלט פאַריאָגט דעם יאוש) אפשר וועלן זיי נישט...? קינדער־הייזער... די וועלט... אפשר נאָך אַ ראַטע לעבן? זאָל מען אָננעמען, אַז... (אַ ביסל מונטערער) ווי לאַנג דער חלף ליגט נישט אויפן האַלדז דאַרף מען... מען דאַרף אפשר אַזוי ווי סטעפאַ. (גייט לאַנגזאַם צו צום פענצטער, ווי ער וואָלט געוואָלט זיך אָפּרייסן פון די טראַכטענישן, קוקט אַ ווײַלע אויף דער שוואַרצער ראָלעטע, בויגט זי עטוואָס אָפּ, פאַררייסט דעם קאָפּ, קוקט גיריק צום הימל, פאַרדעקט צוריק דאָס פענצטער) דורך דאַנען גרייכט נישט ווייט דער בליק, אַ קלייניטשיק שטיקל הימל. דורך דאַנען וועסטו זיי אויך נישט ראַטעווען! דורך דאַנען זעט מען נאָך מער, ווי אַלץ אַרום איז פאַרמאַכט, פאַרשפּאַרט, אָפּגעשניטן פון דער וועלט, פון דער שטאָט. אַזוי נאָענט איז זי די שטאָט פון די מויערן און אַזוי ווייט. וואַרשע, מיין היימשטאָט, כ׳האָב זיך מיט מיין אייגענעם ווילן פאַרשלאָסן אין דיינע תפיסה־מויערן. (שטעלט אָן די אויגן אויף איין פּונקט, ווי ער וואָלט דאָרט עמעצן געזען און אויסדערציילט פאַר אים) אַזוי פיל מאָל געזאָלט פאַרלאָזן דאָס לאַנד. ס׳האָט געצויגן אין דער ווייטער וועלט, געלעכצט נאָך נייע דערפאַרונגען. וואָס האָט מיך אָפּגעהאַלטן? (שאָקלט מיטן קאָפּ) דאָס יתומים־הויז. און אויך דו, מיין היימשטאָט, מיין וואַרשע, נישט געקאָנט זיך שיידן מיט דיר, מיט דיין הימל, מיט דער ווייסל, צונויפגעוואַקסן געווען. (טראָגט איבער די בליקן אין אַן אַנדער ווינקל, ווי ער וואָלט פאַר עמעצן אַן אַנדערן אויסדערציילט) דאָ, אין דער היימשטאָט אויסגעבויט אַ נעסט פאַרן הימלאָזן, פאַריתומטן קינד. איצט אַלץ אַ ווייטער חלום. אַלץ פאַרשווונדן. אפילו די אַמאָליקע באַגריפן — אָרט, צייט אויך אַן אַבסטראַקציע. פון אַלעמען פאַרבליבן אַ חורבה, אַ פּוסטקייט. אַלץ תוהו ובוהו. און אין דער תוהו ובוהו הענגט אונדזער פאַרשאָלטענע תפיסה. (פאַרטראַכט זיך אַ ווײַלע) געקאָנט דאָך דאָ נישט זיין. געהאַט דאָך געלעגנהייטן אויך

איצט. צי האָב איך ווען דאָס איז באַדויערט? (מיט אַנטשלאָסנקייט) ניין! ניין! די קינדער זענען דאָ, דאַרף איך אויך דאָ זײַן. ס׳איז גוט געשען וואָס כ׳בין פֿאַרבליבן.

(פֿון ערגעץ ווײַט הילכט אָפּ אַ טויבער שאָס. קאָרטשאַק שפּיצט אָן די אויערן. עס הילכט אָפּ אַ צווייטער שאָס. קאָרטשאַק הערט זיך ווידער אײַן. אויף זײַן געזיכט שפּרייט זיך אויס שפּאַנונג. ס׳שטעלט זיך ווידער אײַן אַ שטילע שטילקייט) ווידער מסתמא איבערגעריסן אַ לעבן, אָדער לעבנס. וועמענס? אַלצאיינס. אפֿשר האָט זיך עמעצער געוואָלט ראַטעווען? די נאַכט פֿאַרהיט אויך נישט. די קויל טרעפֿט אויך אין דער פֿינצטער. ווערסט אין ערגעץ פֿון זיי נישט אַנטרינען. פֿאַר אַ חיה רעה קאָנסטו זיך אויסבאַהאַלטן, אויסהיטן. פֿאַר אַ מענטש נישט. ער איז קליגער פֿון דער חיה. האָט אויך הײַנט בילדונג, קאָן זיך באַנוצן מיט אַ כּלי־זין פֿון דער וויסנשאַפֿט, דערמיט נאָך געפֿערלעכער פֿון דער געפֿערלעכסטער חיה. איז וואָס איז ער דער מענטש, אויב ער קאָן זיך פֿאַרוואַנדלען אין דער ערגסטער חיה רעה? וועט דען דער מענטשוואָלף זאַט ווערן, ווען ער וועט אונדז אַלע פֿאַרצוקן? פֿאַרשטייען דאָס די, וועלכע שלאָפֿן איצט רואיק? (אַ נײַער שאָס הילכט ווידער טויב אָפּ אין דער נאַכטיקער שטילקייט. קאָרטשאַק וואַרט אַ ווײַלע מיט אומרו אויף ווײַטערדיקע אָפּהילכן און קערט זיך אין דער שטילקייט אום צו זײַן שטומען מאָנאָלאָג) נישט גענוג פֿינצטער די נאַכט. הײַנט דאַרפֿן מיר שטאָק־פֿינצטערע נעכט. צי קאָנסטו נישט, גאָט, מאַכן אַ נס דער טאָג זאָל אויך פֿינצטער ווערן? די וועלף וואַרפֿן זיך אויף אונדז, ווען ס׳איז ליכטיק. (דערנענטערט זיך צום טישל, זעצט זיך אַוועק, נעמט זיך פֿאַר דער פֿעדער, שרײַבט שנעל, קענטיק, אַז ער פֿאַרנאָטירט דאָס, וואָס איז אים אָקערשט געקומען אויפֿן געדאַנק, רײַסט איבער און טענהט ווידער אײַן מיט זיך) פֿאַרשרײַבן בלויז ברעקלעך, שפּליטערן. ווי אַזוי דאָס איבעריקע אויסגיסן אויפֿן פּאַפּיר? ווי אַזוי? אין קאָפּ אַ כאַאָס, אַ שטורעם, געדאַנקען און געפֿילן ווי צעשטורעמטע כוואַליעס, גאָר ווערטער זענען מאַכטלאָז. און ווי אַזוי פֿאַרצײַכענען, פֿאַרשרײַבן פֿאַר אַנדערע, אַז דו פֿאַרשטייסט זיך אַליין נישט? פֿאַרשטייסט נישט פֿון וואַנען די עקשנות, דער כּוח, דער ווילן אויסצוהאַלטן, איבערצוטראָגן, איבערצולעבן. אַלץ שרײַט אין מיר: לעבן! לעבן! איבערלעבן! אומפֿאַרשטענדלעך. אַמאָל, ווען ס׳איז צײַטנווײַז געוואָרן אומדערטרעגלעך, האָט זיך טײלמאָל געגלוסט צו פֿאַרענדיקן. הײַנט קיינמאָל נישט אַזאַ געדאַנק. דער מוח מאָ־

טערט זיך נאָר ווי אַזוי אויסצוהאַלטן. דער אַלטער, צעבראָכענער גוף רייסט זיך, ברעכט זיך, נישטאָ קיין איין גאַנצער אבר, יעדעס ברעקל לייב טוט ווי, דער גוף שיט זיך פונאַנדער און וויל עקשנותדיק אויסהאַלטן. דאָס פלעמעלע לעבן טליעט קוים, צאַנקט כסדר און רייסט זיך מיט געהיימע כוחות ווייטער צו ברענען. אַ צאַנקנדיק פלעמעלע, און דאָס דאַרף באַלייכטן אין אַ געדיכטער פינצטערניש, באַשיצן איבער צוויי הונדערט יונגע לעבנס. ס׳דאַרף! ס׳מוז! און אַפשר האַלטן די איבער צוויי הונדערט נפשות אויף ביים לעבן דעם אַלטן, צעבראָכענעם נפש מיינעם? אפשר בלאָזן זיי אַריין אַ רוח־החיים אין דעם חרובן גוף? (הייבט אָן לאַנגזאַם צו שפּאַנען אין דער לענג פון צימער, באַרירנדיק קוים מיט די פיס די פּאָדלאָגע, זיינע בליקן פאַרהאַלטן זיך אויפן פענצטער, דערנענטערט זיך, בויגט ווידער פאָרזיכטיק אָפּ דעם ברעג פון דער ראָלעטע, פאַררייסט דעם קאָפּ און כאַפּט אַ קוק צום הימל; לאָזט צוריק אַראָפּ די ראָלעטע און מאַכט לאַנגזאַם עטלעכע טריט אין צימער) ווי זיי פינקלען, די שטערן! אפילו איבערן געטאָ איז ער שיין דער הימל. געטראַכט אַמאָל צו שרייבן וועגן די געהיימענישן פון דער נאַכט. געטרוימט אויך אָנצושרייבן אַ בוך וועגן קינדערישן שלאָף. און וועגן וווקס פון קינד. (פאַרטראַכט זיך, קענטיק ער האָט זיך עפּעס דערמאָנט) אויסבאַהאַלטן 36 העפטלעך מיט פאַרצייכענונגען, אָבסערוואַציעס. נאָך נישט לאַנג צוריק געטראַכט וועגן שרייבן נייע ביכער, אין קאָפּ האָבן זיך נאָך געפּלאָנטערט ראָמאַנען פאַר קינדער, פאַרטראַכט זיי אין די שלאָפלאָזע נעכט, גערעכנט נאָך ווען ס׳איז זיך צו נעמען דערצו. (קוקט זיך פלוצלינג אַרום מיט דערשראָקענע אויגן, ווי די טרוימען וואָלטן אים מיט אַ מאָל פאַרלאָזט און ער האָט זיך צוריק אומגעקערט צו דער ווירקלעכקייט) אַ פּלאָנטערניש אין קאָפּ. פּלענער... טרוימען... (גיט אַ מאַך מיט דער האַנט) אַך, דו אַלטער נאַר, ס׳גלוסט זיך דיר נאָך טרוימען, אַ טרוימער אין אונדזער תּפיסה פאַר צום טויט־פאַרמשפּטע. (דערנענטערט זיך צום טישל, קוקט אויף די בלעטלעך פּאַפּיר) ס׳האָט זיך היינט נישט געשריבן, דאָס קאַפּיטל נישט פאַרענדיקט, די פּעדער וויל היינט בשום אופן נישט דינען. מאָרגן וועט מען זיך דאַרפן נעמען אין די הענט. מען מוז זיך נעמען אין די הענט! (דרייט אויס דעם קאָפּ צום פענצטער, דערזעט ווי דורך די שפּאַלטן פון דער ראָלעטע שפּאַרט זיך דורך דער גרויער בלוי פון פאַרטאָג. קאָרטשאַק זעט איצט אויס אָנטשפּאַנט) פאַרטאָג קומט דער שלאָף. מ׳דאַרף אָנטרינקען די בלומען,

אונדזערע אָרעמע געטאָ־פּלאַנצן. (נעמט שנעל דאָס קריגל וואַסער, דער־נענטערט זיך צום פענצטער, הייבט אונטער די ראָלעטע, באַגיסט די בלומען. נעמט דערנאָך צוזאַמען די בייגעלעך פּאַפּיר פון טישל, רוקט זיי אַריין אין שופלאַד, כאַפּט אַ קוק אויפן זייגערל) ס׳בלייבט נאָך גוטע 4 שעה צו שלאָפן. זאָל ער נאָר קומען דער שלאָף. **דער אָנקומענדיקער טאָג וועט זיין אַ שווערער, צופיל באַשעפטיקונגען אויף איין טאָג. דאָס ערשטע די וויזיטן וועגן שפּייז.** (לעשט אויס דאָס לעמפּל, דערנענטערט זיך צום געלעגער. מ׳הערט ווי אונטער קאַרטשאַקן גיט אַ לייכטן סקריפּע דאָס אַלטע, אייזערנע בעטל).

פאָרהאַנג

פינפט בילד

דאָס זעלבע צימער נעבן דער איזאָלאַטקע. דורך די שפּאַלטן פון דער ראָלעטע איבערן פענצטער רייסט זיך אַריין מיט אַ דין פּאַסיקל דאָס טאָג־ליכט. אַ קאַרגער אָפּשיין פון ליכט שלאָגט זיך אָפּ אין בעטל. קאַרטשאַק שלאָפט. אין שלאָף איז זיין פּנים נאָך בלאַסער. ס׳איז אַ געלב־לעכע, קרענקלעכע בלאַסקייט, וואָס מאַכט די הויט דורכזיכטיק. מיט די הענט אויסגעצויגן אויף דער קאָלדרע, מיטן אויסגעצערטן, געלבלעכן געזיכט, זעט ער מער אויס ווי ער וואָלט געלעגן אַ פאַרחלשטער איידער ווי ער וואָלט געשלאָפן. דאָס קינדער־הויז איז נאָך איינגעטונקען אין רו. ס׳איז האַרט פאַר דער שעה פון אויפשטיין. פּלוצלינג דערהערן זיך פון דער גאַס שווערע טריט, וואָס דערנענטערן זיך מיט אַ געטראַסקעריי. אַ שאַרף גרילצנדיק פּייפן שניידט דורך די לופט. קאַרטשאַק רייסט זיך האַסטיק אויף פון שלאָף, זיצט אַ רגע אַ צעטומלטער אין בעט. די מוס־קולן פון זיין פּנים צוקן נערוועז, זיין געזיכט באַציט זיך מיט אומגע־הויערן אומרו און צער. עס דערהערט זיך ווידער אַ הילכיק פּייפעריי. קאַרטשאַק שפּרינגט אַרויס פון בעט, ווי דאָס פּייפעריי וואָלט אים אַרויסגעשליידערט. ער ציט אַרויף מיט נערוועזע באַוועגונגען די הויזן, זיינע הענט ציטערן, פּלאָנטערן זיך. ער לויפט צו צום פענצטער און ציט אַרויף די ראָלעטע. דאָס צימער ווערט פאַרגאָסן מיט טאָג־ליכט. צוזאַמען מיטן ליכט רייסן זיך אַריין ווילדע געשרייען: **יודען הערויס!**

יודען הערויס! שנעל! שנעל! הערויס! (אין דער צוריקגעשטעלטער שטילקייט דערהערט זיך אַ געוודער פון הויז, דאָס האַסטיקע אויפשטיין פון די בעטן. קאַרטשאַק ציט גיך אַרויס די שיך פון אונטערן בעט, הייבט אָן זיי אָנטאָן. אין דעם עפנט זיך אויף אויף רעכטס דאָס נידעריקע טירל פון איזאָלאַציע־צימער. צו קאַרטשאַקן פאַלן אַריין אין די נאַכט־העמדער דריי 10־8 יאָריקע קראַנקע קינדער. זייערע אויגן פיבערן פון היץ. זיי וואַרפן זיך צו קאַרטשאַקן, קלאַמערן זיך איין אין אים, באַ־וואַרפן אים מיט פראַגן).

ערשט קראַנק מיידעלע

(קלאַמערט זיך אין קאַרטשאַקן מיט אויסגעשפרייטע הענט) **דאָקטער, וואָס וועלן זיי טאָן מיט אונדז? כ'האָב מורא!**

קאַרטשאַק

(גלעט זי איבערן קאָפּ) **נישטאָ וואָס מורא צו האָבן. ביסט אַ קלוג מיידל און פירסט זיך אַזוי נאַריש אויף.**

צווייט קראַנק מיידעלע

(טוליעט זיך צו קאַרטשאַקס זייט) **ווו וועלן זיי אונדז אַוועקפירן? דער דאָקטער וועט פאָרן מיט אונדז?**

קאַרטשאַק

(באַרואיקט זי) **יאָ, יאָ, איך פאָר מיט אייך, מסתמא אויף אַ דאָרף.** (רייסט אָפּ די קינדער פון זיך) **גייט אייך אָנטאָן, נישטאָ וואָס מורא צו האָבן...**

דאָס קראַנקע ייִנגל

(קוקט מיט בעטנדיקע אויגן אויף קאַרטשאַקן) **מ'וועט אונדז אַוועק־פירן אויף אַ דאָרף?**

קאַרטשאַק

גייט אייך אָנטאָן! (טרייבט זיי אונטער) **גיך זיך אָנטאָן.** (צו די מייד־לעך) **אַזעלכע גרויסע מיידלעך און ווי קליינע קינדער. מיט באָרוועסע פיס, איר וועט זיך דערקילן.** (צו דער גרעסערער) **דו, דאָרקע, טו זיך אָן וואַ־רעם, האָסט נאָך היץ.**

דאָס קראַנקע ייִנגל

(הייבט אָן אַוועקגיין און בלייבט שטיין) **מ'דאַרף אַלץ מיטנעמען?**

קאַרטשאַק

(פאַרשנורעוודיק די שיך) **אַלץ וואָס אויף אייערע שענקלעך.**

דאָס קראַנקע יינגל

דעם רעצעפּט אויך?

קאַרטשאַק

אויך, אויך. (באַגלייט זיי צו דער טיר, יאָגט זיי אונטער) **טוט אייך גיך אָן, איר זאָלט זיך נישט דערקילן.**

ערשט קראַנק מיידעלע

(שטייענדיק שוין ביים אַרויסגאַנג) **מיינע צייכענונגען זאָל איך אויך מיטנעמען?**

קאַרטשאַק

אויך!

דאָס קראַנקע יינגל

און די ביכער? די העפטן?

קאַרטשאַק

יאָ, די ביכער, די העפטן, נאָר טוט אייך גיך אָן (שטופּט זיי אַרויס און פאַרמאַכט די טיר).

(קאַרטשאַק ציט אַרויף אין איילעניש די מאַרינאַרקע און פאַר־נעמט זיך אַרויסצוגיין. אין דעם עפנט זיך די טיר פון לינקס. ס׳פאַלט אַריין אין צימער סטעפאַניאַ ווילטשינסקאַ. זי איז בלאַס, אָבער רואיק. איר שטימע ציטערט לייכט, קענטיק, אַז זי שטרענגט זיך אָן צו זיין באַהערשט, רעדט שטיל, איר שטימע קומט פון ערגעץ טיף).

סטעפאַניאַ ווילטשינסקאַ

(גיט אים אַ רענצל) **פאַר אייך. כ׳וועל אייך העלפן איינפּאַקן דאָס גוויטיקסטע.**

קאַרטשאַק

געלאָזט אייך אַליין און איר קומט נאָך מיר העלפן. געהאַט צו טאָן מיט די קראַנקע קינדער. מ׳דאַרף זיך פאַרנעמען מיט זיי, אַ קראַנק קינד איז מסוגל אַריינצופאַלן אין פּאַניק, מ׳מוז אויסמיידן...

סטעפאַניאַ ווילטשינסקאַ

(באַרואיקט איס) **מ׳פאַרנעמט זיך שוין מיט זיי, אַריינגעשיקט אַ קראַנקן־שוועסטער** (פאַקט אַריין אין רענצל קליינינקייטן, וואָס אויפן טישל).

קאַרטשאַק

גייט צו די קינדער, איך קום שוין אייך העלפן.

סטעפאַניאַ ווילטשינסקאַ

נישטאָ וואָס צו העלפן, אַלץ גרייט, די רענצלעך געווען פאַר יעדערן צוגעגרייט, כ׳האָב גלייך פאַראָרדנט זיי זאָלן איינפּאַקן דאָס נויטיקסטע, דער פערסאָנאַל העלפט צו די ייִנגסטע. (מיט אַ פאַרשטיקטער שטימע) **מיר זענען כמעט גרייט צו דער אומבאַקאַנטער רייזע...**

קאַרטשאַק

(שטופּט אַריין אין רענצל פאַרשריבענע בייגעלעך פּאַפּיר, וואָס ער ציט אַרויס פון שופלאַד) **איר, סטעפאַ, זענט צו באַוווּנדערן, אויך איצט קלאַפּט ביי אייך אַלץ.**

סטעפאַניאַ ווילטשינסקאַ

איר האָט מיך דאָך צוגעגרייט. איר האָט זיך גערעכט, פאַרויסגעזען, כ׳האָב דאָס פאַרשטאַנען, אַלץ געווען צוגעגרייט. אויף אייער עצה געהייסן אויך זיי אויסבאָדן.

קאַרטשאַק

זענען זיי נישט דערשראָקן?

סטעפאַניאַ ווילטשינסקאַ

(לייגט אַריין נאָז־טיכלעך, אַנדערע קליינינקייטן אין זיין רענצל) **זע־ען אויס רואיק, זענען באַהערשט, אַזוי ווי מיר. אייער אַנווועזנהייט... מיט אייך פילן זיי זיך שטענדיק זיכער.**

קאַרטשאַק

(מיט אַ שטילער, געבראָכענער שטימע) **זיכער מיט מיר... מיט מיר... גלויבן נאָך, אַז איך...** (נעמט אַרויס פון אירע הענט דאָס רענצל) **גייט צו די קינדער! כ׳קום גלייך.** (סטעפאַניאַ ווילטשינסקאַ מאַכט עטלעכע אייליקע טריט, קאַרטשאַק, אומדערוואַרטעט פאַר איר און פאַר

זיך גופא רופט אויס מיט אַ שטילער, ציטערנדיקער שטימע) **סטעפאַ!** (זי דרייט זיך אום, קאַרטשאַק קוקט אויף איר מיט פיבערדיקע, בעטנדי־קע אויגן, זיינע ליפּן הייבן אָן שטאַרק ציטערן) **סטעפאַ, כ׳בין איך, כ׳בין דיר... אַ סך שולדיק, זיי מוחל, מיר וועלן זיך שוין נישט צעשיידן.**

(סטעפאַניאַ ווילטשינסקאַ קוקט אויף אים אַ ווילע מיט ליבשאַפט, אירע אויגן פילן זיך אָן מיט טרערן, זי דרייט אָפּ דעם קאָפּ, רייסט זיך אָפּ פון אָרט און גייט גיך אַרויס. קאַרטשאַקס בליקן פאַלן אויפן אָפענעם שופלאַד פונעם טישל און ווי ער וואָלט זיך פּלוצלינג מישב געווען, ציט ער גיך אַרויס פון רענצל דעם קנויל בלעטלעך, לייגט צוריק אַריין אין שופלאַד און פאַרשליסט. ער פאַרלייגט אין איילעניש דאָס רענצל אויפן אָרעם און לאָזט זיך צו דער טיר. אין דעם מאָמענט באַווייזט זיך אין דער טיר אַן אומבאַקאַנטער הויכער מאַן, ער פאַרשטעלט קאַרטשאַקן דעם וועג, נעמט אים אויף אַ זייט.)

דער מאַן

(מער פעסטשטעלנדיק ווי פרעגנדיק) **איר זענט יאַנוש קאַרטשאַק? דאָקטער הענריק גאָלדשמידט?**

קאַרטשאַק

(קוקט אויף אים מיט אומצוטרוי) **איך.**

דער מאַן

אייער קינדער־הויז ווערט איבערגעזידלט.

קאַרטשאַק

(אומגעדולדיק און טרוקן) **כ׳ווייס.**

דער מאַן

כ׳ווייס, אַז איר ווייסט.

קאַרטשאַק

(ווי ער וואָלט זיך אָנגעשטויסן אין וואָס ס׳גייט, מאַכט אַ באַוועג־גונג אַרויסצוגיין) **כ׳דאַרף זיין מיט די קינדער.**

דער מאַן

(האַלט אים העפלעך אָפּ) **איילט אייך נישט, דאָקטער גאָלדשמידט, נישטאָ נאָך וואָס זיך צו איילן...**

קאַרטשאַק

(מיט נערוועזן אומגעדולד) **אין וואָס גייט אייך?**

דער מאַן

אַ וויכטיקער ענין פאַר אייך.

קאַרטשאַק

(מיט נייגיר און דאָך מיט אומצוטרוי) **וואָס פאַר אַן ענין?**

דער מאַן

(נעמט אים העפלעך אַן פאַרן אָרעם, פירט אים אָפּ זייטיק, בויגט זיך אַן און רעדט שטילער) **איך בין געשיקט אייך צו מעלדן, אַז איר קאָנט בלייבן.**

קאַרטשאַק

(מיט ווידערווילן) **בלייבן אַליין?** (דער מאַן שאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ) **אַ טעות!!**

דער מאַן

(מיינט, אַז ער האָט שלעכט פאַרשטאַנען) **מ'זאָגט אייך איר קאָנט בלייבן.**

קאַרטשאַק

(מיט אַנטשלאָסנקייט און פאַראַכטונג) **אָבער איך זאָג, אַז איך קאָן נישט בלייבן.**

דער מאַן

(העפלעכער, מיט איבערצייגונג) **איר זענט אַ דאָקטער, איר זענט נייטיק...**

קאַרטשאַק

איך בין נייטיק מיינע קינדער! כ'האָב נישט קיין צייט צו פאַרלירן. (וויל אַוועקגיין).

דער מאַן

(האַלט אים ווידער אָפּ) **לאָזט אייך דינען, מ'האָט אויסגעפּועלט איר זאָלט בלייבן אויפן אָרט.**

קאָרטשאַק

מיין אָרט איז צווישן מיינע קינדער.

דער מאַן

באַרעכנט אייך, דאָקטער גאָלדשמידט, ביז ס'איז נאָך צייט, ס'איז אייער לעצטער שאַנס.

קאָרטשאַק

(קוקט אויף אים מיט פאַרביסענע ליפּן, ענטפערט נישט, וויל אַוועקגיין).

דער מאַן

(האַלט אים ביים אָרעם, פּרווט אים נאָך איבערצייגן) **באַטראַכט אייך, דאָקטער גאָלדשמידט, ווער לאָזט עס דורך אַזאַ געלעגנהייט?**

קאָרטשאַק

(הייבט אויף דעם קאָפּ, באַפרייט זיין אָרעם פון דעם מאַנס האַנט) **צופיל צייט פאַרלוירן מיט אייך, כ'דאַרף זיין מיט די קינדער.** (ער פאַרלאָזט אייליק דאָס צימער)

דער מאַן בלייבט שטיין אַ רגע פאַרוווּנדערט, געערגערט, ער לויפט אַרויס פון צימער ווי ס'וואָלט אים פלוצלינג באַפאַלן אַ שרעק. עס דערגייט אַן עכאָ פון אַ גרילצנדיקן פייף. עס דערהערט זיך פון הינטער דער סצענע אַן אָפּהילך פון פיל טריט, וואָס ווערן שטילער און שטילער ביז זיי שטאַרבן אָפּ. אויף דער סצענע ווערט פינצטער.

פאָרהאַנג

אינהאַלט

I

דער אונטערגעהאַקטער דעמב 7

II

דריי שוועסטער 37
„שמעלץ״ 51
אַן איבעריקער מענטש 65

III

מיט טביה דעם מילכיקן אין אונטערערד 72
אַן אַרויסגעוואָרפענער 83
קינדער־גילגולים אויף דער אַרישער זייט 92

IV

דעם טאַטנס ירושה 99
די דערוואַרטונג 109
ער האָט פאַרשפעטיקט 119
דער שידוך 128
פאַרט אַ שטיקל מזל 137

V

דער פעסימיסט און דאָס רינגעלע 148
דער בעל־יובל מיט זיך אַליין 158
ביים דאָקטער 170
אויף דער אויספאָרשונג 178

VI

דער לעצטער טאָג 193

ביכער פון זעלבן מחבר

1. עסייען און סקיצן (ליטעראַטור־קריטיק), פאַרלאַג „יידיש בוך״, וואַרשע, 1965 ;
2. פון היינט און נעכטן (נאָוועלן), „יידיש בוך״, וואַרשע 1965 ;
3. נאָכן מבול (ראָמאַן), פרעמירט דורכן „יעקב וויסליץ־פאָנד״ פאַר ליטעראַטור, קונסט און יידישער מחשבה״, „יידיש בוך״, וואַרשע 1967 ;
4. אָפּגעריסענע צווייגן (נאָוועלן), פּאַריז 1970 ;
5. צווישן שטורעמס (ראָמאַן), פאַרלאַג „פריינדשאַפט״, בוענאָס איירעס 1974 ;
6. אין גאַנג פון צייט (עסייען — שעפער און שאַפונג), פּאַריז 1976 ;

אין דער פוילישער שפּראַך

7. דאָס וויעטנאַמישע פאָלק אין קאַמף (עסייען), פאַרלאַג „קזשאַנזשקאַ אי וויעדזאַ״, וואַרשע 1954 ;
8. יידישע ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין פראַנקרייך (עסיי), פאַרלאַג „דאָם קזשאַנזשקי״, וואַרשע 1960 ;

איבערזעצונגען אין בוך־פאָרם

9. בריוו פון טויטן־הויז פון עטל און יוליוס ראָזענבערג, פאַרלאַג „יידיש בוך״, וואַרשע 1953 ;
10. דער וועג צום הימל (אויסגעווײלטע ווערק פון אַדאָלף רודניצקי, פאַרזען מיט אַ גרעסערער אָפּהאַנדלונג וועגן דער שאַפונג פונעם שרייבער), פאַרלאַג „יידיש בוך״, וואַרשע 1962.

ACHEVÉ D'IMPRIMER SUR LES PRESSES
DE LA SOCIETE D'IMPRIMERIE PERIODIQUES ET D'EDITION, 32, RUE DE MENILMONTANT, 75020 PARIS, EN MARS 1978